STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03728

DI MUTER

Sholem Asch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

געזאמלטע שריפטן

פערצענטער באנד

*

פארלאג „קולטור-ליגע" ווארשע

שלום אש

די מוטער

ראָמאַן

*

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“ ווארשע

:: :: געדרוקט אין 2500 עקזעמפּלאַרן :: ::
:: :: :: :: 1925 װאַרשע :: :: :: ::

COPYRIGHT BY SHOLOM ASCH
NEW YORK 1925

דרוקערײ „פעניקס“ װאַרשע, גראַניטשנע 14

SZ. ASZ — SZRIFTEN
WYD. „KULTUR-LIGA" WARSZAWA 1925

DRUK. „FENIKS" WARSZAWA, GRANICZNA 14



די מוטער

ערשטער טייל

ערשטער קאַפּיטעל

דער טאַטע, די מאַמע און די גאַנצע משפּחה

דער טאַטע האָט זיך געלערענט לייענען די מגילה.

עס איז געווען פאַר פורים. פאַר פורים, נאָך אַ לאַנגען שווערען ווינטער. אין דרויסען איז שוין דאָס אייז צוגאַנגען, דער לאַנגער האַרטער ווינטער-פעלץ האָט אָנגעהויבען צו שמעלצען, און עס האָט אָנגעהויבען ענטפלעקט צו ווערען איף דער ליכטיגער שיין אַלצדינג, וואָס עס איז געווען צוגעדעקט אונטער דעם אייז. די ערדיגע אָנגעבריקעוועטע גאַס איז געוואָרען קויטיג, אַז עס איז אונמעגליך געווען אריבערצושפּאַנען פון איין זייט גאַס צו דער אַנדערער. עס האָבען זיך אויפגעעפענט אַלע פערפרוירענע „ימים״, גרויסע און קליינע, וואָס זענען געלעגען פון איין זייט גאַס צו דער אַנדערער, און מענשען האָבען נאָר געקענט אַריבערשרייען איינער צום אַנדערען, אָן אַנדערע קאָמוניקאַציע פון איין זייט גאַס צו דער אַנדערער איז געווען אונמעגליך. אין שטוב האָט זיך געפיהלט וואַרימער און פרייער. די פערקאָוועטע פענסטערלעך זענען בעפרייט געוואָרען פון די אייז-בלומען, וועלכע האָבען געבליהט איבער די שויבען דעם גאַנצען האַרטען ווינטער. די פענסטער זענען פערלאָפען געוואָרען פון פייכטקייט, און מען האָט נישט געקענט זעהן דורך זיי וואָס אין דרויסען טוט זיך. אין שטוב איז געווען אַ פּאַרע און אַ רויך. דער רויך, וואָס איז געקומען פון דער קליינער קיך, האָט נישט געקענט אַדורכגיין דורך דעם פערסאַזשעטען קוימען. די ווינטער-מלבושים, וואָס זענען געוואָרען דורך דעם לאַנגען שווע-

רען ווינטער אזוי צוגעוואקסען צום לייב, אז עס האָט זיך שוין גע־
דאַכט, אז זיי זענען אַ צווייטע הויט, האָבען אָנגעהויבען שווער צו
ווערען, איבערדריסיג. עס האָט זיך זיי געגלוסט אראָבצוואַרפען.
דענסמאָל האָט זיך דער טאַטע גענומען לערנען די מגילה לייענען.
און אַז מען האָט געהערט דעם טאַטען לייענען די מגילה, איז גע־
קומען אַן ערלייכטערונג איבער דער וועלט, אַ האָפנונג איז בעלעבט
געוואָרען, ווי מען וואָלט געווען געהערט דעם ערשטען גרוס פון
פריהלינג.

און אַז דער טאַטע האָט געלייענט די מגילה האָט געמוזט
אין שטוב שאַ שטיל זיין. יעדעס מאָל, ווען דער טאַטע איז געווען
אין דער היים, האָט געמוזט שאַ שטיל זיין (און ווער זאָגט נאָך,
ווען דער טאַטע האָט זיך צוגעלעגט אַ ביסעל דרעמלען). נאָר ווען
דער טאַטע האָט זיך געלערענט לייענען, דענסמאָל האָט מען געמוזט
געהן אויף די שפיץ פינגער, אָטעמען לאַנגזאַם — און דאָס אויך
נישט. נאָר אַזוי ווי דער טאַטע האָט געטהאָן איינס פון די צווייי
זאַכען: אָדער ער האָט זיך אוועקגעלעגט אויף דער, מיט בערג
און טהאָלען אויסגעבעטעט, קאַנאַפע, אָדער ער האָט זיך געלערענט
לייענען, האָט שטענדיג געמוזט אין שטוב שאַ שטיל זיין. אין שטוב
האָט זיך אָבער געפונען אַהן עין הרע קינדערלעך, פון שלמה חיים
דעם קאַמאַשניק, דעם „בכור״, ביז צו דעם יונגסטען, וואָס האָט גע־
טראָגען דער באָבעס נאָמען, און וואָס האָט זיך געריטשט איבער
דער שטוב, קען מען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן אויפגאַבע די
מאַמע האָט געהאַט די קינדער איינצוהאַלטען, ווען דער טאַטע האָט
בעדרעמעלט, אָדער ווען ער האָט געלייענט. יעדער איינער פון די
קינדערלעך האָט געהאַט אַן אַנדערע געוואוינהייט, אויף זיין אייגע־
נעם שטייגער ווי אַזוי צו לאָזען וויסען פון זיך. אָנגעהויבען האָט
עס זיך פון משה׳לע „אָקס״, וואָס דער רבי האָט אים אַהיים געשיקט
פון חדר, ווייל די מאַמע האָט נישט בעצאָהלט פאַר די לעצטע דריי
חדשים קיין שכר לימוד. האָט עס זיך אָנגעהויבען פון דעם משה׳לע
אָקס, וואָס האָט דוקא געפונען יעצט, ווען דער טאַטע לייענט די
מגילה, פאַר אַ פאַסיגע צייט אויסצולערנען דעם יונגערען ברודער
יונה גדליה (יונה נאָך דעם טאַטענס טאַטען און גדליה נאָך דער

מאַמעס טאַטען, און אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געטראָגען אַ צונאָמען, וואָס מיר קענען דאָ נישט אַרויסשרייבען פאַר אַנשטענדיקייט וועגען), אויסצולערנען אים, דעם יונה גדליה, ווי מען קען פייפען מיט דער נאָז, ווען מען האַלט אפילו פערמאַכט די ליפען. האָט די מאַמע (וואָס איז געשטאַנען ביי דער קיך און מורא געהאַט, אַז דאָס ביסעל אָנגעריישטע זופּ, וואָס זי האָט צוגעשטעלט, זאָל נישט אויסלויפען און אָנמאַכען אַ גערוך), געפּרובט מיט אַ שטורך און אַ כמאַליע איינשטילען די קליינע יונגען, האָט זיך דער קליינער יונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען יונה גדליה (און נאָך דעם שיינעם צונאָמען, וואָס מען קען דאָ נישט אַרויסשרייבען פאַר אַנשטענדיקייט וועגען) זיך צולאַכט, און אָנגעהויבען צו פייפען מיט דער נאָז. האָט דער טאַטע אַרויסגעקוקט פון חומש, אַרויפגערוקט די ברילען אויפ׳ן שטערען, און האָט אָנגעהויבען אָנצוקוקען אַמאָל די מאַמען און אַמאָל דעם קליינעם יונג מיט דעם שיינעם צונאָמען, נעהמענדיג דערביי דעם טראָפּ אויף דער העכסטער אָקטאַווע:

„בימים ההם כשבת המלך אחשורוש על כסא מלכותו:“

האָט די מאַמע געזאָגט צו משה׳לע „אָקס“:

— נו, יעצט זעהסטו שוין וואָס דו האָסט אָנגעמאַכט?

האָבען זיך די יונגען בערוהיגט און זענען אַרויס אויף דער גאַס, אויסמעסטען די „ימים“ און די „טייכען“, וואָס געפינען זיך אויף דער גאַס מיט זייערע שלעכט-בעשיכטע פיס.

אַז אין שטוב איז געוואָרען שטילער, און עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּען פון דער שטעפּ-מאַשין, אויף וועלכער שלמה חיים, דער בכור, דער איינציגער פּרנסה-געבער אין שטוב האָט געשטעפּט זיינע קאַמאַשען-כאָלעווקעס פאַר די היימישע שוסטערס — איז דעם טאַטענס לייענען געוואָרען וואָס אַמאָל העכער, לעבעדיגער, בעגייסטערטער. דער טאַטע, וועלכער האָט יעצט קאָנקורירט מיט דעם קלאַפּען פון דער מאַשין, ווער עס וועט וועמען איבעריאָגען אין טאַקט און איבערשרייען אין געהער, האָט זיך אַזוי צולאָזט מיט אַזאַ גדולה. עס איז נישט געווען קיין גליקלעכערער מענש אויף דער וועלט ווי דער טאַטע, ווען ער האָט זיך געלערענט די סדרה לייענען מיטן טראָפּ. און ווער רעדט נאָך, ווען עס איז גע־

קומען צו דער מגילה. דער טאַטע האָט ליעבער געהאַט די מגילה פון אַלע אַנדערע לייענבכצן. אַז ער האָט געלייענט די מגילה, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז דאָרט אין מלך אחשורוש׳ס הויף, אויף דער גרויסער „מלוה מלכה״, וואו מען טרינקט אין גאָלדענע כלים און מען נויט נישט צו טרינקען, נאָר ווי יעדער איינער וויל. און אַז ער איז געקומען דערביי ווי דער מלך אחשורוש איז גע־וואָרען בגילופין, „כטוב לב המלך ביין״, האָט ער געגעבען אַ בע־פעהל, אַז מען זאָל ברענגען פאַר איהם די מלכה ושתי, „להביא את ושתי המלכה לפני המלך״, האָט ער געצערטעלט דעם טראָפּ אין האַלז לאַנג, לאַנג, אַזוי ווי עס וואָלט אים אַ שאָד געווען אַרויס־צולאָזען דעם פסוק פון מויל, אַזוי ווי עס איז אַ שאָד מיט אַמאָל איינצושלינגען אַ גוטען ביסען; און ווער רעדט נאָך ווען ער איז געקומען צו „מרדכי היהודי״, ביי מרדכי היהודי האָט ער זיך גע־פונען אַזוי ווי אין דערהיים. אָפטמאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין איז מרדכי היהודי, און ער שטעהט פאַר אסתר׳ן און זאָגט איר מוסר, פאַרוואָס זי וויל זיך נישט איינשטעלען פאַר אידען: „רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר״ — אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין אחשורוש אַליין. ער זיצט אויפ׳ן טראָהן, אין דער האַנד האַלט ער די גאָלדענע רוט, און אסתר המלכה מיט דער קרוין אויפ׳ן קאָפּ פאַר אים, און פאַלט פאַר אים אויף דער קניה, און זי געפינט לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען, און ער שטרעקט־אויס צו איר די גאָלדענע רוט און זאָגט צו איר, האַלזענדיג די ווער־טער אין זיין גאָרגעל מיט גרויס ליעבע: „מה לך אסתר המלכה, ומה בקשתך, עד חצי המלכות וינתן לך״...

און אַז די מאַמע שטעהט אין קיך ביים אויווען, און הערט דעם טאַטען ווי ער לייענט די מגילה, און צערטעלט און דריידעלט יעדעס וואָרט אַזוי ווי אַ פערעלע, ווערט איר האַרץ איבערפילט מיט נחת, אַ שטאָלצקייט נעמט זי אַרום אויף איר מאַן, דעם וואויל לערנער, און זי טראַכט זיך ביי זיך: פאַרוואָס קומט איר די זכיה? און עס איז איר אַ בעצאָהלונג און אַ לויהן פאַר אַלע יסורים, וואָס דאָס לעבען לעגט אויף איר אַרויף.

ווען דעם טאַטען איז געגאַנגען דאָס לייענען און עס איז

אַרויסגעקומען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, איז נישט געווען קיין גליקליכערער מענש אויף דעם וועלט. דער טאַטע האָט געהאַט פאַנ־טאַזיע, נאָר קיינמאָל האָט זיך נישט זיין פאַנטאַזיע אַזוי צושפּיעלט און אַלעס אונמעגליכעס איז געוואָרען ביי איהם מעגליך, ווי ווען ער האָט געלייענט די מגילה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז גע־וואָרען אָנגעשטעקט מיט יענעם כשופ׳דיגען רייץ, וואָס האָט גע־הערשט אין אחשורוש׳ס הויף, און אַז ער איז אַ צווייטער מרדכי היהודי.

די מאַמע האָט שוין דערפיהלט, ווען דער טאַטע איז אַזוי אויפגעלעגט. און אַז דער טאַטע איז אַזוי גוט, האָט זיך די מאַמע ליעב פאַר איהם צו פּיעשטשען. קיינמאָל האָט זיך שרה רבקה נישט געקלאָגט פאַר קיינעם, קיינמאָל האָט זי קיינער נישט געפּיעשטשעט. נאָר ווען זי פיהלט, אַז איר אַנשעל איז גוט אויפגעלעגט, האָט זי זיך ליעב צו געבען אַ פּיעשטשעלע, נישט דערפאַר, ווייל עס פעהלט איהר עפּעס, חלילה, נאָר גליאַט אַזוי פאַר „וואוילטאָג״... אַזוי אויך דאָס מאָל. דער טאַטע האָט געגעבען אַ מאָך צו דאָס חומש מיט אַ ברייטען זשעסט, און געגעבען אַ זיסען קרעכץ־אַב, אויך פאַר וואוילטאָג, און געגעבען אַ געה צו צו שרה רבקה׳ן, וואָס איז געשטאַנען ביים אויווען מיט דעם „זויגעדיגען״ אויף דער האַנד, האָט געגעבען דעם זויגעדיגען אַ לייכט פּעטשעל אין גע־זעסעל, און געגעבען אַ מאָך מיט אַ געבייזעריל:

— וואָס קאָכסטו עפּעס היינט אויף וויעטשערע, שרה רבקה?

— וואָס זאָל איך דיר קאָכען? וואָס האָב איך דיר, מי־שטיינס געזאָגט, צו קאָכען?

— אודאי, אַזאַ וויעטשערע ווי עס איז געווען ביים מלך אחשורוש אין שושן הבירה קאָכסט דו נישט, מיין ווייב — זאָגט אַנשעל מיט אַ גוט געלעבטער׳ל.

— מילא, ווער קען זיך גלייכען מיט דעם, וואָס עס שטייט אין דער הייליגער תורה? — זאָגט שרה רבקה — און דערפיהלט ווי איהר אַנשעל איז גוט אויפגעלעגט.

— אַנשעל — זאָגט זי — איך האָב דאָך שוין געקאָרמעט קינדער, נור אַזוי ווי דער — גיט זי אַ וויש מיט דער שירץ דעם

„זויגעדיגענס״ שטערען, וואָס זיצט אויף איהר האַנד ווי צוגעמוי־ערט אויף איהרע אָרעמס — ער עסט דאָך מיך אויף אַ לעבעדיגע, ציהט דאָך פון מיר דאָס חיות אַרויס. קיין עין־הרע זאָל איהם נישט שאַדען — ווישט זי נאָך אַ מאָל איבער מיט דער שירץ די הייסע אַנגעסטען, וואָס האָבען אַרויסגעשלאָגען אויף דעם צוהיצטען שטע־רען פון דעם „זויגעדיגען״ אויף איהרע אָרעמס.

— ווייסטו וואָס, מיין ווייב, מען דאַרף דיר גאָר קויפען אַ ציעג אויף פרישע מילך — גיט זיך אַנשעל אַ זאָג אַזוי, מיר נישט דיר נישט, ווי עס וואָלט אים שוין אַ ציעג געשטאַנען אָנגעבונדען ביי דער שוועל פון דער טיהר — אַזוי פיעל בעלי בתים אין שטאָט האָבען ציעגען, און וואָס עס פאָלט אָב אין אַ בעל־הבתישער שטוב, קען זיך נישט איין ציעג דערנעהרען.

שרה רבקה קוקט איהם אָן, ווי ער זאָגט זיך אָב אַזוי גלייכ־גילטיג, גיט זי איהם אַ פרעג:

— זאָג מיר, מיין מאַן, פון וואַנען וועסטו נעהמען געלד אויף אַ ציעג?

— וואָס אַהרט עס דיך, אַז איך זאָג דיר, אַז איך וועל קוי־פען אַ ציעג, וועל איך קויפען. קענסט דאָך אַנשלען — ווייזט דער מאַן אויף זיך — ווייסט דאָך, אַז אַנשעל זאָגט, איז נישט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אַז אַנשעל זאָגט, איז געזאָגט.

דערויף האָט די מאַמע שטיל געשוויגען, און האָט זיך אַ קרעכץ געגעבען. איינעם פון איהרע בעקאַנטע קרעכצען.

אַנשלען האָט עס פערדראָסען:

— איך זאָג איהר צו אַ ציעג און זי קרעכצט. הייסט עס, אַז דו גלויבסט מיר נישט, אַז מיינע ווערטער זענען ביי דיר גאָרנישט?

דאָס, האָט די מאַמע געוואוסט, איז שוין צופיעל. וואָרים וויפיעל דער טאַטע איז נישט געווען גוט אויפגעלעגט, און אין זיין גוטסקייט האָט ער געלאָזט ריידען צו זיך, ווי מיט אַ געוועהנלי־כען מענש, דאָך האָט זיין גוטסקייט געהאַט אַ גרענעץ, און די מאַמע האָט מורא געהאַט איבערצוטרעטען די גרענעץ.

— וואָס וועל איך זיך קריגען מיט דיר? ברענג אַהיים די ציעג וועלען מיר שוין זעהן.

נאָר דאָס איז שוין געווען צו פיעל.

— הייסט עס, אַז אַנשעלס רייד זענען ביי דיר גאָרנישט, הע?

— ווער זאָגט דען? אדרבה. איך וויל נישט קיין ציעג? ברענג זי נאָר אַהיים, לאָז מיך נאָר דערלעבען זי צו זעהן.

— איך האָב געמיינט, איך האָב געמיינט — האָט זיך דער טאַטע בערוהיגט, און האָט זיך אָנגעטהאָן די ווינטערדיגע וואַטאָווקע, און די מאַמע האָט איהם געהאָלפען אַ יסרייבען פון איהר די נעכ טיגע פערטריקענטע בלאָטע, אָבגעשטויבט איהם דעם הוט. אַנשעל האָט זיך גלייך געמאַכט די שפּיצען פון דער באָרד, גענומען דעם שטעקען אין האַנד אַריין און איז אַרויסגעגאַנגען אין בית-המדרש צו מנחה.

די מאַמע האָט שוין פערשטאַנען, אַז פון טאַטען האָט זי זיך נישט וואָס צו ריכטען אויף געלד פאַר וויעטשערע. וואָרים ווען דער טאַטע קומט אַהיים פון מאַרק מיט ליידיגע הענד — נאָר עס איז נישט אמת, קיינמאָל קומט אַנשעל נישט אַהיים מיט ליידיגע הענד: ברענגט ער נישט קיין געלד, ברענגט ער אַהיים „אַ ציעג", אַ „געשעפט" אָדער גאָר אַ שיפס-קאַרט קיין אַמעריקאַ.

אַזוי אויך דאָס מאָל, אַז אַנשעל האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען „דער ציעג", האָט זי שוין פערשטאַנען, אַז ער האָט קיין גראָשען נישט ביי דער נשמה. און אַז ער איז אָהן אַ פערדינסטעל, וואָרים פערדינט ער אַ גילדען, אָדער צוויי פון מעקלער-געלד, רעדט ער נישט וועגען „דער ציעג", נאָר ער זינגט, ברומט זיך צו אַ טרויעריג ניגונ'דל פאַר זיך, און אַז ער קומט אַהיים, גיט ער אַ מאַך: „נו, דו ווילסט דאָך אודאי, מיין ווייב, אויף אַ וויעטשערע, האַ?" גיט ער דאָן אַ נעם אַרויס די צוויי גילדען פון טאַש, און אַ לעג אַרויף אויפן טיש. אַ פאַרצייטיגער ריטער האָט נישט אַזוי העלדיש איבערגעענטפערט זיין קעניג די געפאַנגענע שונאים, ווי אַנשעל האָט „אַוועקגעלעגט פאַר זיין ווייב די צוויי גילדען און „איבערגעענטפערט" זיי אין איהרע הענד אַריין, און ער האָט זיך דערביי קונציג געגעבען מיט די צוויי פינגער אַ פיהר איבער די

וואָנסעס און דערנאָך מיט דער גאַנצער דלאָניע פון זיין האַנד גע־
געבען אַ כאַפּ דאָס בערדעל און געגעבען אַ מאַך:

— נאַ, דאָ האָסטו די העכטען, מיין ווייב, שעכט זיי, קאָך
זיי אָדער בראָט זיי אויס און מאַך דערפון אַ וויעטשערע.

פערשטעהענדיג, אז פון אַנשלען האָט זי זיך גאָרנישט מעהר
וואָס צו ריכטען אויף וויעטשערע, און פון „יונג", דעם קאַמאַשניק,
וועלכער זאַמעלט געלד אויף אַ שיפסקאַרט קיין אַמעריקע, קומט
אָן יעדער גראָשען מיט געשרייען און סקאַנדאַלען; נישט אויפגע־
לעגט איצט צו צושטערען איהר נחת, וואָס זי האָט געהאַט פון
איהר „מאַנ'ס מגילה-לייענען — האָט זי זיך נישט געוואָלט טשעפּען
צום יונג. האָט זי זיך געווענדעט נאָך הילף צו איהרע לעצ־
טע און אויסגעפּרובטע העלפער — צו איהרע טעפּ.

וואונדערבארע טעפּ האָט די מאַמע געהאַט. ס'האָט זיך גע־
דאַכט, אַז זיי זענען געוועהנליכע טעפּ, ווי יעדע אַנדערע טעפּ,
ערדישע, שוואַרץ-פּערסאַזשעוועטע, אין פייער אויסגעקאָכטע, דאָך
זענען זיי געווען אַנדערש ווי אַלע טעפּ. עס האָט זיך געדאַכט, אַז
זיי פערמאָגען שוין גאָרנישט אויף זייער באָדען און אין זייערע
ראַנדען — האָט דאָך די מאַמע געקאָנט אַרויסקריגען פון זיי אָן
אָוועגד-עסען. די מאַמע האָט געקאָנט „מעלקען" איהרע טעפּ, אזוי
ווי מען מעלקט, להבדיל, אייטערס פון אַ קוה. קיינמאָל האָבען
איהר די טעפּ נישט אָבגעזאָגט. זי האָט זיי געגעבען וואַסער — און
די טעפּ האָבען איהר צוריקגעגעבען זופּ, נעכטיגען באָרשטש; גע־
זאָטען וואַסער — און זיי האָבען איהר צוריקגעגעבען מאכלים
מעדני מלכים. איין סגולה האָט די מאַמע געהאַט צו די טעפּ —
אַ קרעכץ. אַזוי ווי די טעפּ האָבען נאָר געהערט די מאַמען קרעכ־
צען, איז עס געווען ווי די מאַמע וואָלט איבער זיי אַ געהיימען
שפּרוך געזאָגט, מיט וועלכען זי האָט בעשוואָרען די טעפּ אַרויס־
צוגעבען פון זיך דאָס ביסעל בידנע חיונה, וואָס זי האָט בעדאַרפט
מפרנס צו זיין איהרע נפשות.

און עס איז נישט קיין וואונדער. די טעפּ זענען נישט בע־
וועז גליאַט אַזוי טעפּ די מאַמע האָט זיך געקענט מיט זיי פאַר

יאָהרען און יאָהרען. איינינע האָט זי געקענט, ווען זי איז נאָך אַליין געווען אַ קליין קינד, און איבער זיי האָט נאָך איהר מוטער געהאַט אַ געהיימע קראַפט, פון דער מוטער האָט זי גע׳ירשנ׳ט די טעפּ, אָט איז דער טאָפּ מיט׳ן שוואַרצען פּאַסיקעל און מיט׳ן אויס־געשטאַרצטען ראַנד. דער טאָפּ איז שטענדיג געווען דער רעטער פון דער משפּחה. די מאַמע האָט איהם בעטראַכט פאַר איהר בעס־טען פריינד. קיינמאָל האָט איהר דער טאָפּ נישט אָבגעזאָגט. עפּעס האָט ער געקאָנט בעהאַלטען אין זיינע ראַנדען און זיינע ווינקלען עסענסען פון געקאָכטע מייערען, פון איינגעפּעקעלט פלייש, און האָט שטענדיג אָבגעזעצט אויף זיין געדיכטען באָדען אַ שיכט פון פעטס, ווי ער וואָלט געווען געוואוסט, דער טאָפּ, אַז אַן אָרימאַן קאָן זיך נישט פערגינען אַלצדינג מיטאַמאָל אויפצוועסען, און מען דאַרף בעהאַלטען אויף אַ שלעכטער שעה. צו דעם טאָפּ האָט זיך די מאַמע געווענדעט אין אַ צייט פון נויט. און אויך איצט, אַז אַנ־שעל האָט זי איבערגעלאָזט מיט דער „ציעג״, האָט זי זיך בעגע־בען צו דעם טאָפּ, וואָס זי האָט געקראָגען פון דער מוטער בירושה. זי האָט געמאַכט איבער איהם דעם געהיימען שפּרוך, דעם קרעכץ, אריינגעגאָסען אין איהם וואַסער, איבערבלייבעכץ פון נעכטיגען עסען, פערבראָקט מיט אַ פּאָר כאַליערעס, וואָס זי האָט געגעבען די יונ־גען, וואָס זענען יעצט אריינגעקומען מיט די בלאָטיגע פיס, מיט וועלכע זיי האָבען אויסגעמאָסטען אלע „ימים״ און אַלע „טייכען״ פון געסעל, און זעה, דער טאָפּ האָט באַלד ארויסגעלאָזט פון זיי־נע שפּאַלטען אַלדאָס שמאַלץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אויף זיין ראַנד דורך אַלע יאָהרען, וואָס מען האָט געקאָכט אין איהם, אַלע טעמים פון געריכטען, וואָס מען האָט געפּרעגעלט אין איהם, און ארויסגעלאָזען פון זיך מיט דער פּאַרע אַזאַ געשמאַק, אַז עס האָט פערנומען דאָס שטיבעל און צוזויפגעזאַמעלט אַלע קינדער פון דער גאַס צו דער מאַמען אין קיך, זעהן וואָס די מאַמע קאָכט. און אַז אַנשעל איז אַהיים געקומען פון בית־המדרש און דער געשמאַק פון אַ גוטען מאכל איז אים נאָך אַקעגען געלאָפען אין דרויסען אַרויס, האָט זיין מויל אָנגעהויבען זיך צו וואַסערען, און עס האָט זיך אים געבאָמבעלט אין קאָפּ אַ פּסוק פון דער מגילה, מיט וועלכער ער

איז נאָך געווען פול, און ער איז אַריינגעקומען מיט דעם פסוק אין שטוב אַריין:

„ובהגיעה תור אסתר בת אביחיל דוד מרדכי".

— ווייסטו וואָס, מיין ווייב, איך קויף דאָך פאַר דיר אַ „שטאָדט".

— וואָס הייסט אַ שטאָדט? — וואונדערט זיך דאָס ווייב.

— אַ שטאָדט אין שוהל, די שטאָדט פון ר' לייביש'ס ווייב. ער איז דאָך געוואָרען אַן אַלמן. וואָס, דו בעדאַרפסט נישט האָבען קיין שטאָדט אין שוהל?

— געה שוין געה.

איינאָטעמענדיג אין זיך דעם זיסען געשמאַק, וואָס דער גוּ־טער טאָפּ האָט פון זיך אַרויסגעגעבען, האָט אַנשעל אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען פון געזאַלצענס און געפעפערטס, וואָס ער וואָלט יעצט געווען געגעסען.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שטיקעל גילזע־פּאַפּיר און געווי־קעלט זיך דערפון אַ ציגאַרעטעל אויף נאַכ'ן עסען, פון די לעצטע קרישעלעך טאַבאַק. האָט ער אָנגעהויבען אויסצורעכענען, אַזוי פאַר זיך, אלערליי מאַרינירטע און איינגעזייערטע הערינג:

— אַ הערינג — זאָגט ער — מיט צעשניטענע ציבעלעס, אַזוי בעגאָסען מיט מאַרינירטען עסיג, ווען מען וואָלט אים יעצט דערלאַנגט, וואָלט ער זיך נישט געווען אָבגעזאָגט, אָדער אַ ווייסען, פליישיגען הערינג, אַ פעטען, מיט פעפער בעשאָטען און מיט אַן אוגערקע בעשניטען, וואָלט אויך נישט געשאַדט. אָדער עס קאָן אַפילו זיין אַ געוועגזעלטען הערינג, נישט צו־פיל געריכערט, נישט צו־פיל פערטריקענט, עס זאָל נאָר טריפען פון איהם דער סאָק פון ווייסען פעטען פלייש — וואָלט עס אויך געמעגט זיין.

און ווען שרה־רבקה זעהט אַזוי ווי איהר אַנשעל געהט אויס פאַר אַ שטיקעל הערינג, דענסטמאָל קאָן זי נישט רוהען. איהר האַרץ ווערט נישט אַזוי צעשניטען ווען אַ קינד פאָדערט פון איהר אַ שטיקעל ברויט און זי האָט עס נישט צו געבען — ווי פון דעם, וואָס איהר אַנשעל חלש'ט נאָך אַ שטיקעל הערינג. דענסטמאָל ווענ־

דעט זי זיך צו דעם איינציגען רעטער פון דער משפחה. עפּענט אויף די טיהר און הויבּט אָן צו רופען:

— דבורה! דבורה!

גדליה דערמאָהנט זיך, אַז ער איז אַ טאַטע, הויבט ער זיך אָן צו בּייזערען:

— וואו איז די מויד? בּיי לייטען ברענגט שוין אַזעלכעס אין שטוּבּ אַריין, און דאָ לויפט זי אַלץ אַרום פּוסט און פּאַס.

— דבורה! דבורה! — הויבּט ער אָן צו רופען אין געסעל אַרויס נאָכ׳ן ווייב. נאָך אַ לאַנג רופען קומט אַריין דבורה.

פון דעם טאַטענס מיט דער מאַמעס רופען האָט מען געקאָנט מיינען, ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ פאַרשוין די דבורה איז, וואָס אויף איהר האָט דער טאַטע געזאָגט, „אַז בּיי לייטען ברענגט שוין אַזעלכעס אין שטוּבּ אַריין״. ערשט עס קומט אַריין אַ מיידעל פון אַ יאָהר צעהן, עלף, וואָס זעהט אויס ווי זי וואָלט אַלט געוועזאַכט, ביין, מיט אַ דינעם, לאַנגען האַלז, וואָס עס דאַכט זיך, אַז איהר קעפּעל זיצט אויף אַ דין ריערעל, אַזוי ווי אַ בּלימעלע, און איהר גאַנץ קערפּערעל האָט זיך געהאַלטען אויף צוויי דינע פּיסלעך, וואָס האָבּען געמאַכט דעם איינדרוק, ווי צוויי דינע צווייגלעך, וואָס יעדער ווינד קאָן קומען און אונטערבּרעכען, און אַזוי ווי אַ בּלימעל פון גראָז אַרויס, אַזוי האָט איהר פּנים׳ל אַרויסגעקוקט בּאַאיוו פון איהרע שוואַרצע לאָקען, וועלכע האָבּען זיך ווי אַ פּאַליעוואַסער אַראָבּגעגאָסען פון איהר קעפּעל איבּער אַלע זייטען און פערשטעלט איהר פּנים, אויגען, בּאַקען, האַלז און רוקען, און דאָס מיידעל האָט זיך מיט זיי נישט געקאָנט קיין עצה געבּען. אין איהרע הענד האָט זי געהאַלטען אַ לייווענטען סטאַניקעל, אויף וועלכען זי האָט זיך געלערענט „נעהען״, נאָר אַ חוץ דאָס לייוועגטענע סטאַניקעל — איז אויף איהרע אָרעמס, אַזוי ווי אויף דער מאַמעס, געוועזען איינגעמויערט, אָנגעוויירט דער „גרויסער יונג״ איטשע מייער. בּיז צום „זויגענדיגען״, וועלכער זיצט היינט אויף דער מאַמעס הענד, איז ער, איטשע מייער, געווען דער „זויגענדיגער״, האָט מען איטשע מייער׳ן גערופען „דער גרויסער יונג״ און מען האָט אים גענומען און אַרויפגעזעצט אויף דבורה׳לעס הענד. פון

דענסטמאָל אָן זיצט ער, דער גרויסער יונג, אויף די שוועסטערשע הענד. פון פריהמאָרגען אָן ביז שפעט אין אָווענד מיטן יונג אויף דער האַנד שפיעלט זי זיך מיט איהרע פרייע מינוטען אין קאַש־טאַנען אין געסעל. און מיט דעם יונג אויף דער האַנד לערענט זי זיך גייהען.

— וואו ביזטו אַ גאַנצען טאָג? מען זעהט דאָך דיך נישט אויף די אויגען.

— וואָס ווילסטו פון קינד? זי איז דאָך שוין אַ מיידעל אין די יאָהרען, מוז זי דאָך קלערען אויף אַ תכלית. זיצט זי ביי פיי־געל׳ן און לערענט זיך גייהען — פערענטפערט זי די מאַמע.

— געה, דבורה׳לע, אין געוועלב אַריין. אפשר וועסטו קריי־גען אויף באָרג אַ הערינג, דיין טאַטען האָט זיך פערגלוסט גע־זאַלצענס.

צווייטער קאַפּיטל

אַמעריקע

אַז דבורה׳לע איז אָפּגעוועזן ביי פייגעלע די בייטאָרין דעם צווייטען זמן, האָט זי אָנגעהויבען אַריינצוברענגען אין שטוב אַריין איהרע פערדיענסטען, צוויי גילדען אַ וואָך. די מאַמע האָט אויסגעזוכט אַ טאָפּ, איינעם פון איהרע „בעסטע פריינד", אויף וועלכע זי קען זיך פערלאָזען, און אַריינגעוואָרפען דעם גילדען יעדע וואָך און האָט זיך בעשוואָרען מיט טויזענדער שבועות, מעג זי וויסען חלילה, אַז דאָס גאַנצע הויז איהרס זאָל אונטערגעהן, — פון דעם קינד׳ס אויסגעהאָרעוועטען גראָשען וועט זי נישט אָנריהרען. בעהאַלטען אויף פסח, און זי וועט דבורה׳לען קויפען אַ פּאָר נייע קאַמאַשען און לאָזען מאַכען פאַר איהר אַ ניי קליידעל. „זי האָט דאָך נישט געהאַט קיין ניי מלבוש אויף איהר לייב" — האָט די מאַמע געזאָגט, צייט זי לעבט. דאָס קינד האָט נאָך קיינמאָל גאָרנישט בעגייט, אַלעס איבערגעמאַכטעס, אַלעס איבערגעלאַטעטעס. און ווירקליך איז עס דאָך געווען ווי איבער דעם טאָפּ וואָלט געוואָרען אַרומגערינגעלט אַ חרם. זי האָט געקעמפט ווי אַ לייב פאַר דעם קינד׳ס „בלוט און פלייש". נישט נאָר האָט די מאַמען נישט גערירט קיין הונגער און קיין קעלט, און נישט געלאָזט פון קינד׳ס געלד אָנריהרען, נאָר אַפילו איהר אַנשעל׳ס דורשט נאָך אַ שטיקעל הערינג, וואָס דאָס האָט שטענדיג אַזוי געריהרט דער מאַמעס האַרץ, האָט זי אויך נישט בעוואויגען, אַז זי זאָל זיך צוריהרען צום טאָפּ, וואו דבורה׳לעס גילדענס זענען געלעגען. היילינ איז ביי איהר

געווען דבורה׳לעס ערשטער פאַרדיענטער גראָשען. אָבער שווער קומט אָן אַן אָרימאַן זיין נדר צו האַלטען, און ווי שטאַרק די מאַמע איז נישט געווען, דאָך איז די נויט שטאַרקער געווען פון איהר׳ און אין אויסטערלישע פעלען האָט זיך די מאַמע צוגע׳גנב׳עט ווי א גנב׳טע צום טאָפּ און „בערויבט״ דאָס קינד. אָבער דאָס האָט נור געטראָפען איין מאָל, ווען דער רבי האָט אהיים געשיקט יונה גדליה׳ן פון חדר, ווייל ער האָט שוין נישט געקראָגען בעצאָהלט פאַר דריי חדשים קיין מלמד־געלט. דער יונג האָט זיך אַרומגעדרעהט „פּוסט־און פּאַס״. איר האַרץ איז צושניטען געוואָרען, זעהענדיג ווי דער יונג בעלמוטשעט און לערענט נישט. פאַר מלמד־געלד מעג מען אַלעס...

דערפאַר אָבער, אַז עס איז געקומען די פסח־וואָך, האָט די מאַמע אַרויסגענומען דעם טאָפּ פון זיין בעהעלטעניש, וואו ער איז געווען ערגעץ פאַרשטעקט אין א ווינקעל, און האָט אַרויסגענומען פון אים די גילדענס זילבער־געלד. צוערשט האָט זי זיך געטראַכט, אַז זי וועט אויף גאַרנישט קוקען און דאָס גאַנצע געלד אויסגעבען בלויז פאַר דבורה׳לען. „עס איז דעם קינד׳ס האַרעוואַניע״. איז עס דאָך אַ מאַמע, און אַז עס איז געקומען דערצו, האָט זי זיך דערמאָנט אָן די אַנדערע קינדער. יונה גדליה׳ס הויזען זענען אַזוי פערלאַטעט, אַז זיי האָבען שוין פערלוירען זייער אָריגינעלען קאָליער, און ס׳קוקט אַרויס דאָס אונטער־העמד פון אַלע לאַטעס, און ער בעדאַרף דאָך געהן מיט׳ן טאַטען אין שוהל אַריין. און ווי וועט אויסזעהן איהר אַנשעל, ווען ער וועט שטעהן אויפ׳ן בעלעמער און לייענען אין דער תורה, און לעבען איהם וועט שטעהן איהר משה׳לע מיט אַ הוט אָהן אַ דאַשעק. האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אין אָווענד ישוב׳ן און חשבונ׳ען, און דער חשבון איז נישט אויסגעקומען. מילא מיט שיך האָט דער גרויסער יונג געמוזט פערזאָרגען, צי ער האָט געוואָלט, צי ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט געשריען, אַז מע שעכט איהם, אַז ער וועט נישט קענען איבער זיי קיין אַמעריקע פאָהרען, און דאָך האָט ער געמוזט אויפגייהען פיער פאַר כאַלעוועלעך, און פאַר יונה גדליה׳ן מיט דבורה׳לען פון די סאַמע בעסטע לעדער. דבורה׳לען — ווייל ער האָט גערן

געהאַט, און יונה גדליה'ן דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען דעם טאַטענס זוהנדעל און דורך דעם אַ מורנו. מיס'ן שוסטער איז זי אויך אַדורכגעקומען. זי האָט אַזוי לאַנג געשריען, ביז זי האָט אויסגעקעמפֿט די שיך פֿון גרויסען יונג. פֿאַר'ן געלד, וואָס דבורה'לע האָט פֿאַרדיענט, האָט זי געקויפֿט ציץ אויף אַ קליידעל, צייג פֿאַר צוויי פֿאָר הויזען פֿאַר די יונגען, און אַ שטיק צוגעלעגט, צו לעגען לאַטעס אויף די קאַפּאָטעס.

אַז די יונגען האָבען געקראָגען נייע הויזען אויף פסח, מיט נייע לאַטעס אויף די קאַפּאָטעס, האָט די מאַמע ערשט דאַן איינגעזעהן, אַז זיי האָבען נישט קיין גאַנצע העמדער צו די שעהנע קאַפּאָטעס, און ערשט דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזען די נויטווענדיגקייט פֿאַר נייע קאַשקעטלעך אַזוי גרויס, אַז די מאַמע איז אָבגעזעסען האַלבע נעכט ביים שיין פֿון לעמפעל און אויסגעפּאַרריכט די העמדער אויף פסח און פֿאַרלאַטעט די קאַפּאָטעס.

דבורה'לע האָט געזעהן ווי די מאַמע זיצט ביים שיין פֿון לעמפעל שפעט אין דער נאַכט און פֿאַרריכט די העמדער, האָט זי נישט געקענט איינשלאָפען אין שלאָף-קאַסטען, און איז אַרויסגעטראָכען אין העמד. אַ בייטאַרין איז זי דאָך געווען איינע אין דער וועלט, האָט זי געזאָגט:

— מאַמע, איך וועל דיר העלפען.

— געה, עס איז שוין שפעט. איך וועל שוין אַליין מאַכען.

— איך בין גאָרנישט שלעפעריק. — פֿלינק איינגעפעדימט אַ נאָדעל און גענומען פֿון דער מאַמעס הענד דאָס העמד.

— נאַ, דאָ האָסטו יונה גדליה'ס, דעם טאַטענס וועל איך אַליין מאַכען — האָט די מאַמע געזאָגט.

שפעט אין אָווענד. דאָס גאַנצע הויז ביי אַנשעל בעל-קורא שלאָפט. עס הערען זיך די פֿאַרשידענע שטימען פֿון דער נאַכט. די גריל סווישטשעט אין קוימענדעל. דער זייגער מיט די שווערע וואָג-שאָלען קלאַפּט טיק-טאַק. עס איז שפעט. די פֿינסטערניש קוקט אַריין פֿון דרויסען דורך די לעכער פֿון די לאָדען. איבער'ן טישעל אויף די ווייסע העמדער פֿאַלט אַ ליכט פֿון לעמפעל, אויף וועלכען עס זיצט אַ שייד, אַ היימיש-געמאַכטע, אויסגעשניצט פֿון פּאַפּיער,

און איבער די אין האַלב פינסטערניש פאַרהילטע וואַנד שניידען זיך אויס צוויי שאָטענס, פאַרגליווערטע, איינגעשטאַנענע, איינער אַ גרויסער, דער אַנדערער אַ קליינער, זיצען און נייהען.

דערפאַר אָבער, אַז עס איז געקומען פסח צום סדר, זענען שרה רבקה׳ס אויגען ליכטיג געוואָרען, זי האָט געזעהן איהרע קינדער אויסגעזעצט איינס אין איינס, די ווייסע קעלנער אויסגעקראָכמעלט און אויסגעמאַנגעלט. משה׳לע האָט אַ ניי קאַשקעטעל, און יונה גדליה האָט אומישנע די קאַפאָטע אַרויפגעשאַרט און פערלעגט אין די העלפט, כדי מען זאָל אַרויסזעהן זיינע די נייע הויזען. ביי אַלע האָבען די נייע שטיוועלעך געקוויטשעט, מען האָט נאַר געהאַלטען אין איין טרעטען, כדי עס זאָל זיך הערען דאָס „קוויטשען״ פון די שטיוועלעך. און דבורה׳לע, אַן אויסגעצוואָגענע, מיט די צוויי שוואַרצע צעפּ, אין דעם נייעם קאַרטאָנענעם קליידעל, בעפוצט מיט אַ רויט באַנד, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרבלאָנדזשעט נאָך פון דער מאַמעס מיידעלשע יאָהרען.

מילא פסח צום סדר האָט די מאַמע נישט געקענט זיך לאַנג אָנפרעהען מיט דעם יום טוב׳דיגען אַנבליק פון איהרע קינדער. זי איז אַזוי מיד געווען פון דעם פסח מאַכען, און פון די יונגען אויסריכטען, אַז זי איז באַלד אַנידערגעפאַלען און איז איינגעשלאָפען ביים טיש. דערפאַר אָבער, צומאָרגענס יום טוב, ווען זי האָט פון דער ווייבערשער שוהל אַראָבגעקוקט, ביים לייענען, און געזעהען איהר אַנשעל ביי דער ספר תורה, און נעבען איהם שטעהט משה׳לע פון איין זייט און יונה גדליה פון דער צווייטער זייט, אין זייערע נייע קאַשקעטלעך, אין די נייע שטיוועלעך, אין די נייע הויזען (וואָס די יונגען האָבען גוט געזאָרגט, אַז אַלע זאָלען זעהן) — צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען האָט שרה דבורה געזעהן איהרע קינדער אַזוי יום טוב׳דיג אויסגעפוצט — ווער האָט זיך דעמאָלס געקענט גלייכען צו איר? וועמעס גדולה איז נאָך געווען אַזוי גרויס?

איז דער פסח אָנגעקומען אַזוי פרעהליך און יום טוב׳דיג, האָט ער זיך אָבער געענדיגט טרויעריג. אַז עס איז געקומען דעם

ערשטען טאָג חול המועד, האָט זיך שלמה חיים, דער בכור, געקליי־בען אין וועג אריין.

— טאַטע, מאַמע, — האָט ער אָנגעהויבן, באַלד ווי דער ערשטער טאָג חול המועד פסח איז געקומען — איך גיי אַראָבפאָהרען קיין אַמעריקע.

כאָטש אַלע האָבען געוואוסט דערפון, אַז שלמה חיים זאָמעלט געלד אויף אַ שיפסקאַרט, און אַלע, אויך דער טאַטע און די מאַמע, האָבען אויסגעקוקט דערויף, און גישט איינמאָל האָט אים אַנשעל בעפרעגט, ווען די משפחה האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש עסען:

— נו, מיין זון, ווען לייזט דו אונז שוין אויס פון גלות? ווען פאָרסטו שוין אַראָב קיין אַמעריקע, און נעמסט אונז אַלע אַהין? אָדער אַנשעל האָט עס געמאַכט נאָך קירצער:

— זאָג מיר, מיין זון, ווען וועט שוין משיח קומען?

דאָך, אַז עס איז געקומען דערצו, און שלמה חיים האָט זיך מיט אַן אמת געקליבען אין וועג אַריין, איז עס געווען ווי אַן אומגליק וואָלט פאַסירט, דער טאַטע האָט אָנגעקוקט די מאַמע, די מאַמע דעם טאַטען, און דער טאַטע האָט זיך אָנגערופען מיט ביטול:

— גיי שוין, וואָס ער זאָגט דאָרטען.

— טאַטע, מוצאי יום טוב פאָהר איך אַרויס מיט די פוהרען נאָך קויל צו דער גרענעץ, — האָט דער יונג געזאָגט בעשטימט.

— ער וועט פאָהרען נאָך אַמעריקע! וואָס מיינסטו, אַמעריקע איז אַ שפּיעלעכעל. אַמעריקע איז קרושנעוויץ? קוק מיר אָן מיינע מענשען, וואָס גייען פאָהרען נאָך אַמעריקע! — זאָגט דער טאַטע.

אַז זיי האָבען אָבער געזעהן, אַז דער יונג מיינט עס אויף אַן ערנסט, אַז ער האָט אַריינגערופען שמואל דעם „אגענט" פון די זינגער־מאַשינען און האָט אָנגעהויבען צו אונטערהאַנדלען מיט אים וועגען פערקויפען די מאַשין, איז דער מאַמעס האַרץ איינגעפאַלען, און דער טאַטע האָט זיך פערטראַכט מיט אַן ערנסט:

— זאָג מיר, מיין זון, וואָס וועסטו טהאָן אין אַמעריקע?

— אַרבעטען — האָט דער יונג אָבגעענטפערט.

— און דו מיינסט, אַז אַמעריקע בעדאַרף האָבען אַזעלכע

אַרבייטער ווי דו? אַמעריקע, מיינסטו, האָט נאָך נישט געזעהן אַזעלכע אַרבייטאָרערס ווי דו? — זאָגט דער טאַטע מיט חוזק.

— אין אַמעריקע איז אַן אַרבייטאָרער זעהר אָנגעזעהן. „אָל ראַיט", — האָט דער יונג געזאָגט דאָס איינציגע ענגלישע וואָרט, וואָס יעדער וואָס געהט פאָהרען קיין אַמעריקע לערנט זיך אויס נאָך פון דער היים.

— נישט אַזעלכע אַרבייטאָרערס ווי דו, — האַלט אַלץ דער טאַטע אין איין חוזק מאַכען.

די מאַשין האָט די מאַמע נישט געלאָזט אַרויסנעמען פון שטוב. די מאַשין איז געווען איר איינציגער שפּייזער. וואָרים ווי דער יונג איז נישט געווען קאַרג, און אַרויסצוקריגען פון אים אַ גראָשען איז אָנגעקומען מיט געשרייען און סקאַנדאַלען, דאָך איז דער יונג געווען איהר איינציגער שפּייזער. אַז עס האָט אויסגע־פעהלט אויף אַ ברויט, און דער טאַטע האָט אהיים געבראַכט פון גאַס „אַ ציעג", אָדער „אַ שטאָדט אין שוהל", האָט דער יונג, צי ער האָט יאָ געוואָלט, צי ער האָט נישט געוואָלט, געמוזט געבען. און דער מאַמען האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַלץ צוליעב דער מאַשין.

— וואָס ריהרסטו די מאַשין? נעמסט דאָך מיר אַוועק מיין שטיקעל ברויט, — האָט די מאַמע געזאָגט צום יונג מיט געוויין.

— וואָס ועסטו טהאָן מיט דער מאַשין? וואָס טויג דיר די מאַשין?

— וואָס הייסט, וואָס טויג מיר די מאַשין, זי איז דאָך מיין ברויט־געבערין! — האָט די מאַמע אַרומגענומען די מאַשין, ווי זי וואָלט געוואָלט בעשיצען איהר „איינציגע פּרנסה־געבערין", — אַז עס איז דאָ אַ מאַשין אין שטוב, פאַלט אַריין אַ גראָשען אין שטוב.

— און ווער וועט נעהען אויף איהר?

— ווער, ווער? — קלעהרט די מאַמע — עס וועט זיך שוין געפינען ווער עס זאָל נעהען אויף איהר, — האָט די מאַמע ווי מורא געהאַט צו קלערען דערפון. נאָר אַלע האָבען געוואוסט, ווער עס וועט אויף איהר נעהען...

געזעהן, אַז דער יונג מיינט עס אויף אַן אמת, האָט זיך אָנשעל אויך געענדערט. און אַנשטאָט חוזק מאַכען, האָט ער יעצט

אָנגעהויבען צו ווערען זעהר ערענסט, און געלערענט דעם זון ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירען אין דער גרויסער וועלט.

— מיין נישט אַמעריקע איז אַ קלייניגקייט. מען פאָהרט איי־בער אַ גרויסען ים קיין אַמעריקע, איבער דעם גרויסען אוקינוס. און דייטשלאַנד איז אויך נישט קיין קלייניגקייט. פערשטעהסט ? דו פאָהרסט, מיין זון, איבער גרויסע מדינות. — און היינט, אַז מען קומט שוין דורך דעם גרויסען אוקינוס, און אַז מען קומט שוין אַראָב קיין אַמעריקע, און מען פאַלט אַריין אין „קעסעל־גאַרטען"...

אַנשעל האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ וועלט־מענש. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַ שטיקעל משכיל, געלעזען לשון־קודשע ספרים־לעך. און נאָך היינט האָט ער ליעב צו כאַפּען אַ קוק אין דער „הצפירה", וואס קומט אָן צום היגען דרדקי מלמד. און ער האַלט זיך פאַר אַ בקי אין די אַלע זאַכען, און האָט אָנגעהויבען דעם זון צו דערצעהלען פון דער גאַנצער רייזע קיין אַמעריקע, פון אַלע גרענעצען, און אַלע שטעדט, וואָס ער וועט דורכפאָהרען, וועגען די שיפען אין ים אוקינוס, וועגען אַמעריקע און וועגען „קעסעל־גאַרטען", אַזוי ווי ער וואָלט דאָרט אַליין געווען.

— דער עיקר נישט רעדען מיט קיינעם, און אַז דו וועסט אַריבערקומען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, זאָלסטו נישט לוי־פען, נאָר געהען פאַמעליך, אַזוי, אַז מען זאָל נישט אָנזעהן, אַז דו ביזט אַ פרעמדער, און אַז דו וועסט זעהן אַ דייטש, זאָלסטו אים זאָגען „גוט מאָרגען, מיין הער". אַ דייטש איז אַ פיינער מענש, און אַז דו וועסט אים זאָגען „גוט מאָרגען" וועט ער דיך נישט פרעגען אויף קיין פאַס, אויף גאָרנישט. אַ טאָג בעפאָר דו וועסט אַרויפגעהן אויף דער שיף, זאָלסטו גאָרנישט עסען, אַ חוץ אַ ציטרין, ווייטער גאָרנישט. און אַז דו וועסט קומען, מיטן רבונו של עולם'ס הילף, קיין אַמעריקע — יאָ, טאָמער, חלילה, וועט זיין אַ שטורם אויפ'ן ים, זאָלסטו נישט קוקען אין ים אַריין, נאָר לעג דיך אַוועק אויפ'ן בויך, דאָס פנים אין קישען אַריין און חזר אַ פסוק פון תהילים, דורך דער גאַנצע צייט, וואָס דו וועסט זיין אויף דער שיף זאָלסטו לערנען „יונה". — און אַז גאָט וועט דיר העלפען, אַז דו וועסט דורכקומען דעם גרויסען ים, און דו וועסט שוין אָנקומען קיין

אַמעריקע, אין „קעסעל-גאַרטען”, און די אַמעריקאַנער װעלען דיך פרעגען: „נאָך װאָס זינד זי געקאָמען נאָך אַמעריקאַ?” זאָלסט ענטפערען: „איך בין געקאָמען אַרבײטען מיט מײנע הענדע”. און זאָלסט זיי זאָגען: „איך האָב אַן „אַדרעס” צו אַן אָנקעל”, און זיי װעלען דיר גאָרנישט טהאָן. די אַמעריקאַנער זענען פײנע לײט, און זענען רײך. אַז מען קומט אַראָב צו זיי, נאָך דערצו אַ איד, נעמען זיי גאָר אויף מיט בײדע אָרעמס...

די קינדער זענען געשטאַנען אַרום, װען דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט שלמה חיים'ען װי אַזוי ער זאָל זיך אויפפיהרען, און האָבען אויפגעפּעפנט די גרויסע אויגען פאַר פערװאונדערונג פון די פרעמדע זאַכען, װאָס דער טאַטע זאָגט. און פאַר שלמה חיים'ען האָט מען מורא געקריגען, אַזוי װי אין זײן ראָק װאָלטען זיך שוין איפגעהאַלטען די װינטען און די גרויסע שטורעמס פון דעם שרעקליכען ים, װעלכען ער געהט דורכפאָהרען.

און דער טאַטע האָט זיך אַװעקגעזעצט, און אַרויסגעשיקט נאָך אַ „פריש בײגעלע פּאַפּיער”, און נאָך אַ נײער פעדער, נאָס גע-טאַכט די פעדער מיט זײנע ליפּען און אײנגעטונקט זי אין טינט, און האָט אָנגעהויבען צו ציקלען אַ „ל” פאַר אַ גרויסען „לכבוד” אין אַ בריעף צום פעטער פּנחס אין אַמעריקע.

לאַנג האָט דער טאַטע געשװיצט איבער דעם בריעף, אין שטוב האָבען אַלע, פאַר אַ פּאָר שעה, געמוזט געהן אויף די שפּיץ נעגעל... אַלע זײנע משכיל'עשע מליצה'לעך, װאָס דער טאַטע האָט נאָך געדענקט פון זײנע חתן-יאָהרען, האָט ער אויסגעציקעלט אין דעם בריעף צום פעטער פּנחס אין אַמעריקע. דער בריעף איז געװען אָנגעשריבען אין אַזאַ משונה'דיג לשון קודש געמישט מיט אידיש, אַז מען װאָלט בעדאַרפט געפינען אַ צװײטען „בעל קורא”, װעלכער זאָל קענען אויפלעזען די אַלע חידות און רעטעניש‏ען, װאָס עס זענען אין דעם בריעף אַרײנגעטהאָן געװאָרען. נאָר װען דער בריעף איז שוין פערטיג געװאָרען, און עס איז געקומען צום אַדרעס, האָט דער טאַטע נישט געװאוסט קײן אַדרעס צום פעטער פּנחס קײן אַמעריקע.

דער טאַטע האָט אַרומגעזוכט אין אַלע שופלאָדען, דורכגע-

בישטערט אַלטע בריעף, אַלטע פּאַפּיערען, אַלצדינג איז געפונען גע־וואָרען צווישען די אַלטע פּאַפּיערען: אַפּילו דעם טאַטען מיט דער מאַמע'ס תּנאים, נאָר נישט דעם פעטער פּנחס אַדרעס. אָבער דער בריעף איז שוין געווען אָנגעשריבען, און ס'איז דעם טאַטען געווען אַ שאָד דער שעהנער מליצה־בריעף, האָט דער טאַטע אָנגעשריבען אויפן קאָנווערט, אויף פּראָסט אידיש: „צום פעטער פּנחס אין אַמעריקע" און דאָס איבערגעגעבען דעם זוהן מיט די רייד:

„אַז דו וועסט זיין אין נעוו־יאָרק, וועסטו פרעגען וואו עס וואָהנט דער פעטער פּנחס, וועט מען דיר שוין זאָגען. נעוו־יאָרק און אַמעריקע איז דאָך אַלץ איינס".

קיינער פון די קינדער, אפילו די עלטערע ווי שלמה־חיים, האָבען אייגענטליך נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ פעטער דאָס איז דער פעטער פּנחס, צי ער איז פון טאַטענס צד, אָדער פון דער מאַמעס צד.

שרה רבקה האָט איהר זוהן גאָרנישט אָנגעזאָגט, און אַ בריעף צום פעטער האָט זי איהם אויך נישט מיטגעגעבען. זי האָט זיך נישט געקענט אויף די זאכען. דערפאַר איז זי אויפגעזעסען גאַנצע נעכט מיט איהר טאָכטער דבורה און פאַררירכט דעם יונג אַלע העמ־דער, און אַלע שקאַרפּעטקעס, און יעדעס העמד, וואָס זי האָט אַריינ־געפּאַקט אין קעסטעל איז בעגלייט געוואָרען מיט ברכות און בע־פייכט געוואָרען מיט טרעהרען...

טאָקע מוצאי יום־טוב האָט דער טאַטע איינגעבונדען דעם בריעף צום „פעטער פּנחס" צוזאַמען מיט'ן געלד אין קליינעם האַרץ־זעקעלע, וואָס דבורה'לע האָט אויפגענעהט פאַר איהר ברודער, און איהם אָנגעהאָנגען אויפ'ן האַלז. דער טאַטע האָט מיטגעגעבען דעם יונג אַ פאָר תפילין מיט אַ סידור'ל, און געמאַכט איהם שווערען דערבײ, אַז ער וועט קיינמאָל אין אידישקייט נישט פאַרגעסען. די מאַמע האָט איהם נאָך צום לעצט אַ ציצה־כנפות אויסגעוואשען און אָנגעטהאָן איהם, אַז ער זאָל עס טראָגען איבער'ן גאַנצען וועג, וועט איהם קיין שלעכטס נישט געשעהן, אַריינגעלייגט איהם אין טאַש אַריין אַ שטיקעל ברויט מיט זאַלץ, איינגעוויקעלט אין אַ שטי־קעל פּאַפּיער פאַר אַן עין־הרע. דער יונג האָט גענומען זיין קעס־

טעל, און טאַטע־מאַמע האָבען איהם בעגלייט אויפ'ן וועג אַרויס צו די פוהרען. און אַז די פוהר, וואָס פאָהרט מיט די עמיגראַנטען קיין „קויל" איז אָנגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבען דאָס געזעגענען.

די מאַמע האָט די גאַנצע צייט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַז דער יונג האָט זי אָנגעהויבען צו קושען און געזאָגט צו איהר:

— בלייב געזונד, מאַמע —

איז זי אַרויס מיט אַ ביטער געוויין:

— מיין קינד, פערגעס מיך נישט!

— האָב נישט קיין מורא, מאַמע, — און די פוהר האָט איהם אַוועקגעטראָגען אין דער פינסטערער נאַכט אַריין...

דריטער קאַפּיטעל

אַ נייער פּרנסה-געבער

אַז דער גרויסער יונג איז אַוועקגעפאָהרען איז עפּעס געוואָרען ווי מען וואָלט ביי דער מאַמען אַוועקגענומען די רעכטע האַנד. עס האָט זיך ערשט יעצט אַרויסגעוויזען ווי ריכטיג די מאַמע האָט אָבגעשאַצט די מאַשין. ווי שלעכט דער יונג איז נישט געווען, דאָך האָט ער, צי ער האָט יאָ געוואָלט, צי נישט, געמוזט דער מאַמען אַרויסהעלפען אַמאָל מיט אַ גולדען, אַמאָל מיט צוויי, און דער עיקר — עס איז געווען דער גראָשען אין שטוב. יעצט אָבער האָט די מאַמע גאָרנישט געוואוסט ווי צו פאַרבינדען אַן עק מיט אַן עק, אַז עס איז נישט געווען אויף קיין ברויט — איז נישט געווען, און עס איז נישטאָ צו וועמען צו געהן. די מאַשין איז אָבער געשטאַנען אין שטוב, די מאַמע האָט זי נישט געלאָזט ריהרען, נאָר עס איז נישט געווען ווער עס זאָל גייהען אויף איהר, — איז דער טאַטע מיט דער מאַמען אַמאָל געזעסען אין אָוועגד, נאָכ'ן עסען, און מ'האָט געמאַכט אַ שמועס מכח פּרנסה. האָט זיך די מאַמע געקלאָגט:

— אַז דער יונג איז דאָ געווען, ווי עס איז נישט געווען, האָב איך דאָך געזעהן אַ לעבעדיגען גראָשען פאַר די אויגען. יעדען טאָג איז אַריינגעפאַלען אַ פרישער גראָשען. יעצט קען מען דאָך נאָך אונטערגעהן.

האָט דער טאַטע געזאָגט:

— האָסט דאָך אַ מאַשין אין שטוב?

— וואָס זאָל איך זי עסען? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— און דבורה׳לע, אַ גרויסע מויד, אָהן עין הרע, פאַרוואָס זאָל זי דאָס זיין אַ משרת ביי אַ פרעמדען, אַ פרעמדען אָוועקגעבען איהר פראַצע און האָרעוואַניע פאַר אַ גולדען אָדער צוויי אַ וואָך.

— הויבסט שוין ווידער אָן מיט דבורה׳לען. דו ווייסט נישט מעהר נאָר דבורה׳לע, אַזוי ווי עס וואָלט שוין קיינער נישט געווען אויף דער וועלט.

— טאקע אַזוי — פאַרוואָס זאָל דבורה׳לע זיך נישט פער־לייגען פאַר זיך אַליין אַ ווערקשטעל, נאָר האָרעווען פאַר אַנ־דערע.

— איך וועל נישט לאָזען דאָס קינד פערשקלאַפען, איינשפּאַ־נען אין יאָך פון קליינערהייט אָן. איך ווייס, אַז איך וועל זי איינ־מאָל אוועקזעצען ביי דער מאַשין, וועט זי שוין בלייבען זיצען.

— און וואָס טהוט זי איצט — זי טאַנצט?

— אָבער זי איז דאָך נאָך אַ קינד.

און עס האָט נישט געהאָלפען. עס איז געווען די מאַמע אַליין, וואָס האָט אַריינגערופען שמואל דעם אַגענט פון זינגערס מאַשינען און האָט איבערגעטוישט די שטעפּ-מאַשין אויף אַ נעה־מאַשין, פאַר אויסצאָהלען אַ האַלבען רובעל יעדע וואָך. און מיט פייגעלען, די נייטאָרין, האָט מען געבראָכען דעם קאָנטראַקט, אָבּ־גענומען אין מיטען דעם זמן. „איך ווייס, מיין קינד, האָט די מו־טער געזאָגט צו דבורה׳לען, — ווען זי האָט זי אוועקגעזעצט ביי דער נעה-מאַשין אין דערהיים — איך ווייס, זאָגט זי, אַז איך שפּאַן דיך איין ווי אַן אָקס אין אַקער. איך האָב דען אַן אַנדערע עצה? איך קען מיר דען עפּעס אַנדערש העלפען? מן הסתם איז דאָך שוין מיין און דיין ביטער מזל אַזוי“.

דבורה׳לע האָט אָבער נישט געוואוסט, פאַרוואָס די מוטער בעקלאָגט זי אַזוי. פערקערט, עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי איז שוין אַ דערוואַקסענע און געהט אַרבייטען אויף אייגענער האַנד, און זי איז שטאָלץ געווען דערויף.

— מאַמע, זאָגט זי, עס איז בעסער אַזוי, איך וועל זיין מיין אייגענער „בעל הבית“, נישט אַ האַנד ביי יענעם.

פופצעהן יאָהר איז דבורה׳לע אַלט געווען, ווען זי האָט זיך אונטערגענומען צו פערלעגען זיך אַליין אַ „ווערקשטעל“ און צו בעזאָרגען מיט „אַ פרישען גראָשען“ יעדען טאָג די מאַמע, און זי איז שטאַרק געווען דערויף, וואָס זי איז שוין אַ דערוואַקסענע, און העלפט דער מאַמען אויסצוהאַלטען די „שטוב“. די מאַמע האָט זי געהאַלטען אָבער אין איין בעקלאָגען:

— מיין טאָכטער, עס איז אַזוי, ווי איך האַלט אַ כאַמעט אַרויפגעלעגט אויף דיין יונגען האַלז.

צווישען דער מאַמען און דער טאָכטער איז געווען, ווי זיי וואָלטען ביידע געווען איין מענש. קיינער האָט נישט געוואוסט דער מאַמעס צרות אַזוי ווי דבורה׳לע פון׳ם ערשטען טאָג אָן ווען זי איז צום שכל געקומען — און וואָס דבורה האָט געהאָלפען דער מאַמען איז נישט געווען דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָלט, — זי האָט זיך גאָרנישט געהאַלטען פאַר קיין גוט קינד, נאָר עס איז געווען דערפאַר, וואָס זי האָט געפיהלט אויף זיך דעם חוב פונקט ווי די מאַמע, ווי דער חוב וואָלט געקומען און זיך אַרויפגעלעגט אויף איהרע יונגע אַקסלען, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען. דורך דעם איז דבורה׳לע פערוואונדערט געווען וואָס די מאַמע האַלט זי אין איין בעקלאָגען:

— קענסט דיר דען אָן אַנדער עצה געבען? וואָס קענסטו דיר העלפען? — האָט זי געזאָגט צו דער מאַמען, און פערלייגט דערביי איהרע יונגע הענד איינע אויף די אַנדערע, ווי די מאַמע טהוט דאָס

— ביסט דאָך אַ מיידעל, עס וואָלט דאָך געווען גענוג, אַז דו זאָלסט זאָרגען איבער דיר, — האָט די מאמע געזאָגט.

דבורה׳לע האָט דאָס איבערגעטראַכט אַ מינוט. צוערשט האָט זי נישט פערשטאַנען דער מאַמעס רייד, דערנאָך, אַז זי האָט פער־שטאַנען וואָס די מאַמע מיינט, זענען איהרע לענגליכע באַקען אונ־טער איהר שווארצען געקרייזעלטען קאָפּ האָר רויט געוואָרען.

— איך האָב נאָך צייט, שוין זאָרגען איבער מיר...

פון שטענדיג אָן, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד, האָט זיך די מאַמע געטיילט מיט איהר די זאָרגען. פאַר קיינעם האָט די־

מאַמע נישט געהאַט אויסצוגיסען איהר ביטער האַרץ. אויסצורעכענען אַלע צרות, און מישב צו זיין זיך וועגען עפּעס, נאָר מיט דבורה׳ן. מיט׳ן טאַטען האָט זי דאָך נישט געקענט רעדען וועגען די זאַכען, ערשטענס איז שטענדיג דער טאַטע געווען פערנומען מיט טויזענדערליי פּלענער. יעדען טאָג האָט ער אַהיים געבראַכט פון מאַרק אַן אַנדער פּלאַן. אַמאָל איז ער זיך געגאַנגען פערלעגען אַ סאָדע-וואַסער פאַבריקעל, ווען עס איז אויפגעקומען „סאָדע-וואַסער“. אַמאָל האָט ער שוין געקראָגען אַ שותף אויסצודינגען די ווינדמיהל. עס האָט נאָר געפעהלט „שיער ווי אַ האָר“ אויסצופיהרען. און אַמאָל האָט ער גאָר געקויפט אַ לאָטערי-געווילבעל. נאָר אַלעס האָט זיך געענדיגט מיט דעם „שיער ווי אַ האָר“. דאַן איז ער געווען שטענדיג פערנומען מיט קהל׳שע זאַכען. קיינער אין שטאָדט האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין קהל׳שע זאַכען, ווי אַנשעל, און קיינעם איז נישט אָנגעגאַנגען, אַזוי ווי אַנשלען, צי דער נייער שוחט, וואָס מען האָט אויסגעקליבען איז אַ חסיד אָדער אַ מתנגד, און צי דער חזן איז אַ „ליטוואַק“. — און צי דער רב לערענט מיט די בחורים אַ שיעור נאָכמיטאָג אָדער ער שלאָפט ווי אַ פריץ. און דאַן איז ער דאָך עפּעס געווען אַ „בעל-קורא“, — וואָס דאָס איז געווען דער מאַמעס גרעסטער נחת. און דאַן האָט דער טאַטע געהאַט אויף אַלעס אַ תירוץ. וואָס די מאַמע האָט אים נישט געזאָגט — האָט ער אויף אַלצדינג געפונען אַ תירוץ. און האָט ער שוין גאָרנישט געהאַט קיין תירוץ, האָט ער אָבגעלעגט אויף איינעם פון זיינע געניאַלע פּלענער: „לאָז מיך נאָר, מיין ווייב, מיין פּלאַן אויסצופיהרען, וועסטו שוין האָבען אויף שבת, וועסטו שוין האָבען האָלץ אויף ווינטער — וועסט אַלעס האָבען.

די מאַמע האָט דאָך בעדאַרפט האָבען מיט וועמען זיך מישב צו זיין, האָט זי דבורה׳לען אַריינגעצויגען אין איהרע צרות פון קליינערהייט אָן. — די מאַמע האָט געוואוסט, אַז זי טהוט אַן עולה, און נישט איינמאָל, אַז זי האָט נישט געקענט שלאָפען ביינאַכט פאַר זאָרגען, איז דבורה׳לע געווען איינע פון איהרע זאָרגען: „וואָס וויל איך פון׳ם קינד האָבען? וואָס שלעפּ איך זי מיט אין מיין שלימזל“ —

אָבער דבורה׳לע איז דאָך געווען דער איינציגער „מענש" אין שטוב, מיט וועמען די מאַמע האָט געקענט ריידען.

יעצט, אַז דבורה׳לע איז געוואָרען דער „פּרנסה-געבער", איז זי דאָך דערפאַר אַליין שוין געוואָרען דער מאַמעס בעל-עצה׳טע. אין אַלץ, וואָס עס איז נאָר געווען אין שטוב, איז די מאַמע געקומען צו דבורה׳לען.

— וואָס טהוט מען, מיין קינד, מיט יונה גדליה׳ן? דער רבי האָט דאָך איהם ווידער אַהיים געשיקט פון חדר.

לעגט דבורה׳לע אַוועק דעם פאָדים מיט׳ן סטאַניקעל, וואָס זי נעהט, פערלעגט די הענד ווי די מאַמע, און קלעהרט אַ מינוט.

— וועסט אפשר אַרויסנעהמען פון טאָפּ צוויי גילדען און וועסט איהם דערוויל שיקען.

— און וואָס וועט זיין מיט׳ן טאַטענ׳ס בגד אויף יום טוב? איך שפּאָר דאָך אָב פון מיין לייב, דעם טאַטען צו מאַכען כאָטש אַ צייגען בגד. דאָס פנים פלאַמט דאָך מיר פאַר בושה, אַז איך זעה איהם שבת און יום טוב אַרויפגעהן אויפ׳ן באַלעמער אין דער וואָכעדיגער צוריסענער קאַפּאָטע.

— וועל איך דאָך באַלד פערטיג מאַכען די העמדער פאַר לאה׳לען — וועסט דאָך האָבען געלד, וועסטו דענסמאָל צוריקלעגען די צוויי גילדען.

נאָר באַלד האָט זיך געמאַכט אַ נייער איינקינפט פאַר דער מאַמען גאָר אומגעריכטערהייט. משה׳לע „אָקס", וועלכער איז געווען נאָר נישט לאַנג אַ חדר-יונגעל, האָט אָנגעהויבען צו פערדיענען און אַהיים צו ברענגען אין שטוב אַריין. עס איז דאָס געווען אַזוי אומגעריכטערהייט, אַז די מאַמע וויל עס נאָך גאָר אַליין נישט גלויבען. משה׳לע איז געווען צוויי יאָהר יונגער פון דבורה׳לען (די קינדער, וואָס די מאַמע האָט געהאַט צווישען דבורה׳לען און משה׳ן, האָבען זיך נישט געהאַלטען און זענען געשטאָרבען — זויגענדיגע. צווישען איין קינד און אַנדערען אַ לעבעדיגס — איז דאָ איינס אָדער צוויי, וועלכע עס איז נישט געפעלען געוואָרען די קוואַרטיר, וואָס גאָט האָט זיי איינגעשטעלט ביי אַנשלען — און זענען צוריקגעגאַנגען צו זייער פאָטער אין הימעל). משה׳לע אָקס — דעם שעהנעם צו-

באָמען „אָקס“ האָט איהם דער טאַטע געגעבען, ווייל דער יונג האָט זיך באין אפן נישט געוואָלט לערנען. עס האָט נישט געהאָלפען קיין קלעפּ, קיין געשרייען, דער יונג האָט געהאַט אַן „אָקסענעם“ קאָפּ און בשום אופן נישט געוואָלט פערנעהמען וואָס דער רבי זאָגט, און דורך דעם האָט דער טאַטע געדרונגען, אַז ער קומט אַרויס פון דער מאַמעס משפּחה, און איז אַריינגעראָטען אין די „זשאָבּ־לינסקיס“. משה'לע „אָקס“ איז נאָך געווען אַ סוחר, ווען ער איז געווען אין חדר. שטענדיג האָט ער עפּעס געקויפט און פערקויפט די חברים, חדר־יונגלעך. שטענדיג האָט ער געהאַנדעלט. פלעגט איינ־קויפען אַ מעסעריל פאַר 20 קאָפּ־קעס און עס „אויספּלעטען“ אויף הונדערט נומערען, אַ קאָפּיקע אַ „נומער“. פערטיג געוואָרען מיטן מעסעריל, האָט ער אויסגעפּלעט אַ בייטעלע, אַ פּאָר הענטשקעס. אַז ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער איינגעקויפט טאַבאַק מיט גילזען און אויסגעפּילט היימיש געמאַכטע פּאַפּיראָסען און פערקויפט. אויף יעדען פּורים האָט ער אָרגאַניזירט אַ „טרופּע“ פּורים־שפּיעלער און האָט געשפּיעלט פּורים צו דער סעודה אין יודישע שטובען. ערב פסח האָט ער צונויפגענומען די „בדיקת חמץ“ פון יודישע שטובען פאַר אַ צווייער אַ שטיק, און געטראָגען צו פערברענען. שבועות האָט ער גענומען אַ פּאָר וועגען און איז אַרויס צום וואַסער, אָפּגעשני־טען „קוויטשערס“ און געבראַכט אין שטאָדט אַריין צו פערקויפען. סוכות האָט ער געהאַנדעלט מיט סכך, אויף הושענה רבא — „הושענות“. יעדען סיזאָן האָט ער מיט עפּעס אַנדערש געהאַנדעלט. זומער האָט ער געהיט דאָס אָנטועכטס פון שעהנע בעלי בתי'שע יונגע לייטלעך, ווען זיי זענען געגאַנגען צום וואַסער זיך באָדען. ווינטער האָט ער פערקויפט פּאַפּירענע לאַמטערנעס, אייגענע פאַבריקאַציע.

ביז צו דרייצעהן יאָהר האָט ער מורא געהאַט פאַר'ן טאַטען און איז געגאַנגען אין חדר, אין בית המדרש — לערנען. קוים האָט ער אָנגעהויבען צו לעגען תפילין — האָט זיך דער יונג שוין געהאַלטען פאַר זעלבסטשטענדיג, ערקלעהרט דעם טאַטען זיין אונ־אָבהענגיגקייט מיט אַ גרויסער „רעוואָלוציע“, און איז נישט מעהר געגאַנגען אין בית המדרש אַריין.

ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אין מאַרק, פאַר דער „צוקערניע“

וואו די פריצים האַלטען זיך אויף, ווען זיי קומען אין שטאָדט אַריין, אַזוי ווי אַנדערע סוחרים טהוען. איז געקומען אַ פויער אין שטאָדט אַריין, איז דער יונג געווען דער ערשטער אויף דער פוהר און אויסגעגישטערט צווישען דעם שטרוי, און אויסגעפונען וואָס דער גוי האָט געבראַכט אין שטאָדט צו פערקויפען. איז עס געווען אייער, — איז ער מיט איין שפּרונג געווען ביים אייער-סוחר; איז עס געווען תבואה — איז ער מיט אַ צווייטען שפּרונג געווען ביים תבואה-סוחר, זיי אָנזאָגען פון דער בשורה, און געקראָגען דערפאַר זיין פערדיענסטעל.

דערנאָך, אַז דער יונג האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַ פּאָר גולדען, איז ער אַליין אַרויס אין מאַרק האַנדלען, אַמאָל אייער, אַמאָל פּוטער און אַמאָל אַ הינדעל.

אין איין שעהנעם זומער-טאָג ברענגט דער יונג אַהיים פון יריד אַ מאַנדעל אייער.

— מאַמע, זאָגט ער, נאַ, דאָ האָסטו אַ מאַנדעל אייער.

שרה רבקה האָט איהם אָנגעקוקט און נישט געוואָלט איהרע אויגען גלויבען. צוערשט איז זי בלייך געוואָרען און איז שיער אַוועקגעפאַלען אַ גע'חלש'טע. זי האָט געמיינט, חלילה, דער יונג האָט אַראָבגע'גנב'עט פון אַ פויערשע פוהר.

— משה, געוואַלד געשריען — וואָס האָסטו געטהאָן? אַרויס פון מיין שטוב! — דער יונג וועט דאָך מיך אומגליקליך מאַכען.

— וואָס שרייסטו, וואָס? איך האָב איינגעקויפט פאַר לייזער דעם אייער-סוחר אַ שאָק אייער, האָב איך פאַרדיענט אַ מאַנדעל. — גיעה אַרויס, פרעג איהם.

שרה רבקה האָט אָנגעטהאָן דעם פאַרשויל און איז אַרויסגע- גאַנגען אויפ'ן מאַרק אויפזוכען לייזער דעם אייער-סוחר. אַז זי האָט אויסגעפונען, אַז דער יונג האָט זי נישט אָבגענאַרט, איז זי געווען אַ גליקליכע און צוגענומען די אייער.

און דער יונג האָט אָנגעהויבען צו ברענגען אַהיים אין שטוב אַריין פון יעדען יריד, אַמאָל אַ מאַנדעל אייער, אַמאָל אַ שטיקעל פּוטער און אַמאָל, אַ פריידטאָג, אַ הינדעל, וואָס איז געווען דער מאַ- מע'ן אַ גרויסע הילף.

נאָר באַלד איז דער יונג געגאַנגען גרעסער. ער האָט אָנ געהויבען צו האַנדלען מיט א „רעכטען אמת". ער האָט זיך צו נויפגעקלאַפּט אַ שטעל פון ברעטער, און אויף יעדען יריד האָט ער עפּעס אַנדערש פּערקויפט; אַמאָל האָט ער געהאַנדעלט מיט רעשטען פון בענדער, אַמאָל מיט פּערלעגענע סחורות. מיט אַלעס האָט דער יונג געהאַנדעלט. — איינמאָל איז ער געווען אַ סוחר פון שניט־סחורה, און איינמאָל אַ סוחר פון תבואה. — און עס איז נישט דורכגעגאַנגען קיין לאַנגע צייט, און דער יונג האָט געגעבען אין שטוב אַריין אַ האַלבע פּרנסה, און איז געוואָרען פּאַררעכענט אין שטאָדט פאַר אַ „סוחר".

דער טאַטע אַנשעל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גאַנצען סוחר איינער אין דער וועלט — נאָר, „עס געהט איהם נישט", זעהענדיג ווי דער יונג פּערדיענט און שטייגט איהם אַריבער, האָט ער גאַרנישט פּערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך:

— קוקט מיר אָן מיינע סוחרים? זעהט ווער עס האַנדעלט היינט? זעהט, זעהט! — זאָגט דער טאַטע, ווען די משפּחה זיצט ביים טיש, ביים עסען. — אַ וועלט געוואָרען, — ווייזט ער אויף דעם רויט־האָריגען יונג מיט'ן באַשפּריצטען פּנים מיט זומער־שפּרענקעלעך, וועלכער זיצט ביי דער מאַמעס זייט, אונטער דער מאַמעס שוץ.

— וואָס איז דער חילוק? איז ער נישט קיין סוחר, — זאָגט די מאַמע. — עס איז דאָך גלייכער, אַז מען איז נישט קיין סוחר און מען פאַרדיענט יאָ, איידער מען איז אַ סוחר און מען פאַרדיענט נישט.

דער טאַטע לעגט אַוועק אויף אַ מינוט דעם לעפעל, און רוקט אָפּ די שיסעל:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

דער מאַמען טהוט באַלד וועה, וואָס זי האָט פּערשעמט איהר אַנשעל'ן און עס איז איהר אַ וועהטאָג אין האַרצען, וויל זי צוריק־כאַפּען — ווייסט זי נישט ווי אַזוי, שווייגט זי.

— הייסט עס, אַז דו האַלטסט איהם פאַר אַ גרעסערען סוחר פאַר מיר, ווייל ער פאַרדיענט יאָ, און איך פאַרדיען נישט. — דאָס

האָסטו געוואָלט זאָגען, האַ? — טייטשט אויס דער טאַטע פון דער מאַמעס רייד.

— ווערה איז מיר, ווער פאַרגלייכט דיך, חלילה, מיט איהם? — דו ביזט דאָך אַ וואויל־קענער — און וואָס איז ער, וואָס? — אַ גראָבער יונג.

און מיט אַ קרעכץ גיסט זי אָן איהר זוהן משה'לען נאָך אַ לעפעל זופּ.

— אודאי וואָלט איך ליעבער געוואָלט, אַז דו זאָלסט געהן אין בית־המדרש אַריין, איידער מיך באַגליקען.

דער טאַטע בעהט זיך איבער מיט'ן עסען.

— דערפאַר, דו, מיין קינד, — זאָגט זי צום יונגען יונגע גדליה'ן, וועלכער האָט אַ וואוילען קאָפּ און לערענט זיך גוט, צו־וואַרפענדיג אין זיין טעלער אַ שטיקעל פלייש פון די זופּ — דו, מיין קינד, געה ליעבער אין דיין טאַטענ'ס וועגען, איידער אין דיין ברודער'ס.

פירטער קאַפּיטעל

אַ בריעף פון אַמעריקע

און דאַן איז געשעהן דאָס גרויסע גליק.

פון אַמעריקע איז אָנגעקומען אַ בריעף פון גרויסען „יונג" מיטץ גוטען „קוויטעל".

איין בריעף איז שוין געהאַט אָנגעקומען. אַזוי ווי ער איז נאָר אַראָבגעקומען אין אַמעריקע, האָט ער געשריבען אַ בריוועל: „ליעבער טאַטע, ליעבע מאַמע, שרייבט ער, איך בין דורכגעקומען דעם שרעקליכען ים און גליקליכערהייט אָנגעקומען אין אַמעריקע". און דאַן שרייבט ער נאָך: „אַלעס וואָס דו, טאַטע, האָסט דערצעהלט פון ים אקינוס איז גאָרנישט געגען דעם ריכטיגען ים. איך בין געלעגען פערצעהן טעג מיט אַלע אַנדערע לייט פערשטיקט אין אַ קעלער, איינגעוויקעלט דאָס פנים אין אַ קאָלדרע און איך האָב נישט געוואוסט צי איך לעב נאָך אָדער איך בין געשטאָרבען. און דאָס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, אַז ווען איך וועל קומען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ און איך וועל אָנטרעפען אַ דייטש זאָל איך איהם זאָגען „גוט מאָרגען", שרייב איך דיר, אַז איך האָב קיין דייטש נישט אָנגעקוקט אין די אויגען. אַזוי ווי איך בין נאָר געקומען אויף דער צווייטער זייט, נאָכדעם ווי חיים'ש פוהרמאַן האָט אונז ביינאַכט איבער'ן גרענעץ געפיהרט, האָט מען מיך גענומען מיט אַלע לייט און איינגעשלאָסען אין אַ וואַגאָן, און מען האָט אונז ווי אַרעסטאַנטען אַבגעשיקט צום שיף, אַזוי, אַז איך האָב נישט גע-

קענט אַראָבגעהן ביי קיין סטאַנציע און אָנקוקען אַ דייטש אין די אויגען".

דער טאַטע האָט זיך אַפילו געוואונדערט, אַז דער דייטש זאָל אַזאַ זאַך אָבטהאָן. דער דייטש איז דאָך אַ פיינער מענש... און ער האָט אַלעס אָבגעלעגט אויפ'ן זוהן. „אודאי, אַז זיי קוקען אָן אַזאַ שלימזל... איך וואָלט געזעהן, אַז ווען איך וואָלט געפאָהרען, צי זיי וואָלטען מיך געווען פערמאַכט אין אַ פערשלאָסענעם וואַגאָן!" האָט דער טאַטע געזאָגט.

נאָך דעם בריוועל איז דער יונג פערשוויגען געוואָרען פאַר חדשים און חדשים, און נישט געלאָזט הערען פון זיך. שרה-רבקה האָט געמיינט, אַז דער יונג איז, חלילה, פערלוירען געגאַנגען. און זי איז נישט געשלאָפען גאַנצע נעכט. צו אַלע איהרע צרות איז צוגעקומען נאָך אַ צרה.

— אַנשעל, — קרעכצט זי ביינאַכט פון בעט אַרויס — וואָס איז געוואָרען מיט'ן יונג? דאָס האַרץ שרעקט מיר. געגומען אַ קינד און אַוועקגעשיקט איבער ווייטע ים'ען. אַנשעל איך האָב מורא, אַז דער יונג איז מיר פערלוירען געגאַנגען אין די פרעמדע מדינות.

— פערהולטאַיעוועט אודאי דעם לעצטען גראָשען, וואָס ער פערדיענט. איז שטענדיג געווען אַ הולטאַי און וועט בלייבען אַ הולטאַי, האָט דער טאַטע נביאות געזאָגט.

זעגען אַוועק נאָך חדשים און חדשים. פאַר פסח-צו (פסח איז שטענדיג געווען אַ גליקליכער יום-טוב אין אַנשעלס פאַמיליע, אַלע נסים האָבען זיך געטראָפען מיט אַנשעלס משפחה אים פסח) איז אָנגעקומען אַ בריעף פון יונג פון אַמעריקע, אין וועלכען עס איז געווען ביינעלעגט אַ פאָטאָגראַפיע פון יונג, מיט אַן אָנווייזונג אויף פינף און צוואַנציג רובעל. שרה-רבקה האָט אָנגעקוקט די פאָטאָגראַפיע, און האָט זיך איהרע אויגען נישט געוואָלט גלויבען: „איז דאָס איהר זוהן?" — האָט זי זיך געפרעגט. דער יונג איז געווען אויסגעמאָהלט אויף דער פאָטאָגראַפיע ווי לעבעדיג, אין קורצען אנצוג מיט אַ גאָלדענער קייט בעהאָנגען איף דער וועסט. „און אַז ער האָט אַ גאָלדענע קייט, מוז ער דאָך האָבען אַ גאָלדענעם זייגער אויך" — האָט דערפון געדרונגען אַנשעל. וואָרים, וועד טראָגט

דאָס אַ קייט אָהן אַ זייגער? און ער שטעט ביי אַ גרויסען בלומען־טאָפּ, און נעבען איהם שטעהט אַ טישעל מיט אַלע גוטע זאַכען אויסגעשטעלט צום טעה טרינקען — און ער שטעהט אָהן אַ הוט.
אין דעם בריעף שרייבט ער אַזוי:

„ליעבע מאַמע, מיין נישט, אַז איך האָב אָהן דיר פערגעסען. אַזוי ווי אַ מאַמע קען נישט פערגעסען איהר קינד, אַזוי קען אַ קינד נישט פערגעסען די מוטער, וואָס האָט איהם געבוירען". שרה־רבקה האָט געוויינט ביי דער שטעלע פון בריעף, ווי תשעה באב ביי קינות. און אַנשעל האָט זי קוים בערוהיגט מיט געוואַלדען:

— לאָז שוין לעזען, וועסט דערנאָך וויינען.

„איך האָב צו אייך נישט געשריבען, ווייל איך האָב נישט געהאַט וואָס צו שרייבען. איך האָב פיעלעס דורכגעמאַכט אין אַמע־ריקע. ווען אַלע ימים וואָלטען טינט געווען, און אַלע וועלדער פע־דערען, און אַלע הימלען פּאַפּיער, וואָלט איך אייך נישט געקענט אַלעס אַרויסשרייבען, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין אַמעריקע..."

— אודאי, געגומען אַ קינד און פערוואָרפען עס אין עק וועלט, — איז שרה־רבקה וויעדער אַרויס מיט אַ געוויין אויפ'ס ניי.

— וועסט שוין אויפהערען? לאָז לעזען! — שרייט אַנשעל.

„נאָר, גאָט צו דאַנקען, שוין אַלעס דורכגעקומען", שרייבט דער יונג ווייטער. „און איך קען שוין אַלעס דאָס שרייבען אין פריידען. איך האָב אייך נישט געשריבען ביז איצט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט אָבקומען מיט טרוקענע רייד. (דאָ איז געקומען אַ גאַנצע צייל מיט געדאַנקען־שטריכען, אויף וועלכע אַנשעל האָט זיך אָבגעשטעלט).

— פערשטעהסט, וואָס ער מיינט, ער האָט נישט געוואָלט אָבקומען מיט טרוקענע רייד. — שרה, אַמעריקע מאַכט אויס דעם יונג אַ לייט.

„און יעצט, ליבער טאַטע", שרייבט ער ווייטער, „וועל איך דיר אַרויסשרייבען אַלעס, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. ערשטענס, אַז איך בין אַראָבגעקומען קיין אַמעריקע און געפרעגט זיך אויפ'ן פעטער פנחס, וואָס דו האָסט מיר מיטגעגעבען זיין אַדרעס, ווייסט קיינער נישט ווער דער פעטער פנחס איז. איך בין געגאַנגען צו

לאנדסלייט, און האָב בעלמוטשעט טעג און וואָכען, געזוכט אַ פעטער פנחס, און קיינער ווייסט נישט ווער ער איז. הלואי וואָלסטו מיר נישט מיטגעגעבען דעם בריעף צום „פעטער פנחס״, וואָלסטו מיר געוועזען איינגעשפּאָרט וואָכען לאַנג זוכעניש און קאָפּ־ברעכעניש, און איך וואָלט נישט געווען בעלמוטשעט און געגאַנגען באַלד אַרבייטען.

— אַודאי, אַז מען שיקט אַ נאַר אויפ׳ן יאָהר־מאַרק. — זאָגט דער טאַטע.

פון דעם אָנהויב פון בריעף „מיט די אַלע ימים טיבט און אַלע וועלדער פעדערען״ וואָלט מען געקענט מיינען ווער ווייסט וואָס דער יונג איז דורכגעגאַנגען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז איין וואָך האָט ער גענעכטיגט ביי איין לאַנדסמאַן און אַ צווייטע וואָך האָט ער גענעכטיגט ביי אַ צווייטען לאַנדסמאַן. און אַ דריטער לאַנדסמאַן האָט אים געפיהרט אין אַ שאַפּ אַריין צו לעדער־סחורה אַרבייטען. היינט וואוינט ער ביי אַ פערטען לאַנדסמאַן, וועלכען ער צאָהלט אַ דאָלאַר אַ וואָך פאַר „אַ שטיקעל בעט״ בלויז אויף ביינאַכט.

— די פערשטייסט, מיין ווייב, צוויי רובעל אַ וואָך בלויז פאַר נאַכטלעגער. וואָרים דו מוזט וויסען, אַז איין רובעל ביי זיי איז ביי אונז צוויי, — ערקלערט אַנשעל דעם ווייב.

— מן הסתם קען ער זיך דאָך אַנדערש קיין עצה נישט געבען, — פערענטפערט די מאַמע.

נאָר דער יונג טרייסט זיי ווייטער, אַז ער פערדיענט, גאָט צו דאַנקען, גאַנץ שעהן. נאָר וויפיעל ער פערדיענט האָט ער נישט אַרויסגעשריבען. דערפאַר אָבער האָט ער צוגעזאָגט דער מאַמען: „האָב נישט קיין מורא, מאַמע, איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען אָן דיר. איך קלער פון אייך בייטאָג און ביינאַכט״.

— זאָל איהם גאָט דערפאַר געבען געזונד און לעבען, — האָט די מאַמע שטיל זיך געווישט די אויגען מיט׳ן פאַרטוך.

„איך זאָרג וועגען אַ תכלית״, שרייבט דער יונג. „צום ערשטען קלער איך וועגען דבורה׳לען. וואָס וועט זי אויסזיצען אין דער

„אַלטער היים"? דאָ פּערדיענען מעדלעך גאַנץ שעהן, און עס מאַכט זיך טיילמאָל אַ גליק, אַזאַ מעדעל ווי דבורה קען דאָ גליקלעך ווע-רען. דאָ דאַרף אַ מעדעל נישט האָבען קיין נדן. דאָ איז אַ פּער-דרעהטע וועלט — דער חתן מוז דאָ געבען נדן, נישט די כלה. און עס קען זיך טרעפען אַ גליק-שידוך, ווייל מען קלויבט דאָ זעהר היימישע מיידלעך, די היגע זענען זעהר פּערשייט".

אַנשעל האָט אויפגעהערט צו לעזען און אָבגעכאַפּט דעם אָטעם:

— דאָס, וואָס איך האָב שטענדיג גע'טענה'ט — זאָגט ער — וואָס זיצען מיר דאָ, וואָס? עס איז דאָך אַמעריקע אויף דער וועלט, און מיר זיצען דאָ.

— לעז שוין ווייטער, — זאָגט יעצט שרה רבקה.

„און די אַנדערע יונגען קענען אויך דאָ ווערען לייט. דאָ פּערדיענען קינדער און ברענגען אַהיים אין שטוב אַריין. און דער טאַטע קען דאָ אויך פּערדיענען, ווייל מען זוכט דאָ בעלי קוראים ווי מיט ליכט. קיינער קען דאָ נישט לייענען. „אַלזאָ, ליעבע מאַמע", ענדיגט ער דעם בריעף, „זאָרג דיך נישט, גאָט וועט העלפען און מיר וועלען זיך נאָך אַלע זעהען אין פריידען, און דו וועסט נישט דאַרפען אַזוי שווער און ביטער אַרבייטען, אויסדאַרען דעם קאָפּ פאַר אונזערט וועגען. דאָ אַרבייטען די קינדער פאַר די מוטערס, און דו וועסט דיר דאָ זיצען אין „פּאַלער" אויף אַ „ראָקען טשער" און די קינדער וועלען פאַר דיר אַרבייטען, נישט דו פאַר די קינדער".

כאָטש שרה רבקה האָט נישט געוואוסט וואָס „פּאַלער" און „ראָקען טשער" איז, דאָך האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָס זע-נען גוטע זאַכען, און זי איז אויפ'ס ניי אַרויס מיט אַ געוויין, מיט אַ נייעם שטראָם טרעהרען. נאָר דאָס זענען געווען טרעהרען פון פרייד.

צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען טרייסט זי ווער, און זאָגט איר צו אַ גרינג לעבען און אַ לייכט געמיט. איהר קינד פון אַמעריקע טרייסט זי — איז עס איהר נישט אַ בעצאָהלונג פאַר איהרע יאָהרען נויט און דחקות?...

שרה רבקה האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז זי אַרבייט שווער. שרה רבקה האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז זי דאַרט זיך אויס דעם קאָפּ. פאַר וועמען טהוט זי דאָס? פאַר איהרע קינדער! וואָס הייסט, זי אַרבייט שווער, אַז עס איז פאַר איהרע אייגענע קינדער... יעצט קומט איהרס אַ קינד און זאָגט איהר דאָס, און טרייסט זי.

„מיין קינד, גאָט זאָל דיך אַזוי טרייסטען, ווי דו האָסט מיך געטרייסט מיט דיינע גוטע ווערטער" — די ווערטער האָט אַנשעל געמוזט אַריינשרייבען אין בריעף אַריין, אין דעם ענטפער צום זוהן, אין דער מאמעס נאָמען. כאָטש ער האָט באין אופן נישט געוואָלט און געהאַמפּערט זיך, אַז מען וועט אין אַמעריקע לאַכען אויס איהר, ווייל „זי רעדט ווי אַ אידענע". נאָר שרה רבקה האָט בשום אופן נישט געוואָלט נאָכגעבען, און נאָר אַזוי האָט ער גע-מוזט אָנשרייבען.

— ווי דען זאָל איך רעדען, נישט ווי קיין אידענע? איך בין דאָך אַ אידענע! — האָט זי געזאָגט.

מען קען זיך פאָרשטעלען דאָס איבערקעהרעניש, וואָס דער בריעף האָט אָנגעמאַכט אין אַנשעל'ס פאַמיליע. שוין דאָס געלד אַליין, וואָס דער יונג האָט צוגעשיקט, האָט אַרויסגערופען אַ שטורעם אין שטאָדט. מען האָט איבעראַל גערעדט פון דעם, וואָס אַנשעל איז בעגליקט געוואָרען. און אַנשעל האָט זיך פאַר אַזעלכען גע-האַלטען. ער האָט שוין אַנדערש נישט גערעדט, נאָר וועגען „זיין אַמעריקע". און אַז ער איז געשטאַנען אין בית המדרש, האָט ער אָנגעהויבען אויסצומאָהלען ווי אַמעריקע זעהט אויס מיט אַלע פּיש-טשעווקעס, אַזוי ווי ער וואָלט שוין דאָרט אַליין געווען און אַלעס געזעהן. „ביי אונז אין אַמעריקע" — פלעגט ער שוין זאָגען — „מאַכט מען עס אַנדערש". געהאַלטען האָט ער זיך נאָך דאָ אויף דערווייל, אַלס אַ גאַסט עפּעס. און אַז מען האָט איהם געפרעגט עפּעס וועגען אַ שטאָדטישע זאַך, אָדער דערצעהלט איהם, אַז די חסידים האָבען אַראָבגעבראַכט זייער אייגענעם שוחט, פלעגט ער שוין ענטפערען:

— וואָס געהט עס מיך אָן? איך בין שוין נישט קיין היעגער. איך בין דאָך שוין אויפ'ן וועג...

אויף דעם פסח האָט שרה-רבקה נישט נאָר בעקליידט די קינדער פון „קאָפּ ביז די פיס", נישט נאָר בעשטעלט אַ נייעם בגד פאַר איהר אַנשעל, נאָר זי האָט זיך אַליין אויך פערגונען צום ערשטען מאָל צייט נאָך דער חתונה אַ שייטעל און אַ פּאָר שיך. און פאַר די שכנ'טעס אין דער ווייבערישער שוהל האָט זי געזאָגט:

— קען מיר מיין מאַן נישט קויפען קיין שיך, האָט מיר גאָט דערפאַר אַ זוהן צוגעשיקט. אַז ער איז געווען אין דער היים, האָט ער מיר געמאַכט שיך, איז ער אין אַמעריקע, שיקט ער מיר שיך פון אַמעריקע.

און דעם יום-טוב האָבען די בעלי-בתים פון קליינעם שוהלכעל געהאַט גאָר אַ ניי לייענעכטס. קיינמאָל האָט אַנשעל'ס קול אַזוי נישט געקלונגען ביים לייענען ווי צו דעם יום-טוב. ער האָט געטרילערט ווי אַ פויגעל, אויסגעצויגען יעדע „פשטא", און אויסגעזונגען יעדעס וואָרט פון תורה, אַזוי אַז שרה-רבקה'ס פּנים אין דער ווייבערישער שוהל האָט גאָר געקראָגען אַן אַנדער קאָליר. איהרע אויגען האָבען צום ערשטען מאָל געשיינט, איהר שטערען האָט געגלאַנצט פון אונטער'ן נייעם שייטעל, דערהערענדיג איהר אַנשעל'ס זיס קול. טרעהרען האָבען זיך איהר געוויזען אין די אויגען: „גאָט, פאַרוואָס קומט עס מיר?" האָט זי זיך געטראַכט, און זי האָט זיך געהאַלטען פאַר די גליקליכסטע מוטער אין דער וועלט, און אַלע ווייבער האָבען זי מקנא געווען.

פינפטער קאַפּיטעל

הענעך

אַז דבורה איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקע אַרבייטאָרין מיט אַן אייגענער ווערקשטעל — האָט זי זיך אָנגעהויבען צו בעגעגענען מיט יונגע לייט, אַרבייטער. איינער פון זיי איז איהר מעהר געפעלען פאַר אַלע אַנדערע, זיין נאָמען איז געווען הענעך.

און דערפאַר וואָס דבורה האָט זיך צו איהם זעהר צוגעבונדען און ער האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף איהר, וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען אין איהר כאַראַקטער — ווע‌לען מיר וועגען איהם אויספיהרליך שרייבען — כאָטש עס געהערט נישט צו אונזער מעשה.

ווען דער הענעך איז נאָך געווען אַ קליין קינד — איז ער געשלאָפען מיט דער מאַמען. זיינע צוויי ברידערלעך זענען אויך געשלאָפען מיט דער מאַמען אין דעם זעלבען בעט. עס איז געווען אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט. אין שטוב איז געווען וועניג מיט וואָס זיך צוצודעקען. אַזוי זענען די קינדערלעך אַלע אַריינגעקראָכען צו דער מאַמען אין בעט אַריין, און אַלע אַלטע, אויסגעדיענטע קאַפּאָטעס און צוריסענע קאָלדרעס זענען געלעגען אויף דעם בעט. אָבער די אַלע אַלטע, אויסגעדיענטע קאַפּאָטעס און צוריסענע קאָלדרעס האָבען נישט אַזוי געוואַרעמט, ווי דעם טאַטענס פעלץ. דער טאַטע האָט געהאַט אַ פעלץ, וואָס ער האָט געקראָגען אַ חתן־מתּנה פון דער מאַמען, ווען זי איז מיט איהם אונטער דער חופּה געגאַנגען. דער פעטער גדליה איז געווען אַ וואויל־לערנער און האָט גע׳שמ׳ט אַלס

עלוי. און כאָסש דער פּעלץ איז שוין געווען אויסגעקראַכען און זיין קאָלנער, וועלכער האָט אַמאָל אַזוי שעהן געבלישטשעט און געוואָרפען זיך ווי אַ לעבעדיקע חיה, איז שוין טויט געווען, אויס-געלאָשן און אָפּגעבליאַקעוועט — דאָך, אַז מ׳האָט דעם פּעלץ ארויפ-געלעגט אויפ׳ן בעט, איז געקומען אַ וואַרעמקייט און האָט צוגע-דעקט דאָס גאַנצע הויזגעזינד, וואָס איז געווען איינגעקאָרטשעט, „פּיסלעך און הענטלעך צוזאַמענגעפּלאָכטען" אונטער איהם. און קוים האָט מען איהם אַראָבגענומען פון בעט, איז געווען ווי מען וואָלט פון בעט אַראָבגענומען דעם איינציגען בעשיצער. דאָס גאַנצע הויז-געזינד האָט זיך געפיהלט ווי זיי וואָלטען געלעגען נאַקעטע אין דרויסען אויף דער גאַס, ווי דער פּעלץ וואָלט פערטראָטען טאַ-טענס תמימות. דער טאַטע אַליין איז געזעסען אין די ווינטערדיקע פאַרטאָגען ביים טישעל און האָט געלערענט גמרא ביים שיין פון לאָמפּ. זיין גרויסער שאָטען האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער וואַנד און האָט איינגענומען אַ האַלבע שטוב. זיין קול איז געווען אַ טרויע-ריגער, אַן איינטאָניגער און ער האָט אָפּגעשלאָגען, ווי ער וואָלט געקומען פון ערגעץ גאַנץ ווייט. אין שטוב איז געווען קאַלט. די נאַכט האָט געוואָלט אַריינקומען דורך די שויבען, האָט זי נישט גע-קענט, ווייל די שויבען זענען געווען פערקאָוועט מיט הארטע אייז-בלומען. און דער טאַטע אין דער לייכטען, צוריסענעם זומער-כאַלאַטעל זיצט ביי דער גמרא און שאָקעלט זיך ווי דער אוגרוה פון אַ זייגער. און אַזוי ווי ער שאָקעלט זיך, אַזוי שאָקעלט זיך מיט אים דער שאָטען אויפ׳ן וואַנד. די מאַמע ווייסט, אַז ער זיצט אין דער קאַל-טער שטוב און לערענט, און גייט נישט אין וואַרעמען בית-המדרש אַריין, וואָס איז געהייצט, דערפאַר, וואָס ער וויל נישט אַראָבנעה-מען דעם פּעלץ פון דער מאַמעס בעט. האָט זי אים שוין אייניגע מאָל אויפגעפאָדערט און אַראָבגעוואָרפען דעם פּעלץ פון בעט און גערופען איהם:

— וואָס זיצסטו אין די קאַלטע שטוב? אין בית-המדרש איז דאָך וואַרעם!

דער טאַטע ענטפערט נישט. גדליה חסיד איז אַ שווייגענדי-גער און רעדט נישט קיין איין איבעריג וואָרט, וואָס מען דאַרף

נישט. ענטפערט ער איר גאָרנישט אָב, נאָר זיצט און לערנט ווייטער, ווי ער וואָלט זיך דאָ גאָרנישט געווען געפונען אין דער קאַלטער שטוב, אין אונזער שלעכטער צייט, נאָר ער וואָלט געווען געוואַרעמט זיך אין די וואַרעמע זון פון יענע וואַרעמע לענדער, אין וועלכע ער געפינט זיך איצט...

דער קליינער העניך ליגט מיט זיין מאַמען אונטער דעם פעלץ און קוקט אַרויס מיט זיינע שוואַרצע, פינקעלדיגע קינדערישע אויגען אויפ׳ן טאַטען. ער זעט דעם שאָטען אויף דער וואַנט פיעל מעהר ווי דעם טאַטען. דעם טאַטענס שאָטען וואַרפט אַן אויף אים אַן ערנסטקייט און אַ „מאָראַלישקייט”. דאָס גאַנצע שטיבעל ווערט פול מיט די הייליגע ווערטער און מיט דער הייליגער תורה, וואָס דער טאַטע לערענט. עס פערשווינדט די קאַלטקייט פון אָרימען בעט מיט די אָרימע קינדער. דאָס ליגען אויף איהם ווערט פערוואַנדעלט אין דער האַלבער טונקעלקייט, אונטער דעם שאָטענשיין פון דעם לעמפעל, אין אַ מורא׳דיגען באַרג, אַ באַרג מיט מענשען-קעפ... יעדעס צובראָכען בענקעל האַלט ביים לעבעדיג ווערען. יעדע פאָר הויזען, וואָס הענגען אויף אַ שטוהל, יעדעס קליידעל, יעדע פאָר שיך, יעדער טאָפּ, שענקעל-בענקעל, אין לעבעדיגע ברואים, אין ווילדע פערד פערוואַנדעלט, אין בהמות, חיות און עופות. אַלעס לעבט, אַלעס האָט אַ נשמה. גלגולים זענען עס, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען הערען דעם טאַטענס תורה, און אַזוי אַרום אויסגעלייזט צו ווערען און צו קריגען אַ תיקון...

און ער ליגט מיט דער מאַמען... ער, אַ יונגעל פון צעהן יאָר, וואָס לערענט שוין גמרא, וואָס יעדער איינער ריהמט איהם פאַר אַ גוטען קאָפּ, ער ליעגט מיט דער מאַמען ווי אַ מיידעל. מיט אימפּעט כאַפּט זיך אויף דאָס צעהן-יעהריגע יונגעל פון דער מאַמעס בעט אַרויס. און כדי זיך אַליין צו פייניגען און בייצוקומען דעם יצר-הרע, וואָס רעדט אים אָן צו בלייבען אין בעט, שטעקט ער אַרויס די נאַקעטע פיסלעך אויף דער קעלט — שפּרינגט אַרויס פון בעט, כאַפּט אויף זיך די צוריסענע הויזען, דאָס העמד, דאָס ציצה-כנפות. בחינם שרייט די מאַמע: „העניך, ווערסט דיך דאָך פערקיהלען! וואָס טהוסטו, העניך׳ל ?” העניך, ווי דער טאַטע, ענטפערט

נישט: גיט אַ ברום. און אפילו דער טאַטע איז מפסיק אויף אַ מי־נוט פון לערנען און זאָגט ווי פאַר זיך:

— עס איז נאָך פריה, גיי צוריק אין בעט אַריין. דאָס וואַ־סער איז געפרוירען!

הענעך ענטפערט דעם טאַטען אויך נישט דירעקט.

— איך וויל נישט שלאָפען.

הענעך גייט צו צום טאַטענס וואַסער. דאָס וואַסער אין טיג־טעל איז געפראָרען, האָט נישט מיט וואָס די נעגעל זיך אָפצוואַ־שען. דערמאָנט ער זיך אָבער, וואָס דער טאַטע האָט געטהאָן. נעהמט ער דאָס האַקמעסער און האַקט אָפּ אַ שטיק אייז, נעהמט דאָס שטיק אייז אין האַנד אַריין, וואַרפט עס פון איין האַנד אין דער צוויי־טער. דאָס אייז בריהט ווי אַ קויל, בריהט אונטער די נעגעל ווי הייס-זודיג וואַסער. הענעך האַלט דאָס שטיק אייז, רייבט זיך דער־מיט די הענד אָב.

— גדליה, זעה, וואָס דאָס יונגעל טהוט! — שרייט די מאַ־מע פון בעט אַרויס.

גדליה ווייסט וואָס דאָס יונגעל טהוט און שווייגט שטיל, ווייל דאָס יונגעל טהוט גוט.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום שאָקלען זיך שוין צוויי שאָטענס אויף דער וואַנט, איינער אַן אַלטער, אַ גרויסער, אַ ברייטער, מיט אַ ברייטער באָרד, און גרויסע, שטאַרקע ברעמען, וועלכער שאָ־קעלט זיך ריטמיש, לאַנגזאַם, נישט געאיילט, ווי אַן אונרוה פון אַ זייגער; און איינער אַ יונגער, אַן איילנדיגער, ווי אַ וואַסעריל, שאָ־קעלט זיך און באַוועגט זיך מיט אימפעט. און צוויי שטימען הערען זיך: איינע אַן ערנסטע, אַ טרויעריגע, אַ ווייטע, ווי פון אַ ווייטען עכאָ אָפּגעשלאָגען, און איינס אַן אונרוהיגעס, אַן אונגעדולדיגעס, יונגעס שטימעלע...

* * *

ביז דרייצעהן-פערצעהן יאָר פון זיין לעבען איז הענעך געווען זעהר רעליגיעז. ער האָט פון זיין פאָטער געירש׳נט די שטילע פרומקייט, וואָס האָט אַרומגענומען זיין שטיל געמיט ווי אַ טלית.

אַ שטילע תּפילה האָט שטענדיג אין איהם געבעטען. פון קינדהייט אָן איז זיין מח פול געוועזן מיט רעליגיעזע בילדער, וואָס ער האָט געלערענט אין תּנ״ך. און די בילדער האָבען צושפּיעלט זיין פאַנטאַזיע, און ער האָט איבערגעלעבט דאָס לעבען פון חומש. די בילדער פון אברהם, יצחק, יעקב, יוסף מיט זיינע ברידער, משה רבנו, און אַלע אַנדערע העלדען פון דער תּורה זענען געווען פאַר איהם לעבעדיגע מענשען. אין זייער לעבען איז געווען מעהר זיין לעבען ווי דאָס וואָכענדיגע, אָרימע לעבען פון דער היים. זיין קינדישע נשמה איז פול געווען מיט בענקשאַפט נאָך די אַלע הייליגע ערטער, נאָך דעם הייליגען רעליגיעזען לעבען. ער האָט געגלויבט אין משיח׳ן, אין די וועלט-אויסלייזונג מיט דעם גאַנצען אמת און דורשט פון זיין יונגער נשמה, און ער האָט געוואַרט יעדען טאָג אויף דעם צווייטען לעבען, וואָס בעדאַרף קומען, אַזוי ווי מען ערוואַרט עפּעס אַ זאַך אין דער ווירקליכקייט, נישט אין דער פאַנטאַזיע. אַזוי ווי ער האָט ערוואַרט דורך דעם לאַנגען און שווערען ווינטער, אַז עס זאָל שוין אָנקומען דער פרעהליכער הייליגער ריינער פּסח...

אין בית־המדרש, פון קליינערהייט אָן, פלעגט ער דאַוונען בעזונדער, בעהאַלטען — אַז קיינער זאָל איהם נישט זעהן. אָפּטמאָל, אַז ער איז געקומען אין דאַוונען צו די שטעלען, וואו עס רעדט זיך וועגען ירושלים, וועגען בית־המקדש, וועגען משיח׳ן — האָט ער געוויינט און געבעטען גאָט מיט די גאַנצע נאַאיוויטעט פון זיין קינדערשער נשמה, אַז גאָט זאָל שוין זיך ערבאַרמען אויף דער וועלט און צושיקען משיח׳ן. די שטעלען פון די תּפילות, וואו עס רעדט זיך וועגען משיח׳ן, זענען געווען ביי איהם די הייליגסטע, די אינטימסטע און די וויכטיגסטע, און ער פלעגט זיך ביי זיי לענגער אָבשטעלען ווי ביי אַנדערע תּפילות.

דאָס טיעפע רעליגיעזע געפיהל האָט הענעך איבערגענומען פון זיין טאַטען און עס האָט איבערגעלאָזט אַן אייביגען איינדרוק אויף זיין געמיט און פיהרונג. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ שוויי־גענדיגער. ער האָט זיך מפרנס געווען דערפון, וואָס ער האָט געלערענט מיט אַ פּאַר בחורים, נגידישע איידעמס, אַ שיעור אין שטי־

בעל. נאָר דער עיקר פרנסה־געבער איז געווען די מאַמע, וואָס האָט געהאַט אַ שטעל פון שניט־סחורה אין גאַס. די מאַמע האָט גע־שלעפּט גרויסע פּעק מיט סחורה, לייוועגט, ציץ, קאַמגאַרענס, פון הויז צו הויז. אין די מאַרק־טעג האָט זי געהאַט איהר „קראָם" פאַר די פויערען אין מאַרק. דער טאַטע פלעגט איהר העלפען, שטיל שווייגענדיג, אַרויסשטעלען די „שטעל" אויפ'ן מאַרק, אַרויסטראָגען די סחורות. ער האָט איהר נישט געקענט העלפען ביים פערקויפען, וואָרים ער האָט זיך דערויף נישט געטויגט.

דער טאַטע איז געווען אַ שווייגענדיגער. קיינמאָל, קיינמאָל האָט מען פון זיין מויל נישט געהערט אַן איבעריג וואָרט. גערעדט האָט ער געצעהלטע ווערטער, און האָט מען געמעגט דערצעהלען די שרעקליכסטע זאַכען, אָדער עס האָט געמעגט טרעפען אין דער היים עפּעס זעהר אויסטערלישעס, אַ גליק, צי אַן אומגליק, ער האָט זיך נישט געוואונדערט, ער האָט נישט אויסגעדריקט קיין פרייד, קיין לייד. מיט איין וואָרט, ווי ער וואָלט נישט דערויף רעאַגירט. דאָך איז ער געווען דער פיהלענדער פאָטער. אַז עס איז עפּעס אַ קינד געשעהן, איז ער נישט געשלאָפען גאַנצע נעכט, אויפגעזעסען ביים בעט מיט אַ ספר און דאָס קינד בעדיענט שווייגענדיג. איז נישט פריהער געגאַנגען שלאָפען, ביז אַלע קינדער זענען נישט געווען אין די בעטען, און צוגעדעקט מיט אַלטע קאַפּאָטעס און מיט זיין פעלץ. פלעגט זיך אויפכאַפּען, ווען עס איז נאָך שטאָק פינסטער געווען אין די קאַלטע ווינטער־נעכט, און לערנען אין דער שטיל, אַז ער זאָל די קינדער נישט אויפוועקען, און קיינמאָל נישט פערלאָזט דאָס הויז פאַר'ן בית־המדרש, ביז ער האָט נישט קיין פייער געמאַכט אין אויוועגדעל — איידער די מוטער מיט די קינדער האָבען זיך אויפגעכאַפּט.

דאָס, וואָס האָט אַממעהרסטען געוואונדערט אין דעם אידען, איז געווען זיין שטילע טיעפע איבערגעבענהייט צו זיין ווייב. כאָטש זי איז געווען די פרנסה־געבערין, און זי איז געווען דער וועלט־מענש, און ער האָט נאָר געהאַט צו טהאָן מיט הימלישע זאַכען, דאָך האָט ער נישט געלאָזט זיין ווייב שלעפּען די פּעק, שלעפּען די ברעטער צו די שטעלען. ער פלעגט אַרויסשטעלען די שטעל

אין מאַרק, אַרויסשלעפּען די סחורות, — אַ ריס אין האַרצן איז עס געווען פאַר פייגע'ן צו זעהן ווי איהר גדליה טהוט אַזעלכע וואָכענדיגע זאַכען. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפען. גדליה האָט געשלעפּט די פּעק ווי אַ פּראָסטער מענש. און פאַרנאַכט, אין די מאַרק־טעג, פלעגט ער אפילו פערשפּעטיגען מנחה. און געלאָפען אין מאַרק אַרויס אַהיימשלעפּען די פּעק.

אַז פייגע איז אַהיימגעקומען פון אַ מאַרק־טאָג אַ מיעדע און אָן אויסגעהאָרעוועטע, פלעגט זי געפינען דעם טיש געגרייט, אפילו אַ פייער אין קיכעל געמאַכט, און אַ טאָפּ מיט וואַרים וואַסער אַרונטערגעשטעלט אונטער די פייערקע. אַ שאַנד איז עס איהר געווען, מיט וואָס איהר גדליה בעשעפטיגט זיך. און זי פלעגט זיך בייזערען אויף איהם מיט אַ ליעבען פאָרוואורף.

— שוין געהערט אַ מאַנספּאַרשוין זאָל זיך פערנעהמען מיט אַזעלכע זאַכען?

אַמאָל, אַז זיי האָבען געהאַט קליינע קינדער, פלעגט גדליה אויפזיצען האַלבע נעכט ביי דער וויעג און איינשטילען דאָס קינד, אַז פייגע זאָל קענען שלאָפען. נאָך אפילו היינט, ווען ער הערט זי קרעכצען: אַ ריפּ שטעכט איר, אָדער די הויט פון די הענד און פּנים פלעגט איהר ברענען, אָבגעברענט פון דער זון, אויף וועלכע זי פלעגט זיך באַקען אַ גאַנצען טאָג — אַז גדליה הערט זי קרעכצען קען ער נישט שלאָפען.

צוהאַקט אַ ביסעל האָלץ, שטיל, שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערען, — און מאַכט אַ גלעזעל טהע — און שטעלט עס איהר אַוועק פאַר'ן בעט אָן אַ וואָרט אויסצורעדען.

און אַז פייגע דערזעהט דאָס גלעזעלע טהע, איז דאָך איהר אַ רחמנות אויף איהם, וואָס ער שלאָפט נישט, האַלט זי איין די שמערצען און קרעכצט נישט מעהר.

קיינמאָל האָט מען אין דער משפחה נישט געהערט קיין הויך וואָרט, אָדער אַ בייז וואָרט. צווישען מאַן און ווייב האָט געהערשט אַ טיעפע צנועה'דיגע ליעבע, וואָס האָט ווי אַ געזאַנג אָהן ווערטער געזונגען אין זייער בעשיידען אָרים לעבען. קיין איין וואָרט איז נישט געוואָרען גערעדט דערפון צווישען מאַן און ווייב. נאָר איי־

נער האָט געפּיהלט דעם צווייטען, ווי זיי וואָלטען געווען איין לייב און איין נשמה, און האָט זיך ביי פייגען נאָך טיילמאָל אויסגעדריקט אין אַ ליעבען געבייזער. למשל, ווען זי האָט געפונען ווי איהר גדליה בעשעפטיגט זיך מיט זאַכען, וואָס שטעהט נישט אָן לויט דעם כבוד פון אַ מאַנספּאַרשוין — האָט עס איהר וועה געטהאָן און עס האָט איהר אויך הנאה געטהאָן, וואָס איהר גדליה געדענקט אין איהר, פלעגט זיך איהר געפיהל צו איהם אויסדריקען אין אַ ליעבען געבייזעריל: — גיב נאָר אַ קוק מיט וואָס אַ מאַנספּאַרשוין פערנעהמט זיך. דאָס איז גוט פאַר אַ אידענע, ווי קומט אַ מאַנספּאַרשוין דערצו? — האָט זיך עס ביי איהם אויסגעדריקט מיט אַ שטילען בליק — וואָס ער פלעגט וואַרפען אויף איהר בעהאַלטענערהייט...

און דאָס שטילע צנועות'דיגע ליעבע געפיהל, וואָס האָט געהערשט צווישען מאַן און ווייב האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין גאַנצען הויז. מיט אַן אונגעהערטע צערטליכקייט זענען די קינדער געווען צוגעבונדען צו די עלטערען, און איינס צום אַנדערען.

דאָס לעבען פון די עלטערען האָט געהאַט אויפ'ן קליינעם העניך אַ טיעפען איינדרוק, און איבערגעלאָזט אייביגע שפּורען אויף זיין כאַראַקטער און פאַרנעהם.

גדליה איז געווען אַ גערער חסיד, און איז געפאָהרן איין מאָל אין יאָהר אויף יעדען יום טוב שבועות קיין גער צום רבי'ן. ווען העניך איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר, האָט איהם דער טאַטע מיטגענומען קיין גער, אַז ער זאָל זעהן דעם רבי'ן בעפאָר ער ווערט בר-מצווה. דער הויף, דער רבי, דער יום-טוב האָט געמאַכט אויף דעם צוועלף יאָהריגען אינגעל אַן אונגעהויערען עפעקט. עס איז נישט געווען דער רבי, נישט דאָס טיש-אַבריכטען, נישט דאָס התלהבות פון די חסידים, וואָס האָט אַזוי טיעף געריהרט זיין געמיט. עס איז געווען דאָס אחדות, דאָס צוזאַמענזיין פון אַזוי פיעל אידען אויף איין אָרט, און דאָס בשותפות'דיגע, וואָס לעבט צווישען די אידען. זיי זענען געשטאַנען אין אכסניא מיט הונדערטער אַנ-

דערע חסידים. אַלע זענען געשלאָפען צוזאַמען צו דריי-פיר אין איין בעט, אויף די טישען, אויף די בענק, אַלע האָבען געגעסען צוזאַמען. עס איז נישט געווען „מיין“ און עס איז נישט געווען „דיין“. עס איז געווען אַלעס בשותפות'דיגע. די רייכע און די אָרימע חסידים האָבען זיך געהאַלטען אַלע צוזאַמען. איינער האָט דעם אַנדערען געדוצט. אוןביים רבי'ן אין הויף, צי ביים דאַווענען, צי ביים טיש, האָבען זיך אַלע געשטופּט, זענען אַלע געווען אויסגעמישט צוזאַמען, אַלע האָבען געזונגען צוזאַמען, און איינער האָט דעם אַנדערען אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ'ן אַקסעל, איינער האָט דעם אַנדערען אָנגענומען ביי די הענד — און אַלע האָבען זיך געצויגען און געצויגען צו דעם אידען, וואָס איז געזעסען אויבען אָן, דאָס פּנים פערשטעלט מיט די הענד, — און געקרעכצט. און אַז מען האָט איהם געגעבען עסען אין אַ גרויסע שיסעל, האָט ער מיט די האַנד אָבגעבראָכען אַ שטיקעל פיש, אָדער פלייש — און טועם געווען. דאָס איבעריגע אָבגערוקט פאַר די חסידים, איז געוואָרען אַ געכאַפּ פון די טעלער. איינער האָט דעם אַנדערען געגעבען אַ כזית שריים פון דעם עסען, וואָס דער רבי האָט אָנגערירט. און אַז דער רבי האָט אָנגעהויבען צו זאָגען תורה, זענען אַלע געוואָרען ווי איין מענש, ווי איין קערפּער, און צוגעבויגען זיך צו הערען, וואָס דער רבי זאָגט, און האָט איינער פון טיש אָנגעהויבען אַ ניגון, האָבען עס אַלע אויפגעכאַפּט, און געזונגען צוזאַמען, און האָט ווער אָנגעהויבען צו טאַנצען, האָט מען זיך געפלאָכטען צוזאַמען, אָרים האָט אָנגענומען רייך, איינער האָט דעם אַנדערען אַריינגעשטופּט אין ראָד אַריין. איינער האָט געשלעפּט דעם אַנדערען ביי דער קאַפּאָטע, אָנגענומען ביי די הענד, געריסען ביים אַקסעל און געטאַנצט צוזאַמען.

אַזוי האָבען אַלע צוזאַמען אָבגעלעבט פינף טעג, אַלע זענען געווען צוזאַמענגעמישט, — איין משפחה, איין יום טוב.

עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז גרויסע טאַטעס, די בעזאָרגטע, פעריאָגטע, „פרנסה'דיגע“ אידען, זענען געוואָרען קינדער. די גאַנצע וועלט איז פריי געוואָרען. „אַהיימגעגאַנגען פון חדר“ און פריי געוואָרען פון רבי'ן.

אַזוי וועט זיין ווען משיח וועט קומען, האָט זיך דאָס יונגעל געטראַכט. נאָר דענסטמאָל וועלען עס אַלע אידען פון דער גאַנצער וועלט זיין. נישט נאָר אידען, אַלע מענשען פון דער גאַנצער וועלט וועלען אַזוי זיין, וועלען אַלע לעבען צוזאַמען, שטעהן אויף איין אַכסניא, עסען צוזאַמען, פרעהען זיך צוזאַמען, טאַנצען און זינגען צוזאַמען. משיח וועט זיין דער רבי, אַלע מענשען פון דער וועלט וועלען זיין די חסידים, — אַלע מענשען פון דער וועלט! גוים נישט, גוים וועלען אויסשטאַרבען, זיי וועלען אונטערגעהן — די גאַנצע וועלט וועט ווערען אידען.

און מיט דעם גאַנצען אינערליכען התלהבות זיינעם, מיט דעם גאַנצען רעליגיעזען אינסטינקט פון אַ נאַאיווען יונגעל האָט זיך העבעך גענומען משיח'ן צו דערנעגטערען. ער האָט געפאַסט האַלבע טעג, געדאַווענט לאַנג, און פרום, און מכון געווען יעדעס וואָרט — און געגלויבט, אַז יעדער טאָג, וואָס געהט אַוועק, דערנעהנטערט זיך דער קץ, ער קומט, ער קומט, ער קומט דער משיח... ביז איינמאָל איז די גאַנצע וועלט צוזאַמענגעפאַלען — און עס האָט זיך אויסגעלאָזט יעדע האָפנונג, און יעדער גלויבען.

אָנגעהויבען האָט עס זיך פון פערשידענע פראַגען, וואָס האָט בעעגבערט אין יונגעלס קאָפּ פון זיין קינדהייט אָן. צוערשט האָט ער מורא גאָר געהאַט צו קלערען וועגען זיי, און געזוכט זיי פערענטפערען מיט די אָנגענומענע תירוצים.

אויף די ערשטע פראַגע פון יעדען גלויביגען יונגעל: „פאַרוואָס איז דאָ מצוה און עברה?“ האָט מען איהם געגעבען תירוצים. יעדער מגיד, וואָס איז געקומען אין שטאָדט אַריין, האָט דערויף געדרשנ'ט, יעדעס מוסר-ספר פרואווט עס פערענטפערען, אַז די בחירה האָט גאָט איבערגעלאָזט צום מענשען.

אָבער פון די פראַגע איז ער געקומען צו אַ טיעפערע, — וואָס ער האָט מורא געהאַט ביז דאַן צו קלערען וועגען איהר.

„פאַרוואָס האָט גאָט בעשאַפען גוים און אידען? און פערשידענע אמונות? אַז ער איז כל יכול, פאַרוואָס מאַכט ער נישט אַזוי, אַז אַלע זאָלען גלויבען אין איהם? און ווידער, אַז ער מאַכט

נישט אַזוי — וואָס זענען די גוים שולדיג, אַז זיי זענען גוים? פאַרוואָס קומט זיי אונטערצוגעהן?"

און דאַן די עצם פראַגע אַליין, צו וועלכער ער האָט אַלץ מורא געהאַט צוצוגעהן: ווער זאָגט מיר, אַז אידען האָבען רעכט, אַז זיי דיענען דעם איינציגען גאָט. גוים איז דאָך דאָ מעהר ווי אידען. די גאַנצע וועלט זענען דאָך גוים — און אידען זענען דאָך נאָר ווינציגע — ווער זאָגט מיר, אַז אידען זענען די איינ־ציגע, וואָס ווייסען דעם ריכטיגען וועג?

און דאַן איז געקומען: „צוואָס דאַוונען? וואָס בעדאַרף גאָט מיינע מצוות? וואָס בעדאַרף ער, אַז איך זאָל איהם זאָגען לויב־געּ־זאַנגען? דער ערשטער פּרואוו איז געווען צו איבערהיפּען דאָס דאַוונען — און עס איז גאָרנישט געשעהן. די וועלט איז נישט אונ־טערגעגאַנגען — און ער איז נישט געשטאָרבען...

ער האָט נישט געהאַט מיט קיינעם צו רעדען וועגען דעם. ער איז נישט געוואוינט געווען מיט'ן טאַטען צו רעדען אַזעלכע זאַכען. דער טאַטע האָט געשוויגען. אַ פּאָר מאָל האָט ער יאָ געפּרואווט פרעגען דעם טאַטען, האָט איהם דער טאַטע אָבגעענטפערט איין וואָרט:

— מען דאַרף האָבען אמונה...

— און וואָס טהוט מען, אַז מען האָט נישט קיין אמונה?

האָט דער טאַטע געשוויגען.

דעם רבי'ן, ביי וועלכען ער האָט געלערענט, אַז ער האָט געפּרואווט פרעגען אַזאַ קשיה, האָט ער אים געגעבען אַ פּאַטש און געזאָגט:

— פון דיר וועט שוין קיין גוטעס נישט אַרויסקומען.

אַן אַנדער בחור, אַ מתמיד, ביי וועלכען ער האָט געלערענט אַ שיעור אין בית־המדרש, האָט איהם געענטפערט:

— מען דאַרף לייענען מוסר־ספרים.

האָט ער געלייענט מוסר־ספרים. די ספרים האָבען טאַקע געפּרואווט פערענטפערען אַלע קשיות, אָבער די קשיות זענען נאָך די תירוצים צוריקגעקומען.

אַ לאַנגע צייט האָט זיך הענעך אַרומגעדרעהט ווי אויף אַן

עולם התוהו. יאָהרען פון צער און פיין איז עס געווען. די קינדישע וועלט, וועלכע ער האָט געהאַט איז צופאַלען אין שטיקער, און קיין אַנ־דערע איז נישט געווען. ער האָט געפּרוּווט דאַוונען — פערגע־סען זיך. דאָס דאַוונען איז נישט געווען קיין דאַוונען. דאָס לער־נען קיין לערנען נישט. ער וואָלט זיך נאָך אפשר געווען געראַטע־וועט אין ים פון ספקות, אין וועלכען ער איז געזונקען — האָט איהם אַ בית־המדרש־בחור, אַ חבר, אונטערגעשיקט אפיקורסישע לשון־קודש'ע ביכלעך — וועלכע האָבען בעשיינפערלעך געמאַכט זיינע ספקות און אַוועקגענומען דאָס לעצטע ביסעל אמונה, וואָס ער האָט נאָך געהאַט.

איז דאָס יונגעל אַרומגעגאַנגען אַ פערלוירענער, עס איז קיי־נער נישט געווען וועמ ס'זאָל איהם ביי דער האַנד אָננעמען און אַ וועג ווייזען. אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ ביכעל, וואָס האָט עפּעס אָנגעוויזען און געוואָרפען אַ ליכט אויף אַן אַנדערען וועג — נאָר באַלד איז דאָס ליכט פערשוואונדען — און דער וועג איז געווען פינסטער ווי פריהער.

אין בית־המדרש איז ער געגאַנגען אויס געוואוינהייט — ער האָט געלערענט, געדאַוונט, ווייל עס איז נישט געווען עפּעס אַנ־דערש וואָס צו טהאָן. אָבער דאָס האַרץ איז געווען פּוסט, און עס איז נישט געווען פאַרוואָס צו לעבען.

ווי אַזוי קען מען לעבען אָהן אַ משיח?

דער טאַטע האָט עפּעס בעמערקט, נאָר ווי זיין געוואוינ־הייט — געשוויגען, נאָר מען האָט אָנגעזעהן, אַז ער בעמערקט, וואָרים ער האָט אַמאָל אין אַן אָווענד זיך אָנגערופען, אַזוי אין דער וועלט אריין:

— אָהן אַ תּכלית, ווי אַזוי קען מען לעבען?

אָבער וואו נעהמט מען דעם תּכלית? און וואו איז דער וועג צום תּכלית? — האָט ער איהם דען נישט געזוכט פון ערש־טען טאָג אָן, זינט ער האָט דעם ערשטען פערלוירען?

איז ער בעלעגען גאַנצע זומער־טעג אין וועלדעל ביים בית־עולם און געלערענט ביכלעך. זומער אין וועלדעל און ווינטער אין דער ווייבער־שוהל, אָדער ביים דקדוק־מלמד, געלערענט זיך די רו־

סישע גראַמאַטיקעס, דערנאָך אין געהיים ביים ליטווישען סטודענט, וואָס איז געווען אַ לעהרער. געלייענט סמאָלענסקין, מאַפּו׳ן, אַמאָל זיך שוין צוגעכאַפּט צו אַ רוסיש ביכעל. וואָס איז ער שולדיג, אַז ער האָט נישט געפונען דעם „תּכלית״? נאָר ער מוז דאָך ערגעץ־וואו זיין, אַז נישט וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט.

דענסטמאָל איז אַראָבגעקומען עפּעס אַ יונגערמאַן פון זשאַכ־לין, איינגאַנצען געווען אַ טאָג צי צוויי אין שטעדטעל, אַריינגעקו־מען אין בית־המדרש אַריין און געפּרואווט מאַכען אַ שמועס מיט די בחורים. דאַן האָט ער גענומען און געמאַכט מיט איהם אַ שפּאַציער אין וועלדיל אַרויס און האָט איהם דערצעהלט וועגען זאַכען, וואָס טהוען זיך אין די גרויסע שטעדט. וועגען די אמת׳ע גערעכטיג־קייט, — און ליעבע צו מענשען, און אַז עס ליגט אין די איי־גענע כּוחות, מען דאַרף וועלען, און מעהר פון רעדען האָט ער איבערגעלאָזט אַ פּאָר ביכלעך, און דווקא אין פּראָסטען אידיש. די ביכעלעך האָבען אָנגעמאַכט אַן איבערקעהרעניש אין הענעך׳ס גע־דאַנקען. ער האָט געוואוסט דערפון, און דאָך נישט געוואוסט, און עס איז דאָך געווען אַזוי איבען־אויף...

צוויי פון די ביכעלעך זענען געווען פון פּרץ׳ן: „דאָס שטריי־מעל״ און „באָנטשע שווייג״.

דאָס „שטריימעל״ האָט ווי אַ גליהענדע קויל אויסגעברענט דאָס לעצטע ביסעל אמונה צום „שטריימעל״ און איבערגעלאָזט אין האַרץ אַן אָפענע וואונד... און „באָנטשע שווייג״ האָט אויף דעם אָרט אָנגעהויבען איינצופלאַנצען עפּעס נייעס און פערהוילען די וואונד....

מיט דעם זעלבען עקסטאַז און הייליגער פרומקייט, וועלכע ער האָט געגלויבט אין אַ משיח — האָט ער אָנגעהויבען צו גלוי־בען אין אַ נייעם משיח — דעם משיח פאַר באָנטשע׳ן.

פופצעהן יאָהר איז דאָס יונגעל אַלט געווען, און מיט פופצעהן יאָהר האָט ער שוין געהאַט אַ וועלט צובראָכען — און אַ נייע גע־בוירען.

הענעך איז געוואָרען אַ בעל־מלאכה. ער איז געגאַנגען אויף די לעהר צו געטצען דעם דרוקער. ער האָט שוין פערדיענט פינף

און צוואַנציג רובעל אַ זמן. אין דער היים האָט מען עס געהאַלטען פאַר אַן אונגליק, וואָס דאָס יונגעל האָט אַוועקגעוואָרפען דאָס לערנען. דאָך דער טאַטע, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, האָט געשוויגען. ערגער פון שווייגען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט איהם גאָרנישט געזעהן. געווען מיט איהם אין איין שטוב, געגעסען מיט איהם ביי איין טיש — און דער טאַטע האָט איהם מעהר נישט געזעהן. דער טאַטע האָט געקענט מאַכען אַזוי, אַז ווען ער האָט געוואָלט האָט ער נישט בעמערקט. ער האָט איהם נישט געפרעגט וואָס ער טהוט; ער האָט קיינמאָל זיך נישט געווענדעט צו איהם מיט קיין וואָרט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען אין שטוב. און די מאַמע, די מאַמע האָט צוגעקריגען צו איהרע זאָרגען נאָך אַ זאָרג, און צו איהרע קרעכצען בייגאַכט, נאָך אַ קרעכץ — וואָס איהר זוהן איז געוואָרען אַ בעל=מלאכה.

דענסטמאָל האָט ער זיך בעקענט מיט דבורה׳ן,

זעקסטער קאַפּיטעל

דער ערשטער ראַנדעוואו

די אָפיציעלע „בעקאַנטשאַפט” צווישען הענעך'ן און דבורה'לען איז פאָרגעקומען אין אַ שעהנעם שבת נאָכמיטאָג ביי איטלען אין אויבס-סאָד. עס איז געווען אין „אַ שעהנעם שבת נאָכמיטאָג”, אַ תּמוז-שבת.

די זון האָט געלויכטען און די עפּעל און די באַרנעס האָבען זיך גערייפט אויף די ביימער. דער אַגרוס און די שטעגגלעך זענען שוין פערטיג געווען, און די פלוימען נאָך גרין, און קיין קאַרשען איז שוין נישט געווען. די בחורים פון שטעדטעל מיט די ביכער אונטער'ן אָרעם האָבען שפּאַציערט אין איין אַלעע, און די מיידלעך פון שטעדטעל אין די אויסגעפּרעסטע סאַטין-קליידלעך מיט די ביכער אונטער'ן אָרעם האָבען שפּאַציערט אין דער צווייטער אַלעע. ביי דעם צווייגען-ביידעל, וואָס איז געשטאַנען נעבען דעם גרויסען באַרגע-בוים האָבען זיך די אַלעען צוזאַמענגעטראָפען, און עס איז שטענדיג פונקט אַזוי אויסגעקומען, אַז אויף דעם אָרט האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען די בחורים און די מיידלעך פון ביידע אַלעען. ביי דעם ערשטען צוזאַמענטרעפען איז קיין וואָרט נישט געוואָרען גערעדט, נאָר בליקען געוואָרפען. ביים צווייטען צוזאַמענטרעפען האָט איינער פון די בחורים אָנגעהויבען צו לאַכען, זענען די מיידלעך ארויס אין אַ קוויטשענדיג געהילך און זענען פלינק אדורכגעלאָפען. ביים דריטען צוזאַמענטרעפען האָט אַ שמיאַלער בחור אַריבערגעוואָרפען אַ וואָרט צו די מיידלעך: „רויטע קאַרשען

פאַלען פון די ביימער״, האָט איהם אַ שמיאַלע מיידעל צוריקגע־
וואָרפען: „גרינע עפּעל זענען זויער״. און ביים פּערטען צוזאַמענ־
טרעפען האָט לייביש דער קאַמאַשניק, וואָס איז שוין געווען אַ
האַלב יאָהר אין לאָדז, און האָט שוין געוואוסט ווי מיט מיידלעך
אומצוגעהן, אָפּגעשטעלט די בחורים, און אָנגעהויבען „פאָרצושטע־
לען״ די, וואָס האָבען זיך נאָך נישט געקענט.

הענעך ליפּסקי האָט פון זיין זייט פאָרגעשטעלט לייביש דעם
קאַמאַשען-מאַכער.

דבורה זלאָטניק האָט פון איהר זייט פאָרגעשטעלט חנה׳לע
די זאָקען-מאַכערין, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט בעקענט מיט די
בחורים.

דבורה איז דענסמאָל אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, נאָר איהר
פּראָפעסיע, דאָס, וואָס זי איז אַ זעלבסטשטענדיגע נייטאָרין פאַר זיך
אַליין, האָט איהר געגעבען אַ „סאָציאַלע״ שטעלונג. די עלטערע
מיידלעך האָבען זיך גע׳חבר׳ט מיט איהר, מיט איהרע זעכצעהן יאָהר,
און מיט דעם שווערען לאַסט, וואָס האָט גערוהט אויף איהרע יונגע
פּלייצעס פון איהר קינדהייט אָן, האָט דבורה׳לע נישט עלטער אויס־
געזעהן ווי דענסטמאָל, ווען מיר האָבען זי געטראָפען צום ערשטען
מאָל. זי איז נאָר געווען העכער געוואַקסען, אָבער זי האָט אויס־
געזעהן ווי אַ קינד, וואָס פערשטעהט אַלץ. בחנם האָט די מאַמע גע־
וואָלט איינפעסלען איהרע ווילדע געקרייזעלטע האָר אין צוויי גע־
פלאָכטענע צעפּ. עס האָט נישט געהאָלפען אפילו די צוויי רויטע
זיידענע בענדער, מיט וועלכע די מאַמע האָט איינגעפלאָכטען די
האָר. די האָר, וועלכע זענען געכטען, פאַר שוהל-גאַנג, געוואַשען
געוואָרען אין אַ פעסעלע הייס וואַסער, האָבען זיך היינט אַרויס־
געפלאָנטעוועט פון די צעפּ און זענען געפאַלען, ווי יונגע גרעזער,
ווי אַ זיידען איידעל געוויקס, איבער איהר פּנים, פערשטעלט איהר
שטערן, איהרע אויגען. דבורה׳לע האָט זיי געמוזט אָפּשאַרען פון
די אויגען מיט אַ בעוועגונג מיט׳ן קאָפּ. זי איז געווען נידעריג גע־
וואַקסען פאַר איהר עלטער און האָט אויסגעזעהן ווי אַ קינד, וואָס
האָט זיך פערשטעלט פאַר אַ גרויסע. . .

צייט דער גרויסער יונג האָט אָנגעהויבען צו שיקען געלד

פון אַמעריקע, און צייט משה׳לע אָקס האָט אָנגעהויבען אַהיים צו ברענגען פון מאַרק, האָט די מאַמע געקליידעט דבורה׳ן. זי איז דאָך א „מיידעל" — האָט זי גע׳טענה׳ט צו אַנשלען. און דבורה׳לע האָט געהאַט אַ פּאָר שבת׳דיגע קאַמאַשען אויף איהרע פיס, און וואונדער איבער וואונדער, אַ ניי שבת׳דיג טיכען קלייד, וועלכעס איז געווען געמאַכט לויט די „לעצטע מאָדע", מיט אַ הויך קישעלע פון הינטען און מיט אַ געפּרעסט סטאַניקעל פון פאָרנט.

צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען האָט זיך דבורה בעקענט מיט אַ בחור. עס הייסט, אויך זי איז בעקענט געווען מיט די בחורים שוין פון לאַנג — ווער האָט זיך נישט געקענט אין דעם קליינעם שטעדטעל? צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען איז זי געוואָרען „פאָרגעשטעלט" פאַר אַ בחור. זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן, וואָס צו זאָגען. זי איז בלייך געוואָרען ווי די וואַנד, די שלייפען האָבען אָנגעהויבען צו אַרבייטען ביי איהר, אין איהר האַלז האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען אַ פּאָר בלויע אָדערען, וועלכע האָבען דורכגעשייַנט דורך איהר טונקעלע הויט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, אַז מען האָט עס געקענט הערען אין דער הויך. דערנאָך איז זי רויט געוואָרען, און דערנאָך ווידער בלייך. ענדלעך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי טראָגט דאָס נייע שבת־קלייד, וואָס איז געמאַכט לויט די „לעצטע מאָדע", און האָט זיך פערלאָזט אויף דעם קישעלע פון הינטען, און זי האָט זיך בערוהיגט...

מעהר נאָך פון איהר האָט זיך פערלוירען הענעך. הענעך ליפּסקי, וואָס איז געווען אַזאַ „מאַכער" ביי די יונגען, וואָס אַלע האָבען מורא געהאַט אַ מויל אויפצועפענען, ווען הענעך איז געווען, ווייל הענעך האָט אַלסדינג בעסער געוואוסט פון אַלע — האָט זיך אינגאַנצען פערלוירען אין געזעלשאַפט פון מיידלעך. ער האָט נישט בעקענט קיין מיידעל קוקען גלייך אין פנים אַריין, און שטענדיג געמוזט זיין בליק בויגען צו דר׳ערד, און גערעדט — ווי ער וואָלט די „מייז אייגערוימט אַ סוד אין אויער". ער איז געשטאַנען ווי זי — רויט, טויט, מיט די צו גרויסע הענד און לאַנגען אויסגעצויגענעם האַלז, און האָט נאַריש געשמייכעלט.

צוערשט זענען אַלע געגאַנגען צוזאַמען, אַלע בחורים מיט

די מיידלעך, און לייבעל קאמאשניק מיט חנה די זאקען-מאכערין האבען געפיהרט דאס געשפרעך פאר אלע. צוביסלעכווייז האבען זיך אנגעהויבען אויסצוטיילען פון דער געזעלשאפט „פארלעך", יעדער איינער האט געהאט זיין „סימפאטיע", און זענען זיך צו-גאנגען אין בעזונדערע וועגען. די איינציגע, וועלכע זענען איבער-געבליבען, איז געווען העניך מיט דבורה'לען.ביידע האבען זיך געפונען אין די „געזעלשאפט" צום ערשטען מאל, און נאך נישט געוואוסט וואס צו טהאן.

א לאנגע צייט זענען זיי ביידע געגאנגען צווישען די אלעען, און האבען נישט אויסגערעדט קיין ווארט. ביי ביידע האבען די הערצער געקלאפט, ביידע האבען געקוקט אין א זייט, און ביידע האבען נישט געוואוסט וואס אנצוהויבען. דבורה'לע האט זיך פער-לאזט אויף איהר ניי קלייד, וואס זי האט געטראגען, און אויף איהרע נייע שיך, און העניך אויף דעם גומענעם קראגען, וואס ער האט צום ערשטען מאל אנגעטהאן אויף שבת צום שפאציער אין סאד...

דורכגעהענדיג א פול בעוואקסענעם עפעל-בוים, האבען זיי איהם אומגערען א טרייסעל געגעבען, און א רויטער רייפער עפעל איז אראבגעפאלען פון בוים און געוואלגערט זיך פאר זייערע פיס. העניך האט אויפגעהויבען דעם עפעל. א לאנגע ווילע האט ער איהם געהאלטען אין די האנד, אזוי ווי ער וואלט נישט געוואוסט וואס צו טהאן מיט איהם. פלוצים האט ער איהם דערלאנגט דבורה-לען אהן א ווארט אויסצורעדען.

דאס מיידעל איז דערשראקען געווארען, האט זיך געשעהמט דעם עפעל צו בעהמען און מורא געהאט אבצוזאגען, אז זי זאל נישט אויסקוקען „קליינשטעדטיש", האט זי דעם עפעל צוגענומען, אויך אהן ווערטער, און נישט געוואוסט וואס צו טהאן מיט איהם.

— דבורה — זאגט ער — איך וואלט זיך געוואלט מיט איהן טרעפען אליין — און האט בשעת מעשה געקוקט אוועק אין א זייט.

— פארוואס עפעס אליין? — האט דבורה'לע געפרעגט, און נישט פערשטאנען וואס ער מיינט.

— איך וואָלט מיך געוואָלט טרעפען מיט איהן בעזונדער, אַז קיינער זאָל נישט זיין.

דבורה׳לע האָט געשוויגען.

— איך האָב עפּעס מיט איהן איבערצורעדען, — לעגט ער צו נאָך אַ לאַנגע ווייל.

— פאַרוואָס דען נישט? מיר קענען זיך טרעפען — האָט דבורה׳לע אָבגעענטפערט מיט האַרץ-קלאַפּונג.

אַ לאַנגע ווייל האָבען דיביידע געשוויגען, אַזוי ווי זיי וואָלטען ביידע אַ שרעקליכע זאַך בעגאַנגען. און עס איז געווען דבורה׳לע, וואָס האָט דערמאַנט אין „ראַנדעוואו".

— און וואו וועלען מיר זיך טרעפען? — האָט זי איהם דערמאָנט.

— זי וועלען אַרויסקומען צו דער אַלטער וואַסער-מיהל? איך וועל דאָרטען אויף איהן וואַרטען.

דבורה האָט נישט געענטפערט. באַלד איז צוגעקומען אַ חברטאָרין און האָט געפרעגט:

— וואָס רעדט עטך? אַ סוד? אָ, איך בעט אייך איבער.

— ניין, גאָר קיין סוד נישט. מיר האָבען גלאַט אַזוי גערעדט — פערענטפערט זיך דבורה.

אַ גאַנצען וועג זענען זיי שוין געגאַנגען אַלע צוזאַמען, די בחורי׳ם און די מעדלעך. די זאַקען-מאַכערין האָט געזונגען אַ ליעד, און העניך מיט דבורה׳ן האָבען נישט געהאַט קיין געלעגענהייט זיך צוזאַמענצורעדען. נאָר אַז מען איז געקומען צו דער אַלעע, וואו מען איז זיך צוגאַנגען, האָבען זיך אַלע, ווי די געוואוינהייט איז געווען, געגעבען די הענד. און אַז עס איז געקומען, אַז העניך האָט דערלאַנגט די האַנד דבורה׳לען, האָט זי די ערשטע דערמאָנט.

— יאָ — האָט זי געזאָגט — אַזוי פּלוצים, און אַזוי עפּעס מאָדנע. דער „יאָ" האָט לאַנג, לאַנג דערנאָך געקלונגען אין העניך׳ס אויערען, ווי עפּעס אויסטערלישעס. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז אין דעם „יאָ" איז געלעגען אַזוי פיעל שעהנקייט, אַזוי פיעל חן — אַזוי פיעל, וואָס ער קען נישט אַרויסברענגען.

— „יאָ" — האָט זי געזאָגט, האָט ער איבערגע'חזר'ט טויזענד מאָל אין זיך ווי אַ מוזיק.

— „יאָ", האָט זי געזאָגט — איז ער געשפרונגען איבער די געסלעך, ווי אַ ציג, אַז ער וואָלט געקענט די וועלט אַרומכאַפּען און זי קושען... אוי, אַז ער וואָלט וועמען געקענט דערצעהלען...

געשלאָפען די נאַכט זענען זיי ביידע נישט. דבורה האָט געהאַט עפּעס אַ בעהאַלטען שפּיגעלע, האָט זי עס געווישט און געווישט און געשפּיגעלט זיך דעריבער, אַז קיינער האָט נישט געזעהן. זי האָט אויך איהרע צופלאָכטענע געקרייזעלטע האָר פעסטער איינגעפלאָכטען און איינגעקרעמפּעלט זיי מיט דעם שבת'דיגען רויטען באַנד, אַז זיי זאָלען זיך נישט צופלאַשען, איידער זי האָט זיך געלעגט.

און העניך האָט געוואַשען דעם גומענעם קראַגען, איידער ער האָט זיך שלאָפען געלייגט. צומאָרגענס ביים גייהען, האָט זי דריי מאָל געמוזט אָפּטרענען פּאַלשע נענט, וואָס זי האָט געמאַכט אין חנה־רייזעל'ס אויסשטייער־העמד. די מאַמע האָט געטענה'עט דעם גאַנצען טאָג, אַז עס האָט איהר וועה, חלילה, אַן עין הרע געגעבען, וואָרים זי זעהט אויס ווי זי וואָלט וואַרימקייט געהאַט. איהרע באַקען גליהען. און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז די מויד איז נישט מיט אַלעמען.

— איך האָב שוין לאַנג געזעהן, אַז עפּעס איז מיט דער מויד געשעהן, נאָר איך האָב געשוויגען.

— אַנשעל, דו שרעקסט דאָך מיך איבער. וואָס האָסטו געוואוסט, וואָס? — פרעגט שרה־רבקה.

— אַז זי געהט אַרום ווי די „נישט־גוטע" וואָלטען זי געבאַפּט.

— שווייג שוין, שווייג, זאָלען שוין דיינע שונאים רעדען.

אַז עס איז געקומען פּאַרנאַכט, האָט זיך דבורה'לע צוגעכאַפּט צום היימישען שפּיגעל, וואָס איז בעשטאַנען פון דעם, וואָס מען האָט אונטער די שויב פון שויבען-שענקעל אַרונטערגעהאָנגען דער מאַמעס שוואַרץ קאַפּטאַנדעל (דאָס איז געווען אַן ערפינדונג פון

„משה׳לע אָקס״) און געשפּיגעלט זיך און געשפּיגעלט, פערפלאָכ־טען די האָר און איינגעפלאָכטען אין צאָפּ דעם נייעם שבת׳דיגען רויטען באַנד. די מאַמע האָט דוקא געוואָלט וויסען: „וואָס איז דער מעהר? וואָס איז דיינער אַניערש פון אַן אַנדער מאָל?״ (אַ גרויס גליק, וואָס דער טאַטע איז נישט געווען — ער איז געגאַנגען אין בית המדרש אַריין צו מעריב). דבורה׳לע האָט זיך אָנגעטהאָן דאָס שבת׳דיגע קאַפּטאַנדעל און איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַציערען „צו די אַלעע״ — האָט זי געזאָגט.

ביים שלאַג־בוים, וואָס פיהרט צו דער מיהל, האָט ער שוין געוואַרט אויף איהר. ער האָט געטראָגען דעם גומענעם קראַ־גען — אַ פרישען געוואַשענעם און עפּעס אַ באַנד פערבונדען אין אַן אַרט שניפּס מיט אַ פאַנטאַזיע. פון „ערגעץ־וואו״ האָט ער בע־קומען אַ שטעקעלע, וואָס איז געווען אַרויסגענומען פון אַ פּאַרי־סאָל, און האָט דערמיט וואויל־יונגעריש געפאָכעט.

אַז ער האָט זי געזעהן אָנקומען, האָט ער זיך צוגעקנעפּעלט די צופלאָשעטע קאַפּאָטע צום לעצטען מאָל, אַ שאַר אַרונטער גע־געבען די פאות אונטער די אויערען און גענומען דאָס שטעקעלע מעשה פּראַנט און איז איהר מיט אימפּעט אַנטקעגען געלאָפען. צו־געקומען צו איר, איז ער פּלוצים שטעהן געבליבען און געשמיי־כעלט.

— דבורה׳לע — האָט ער געזאָגט און אָבגעהאַקט.

זי האָט נישט געענטפערט.

ביז צום וועלדעל זענען זיי געגאַנגען און געשוויגען. אַז זיי זענען צוגעקומען צום וואַסער־מיהלכעל, וואו זיי האָבען זיך אַוועק־געזעצט אויפ׳ן אַלטען קלאָץ, האָט זי די ערשטע אָנגעהויבען רעדען.

— נאָך וואָס האָבען זי מיך גערופען? — האָט זי געפרעגט, מיידעלש־ברוגזדיג.

— גאָרנישט — האָט ער געשמייכעלט.

— פאַרוואָס האָבען זי מיך גערופען? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— גלאַט אַזוי.

— גלאַט אַזוי רופט מען? — האָט זי געזאָגט.

— איך האָב געוואָלט אייך עפּעס פאָרלעזען — האָט ענד־לעך העניעך געזאָגט.

— וואָס האָבען זי מיר געוואָלט פאָרלעזען?

— אַ געדיכט.

— אַ געדיכט? — פרעגט איבער דבורה.

— יאָ, אַ שעהן געדיכט פון אַ נייעם דיכטער.

— לעזען זי מיר פאָר.

העניעך האָט אַרויסגענומען דאָס געדיכט, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין אַ נייעם אידישען זאַמעלבוך, וואָס ער האָט בעקומען. אין דעם ליעד איז גערעדט געוואָרען פון פריהלינג, פון מאַי, און איז געווען אויך אָנגעשפּיעלט אויף די „פרייהייט“. ביי דעם גע־דיכט איז העניעך שוין מעהר בעגייסטערט געוואָרען, און ער האָט זיך מעהר געפּוגען.

— זי פערשטעהן, וואָס „ער“ מיינט מיט דעם פריהלינג?

— ניין, איך פערשטעה „ניכט“.

דאָס מיינט ער נישט גלאַט אַזוי דעם פריהלינג, דאָס מיינט „ער“ די פרייהייט — ווען די מענשען וועלען אַראָבוואַרפען פון זיך די קייטען פון קנעכטשאַפט — ווען זיי וועלען זיך בעפרייען. ווען דער „ווינטער“ וועט שוין זיין פערביי, און דער פריהלינג וועט קומען' און די וואַסערען וועלען זיך בעפרייען פון זייער „אייז“. זי פערשטעהען, וואָס „ער“ מיינט דערמיט?

— ניין, — האָט דבורה'לע געשאָקעלט מיטן קאָפּ.

— דאָס מיינט „ער“, ווען די מענשען וועלען אַראָבוואַר־פען פון זיך די קייטען, וואָס זייערע טיראַנען האָבען זיי אָנגע־טהאָן; ווען זיי וועלען זיך בעפרייען פון יאָך פון דער קנעכט־שאַפט, דעמאָלט וועט קומען דער „פריהלינג“, די אייביגע פרייהייט וועט שיינען איבער דער וועלט. יעצט פערשטעהען זי שוין?

— יאָ — האָט דבורה'לע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האָט פּלוצים אויפגעהערט לעזען און זיך פערטראַכט. — וואָס טראַכטען זי? — האָט זי געפרעגט.

— גאָרנישט — האָט העניעך געענטפערט.

— זי וויסען פאַרוואָס איך האָב איהן דאָ אַרויסגערופען? — האָט ער פלוצלינג געפרעגט.

— ניין — האָט דבורה'לע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז דער שראָקען געוואָרען פאַר דעם, וואָס העגעך געהט רעדען מיט איהר.

נאָר העגעך האָט ווייטער נישט גערעדט:

— און פאַרוואָס זאָגען זי מיר נישט

— ניין, נאָך נישט יעצט, איך קען איהן נאָך יעצט נישט זאָגען — האָט העגעך זיך איבערגעלעגט — עס איז זעהר אַן ערנסטע זאַך. עס איז לעבען און טויט.

די ווערטער האָבען אויף דבורה'ן אַ שרעק און ערענסט אָנגעוואָרפען. אָבער עס האָט זי געפרעהט, וואָס העגעך געהט רעדען מיט איהר וועגען אַזאַ ערנסטע זאַך, „וואָס איז לעבען און טויט", זי האָט נישט געוואַגט צו פרעגען וועגען וואָס ער וויל רעדען מיט איהר.

דאַן האָבען זיי ביידע געשוויגען אַ לאַנגע ווילע. די נאַכט איז צוגעפאַלען לאַנגזאַם און שטיל. פאַרהאַנגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו וויקלען פון וועלדעל אַרויס, און איינגעהיעלט די וואָלקענס. די זון איז אונטערגעגאַנגען אין אַ פרעמד לאַנד, און דאָס לעצטע ביסעל רויט איז פאַרטרונקען געוואָרען אין אַ בלאָען טייך, וואָס האָט פאַרשוומען אַ האַלבען הימעל. איבער דער וועלט איז געקומען אַ מאַראַלישקייט און אַ טרויעריגקייט...

לאַנג זענען זיי געזעסען ביידע און געקוקט, ווי דער בלאָער טייך אויפ'ן הימעל פאַרשלינגט יעדעס ליכטיגע וואָלקענדעל, און עס ווערט וואָס אַמאָל מעהר טונקעלער און טונקעלער.

קיינער האָט נישט גערעדט און איינס האָט נישט געקוקט אויפ'ן צווייטען. ווען זיי האָבען זיך ענדלעך אויפגעהויבען צוריקצוגעהן אין שטעדטעל אַריין, האָבען זיי זיך געפונען, אַז זיי האָבען זיך געהאַלטען איינס דאָס אַנדערע ביי די הענד...

זיבעטער קאַפּיטעל

פאַר דער הייליגער זאַך

פאַר דבורה'ן האָט זיך אָנגעהויבען אַ ניי לעבען, אַ לעבען פול מיט ערווארטונג, עפּעס וואָס האָט אויפגעבליהט אין דעם יונגען בלוט, עפּעס, וואָס זי האָט נישט געוואוסט, חלומות, וואָס זי האָט נישט געקענט, האָבען געוויקעלט בלויע פאָרהאַנגען אַרום איהר נשמה... ביי דער נעה-מאַשין איז זי געזעסען און האָט אויסגענעהט העמדער פאַר כּלות, פאַר קימפּעטאָרינס, און אין יעדען שטאָך איז אַריינגענעהט געוואָרען אַ חלום, אַ באַגעהר...

פאַרנאַכט, ווען זי האָט זיך אָנגעטהאָן אַראָבצוגעהן אין די אַלעען שפּאַצירען, ווי זי האָט דער מוטער געזאָגט, איז זי אַוועק צום שלאַג-בוים, דאָרט האָט ער שוין געוואַרט אויף איהר מיט'ן שטעקעלע אין דער האַנד, און יעדעס מאָל מיט אַ ניי ביכעל איז ער מיט אַ פערשעהמט שמייכעלע איהר אַנטקעגען געלאָפען, און געבליבען שטעהן, און דאַן זענען זיי אָהן ווערטער צוגעגאַנגען צום קלאָץ פון דער אַלטער וואַסער-מיהל, וואָס איז געווען בעהאַלטען אונטער די טאָפּאָלען-ביימער.

יעדעס מאָל, ווען זי איז אַרויסגעקומען צו איהם, איז עס געווען אַ ניי געזאַנג. יעדעס מאָל, ווען זיי זענען שווייגענדיג צוגעגאַנגען צום מיהלכעל מיט קלאַפּעדיגע הערצער, איז עס געווען אַ נייע „ליעבע שפּיעלען", אַ נייע „חתן-כּלה" ווערען...

גאָרנישט האָבען זיי גערעדט. אַז זיי זענען אָנגעקומען צום קלאָץ, פלעגט העניך פערשעהמט אַרויסנעמען דאָס ביכעל פון אונ

טער דעם בוזים און פרעגען:

— דבורה, זי ווילען עפּעס הערען?

— יאָ, — האָט זי אָבגעענטפערט.

און הענעך פלעגט אָנהויבען לעזען פון די ביכלעך, און איהר אויסטייטשען און פערשטעהן געבען. הענעך האָט געלעבט אין די ביכלעך, און אַז ער איז אַריינגעקומען אין לעזען, איז ער אויפגעלעבט געוואָרען, און האָט זיך אויפגעהערט צו שעמען, און עס דוכט זיך, אַז ער האָט גערעדט צו איהר, וואָס ער האָט געוואָלט רעדען — דורך די ביכלעך...

זי האָט איהם יאָ פערשטאַנען, נישט פערשטאַנען. נאָר דאַרף מען דען פערשטעהן? פאַר איהר זענען הענעכ'ס ביכלעך געווען ווי די הייליגע תורה פאַר איהר מוטער, און זי האָט אַרויפגעקוקט צו איהם מיט שטאָלץ און אַכטונג. אַ גרויסער יראת הכבוד האָט זי אַרומגענומען פאַר הענעכ'ן, און זי איז איהם דאַנקבאַר געווען פאַר יעדעס וואָרט, וואָס ער שענקט איהר, וואָס ער געהט מיט איהר, וואָס ער לעזט פאַר איהר. און זי האָט נישט פערשטאַנען פאַרוואָס ער טהוט דאָס.

און פונקט ווי איהר פאָטער פאַר איהר מוטער, ווען זי הערט איהם די סדרה לייענען, אַזוי איז הענעך פאַר דבורה'ן מיט זיינע ביכלעך...

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ביים מיהלכעל, נאָכדעם ווי ער האָט איהר עפּעס געלעזען, און הענעך איז עפּעס געווען מאָדנע אויפגעלעגט, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— דבורה, — האָט ער אָנגעהויבען — איך האָב געוואָלט מיט איהן וועגען עפּעס רעדען. וועגען זעהר אַ וויכטיגע און ערנסטע זאַך. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט רעדען, נאָר נישט געוואוסט ווי איך זאָל — איך וויים נישט אויב זי ווילען — זאָל איך רעדען? — האָט ער געפרעגט.

— נו, רעדען זי, — האָט זי געזאָגט מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ.

— מיינען זי נישט, אַז דאָס לעבען איז אַ לייכטע זאַך. דאָס לעבען איז אַן ערנסטע, זעהר אַן ערנסטע זאַך. און יעדער איי־

נער מוז האָבען זיין חוב, און קענען בעצאָהלען זיין חוב. פערשטעהען זי מיך?

— יאָ, — האָט זי צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, כאָטש זי האָט נישט פערשטאַנען.

— וואָלטען זי אויך געוואָלט נעהמען אויף זיך דעם „חוב"? קיינער זאָל איהן נישט נויטען דערצו, נאָר אַליין פון אייגענעם ווילען.

— וואָס פאַר אַ חוב? — האָט זי געפרעגט.

— אַ חוב פאַר די „הייליגע זאַך".

— וואָס הייסט די „הייליגע זאַך"? — האָט זי געפרעגט.

— די „הייליגע זאַך", דאָס איז די רעוואָלוציע.

— די „רעוואָלוציע"? — האָט דבורה'לע געפרעגט דערשראָקען.

— יאָ, — האָט העניך אָבגעענטפערט מיט אַ זיכערקייט, און זיין גאַנץ חתנ'דיגע שעמעוודיגקייט איז אַוועק, — דאָס איז די פרייהייט, די גרויסע פרייהייט פאַר אַלע מענשען — די „הייליגע זאַך".

דבורה'לע איז פערשטומט געוואָרען פאַר דעם ערענסט פון די ווערטער. זי האָט אָנגעקוקט העניכ'ן מיט איהרע גרויסע אויגען, און דער גאַנצער ערענסט פון איר קינדישער נשמה איז געווען אָנגעהאָנגען אין איר בליק. פאַר שרעק און ערענסט האָט זי נישט געקענט רעדען.

— ווילען זי אויך נעהמען אויף זיך דעם חוב, ווי מיר אַלע פאַר די „הייליגע זאַך", „דעם חוב פאַר די פרייהייט פון דער גאַנצער מענשהייט"?

— און וואָס דאַרף מען טהאָן, אַז מען נעמט אויף זיך דעם חוב פאַר די „הייליגע זאַך"? — האָט דבורה אַרויסגעשטאַמעלט די לעצטע ווערטער, ווי זי וואָלט מורא געהאַט צו פאַרשוועכען די הייליגע ווערטער מיט איהרע ליפּען, און געקוקט אויף העניכ'ן מיט תחנונים, אַז ער זאָל זי לערנען.

— מען דאַרף זיין גרייט צו בעצאָהלען דעם חוב צו יעדער צייט.

— צו יעדער צייט? — האָט דבורה איבערגע׳חזר׳ט די לעצ־טע ווערטער.

— אַפילו מיט׳ן לעבען, — האָט העניך אָבגעהאקט.

— אַפילו מיט׳ן לעבען? — האָט דבורה מעכאַניש איבער־גע׳חזר׳ט די רייד מיט מורא.

— פערשטעהען זי, וואָס איך מיין?

— יאָ, איך פערשטעה — האָט דבורה אָבגעענטפערט.

— און זענען זי גרייט צו בעצאָהלען פאַר דעם חוב מיט איהנס לעבען?

דבורה האָט נישט אָבגעענטפערט מיט רייד, פאַר שרעק, נאָר זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

— און ווען מען וועט בעדאַרפען איהנס לעבען פאַר די „היי־ליגע זאַך״, וועלען זי געבען איהנס לעבען? — האָט העניך גע־פרעגט דירעקט.

— דבורה׳לע האָט געמיינט, אַז מען בעדאַרף גלייך איהר לעבען פאַר די „הייליגע זאַך״, און זי איז גרייט געווען עס אַוועק־צוגעבען גלייך אויפ׳ן אָרט.

— יאָ, איך וועל געבען מיין לעבען פאַר די „הייליגע זאַך״, — האָט דבורה׳לע געזאָגט מיט אַ ציטעריגע און פרומע שטימע, אַזוי ווי זי וואָלט געשטאַנען אין אַ שוהל פאַר גאָט.

— אַזוי זענען מיר ברודער און שוועסטער, — האָט העניך איהר געגעבען זיין האַנד.

ביידע האָבען זיך געגעבען די הענד מיט דעם גאַנצען ערענסט מיט דעם גאַנצען גלויבען און מיט דער גאַנצער הייליגקייט פון זייערע יונגע נשמות.

— איך וועל איהן פאַרשטעלען שבת אין וואַלד, פאַר די חברים, — האָט העניך געזאָגט.

— גוט, — האָט דבורה׳לע אָבגעענטפערט מיט גרויס דאַנק־באַרקייט.

— נאָר איין זאַך מוזען זי געדענקען, אַז קוים זענען זי אַריינגעגאַנגען אין די „פּאַרטיי״, מוזען זי קענען בעהאַלטען דעם סוד, אַפילו צו שטאַרבען און נישט אַרויסצוגעבען דעם סוד.

— אפילו צו שטאַרבען, — האָט דבורה׳לע אָבגעענטפערט.
דערויף האָבען זיי אַ ווײַלע געשוויגען.

אַ גרויסע אײַנבעוואוסטע פרייד האָט ביידע אַרומגענומען. פאַר פרייד האָבען זיי געשוויגען. וואָרים זיי האָבען נישט געהאַט וואָס צו רעדען. נאָר העניעך האָט מיט זיין שטעקעלע געפּאָכעט אין דער לופטען.

— עס איז גוט, עס איז גוט! — האָט ער געזאָגט פאַר זיך.

— וואָס איז גוט? — האָט דבורה׳לע געפרעגט.

— דאָס לעבען, די וועלט, עס לוינט זיך צו לעבען, און עס איז ווערטה צו שטאַרבען. ניין?

— יאָ, — האָט דבורה׳לע געענטפערט.

און דאַן האָט דבורה׳לע פּלוצלינג אָנגעהויבען:

— און פאַרוואָס זאָגען זי מיר נאָך „זי", ווען מיר זענען ברודער און שוועסטער?

— יאָ, זי האָבען רעכט. מיר בעדאַרפען זיך נישט מעהר זאָגען „זי". מיר בעדאַרפען זיך שוין „דוצען".

נאָר דוצען האָט העניעך נישט געקענט. פיעל בעסער האָט עס געקענט טהאָן דבורה.

און זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איהם געזאָגט „דו".

— העניעך, — זאָגט זי — איך בין גליקליך, וואָס איך האָב זיך מיט דיר באַגעגענד. ביזט דו אויך גליקליך? — נאָר זי האָט זיך אַזוי דערשראָקען פאַר דעם וואָרט „דיר", אַז זי האָט נישט געקענט ענדיגען דעם זאַץ, און דעם צווייטען „דו" האָט זי שוין איבערגעהיפּערט.

העניעך האָט אַ לאַנגע ווײַלע נישט געענטפערט. ער האָט זיך פערקוקט אָן אַ זייט און געשטאַמעלט.

— אוודאי בין איך גליקליך...

דאַן זענען זיי ביידע רויט געוואָרען און דערנאָך בלייך, און זייערע הערצער האָבען אַזוי הויך געקלאַפּט, אַז אייגער האָט געהערט דעם אַנדערנ׳ס הארץ קלאַפּען.

אַזוי זענען זיי געזעסען אַ לאַנגע ווײַלע אין שווייגען. און פּלוצלינג איז עס געשעהן — דבורה׳לע האָט אַרומגענומען הענעכ׳ן און האָט איהם געקושט.

ווען די ערד וואָלט זיך געעפענט, וואָלטען זיך ביידע געוועזן בעהאַלטען אין איהרע שפּאַלטען פון זיך אַליין. און דאַן האָבען פּלוצלינג פון דבורה׳לעס אויגען געגעבען אַ שפּראָץ אַרויס גרויסע טרעהרען. זי האָט צוערשט געפּרואווט זיי בעהאַלטען מיט די הענד, מיט׳ן טיכעל, נאָר זי האָט עס נישט געקענט. זי האָט אָנגעלעהנט איהר פּנים אויף הענעכ׳ס אַקסעל און געוויינט.

הענעך האָט זי געגלעט איבער די האָר, נישט קוקענדיג אויף איהר:

— וואָס וויינען זי, דבורה׳לע? פאַרוואָס וויינען זי?

— איך ווייס נישט, — האָט דבורה׳לע אָבגעענטפערט אין שלוכצען.

הענעך האָט שוין גאָרנישט געפרעגט.

אַז דבורה׳לע האָט זיך בערוהיגט איז שוין שטאַרק פינסטער געוועזן. זיי זענען ביידע צוריקגעגאַנגען אין שטעדטעל אַריין שווייגענדיגע. נאָר איידער זיי האָבען זיך בעדאַרפט צו שיידען, האָט זיך פּלוצלינג הענעך אָנגערופען:

— פאַר די „הייליגע זאַך״ בעדאַרף מען אַלעס אָפּפערן, אַלעס, אַפילו די „ליעבע“. זי פערשטעהען, דבורה׳לע?

— יאָ, איך פערשטעה, — האָט דבורה׳לע אָבגעענטפערט ווי אַ שולדיגע.

און דאַן האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געקלערט וועגען דעם וואָס פאַר אַן אונווירדיגע זי איז, וואָס זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטען און פערשוועכט די „הייליגע זאַך״ מיט איהר זינדיגע „ליעבע“.

* * *

די חרטה האָט זי געשמיסען ווי מיט ריטער, וואָס זי האָט פערשוועכט די „הייליגע זאַך״ מיט איהר ליעבע. הענעך האָט זי אַריינגענומען אין אַ הייליגען סוד אַריין. הענעך האָט זי אויפגעהויבען און אַוועקגעטראָגען אין אַן אַנדערע, אין אַ העכערע, אין

אַ שעהנערע וועלט. און זי האָט עס פערשוועכט מיט איהר נאַרישער „ליעבע".

און כאָטש זי האָט געהאַלטען, אַז דאָס, וואָס עס איז פאָר־געקומען נעכטען צווישען זיי ביידע, איז שוין די אמת׳ע, די „הייליגע ליעבע", וועגען וועלכער זי האָט געלעזען אין די ביכער, אַז דער קוש, וואָס זיי האָבען זיך געגעבען, האָט זיי שוין פערבונדען, פער׳קנס׳ט אויף אייביג, ביז צום לעצטען אָטעם — אָבער וואָס פאַר א ווערט, וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט איהר „זינדיגע" ליעבע געהאַט געגען די „הייליגע זאַך", אין וועלכער הענעך האָט זי אַריינגענומען?

די נעכסטע פאָר אָווענדען איז זי נישט מעהר אַרויסגעגאַנגען צום וואַסער־מיהלכעל. זי האָט זיך געשעהמט צו באַגעגענען זיך נאָך אַמאָל מיט הענעכ׳ן פנים אל פנים. און זי איז געוועזען זיכער, אַז הענעך וואַרט שוין נישט מעהר אויף איהר, און אַלעס איז שוין אויס.

און אַז זי האָט איהם דערזעהן שבת אין סאָד מיט חברים, האָט איהר הארץ געקלאַפּט, און זי האָט זיך געשעהמט און מורא געהאַט צו קוקען אַהין, וואו ער איז, אַז זי זאָל זיך נישט טרעפען מיט זיין בליק.

ווי איבערראַשט איז זי אָבער געוואָרען, ווען הענעך איז צוגעקומען נאָהנט צו איהר, און געזאָגט אין דער שטיל:

— דבורה׳לע, איך וויל עפּעס מיט איהן רעדען.

זי איז רויט געוואָרען און געמאַכט זיך ווי זי הערט איהם נישט. די חבר׳טאָרינס זענען געוועזען אַרום און די חברים, און אַלע זענען נאָכגעגאַנגען צוזאַמען.

נאָר אַלע חברים און חבר׳טאָרינס האָבען געוואוסט, אַז צווישען הענעכ׳ן און דבורה׳לען „פיהרט זיך אַ ליעבע". און אויס סימפּאַטיע האָבען זיי אַזוי געמאַכט, אַז הענעך זאָל געהן מיט דבורה׳לען. אויסגעמידען זיי, און געלאָזט זיי אַליין.

— פאַרוואָס זענען זי נישט אַרויסגעקומען צום וואַסער־מיהלכעל? איך האָב געוואַרט אויף איהן יעדען אָווענד — האָט הענעך געזאָגט.

— איך בעהט איהן „אום פערצייהונג" — האָט דבורה'לע בענוצט אַ וואָרט פון די ראָמאַנען, וואָס זי האָט געלעזען, קוקענדיג אויף די שפּיצען פון איהרע קאַמאַשען.

— פאַרוואָס? — האָט הענעך געפרעגט.

— פאַר דענסמאָל. זי ווייסען שוין פאַרוואָס.

— איך דאַרף איהן בעטען „אום פערצייהונג" — האָט הענעך אויך בענוצט דאָס זעלבע וואָרט.

— עס איז היינט אַ פערזאַמלונג אין וואַלד, ווע̄לען זי מיט מיר אַרויסקומען? עס וועט היינט זיין וויכטיגע „נייעס". איך וויל איהן פאָרשטעלען פאַר די חברים — האָט הענעך געזאָגט.

דבורה'לע האָט אויפגעהויבען די אויגען צו איהם. אין איהרע אויגען איז געווען דער בליק פון דאַנקבאַרקייט.

— איך ווייס נישט, אויב איך וועל קומען — האָט זי געזאָגט, שטאַמלענדיג.

— פאַרוואָס? — זי האָבען הרטה? — האָט הענעך געפרעגט.

— איך האָב פערשוועכט די „הייליגע זאַך".

דאָס האָב איך פערשוועכט די „הייליגע זאַך" — האָט הענעך געזאָגט מיט אַ נידעריגע שטימע.

זיי זענען ווידער שטיל געוואָרען אויף אַ לאַנגע ווייל.

— ווע̄לען זי אַרויסקומען? — האָט הענעך געפרעגט.

— זאָל איך אַרויסקומען? — האָט דבורה צוריק געפרעגט.

— יאָ, קומען זי אַרויס. איך וועל וואַרטען אויף איהן בייב וועג, ביים גרויסען וועג.

זענען אָנגעקומען די חברים מיט די חבר'טאָרינס און מען האָט אויפגעהערט צו רעדען.

אכטער קאפּיטעל

דאָס לעצטע זעהן

הענעך איז שוין איינינע מאָל פאַרבייגעגאַנגען אַנשעל'ס שטי־בעל און האָט געוואָרפען באַהאַלטענע בליקען דורך די מיט ווייסע פאָרהענגלעך פאַרהאָנגענע פענסטער. אין שאָטען, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף די פאָרהענגלעך, האָט ער זי דערקענט. ביים פענסטער איז געזעסען דבורה'לע און האָט געלעזען.

אין שאָטען האָט ער זי דערקענט. דעם שאָטען האָט ער גע־זעהן, ווי ער וואַרפט זיך אויף די פאָרהענגלעך, איהר רונדיגען קאָפּ האָר, ווי ער איז אַראָבגעלאָזט איבער'ן בוך, און די צוויי־דריי לאָקען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעריסען פון איהר צאָפּ און פאַלען אַריבער איהרע באַקען. ביים נעכסטען מאָל דורכגעהן האָט ער דורך דעם שפּאַלט פון די פאָרהענגלעך געזעהן איהר נאַקען, נישט אין שאָטען נאָר אין פלייש, ווי ער איז אַראָפּגעבויגען, און אויף איהם רוהט איהר געדיכטער צאָפּ האָר. אַן אַנדער מאָל האָט ער געזעהן אַ שטיק פון איהר פּנים, די גאָמבע, וועלכע איז אָנגעלעהנט אויף איהר האַנד, און דאַן ווידער איהר שאָטען, ווי אַראָבגעגאָסען פון איהר. איהר גאַנצע חנ'עוודיגע פיגור, ווי זי וואָלט זיך אָבגע־שפּיגעלט אין אַ וואַסער. דעם שאָטען איז איהם ליעבער געווען צו זעהן ווי די פיגור אַליין. דאַכט זיך, אין איהר שאָטען איז מעהר געלעגען פון איהר וועזען, פון איהר כאַראַקטער, ווי אין איהר אַליין...

יעדעס מאָל, ווען הענעך איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הייזעל,

און אַרייַנגעקוקט אין פענסטער, האָט איהם דאָס האַרץ געקלאַפּט פאַר גליק און פרייד. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז מיט עפּעס רייכער געוואָרען. און יעדעס מאָל ווען ער האָט געזעהן אַ טהייל פון איהר קאָפּ, אָדער פּנים, אָדער האַנד, אָדער גאָר דעם שאָטען, האָט ער ענטדעקט אין איהר אַ נייע פרייד, אַ נייעם חן, און ער האָט זיך געפיהלט גליקליך דערמיט.

זי האָט נישט געוואוסט, אַז ער דרעהט זיך אין געסעל פאַר דער טיר. און ווי עפּעס זיך צו רייצען מיט איהם, האָט עס אויס־געזעהן, איז זי געזעסען דוקא ביים פענסטער און אַ ליכט פון אַ פריה אָנגעצונדענעם לאָמפּ איז יעצט געפאַלען אויף איהר פּנים און האָט נאָך מעהר געהאָלפען אויס׳בולטען אין איר שאָטען דעם גאַנצען אוצר פון חן און לייטזעליגקייט, וואָס האַט גערוהט אויף איהר קאָפּ, די גאַנצע איידעלקייט, וואָס איז געלעגען אין דעם לענגליכען שניט פון איהרע באַקען, די גאַנצע טרויעריגקייט, וואָס האָט זיך בעהאַלטען אין די אַראָבגעהאָנגענע הערעלעך פון די הייּ־טלעך איבער איהרע אויגען און דאָס גאַנצע רחמנות, וואָס האָט ערוועקט צו זיך איהר ווייכער יונגער האַלז...

און דאָס אַלץ האָט זיך אַזוי געמאָלען אויף דעם שאָטען איבער די ווייסע פאָרהענגלעך — און עס איז אַרויסגעקומען אַזוי בולט, ווען זי האָט דעם קאָפּ אַריבערגעבויגען איבער דעם בוך און איהרע אויגען אייַנגעגעבערט אין די בלעטער, און דער גאַנצער חן איהרער האָט אַרייַנגערונען ווי אַ געזאַנג אין הענעכ׳ס אָפענע אָדע־רען און געזעטיגט מיט פרייד דעם דורשט פון זיין בענקענדיג האַרץ.

עס איז געווען אַ פריהער הערבסט־אָווענד. שפּעט שוין אין די טרויעריגע טעג אַריין. די אָווענדען האָבען אָנגעהויבען פריה צוצופאַלען, און מיט די אָווענדען איז אָנגעקומען אַ בענקשאַפט און אַ טרויעריגקייט. דער גאַנצער ערענסט פון די ערענסטע טעג לייגט זיך ווי אַ שווער געמיטה אין דער לופטען און דריקט און שטיקט... יעדעס האַרץ נאָגט און בענקט און זוכט אַ תכלית. עפּעס אַ חרטה בעהמט אַרום, אַ חרטה פאַר פערגאַנגענע טעג און אַן אימה פאַר די צוקונפטיגע.

און ווען עס זענען געקומען אַזעלכע פאַרנאַכטען, ווען די טרויעריגקייט האָט זיך געזעצט אויף דער נשמה, איז ער אַרונטער־געלאָפען אין בית-המדרש-געסעל און געדרעהט זיך פאַר אַנשעל׳ס הייזעל, כאַטש דורך אַ שפּאַלט, דורך אַ שויב צו זעהן דעם שאָטען פון איהר קאָפּ אויסגעגאָסען אויף די ווייסע פאַרהענגלעך.

שוין אַ שעה צייט ווי ער האָט זיך געדרעהט אין געסעל אַרויף און אַראָב. די נאַכט האָט זיך לאַנגזאַם צוגערוקט. מען האָט גאָרנישט אָנגעזעהן, ווי די נאַכט קומט אָן. טונקעלע שלייערס האָבען זיך איבער׳ן הימעל געצויגען און איינציגוויז די לעצטע בע־לויכטענע וואָלקענדלעך פון די אונטערגעהענדע זון אין זיך איינ־געהילט. נאָך צאַפּלען, ווי לעבעדיגע גאָלד-פיש אין וואַסער, די פייערדיג־בעזוימטע וואָלקענדלעך, און וואַרפען זייער שימערירענדיג ליכט דורך די טונקעלע דורכזיכטיגע שלייערס, נאָר וואָס אַמאָל ציהען זיך די שלייערס איבער זיי, הילען זיי, הילען זיי, און לע־שען אויס זייער ליכט, און פון יעדען שלייער, וואָס ציהט זיך אַריבער איבער׳ן הימעל, פאַלט אַן אונגעזעהענער שאָטען אויף די ערד. דינע, דורכזיכטיגע שאָטענס פאַלען פון הימעל אַראָב און הי־לען אין זיך אַריין אַלע הייזלעך, אַלע בוימער, אַלע פעלדער. דאָס גרינס פון די לאָנקעס איז שוואַרץ געוואָרען. די בוימער פרעמד און אומבעקאַנט, ווי זיי וואָלטען פּלוצלינג אַרויסגעוואַקסען... קליי־נע, דינע וואָלקענדלעך רויך הויבען זיך פון די קוימענס איבער די הייזער, און דאָ און דאָרט בעווייזט זיך אַ ליכט אַרויסשיינען פון אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ. די גאַס ווערט לעהר. קינדער האָבען גע־זונגען, האָבען זיי אויפגעהערט. מאַמעס רופען זיי אין שטוב אַריין. איבער׳ן געסעל לויפט אַ פערשפּעטיגטער איד צו מעריב אין בית-המדרש. די לעצטע קיה, וואָס זענען שפּעט געזאַמעלט געוואָרען פון פעלד, קומען אַהיים. אַ גוי׳ש מיידעל פיהרט אַ פער׳עקשנ׳טע ציעג, וואָס האָט זיך פערבלאָנזשעט אויפ׳ן „קעניג־שלאָס“, איבער׳ן געסעל אַהיים. די ציעג וויל נישט אַהיים געהן. דאָס מיידעל ציהט זי ביים שטריק און ווייבט הויך. ליכטער באַווייזען זיך שוין אין פענסטער — עמיצער איז אַרויסגעגאַנגען און אַ לאָדען פאַרמאַכט, און האָט נאַכט געמאַכט.

און ער דרעהט זיך פאַר'ן פענסטער.

ער וואָלט געוואָלט, אַז זי זאָל אַרויסקומען, אַז זי זאָל איהם בעמערקען, און דאָך וואַגט ער גאָרנישט צו טהאָן, אַז זי זאָל איהם בעמערקען. וואָס וועט ער איהר זאָגען? צו וואָס האָט ער זי גע־רופען? ווי וואָלט ער יעצט געוואָלט געהן מיט איהר, צווישען די הויכע טאָפּאָלען, צום וואַסער־מיהלכעל, און דאָרט זיצען אויפ'ן אָב־געהאַקטען קלאָץ און אַריינקוקען אין גרין מיט מאָך בעדעקטען שוואַרצען וואַסער, גאָרנישט צו רעדען, נאָר צו זיצען און צו שוויי־גען, און די נאַכט זאָל פאַלען איבער זיי — ווי ער פלעגט עס נישט איינמאָל טהאָן דעם זומער...

ער ווייסט, אַז עס איז אפשר דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער וועט זי זעהן. און ער בעדאַרף איהר עפּעס זאָגען — פאַר'ן אַוועקגעהן. און אָט געהט ער שוין צו צום פענסטער — אַריינקלאַפּען אין שויב — און דאָך טהוט ער דאָס נישט. עס איז נישט קיין מורא, נאָר ווער אין איהם לאָזט נישט, פערגינט נישט...

און ווי ער בענקט אַזוי, בעווייזט זיך ווער פון אַנשעל'ס טיהר. אפשר איז עס די מאַמע, אפשר איז עס אַ ברודער. הענעך געהט פלינק פערביי דאָס געסעל. און ווי ער קומט אַזוי נעהענטער, בע־מערקט ער עפּעס היימישעס — די איינציגע פרייד, וואָס שוועבט אַרום איהר נידעריגע קליינע, קינדערשע פיגור. ער שפּירט (כאָטש ער זעט נישט) די געקרייזעלטע פאות איהרע, וואָס פאַלן איבער'ן פּנים.

זאָל ער צוגעהן, זאָל ער נישט צוגעהן? ער קוקט אויף איהר, זי קוקט אויף איהם, און איידער ער האָט נאָך צייט אומצוקוקען זיך, איז זי שוין ביי איהם און שמייכעלט איהם אין פּנים אַריין.

— הענעך! — פרעגט זי און קוקט זיך אַרום, אויב קיינער זעט נישט.

— יאָ — שטאַמעלט ער.

— איך האָב איהן גאָרנישט דערקענט! — זאָגט זי ווידער מיט שרעק און קוקט זיך ווידער אַרום, אויב קיינער זעהט נישט.

ער שטעהט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערען.

— איך האָב מורא, אַז ס'זאָל ווער נישט אַרויסקומען — זאָגט זי און קוקט זיך ווידער אַרום.

— וועל איך אַוועקגעהן — זאָגט ער און וויל אַוועקגעהן.

— געהען זי אַרויס צום שלאַגבוים. איך קום באַלד אַרוי'ס — זאָגט זי אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט אַ סוד איהם איינגערוימט, און פערשווינדט אין שטוב אַריין.

שטעהט ער שכור פון סוד, וואָס זי האָט איהם איינגערוימט, און ער האָט עפּעס חרטה און איז אויף זיך אַליין בייז און ווייסט נישט פאַרוואָס...

געהט ער אַרויס צום מיהלכעל מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי פערחלום'ט. ביים שלאַג-בוים וואַרט ער אויף איהר. קומט זי אָן צוגעהן. פון דער ווייטענט דערקענט ער איהר פיגור. זי קומט אָן ווי שווימענדיג. ער געהט איהר נישט ענטקעגען. ער וואַרט ביז זי קומט אָן. אין אַ פאַטשיילעכיל איז זי איינגעהילט. זי איז עפּעס אַזאַ נייע. צום ערשטען מאָל זעהט ער זי אין אַ פאַטשיילעכיל איינגעהילט. זי קומט אָן נעהנטער צו איהם.

— הענעך — זאָגט זי — זי האָבען מיך געוואָלט זעהן?

— יאָ — זאָגט ער — יאָ און ניין...

איך האָב איהן יאָ געוואָלט זעהן און נישט געוואָלט זעהן.

— וואָס מיינט דאָס? — פרעגט זי.

— אַזוי ווי איך זאָג.

נעמט ער פּלוצלינג אָן די פאַלדען פון איהר פאַטשיילעכיל.

— אַ פאַטשיילעכיל טראָגען זי? איך האָב איהן נאָך נישט געזעהן טראָגען אַ פּייטשיילעכיל.

— עס איז די מאַמעס — זאָגט זי — איך האָב זיך געאיילט. שווייגען זיי.

— וואָס האָבען זי געלעזען? איך האָב איהן געזעהן לעזען דורכ'ן פענסטער.

— איך האָב געלעזען דאָס ביכעל, וואָס זי האָבען מיר געגעבען.

— וועלכעס?

— נו, זי ווייסען שוין — זאָגט זי פערשעהמט — דאָס רוסישע.

— געפעלט עס איהן ?

— איך פערשטעה נישט זעהר גוט. — שווייגען זיי.

— זי ווייסען דבורה׳לע, איך פאָר אַוועק פון דאַנען — זאָגט ער פלוצלינג.

— וואוהין ? — פרעגט זי.

— נאָך וואַרשע — ענטפערט ער אָב קורץ. שווייגען זיי ווי־דער.

— עס איז גאָרנישט פאַר מיר דאָ וואָס צו טהאָן דאָ.

— און די „הייליגע זאַך״ ? — פרעגט זי אין דער שטיל.

— דאָרטען וועל איך קענען מעהר אויפטהאָן — זאָגט העניך.

— יאָ — שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ.

— איך האָב דאָ נישט ביי וועמען זיך צו לערנען. מען איז אָבגעריסען פון דער וועלט. נישט קיין ביכער, נישט קיין לעהרער. אין וואַרשע וועל איך זיך קענען לערנען, קריגען א לעהרער, טרע־פען זיך מיט מענשען.

— יאָ — שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ.

— איך וואָלט געוואָלט עפּעס קענען. מען קען גאָרנישט אויפטהאָן, ווען מען איז אַן אונוויסענדער מענש. איך וואָלט זיך געוואָלט לערנען שפּראַכען, וויסענשאַפט. נישט אָבצוגעבען קיין עקזאַמען, נאָר פאַר זיך. איך וואָלט געוואָלט ווּיסען.

— זי ווייסען שוין אַזוי פיל ! — זאָגט דבורה מיט בע־וואונדערונג. — זי דאַרפען זיך דען נאָך לערנען ?

— וואָס ווייס איך ? פאַר די היעגע יונגען קען איך אַ סך. דורכגעלעזען אַ פּאָר ביכלעך, וואָס איך פערשטעה אַליין נישט. איך בין אַ גראָבער יונג. איך קען גאָרנישט. קיינמאָל זיך גאָרנישט גע־לערענט. עס איז פּוסט. וואָס קען מען אויפטהאָן מיט פּוסטקייט ? מען האָט קיין גלויבן נישט אין זיך, און גאָרנישט, ווען מען איז פּוסט.

— הלואי וואָלט איך געקענט כאָטש אַ העלפט, וואָס זי קענען — זאָגט דבורה פערשעהמט.

— איך קען גאָרנישט, דבורה. גלויבען זי מיר, אַז איך קען גאָרנישט און פערשטעה גאָרנישט. איך נאָר אַלעמען אָב. דאָ, פאַר דאַגען, פאַר די היעגע יונגען בין איך אַ קענער. אָבער וואָס ווייס איך? וואָס האָב איך געלערענט? ווער זענען מיינע לעהרערס געווען? טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אז איך בין אַ פוסטער בעריהמער, אַז איך דרעה זיך אַרום צווישען גראָבע יונגען, אַליין אַ גראָבער יונג און פאַזיר, און זאָג ליגען אויף וואָס די וועלט שטעהט. וואָס קען איך רעדען, וואָס קען איך טהאָן פאַר דער „הייליגער זאַך", אַז איך בין אַ גראָבער יונג.

— און וואָס קלעהרען זי צו טהאָן?

— איך וועל פאָהרען נאָך וואַרשע. באַלד נאָך יום טוב לאָז איך זיך אַוועק. איך האָב שוין דאָס פעקעל געגרייט. אַ פּאָר רובעל אויף די ערשטע צייט וועט אויך זיין. וועל זעהן קריגען אַרבייט. אַז נישט, וועל איך הונגערען. וואָס איז דער חילוק? בעקענען זיך מיט אינטערעסאַנטע מענשען. בעלאַנגען צו אַ אינטעליגענטען קרייז אַרבייטער. וועל איך זיך אפשר אַריינקריגען אין אַ „קרוזשאָק", וואו מען האַלט לעקציעס, וועל איך לערנען. נעמען ביכער אין דער ביבליאָטעק. דאַמאָלס, אַז איך וועל עפּעס וויסען — וועל איך וויסען וואָס איך האָב צו טהאָן. וועל איך קענען אפשר עפּעס אויפטהאָן. אָבער דאָ וואָס בין איך?

— זי האָבען רעכט — שאָקעלט צו דבורה מיט'ן קאָפּ — זי האָבען רעכט. זי קענען אלעס דערגרייכען — קוקט דבורה אַרויף צו הענעך'ן מיט בעוואונדערונג, און איהרע אויגען לייכטען.

— איך ווייס גאָרנישט, אויב איך וועל קענען צו עפּעס דערגרייכען — זאָגט הענעך — איך ווייס גאָרנישט צי איך וועל עפּעס דערגרייכען — לעגט ער צו אין דער שטיל.

— זי וועלען פיעלעס דערגרייכען.

— פון וואַנען זענען זי דאָס אַזוי זיכער? — שמייכעלט הענעך.

— יאָ, יאָ, לאַכען זי נישט — זי װעלען אַמאָל זיין איינער פון די גרעסטע מענשען. זי װעלען אַלצדינג דערגרייכען.

— פון װאַנען װייסען זי דאָס? — לאַכט הענעך.

— יאָ. איך װייס עס, װייל מען גלויבט איהן װאָס זי זאָגען. זי קענען עפּעס אַזוי רעדען, מען האָרכט איהן װאָס זי זאָגען. אַז זי רעדען טיילמאָל אין װאַלד, דאַכט זיך מיר, װי אַ גרויסער רב װאָלט גערעדט. און עס װילט זיך אַלעס טהאָן װאָס זי הייסען, אַזוי װי אַ גרויסער רב װאָלט געהייסען. — הענעך איז פערשעהמט געװאָרען פון איהרע רייד. נאָר איינצייטיג האָבען איהרע רייד אָנגע־פילט זיינע גליעדער און זיין בלוט מיט אַ נייעם שטראָם פון ענער־גיע און גלויבען אין זיך. צוגעבען האָט ער נישט געװאָלט. ער האָט זיך עפּעס געשעהמט פאַר זיך אַליין.

— איך װאָלט געװאָלט נוצליך זיין מיט מיין לעבען. אַז נישט, װאָס לוינט זיך צו לעבען? — זאָגט ער.

— זי האָבען רעכט — האָט דבורה געענטפערט.

— און זי פאָהרען אויך אַװעק? — האָט הענעך געביטען דאָס געשפּרעך — איך האָב געהערט, אַז זי פאָהרען קיין אַמע־ריקע.

— יאָ, דער ברודער האָט געשיקט שיפסקאַרטען. אַז מיר זאָלען אַלע אַראָבקומען. מיר װייסען נאָך נישט, װען מיר װעלען פאָהרען, נאָר װאָס איז דער חילוק װאו איך בין?

— פאַרװאָס זאָגען זי אַזוי?

— װאָס קען איך אויפטהאָן מיט מיין לעבען?

— יעדער איינער קען עפּעס אויפטהאָן מיט זיין לעבען. זי װעלען זיין אין אַמעריקע, װעלען זי דאָרטען אַרבייטען פאַר די „הייליגע זאַך", און איך דאָ, און די אַרבייט װעט אונז פעראיי־ניגען. דער גרויסער אידעאַל — לעגט ער צו מיט אַ נידעריגע שטימע, שטאַמלענדיג.

זי קוקט איהם אָן מיט איהרע גרויסע אויגען.

— אַן אידעאַל פעראייניגט, װאו מען זאָל נישט זיין.

— װעלען מיר זיין פעראייניגט? — הויבט דבורה װידער אויף איהרע גרויסע אויגען און קוקט איהם אָן.

— יאָ, דער אידעאַל וועט אונז פעראייניגען, וואו מיר זאָלען נישט זיין.

— איז דאָך גוט — זאָגט זי, ווי פאַר זיך.

צוויי גרויסע טראָפּענס טרעהרען האָבען זיך אַרויסגעקייקעלט פון דבורה'לעס פולע, גרויסע אויגען און זי האָט איהם אָנגעקוקט פון איהרע טרעהרען אַרויס מיט דאַנקבאַרקייט.

יעצט איז די הייליגע זאַך אויסגעוואקסען אין איהר פאַנטאַזיע, ווי עפּעס רעליגיעזעס, געטליכעס, צו וועלכען מען בעדאַרף דיענען, און זי קען טהאָן וואונדער.

איהר שוואַך ווייבליכעס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטען. זי האָט געוואָלט אָננעהמען הענעך'ס הענד און זיי קושען. זי האָט זיך געשעהמט און מורא געהאט, אַז זי זאָל נישט עפּעס קאַליע מאַכען דערמיט. אָבער די טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון איהרע אויגען.

אַ לאַנגע ווייל'ע האָט הענעך געשוויגען. פּלוצלינג האָט ער מיט די האַנד געגעבען אַ גלעט איבער איהר אַקסעל און געפרעגט זי:

— וואָס וויינען זי, דבורה'לע?

— איך ווייס נישט — האָט דבורה זיך געווישט די אויגען מיט די ברעגען פון פאַטשיילעכ'ל.

— זי דאַרפען נישט וויינען. פאַר רעוואָלוציאָנערען פאַסט נישט צו וויינען. רעוואָלוציאָנערען דאַרפען געהן מוטיג צום קאַמף.

— שוין, איך וויין שוין נישט — האָט דבורה געזאָגט אין שרעק, אויסווישענדיק זיך די אויגען, און געשמייכעלט צו איהם דורך די טרעהרען.

— רעוואָלוציאָנערען מוזען זיין שטאַרק.

— יאָ — האָט דבורה צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

דאַן האָבען זיי זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויפ'ן קלאָץ פון מיהלכעל. עס איז שוין געווען שטאַרק פינסטער. זיי האָבען זיך כמעט איינס דאָס אַנדערע נישט געזעהן, נאָר געפיהלט זיך. ביידע זענען זיי געזעסען און געשוויגען און האָבען זיך געהאַלטען האַנד אין האַנד.

— איך וואָלט אויך געוואָלט זיין נוצליך מיט מיין לעבען, אַזוי ווי זי — האָט דבורה געזאָגט, ווען זי האָט געפיהלט זיין האַנד אין איהרע.

הענעך האָט נישט געענטפערט. ער האָט געפיהלט, ווי ער וואָלט פליעגלען בעקומען. אַן אונבעשטימטע פרייד האָט אָנגעפילט זיין נשמה. ספקות זענען אַוועק, פינסטערנישען זענען ליכטיג געוואָרען, און ער האָט געזעהן זיין וועג ליגען אַ קלאָהרען און אַ באַלויכטענעם פאַר זיך ביז זיין ענד.

פאַר'ן אַוועקגעהן האָט הענעך פלינק אַריינגעלעגט אין דבורה'ס האַנד אַ קליין אין פאַפיר איינגעפּאַקט ביכעל, און נישט קיין וואָרט אויסצורעדען, איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אין דער היים האָט דבורה דאָס פּעקעל אויפגעפּאַקט, עס איז געווען אַ ביכעל פון פרצ'ן. און אויף דעם שער-בלאַט איז געווען אויפגעשריבען מיט כתיבה-שריפט:

„די הייליגע זאַך וועט אונז פעראייניגען".

מעהר האָט זי איהם שוין נישט געזעהן.

נײַנטער קאַפּיטעל

נײַעס פֿון אַמעריקע

פֿון שלמה חיים, דעם עלטסטען יונג, איז דאָ נײַעס.

געשריבען האָט ער, אַז ער וועט שיקען שיפסקאַרטען פֿאַר דבורה'לען און פֿאַר „משה'לע אָקס". איז ער נאָכ'ן שרייבען אַנ-שוויגען געוואָרען אויף גאַנצע דרײַ פֿערטעל יאָהר, און אַז מען האָט זיך שוין גאָרנישט געריכט אויף איהם, און אַז מען האָט שוין גאָר אײַנגאַנצען געהאַט פֿערגעסען אין גאַנץ אַמעריקע. ערשט עס קומט אָן אַ גאַנצער פּאַק מיט שיפסקאַרטען פֿאַר דער גאַנצער משפּחה. פֿאַר דער גאַנצער משפּחה מיט איין מאָל און מיט אַ גאַנ-צען הונדערטער צוגעלייגט אויף הוצאות ביז צו דער שיף. די שיפסקאַרטען, שרייבט ער, האָט ער געקראָגען אויסצוצאָהלען. און נאָך שרייבט ער: אַז זיי וועלען קומען וועט שוין זײַן אָנגע-גרייט אַ שטוב מיט מעבעל, מיט ווירטשאַפט, מיט אַלצדינג, און די מאַמע קען איבערלאָזען די טעפּ אין דער אַלטער היים. אין אַמעריקע קריגט מען אויך טעפּ — לייגט ער צו — און זיי זאָ-לען נישט מאַכען קיין לאַנגע שהיות, נאָר „פאַ אַמעריקאַנסקי" — „האַררי אַפּ", קיין סך וועט איהר דאָך נישט האָבען צו פּאַקען, ווי-צעלט ער זיך אין בריעף, נעהמט צונויף די „פּאַר בעבעכעס" און קומט אַריבער אַזוי, אַז איהר זאָלט שוין דאָ זײַן צום נײַעם סעזאָן, ווען דאָ ווערט „ביזי", אַז איהר זאָלט נישט אַרײַנפאַלען אין „סלעק" אַרײַן.

אַנשעל האָט אפילו נישט פערשטאַנען וואָס די ווערטער הייסען, דאָך האָט ער דעם ווייב אויסגעטייטשט:

— דאָס מיינט ער צום נייעם זמן — ווען מען הויבט ביי אונז אָן צו געהן אין חדר אַריין.

און ער האָט געזאָגט:

— נישט אַנדערש, שרה רבקה, נאָר אַז דער יונג איז משוגע געוואָרען.

— פאַרוואָס איז ער משוגע געוואָרען?

— ווי הייסט איך זאָל נעהמען „הכל פאַקעל לאַפּ״ און אַריבערפאַקען זיך קיין אַמעריקע, וואָס איז עס, איבער דעם רינשטאָק אַריבערשפּרייזען? א קלייניגקייט קיין אַמעריקע אַריבערצופּעקלען זיך.

— האָסט דאָך שטענדיג געוואָלט, האָסט דאָך געהאַלטען אין איין אָראָבשרייבען בריעף, אַז די וועלט געהט דאָ אונטער. און „ווען וועט שוין משיח קומען״?

— און אַז מען זאָגט, טהוט מען שוין. מיר האָבן נאָך צייט צו פאָרען קיין אַמעריקע. לאָמיר נאָר זעהן די גליקען, וואָס ער מאַכט אין אַמעריקע.

— ווי הייסט, יעגער האָט זיך דאָרט אַוועקגעשחט׳ען, אַבי אונז אַריבערצונעהמען. דאָס קינד האָט אַלצדינג פערקויפט, פערבאָרגט זיך אַ וועלט, איך וויים וואָס ער האָט געטהאָן, אַבי אונז אַהין צו נעהמען און דאָ, מיטאַמאָל.

— וואָס, ס׳האָט זיך דיר אַנדערש נישט פערגלוסט נאָר אַמעריקע. איך פרעג דיך, וואָס פעהלט דיר דאָ? און ווער זאָגט מיר, אַז אין אַמעריקע וועט מיר זיין בעסער? וואָס לויפסטו, וואָס? וואָס איז אויף דיר דאָס איילעניש?...

— אויף מיר? דו האָסט דאָך געהאַלטען אין איין שרייען: אַמעריקע. — האָסט נאָר שטענדיג גערעדט דערפון. האָסט געהאַלטען אין איין בריעף שרייבען, האָסט דאָך וועלטען אַוועקגעלייגט. און יעצט, אַז עס איז בעקומען דערצו, אַז דאָס קינד האָט אַלצדינג דורכגעפירט אַבי ער זאָל אונז אַראָבנעהמען, שרייסטו אויף מיר: איך האָב געוואָלט אַמעריקע! איך האָב געקלעהרט דערפון!

— וואָס דען, איך האָב געוואָלט ?

אין שטוב האָט מען זיך אָנגעהויבען צו קריעגען, ווי עס וואָלט דאָס גרעסטע אונגליק געשעהן. אַנשעל, וועלכער האָט גע-גאַרט צו פאָהרען קיין אַמעריקע, אַז עס איז געקומען דערצו, האָט ער געמיינט, אַז די וועלט געהט אונטער. נאָר שרה רבקה, ווי שטענדיק, האָט אַרויסגעראַטעוועט פון אונגליק, און איינגעשטילט דעם מאַן.

— ווער הייסט דיך דען פאָהרען ? נעהם און שיק איהם צו-ריק די שיפסקאַרטען.

— דאָס איז גערעדט ! „נעהם און שיק איהם צוריק די שיפסקאַרטען". חכמה ! ווען ער וואָלט אונז די פאָר רובעל אַריינ-געשיקט, וואָס די שיפסקאַרטען קאָסטען, וואָלטען מיר דאָ געהאַט אַמעריקע, און נישט בעדאַרפט זיך שלעפען איבער וויסטע ימים, מיט אַלערליי סכנות אויסצושטעהן.

— האָבען מיר דאָך נאָך צייט.

— אוודאי, האָבען מיר נאָך צייט — האָט אַנשעל זיך בע-רוהי'גט. קודם כל וועל איך פרובירען, וואָס מיר קענען דאָ אויפ-טהאָן מיט דעם הונדערטער, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט. אפשר וועלען מיר גאָרנישט בעדאַרפען האָבען אַמעריקע — האָט ער אָנגעהויבען צו באַמבלען מיט די פינגער אויפ'ן טיש.

אין קאָפּ איז איהם אַריין אַלערליי פלענער, וואָס ער קען טהאָן מיט דעם הונדערטער. עס האָט זיך איהם געמישט אין קאָפּ אַ ווינד-מיהל, פערלעגען זיך אַ קרעמעל, אָדער אפשר גאָר אַריינ-צוגעהן אין שותפות מיט דעם זאָדע-וואַסער פאַבריקאַנט. וואָס קען מען נישט אויפטהאָן מיט אַ הונדערטער.

אין בית-המדרש האָט ער געטענה'ט צו ר' יודעל ברוידע, דעם גבאי, און צו ר' אַהרן דעם קרעמער, און צו נאָך בעלי-בתים, וואָס האָבען איהם אָבגעגעבען מזל טוב צוליעב דעם גרויסען גליק, וואָס האָט איהם געטראָפען.

— איך האָב געמיינט, זאָגט ער, אַז יענער מאַכט שפּאַס: שיקען אַ שיפסקאַרטע פאַר מיין טאָכטער, אפשר פאַר מיין זוהן, דערנאָך וועלען מיר זעהן, ערשט ער געהט און שיקט מיר צו אַ

גאַנצען פּאַק מיט שיפסקאַרטען, פאַר דער גאַנצער משפחה — עס איז דאָך אַן עשירות.

— און וואָס רעכענט איהר צו טהאָן? — פרעגען איהם די בעלי בתים.

— וואָס הייסט וואָס איך רעכען צו טהאָן? איך בין שוין אַן אַמעריקאַנער, איך בין נישט קיין היעגער מעהר. איך וועל נאָך אפשר וואַרטען אַ וואָך צי צוויי און אפשר דאָס אויך נישט. מיין זוהן שרייבט דאָך מיר, אַז ער האָט אָנגעגרייט דאָרט פאַר מיר אַלצדינג: מעבעל, אויסשטייער גאַנצע, אַ פּאַלאַץ האָט ער אָנגעגרייט. וואָס האָב איך דאָ צו טהאָן?

— און ווער'מען לאָזט איהר אונז איבער פאַר אַ בעל קורא?

— איך בין דען מחויב צו בעזאָרגען אַ וועלט? לאָז לייענען דער שמש, ער רייסט זיך דאָך סיי ווי סיי צום עמוד, און די שטאָדט מיט אָקסען ווייסען נישט דעם חילוק צווישען מיין לייענען און דעם שמש'ס לייענען. וואָס, זיי זענען אַזעלכע מפונקים? זיי ווייסען דעם „טראָפּ"? און זיי בעדאַרפען טאַקע די קלאָהרע „הברה", מיט דעם פּירוש המלות, וואָרים אַנדערש וועלען זיי נישט קענען עסען די ציבעלעס, הע?

— און ווידער אַרום, — לעגט ער צו — אין אַמעריקע, שרייבט מיר מיין זוהן, בעצאָהלט מען אַ בעל-קורא גאַנצע פינף און צוואַנ-ציג דאָלאַרס פאַר אַ סדרה לייענען. און זיי קריגען נישט אויך. און פאַר דער מגילה איז דאָך אָבגערעדט. ער זאָגט מיר, מיין זוהן אין בריעף: דו וועסט בלויז קענען לעבען פון דעם, וואָס דו וועסט פערדיענען פון איין פּורים ביז צום אַנדערען, פאַר בלויז די מגילה לייענען. נו, בעדאַרף איך דאָ בלייבען?

אין דער היים אָבער, נאָך דער וועטשערע, אַז ער, אַנשעל, האָט זיך גענומען דאָס ציגאַרעטעל וויקלען, האָט ער געזאָגט:

— ווייסט, מיין ווייב, וואָס איך האָב בעשטימט? די שיפס-קאַרטען וועלען מיר בעהאַלטען, און מיט'ן הונדערטער וועל איך האַנדלען. אַז איך מיט משה'לען וועלען זיך געבען אַ נעהם צום האַנדעל מיט אַ הונדערטער, — מיר קענען דאָך וועלטען איינבעהמען!

(דאָס, וואָס ער האָט מיטגענומען זיין זוהן משה'לע אין זיינע פלע־בער אריין, איז געווען אַ הנחה פאַר דעם ווייב).

— אַלאַ וואָס, — לעגט ער צו מיט אַ גמרא־נגון — עס וועט נישט געהן, בלייבען דאַך אַלץ איבער די שיפסקאַרטען. וועלען מיר דאַן פאָהרען קיין אַמעריקע. — האָב איך רעכט?

— איך וויים. און וואָס וועט זיין מיט שלמה חיים'ן? דאָס קינד וועט דאָך ווארטען אויף אונז — פרעגט דאָס ווייב.

— נאַר איינער, זאָל ער האָבען נחת פון אונז פון דער ווייטענס, וועט ער אויך צופריעדען זיין.

— ווי דו פערשטעהסט, מיין מאַן. ווי דו פערשטעהסט. ווייסט דאָך בעסער וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

— איך האָב אַ פּלאַן אין מיין קאָפּ. — זאָגט אַנשעל זעהר גע־היימניספול, פערציהענדיג דעם ערשטען ציה פון ציגאַרעטעל — אַז דאָס זאָל זיך מיר איינגעבען, מיין ווייב, האָבען מיר אַמעריקע אָט דאָ — ווייזט אַנשעל אויף דער פאָדלאָגע. — בעדאַרפען מיר נישט פאָהרען קיין אַמעריקע. אסור. דער „שוסטער־יונג" מיט זיין גאַנץ אַמעריקע וועלען קומען צו אונז.

— אַלע־ווילע — גיט שרה־רבקה אַ קרעכץ אָב איינעם פון איהרע בעקאַנטע קרעכצען.

דערוויל איז דאָס לעבען געגאַנגען זיין נאַטירליכען גאַנג. אין שטוב איז געוואָרען אַ ביסעל ברייטליכער. דבורה'לע האָט גע־נייהט, זי האָט געהאַט דריי מיידלעך בעהעלפערינס, און זי איז געווען די „אָפּיציעל" אַנערקענטע נייטאָרין אין דער שטאָדט. אַלע אויסשטייערס פון שטאָדט זענען ביי איר געוואָרען אויסגעאַרבייט. די מאַמע האָט געהאַלטען אין איין שווערען און נדר'ס זיך טהאָן, אַז זי וועט נישט אָנריהרען פון קינד'ס פּראַצע, בעהאַלטען אויף אַ „תכלית". „נאָר פון איין זייט האָט זי די גילדענס אריינגעלעגט אין טאָפּ און פון דער אַנדערער זייט האָט זי זיי אַרויסגענומען"...

דאָס איינציגע, וואָס זי האָט יאָ געקענט אויספיהרען — זי האָט אָנגעהויבען אָנעקצולעגען פאַר דבורה'לען אויף אַן אויסשטייער.

דריי קישענס געפּליקטע פּעדערען ליעגען אין אַ זאַק איינגעפּאַקט אין די שלאָף-באַנק. און אַ גאַנץ שטיקעל זשערעדאָווער לייווענט, וואָס זי האָט גענומען ביי חנה׳לע די קרעמערקע אויף אויסצואָהלען. „קיין נדן זאָמעל איך נישט, זאָל כאָטש דאָס זיין" — האָט זי זיך געטראַכט.

„משה׳לע אָקס" איז שוין יעצט אויסגעוואַקסען אַ גרויסער סוחר. מיט וואָס האָט ער שוין נישט געהאַנדעלט? וואָס האָט ער שוין נישט געקויפט, און וואָס האָט ער נישט פערקויפט? ער איז שוין געווען אַ סוחר פון תבואה. און ער האָט שוין אויפגעקויפט אייער אין די דערפער און געשיקט אין די גרויסע שטאָדט אַריין, ביי וועלכען עס האָט זיך איהם געמאַכט דאָס אומגליק, נישט היינט געדאכט, אַ פוהר מיט אייער איז איהם אונטערגעאַנגען. אַ ראָד אַראָבגעפאַלען פון וואָגען, און אַלע אייער האָבען זיך אויפ׳ן וועג אויסגעשאָטען. דאָס גאַנצע ביסעל געלד, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט, האָט ער פערלאָרען. אָבער משה׳לע האָט נישט פערצווייפעלט, ער האָט זיך באַלד גענומען צו קאָלבס-לעדער. היינט האָט ער אַן אַנדער געשעפט. ער איז אַן אַגענט פון גראַמאָפאָנען. אַז די גראַמאָפאָנען זענען אויפגעקומען, האָט משה׳לע גלייך פערשטאַנען, אַז עס איז אַ געשעפט. קודם כל האָט ער זיך געלאָזט אַראָפּברענגען אַ גראַמאָפאָן פון דער גרויסער שטאָדט, מיט רעהרען, און פאַר צוויי קאָפּיקעס האָט מען בעקומען אַ רעהר אין אויער אַריין, דורך וועלכער מען האָט געקענט הערען אַ שטיקעל שפּיעלען, אַ חזנ׳ישׁ שטיקעל, אָדער דאָס ליעד פון „די פעראונגליקטע כלה" זינגען. די שטוב איז בעלעבט געוואָרען יעדען פאַרנאַכט פון יונגעלייט און מיידלעך און גלאַט אידען מיט ווייבער, וואָס זענען געקומען הערען „שטיקלעך". די מאַמע איז שיער נישט פערדולד געוואָרען פון די גראַמאָפאָנען. שרה-רבקה איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען מיט אַ טיכעל פערבונדען דעם קאָפּ פאַר קאָפּ-יועהטאָג און מיט וואַטע אין די אויערען, און האָט געשאָלטען, אַז דער יונג זאָל איינגעזינקען ווערען מיט זיינע „קאַטערינקעס" אינאיינעם. דעם טאַטען אָבער איז עס דוקא געפעלען. „אַ כלי, וואָס שפּיעלט", און ער האָט דוקא געוואָלט דערגעהן דעם „שכל" דערפון: פאַרוואָס עס שפּיעלט —

און ער האָט אַזוי לאַנג געמוּשטירט דעם גראַמאַפאָן, ביז ער האָט דעם יונג צובראָכען דעם גראַמאַפאָן, און מען האָט איהם געמוזט שיקען קיין וואַרשע פּעריכטען. און עס איז אויך דאַ א מורא, אַז דער גרויסער „פּלאַן", וואָס דער טאַטע האָט יעצט מיט דעם הונ־דערטער, וועלכען דער „שוסטער־יונג" האָט צוגעשיקט פון אַמע־ריקע אויף הוצאות — האָט עפּעס צו טהאָן מיט גראַמאַפאָנען.

גאָר דאָס איינציגע נחת, וואָס די מאַמע האָט געהאַט, דאָס ביסעל לוין, וואָס זי האָט בעקומען אויף דער וועלט פאַר איהר מאַטערניש, איז געווען יונה-גדליה — דאָס דריטע אינגעל. דער מאַמע'ס וואונש איז געווען צו האָבען אַ קינד אַ לערנער. וואָס האָט שרה-רבקה נישט געטהאָן איהרע קינדער צו געבען נישט נאָר אַ אידישע ערציהונג, גאָר אויסצושטעלען זיי פאַר למדנים? אָבגע־שפּאָרט דעם ביסען פון מויל, כדי מלמדות־געלד צו בעצאָהלען. מלמדות-געלד איז געווען דאָס ערשטע אין שטוב. עס האָט געמעגט פעהלען אין שטוב אַלצדינג, — אויף מלמדות-געלד האָט געמוזט זיין. איז נישט געווען, האָט מען געטראָגען אַ קישעלע צום מלוה. אַמאָל שוין די צוויי מעשענע לייכטערלעך אויך פערזעצט. און שרה-רבקה האָט ליכט־געבענשט איבער ליכט, וואָס האָבען געשטעקט אין קאַרטאָפלעס, אַבי די קינדער זאָלען אין חדר געהן, און אַזוי ביז'ן היינטיגען טאָג. פאַרוואָס דען קען זי, נעבעך, צו גאָר נישט קומען און מוז בערייסען איהר אָרימע טאָכטער? איז עס דאָך אַלץ איבער דעם, וואָס זי האָט נאָך דריי קינדער ביי מלמדים. איהר שטאָלץ און פּראַכט, יונה־גדליה, וואָס לערענט שוין אין בית-המדרש ביים דיין שיעור; איטשע מאיר, גערופען גלאַט דער „יונג" און נאָטע דער „זויגענדיגער" (וואָס דבורה'לע האָט געהאָלפען אויס־טראָגען אויף די הענד, ביז זיי האָבען זיך נעקענט אַליין רוטשען). די צוויי יונגען זענען נאָך קליינע און געהן אין חדר צו גמרא־מלמדים. אויף זיי געהט אַוועק דאָס גאַנצע געלד, וואָס דבורה'לע פערדיענט מיט'ן נייען.

די ערשטע צוויי יונגען האָבען זיך נישט „איינגעגעבען". זיי האָבען נישט געוואָלט לערנען פון קליינערהייט אָן, מיט געוואַלד האָט זיי די מאַמע געהאַלטען ביי מלמדים, און געיאָגט זיי מיט אַ

שטיק האָלץ אין הדר אַריין. איינער איז נעבעך געוואָרען אַ בעל־מלאכה, און דער צווייטער, מישטיינס געזאָגט, אַ סוחר, אַ „פרנסה־געבער“. דערפאַר איז יונה־גדליה געראָטען. דאָס אינגעל האָט גע־ריהמט פאַר אַן עלוי אין שטאָדט און צו דרייצעהן — פערצעהן יאָהר לערענט ער שוין ביי ר׳ לייבוש דעם דיין דעם העכסטען שיעור, מיט סאַמע גרויסע בחורים. טאַקע דער טאַטע זאָגט, „אַז: יונה־גדליה איז דער איינציגער, וואָס איז אַריינגעראָטען אין זיין משפחה, אַלע איבעריגע איהרע“ — דערפאַר אָבער איז זי זיין מאַמע, זי האָט איהם געבוירען און ערצויגען.

דאָס אינגעל איז געוועןאַ מתמיד. ער פלעגט זיך אויפהויבען פאַרטאָג אין די קעלטסטע מאָרגענס, אין דרויסען האָט עס גע־פרוירען, און יונה גדליה איז געלאָפען אין בית המדרש אַריין, אָפּ־זיצען ביז מיטאָג־שעה איבער דער גמרא. מען האָט איהם קיינ־מאָל נישט געזעהן געהן ליידיג, שטענדיג האָט ער געלערענט, און האָט ער נישט געלערנט, האָט ער אַזוי אַריינגעקוקט אין אַ ספר. יונה גדליה האָט גע׳שמ׳ט איבער דער שטאָדט. מוטערס האָבען גע׳מוסר׳ט זייערע קינדער מיט יונה גדליה אַלס ביישפּיעל. מען האָט זיך געבענשט מיט איהם און געוואונדערט זיך, פון וואַנען עס קומט צו אַנשעל בעל הקורא אַזאַ קינד.

דאָס אינגעל איז אַלט געוואָרען דענסטמאָל דרייצעהן — פערצעהן יאָהר. פון פיעל זיצען איבער די גמ״ות אין פערמאַכטען בית המדרש איז ער דין און בלייך געווען. די מאַמע האָט וועל־טען איינגעלייגט, אַז דאָס קינד זאָל אַ סך עסען. ס׳האָט אין שטוב טהיילמאָל געקענט נישט זיין אויף אַ מיטאָג עסען, אָבער פאַר יונה גדליה איז שטענדיג געווען דאָט בעסטע און דאָס געשמאַק־סטע. די מאַמע האָט נאָר געקאָכט צוליעב יונה גדליה׳ן: „דאָס קינד זיצט אַ גאַנצען טאָג אין בית המדרש, דאָס האַרץ איז דאָך איהם פער׳חלש׳ט“. און שרה רבקה פלעגט אַלץ טהאָן, אַז פאַר׳ן קינד זאָל זיין אַ שטיקעל פלייש אָבגעקאָכט. אַ יאַכעל צוויי דריי מאָל אין דער וואָך. איז זי געגאַנגען אין גאַס און געזעהן ביי די פרוכט־הענדלערין שעהנע עפּעל, האָט זי פאַר׳ן לעצטען גראָשען געקויפט אַן עפּעל, אָפּגעבראָטען פאַר׳ן אינגעל, אַז ווען ער וועט אַהיים

קומען פון בית המדרש זאָל ער האָבען מיט וואָס דאָס האַרץ צו דערכאַפּען. האָט די גאַנצע שטוב גאָרנישט געקענט בענייען אויף אַ יום־טוב, יונה גדליה האָט שטענדיק געהאַט עפּעס נייעס מחדש צו זיין. אַ נייע צייגענע קאַפּאָטע, אַ פּאָר נייע שטיוועלעך. און ווען עס איז שוין גאָרנישט געווען, האָט דאָך די מאַמע אַ העמד אויפגעּ נייהט פאַר איהם, אַז דאָס קינד זאָל האָבען עפּעס מחדש צו זיין.

און קיינער האָט נישט יונה גדליה׳ן מקנא געווען. יונה גדליה האָט געמעגט. יונה גדליה איז אַ „לעהרען־קינד״.

דערפאַר אָבער ווען די מאַמע איז אַרונטערגעגאַנגען אין בית המדרש געסעל, און פון די אָפענע פענסטער פון בית המדרש האָט זיך אַרויסגעריסען דאָס קול התורה פון די בחורים, אָ, ווי־ פיעל שטאָלץ און פרייד האָט אָנגעזעטיגט שרה רבקה׳ס האַרץ.

צענטער קאַפּיטעל

מען פּאַקט זיך אין וועג

אַנשעל דער בעל קורא האָט אָנגעשריבען אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט אַלע משכּילישע מליצות בענוצט, וועלכע ער האָט נאָך געדענקט פון זיינע בחור'שע יאָהרען, ווען ער האָט געשריבען חתן-בריעף צו זיין שרה רבקה'ן; אין אָנפאַנג פון דעם טיטעל די ווערטער: „בני הבכור, יוצא כליותי, מחמד נפשי", וואָס דער טייטש דערפון איז: „מיין זוהן דער בכור, דער אַרויסגעקומענער פון מיינע געדערים און דאָס גלוסטיגקייט פון מיין נשמה". וואָלט זיך ווער געקענט ריכטען, אַז דערמיט איז געמיינט נישט קיין אַנדערער, נאָר דער „שוסטער יונג" שלמה חיים?

נאָך דעם הויכען און בכבוד'יגען טיטעל האָט אַנשעל איהם דערצעהלט, וואָס עס איז געוואָרען פון דעם הונדערטער, וואָס ער האָט איהם געשיקט אויף הוצאות הדרך. „מיינסטו דאָך, מיין זוהן — שרייבט ער ווייטער אין בריעף — אַז איך האָב „שיער ווי א האָר" נישט געמאַכט קיין עשירות? און אזא עשירות, אַז נישט איך וואָלט בעדאַרפט קומען צו דיר נאָך אַמעריקע, נאָר אַמעריקע מיט דיר צוזאַמען וואָלטען געקומען צו מיר, ווען מיין פּלאַן וואָלט זיך געוועזען איינגעגעבען". און דאַן געהט אַ לאַנגער צעטעל פון גליקען, וואָס עס וואָלט געווען, ווען דער פּלאַן מיט דעם „זאָדע וואַסער"-פאַבריקעל וואָלט זיך געווען איינגעגעבען, וואָס עס וואָלט אַרויסגעקומען דערפון. וויפיעל פּלענער ער האָט

נאָך געהאַט אין קאָפּ. און פון דעם אַלעם איז גאָרנישט געוואָרען, ווייל פון דעם פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט „אַ בוידעם", און „אַ בוידעם" האָט עס זיך אויסגעלאָזט צוליעב אַ קלייניגקייט, צוליעב אַ גאָרנישט, צוליעב אַ האָר. די מאַשינען, וואָס ער האָט געקויפט, וואָס מאַכען דאָס זאָדע וואַסער, זענען קיין מאַשינען נישט, נאָר פאַרראָסטע אייזענס, און זיי צו פאַררירכטען, דאָס הייסט, פון זיי צו מאַכען מאַשינען, בעדאַרף מען האָבען קורח׳ס אוצרות. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, אַז ער האָט ענדליך אָפּגעמאַכט זיין פּעס־טען בעשלוס צו פערלאָזען „די אַלטע היים" און צו זוכען זיין גליק אין דער „נייער וועלט". די שיפסקאַרטען האָט ער נישט אָנ־גערירט, שרייבט ער אין בריעף, „זיי זענען, אַזוי ווי דו האָסט מיר זיי צוגעשיקט, אפילו מיט די קאָנווערטען, דאָס איינציגע, וואָס פעהלט, איז דער הונדערטער צו דער שיף". ער וועט אַפילו פון זיין „פערמעגענס", וואָס ער וועט פערקויפען, גענוג געלד האָבען אַראָבצוקומען ביז סאַמע אַמעריקע. נאָר אַזוי ווי אין וועג קען מען קיינמאָל נישט אויסרעכענען, וואָס עס קען זיך מאַכען „מיט אַן אָבּ־געצעהלטען גראָשען", וויל ער פון זוהן, אַז ער זאָל זיך צואיילען צו שיקען אים אַ נייעם הונדערטער, און אם ירצה השם באַלד נאָך די ימים טובים לאָזען זיי זיך אין וועג אַריין. „די אַלטע היים" איז מיר שוין סיי ווי סיי פער׳מיאוס׳ט. און איך וויל דאָ מער נישט זיין, אפילו ווען מען מאַכט מיך פאַר גובערנאַטאָר פון דער גאַנ־צער גובערניע. „און זאָלסט נישט מיינען" — לעגט ער צו — „אַז דיין געלד וועט, חלילה, פערפאַלען ווערען. איך האָב אויפגע־שריבען, מיין זוהן, יעדען גראָשען און יעדען רובעל, וואָס דו האָסט מיר געשיקט. און אַז איך וועל נאָר מיט׳ן אויבערשטענס הילף אַראָבקומען קיין אַמעריקע, וועל איך דיר בעצאָלען כפל כפלים. דאָס קרן מיט פּראָצענטער און פּראָצענט פון די פּראָ־צענטער".

אין עטליכע וואָכען אַרום איז געקומען אַן ענטפער מיט ביי געלד אויף הוצאות מיט דער התראה, אַז „אַ דריט מאָל אויף הוצאות וועל איך שוין נישט שיקען, ווייל איך האָב נישט". האָט מען זיך גענומען צום פּאַקען.

ביז מען איז נישט געקומען דערצו, האָט מען גאָרנישט גע-וואוסט וואָס אַמעריקע איז. אַלע האָבען גערעדט וועגען אין אַמע-ריקע פאָהרען, און מען איז אַזוי געוואוינט געוואָרען דערצו, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין אַמעריקע אַריבערפאָהרען איז ווי פון איין דירה אין דער אַנדערער זיך איבערצוציהען. אָבער אַז עס איז געקומען דערצו, האָט מען ערשט איינגעזעהן, וואָס אַמעריקע איז. די ערשטע און וויכטיגסטע פראַגע איז פאַר דער מאַמען געווען: די טעפּ. וואָס טהוט מען מיט די טעפּ? שרה רבקה׳ן האָט זיך אויסגע-וויזען, אַז דאָס ביסעלע חיינה, וואָס זי בעדאַרף האָבען אָנצוזעטי-גען איהר הויזגעזינד, קען זי גאָר געפינען אין איהרע טעפּ, אין די טעפּ, וואָס זי האָט געקענט אַזוי לאַנג, וואָס האָבען געוואוסט אַלע איהרע זאָרגען און נויטען. זיי האָבען שוין געוואוסט, אַז די מאַמע האָט נישט מיט וואָס אָנצוריישען די זופּ. און זיי זענען איהר צו הילף געקומען. זיי האָבען אַרויסגעלאָזט די פעטסען פון זייערע געהיימע אוצרות, דער מאַמען אַרויסצוהעלפען אין אַ שעה פון נויט.. איהר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אין אַנדערע טעפּ וועט זי גאָר נישט קענען קאָכען. זיי וועלען זיין פרעמד און וועלען נישט וויסען די סודות פון איהר קאָכען...

נאָך וואָכען פריהער, איידער עס האָט נאָך געהאַלטען דער-ביי, האָט מען זיך געהאַלטען אין איין אַרומקריגען וועגען די טעפּ. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט נישט איבערלאָזען „אַ פאָדעם און אַ שאַרבען"; אַז אַלעס וועט זי איינפּאַקען און מיטנעהמען. האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז „די וועלט וועט פון איהר לאַכען, אַמע-ריקע וועט זיך האַלטען ביי די זייטען".

— וואָס, אין אַמעריקע פעלט אויס טעפּ? מען דאַרף זיי שלעפּען פון דאַנען?

האָט די מאַמע אָבגעענטפערט:

— האָב איך טאַקע אַ זאָרג, אַז די וועלט וועט לאַכען און אַז אַמעריקע וועט זיך האַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער! אַבי איך וועל האָבען אין וואָס צו קאָכען.

האָט דער טאַטע געזאָגט:

— נאָר איינער, יענער גרייט אָן דאָרט פאַר דיר אַ פּאַלאַץ, מיט מעבעל, מיט טעפּ, מיט אַלצדינג.

האָט די מאַמע אָבגעענטפערט:

— אַז איך וועל האָבען נייע, וועל איך אַרויסוואַרפען די אַלטע.

און אַז עס האָט געהאַלטען דערביי, האָט נישט געהאָלפען קיין טענות. שרה רבקה האָט איינגעפּאַקט אַלע טעפּ, מיט'ן געשיר, מיט די פּאָר אַלטע לעפעל, אפילו די שטאַרצען איינגעפּאַקט אין בעטגעוואַנד און פאַרבונדען מיט אַ לײַלעך, אַזוי ווי אַמעריקע וואָלט געווען אַ צווייטע דירה, אין וועלכער מען קלייבט זיך אַריבער.

— וואו וועסטו דאָס אַלעס פיהרען? — פרעגט אַנשעל.

— די שיף איז גרויס נענוג! — ענטפערט אָב שרה רבקה.

אַנשעל אָבער איז געווען זיכער, אַז דער זוהן האָט אָנגע-גרייט פאַר איהם אין אַמעריקע, אויב נישט קיין פּאַלאַץ, איז כאָטש אַ רייכע, באַלעבאַטישע שטוב, מיט נייע מעבעל, מיט אַ גאַנצע זאַ-פע, אָן אויסגעבעטע, אַוועקצולעגען זיך דרעמלען נאָכ'ן עסען. אַז נישט, וואָס טויג דאָס גאַנצע אַמעריקע?

די מאַמע אָבער האָט נישט בלויז די טעפּ געוואָלט מיטנעה-מען, נאָר יעדער כּלי, יעדעס שטיקעל מעבעל. יעדע קלייניגקייט איז געווען איינגעוואַקסען אין האַרצען פון שרה רבקה'ן. זי האָט געדענקט די „היסטאָריע" פון יעדער זאַך בעזונדער, ווי שווער עס איז אָנגעקומען, איידער מען האָט עס געקראָגען אין שטוב אַריין, און ווי לאַנג עס איז אין שטוב. יעדער זאַך איז געווען אַ שטיק לע-בען. און ווען עס האָט געהאַלטען ביים צושיידען זיך דערמיט, איז עס געווען, ווי מען בעדאַרף זיך שיידען מיט אַ לעבעדיגען מענ-שען. צום ערשט האָט זי גאָרנישט געלאָזט פערקויפען. זי האָט גע-וואָלט מיטנעהמען די בענקלעך, די טישען, די שלאָפבאַנק, אַלעס אַלעס. דערנאָך האָט זי פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שווערע הלכה, און אַז דער איד, חיים, דער סוחר פון אַלטוואַרג, איז געקומען דאָס צונעהמען, האָט שרה רבקה עס בעוויינט, יעדעס בענקעל בעזונדער, ווי מען בעוויינט אַ געשטאָרבענעם מענשען... אַז מען האָט אַרויס-

געטראָגען די שלאָפבאַנק, איז געווען ווי מען וואָלט פון שטוב ארויס-געטראָגען א בר מנן . .

מילא, וועגען די שבת-לייכטערלעך און וועגען הענג-לייכטערל האָט אַנשעל אָפילו נישט „געסמייעט״ א וואָרט אויסצורעדען, נאָר די טעפּ זענען אויך געלעגען בכבוד איינגעפּאַקט אין דעם בעט-געוואַנד. די גרויסע מחלוקה איז אָבער אַרויסגעוואַקסען וועגען דבורה׳-לעס נעה-מאַשין. די מאַמע האָט אַנדערש נישט געוואָלט נאָר אַנ-שעל זאָל מיטנעהמען די נעה-מאַשין.

זי האָט מורא געהאַט צו ריהרען זיך אָן דער מאַשין... זי האָט געהאַט אַזאַ צוטרויען צו דער נעה-מאַשין. „אז די נעה-מאַשין וועט זיין אין שטוב, וועט דאָס שטיקעל ברויט נישט אויספּעהלען״ — האָט די מאַמע געזאָגט. זי האָט געהאַט די „ערפאַהרונג״ דורך איהר לעבען לאַנג. ווי שלעפּט מען אָבער א מאַשין? ערשטענס, האָט אַנשעל גערעכענט אויף האַלבע הוצאות צו דער שיף פון דער מאַ-שין, און צווייטענס, האָט ער געטענה׳ט:

— וועסט ברענגען קיין אַמעריקע א נעה-מאַשין. אַלע נעה-מאַשינען קומען פון אַמעריקע, און דו וועסט פיהרען נעה-מאַשינען קיין אַמעריקע?...

— זי איז דאָך אונזער גאַנצער פּרנסה-געבער! עס איז דאָך אונזער שטיקעל ברויט! — האָט די מאַמע געזאָגט.

שפּעטער, פאַר׳ן אָוועקפאָהרען, אַז שמואל דער אַגענט איז געקומען צונעהמען די מאַשין, האָט זי די מאַמע אונווילענדיג אַרומגענומען, ווי מען נעהמט אַרום א געטרייען פריינד צום לעצטען מאָהל.

— זי האָט דאָך מיך געקאָרמעט אַזוי ווי... נאָר שרה רבקה האָט נישט פּערענדיגט דעם זאַץ, ווייל די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט אין האַלז.

צוויי וואָכען נאָך די ימים טובים, נאָך דעם ווי אַלע זאַכען זענען שוין געווען געפּאַקט און מען איז מושוה געוואָרען מיט נאָ-טע דעם אַגענט פון דער גרעניץ וועגען איבערפיהרען און צושטע-לען צו דער שיף, און נאָך דעם ווי שרה רבקה איז שוין געווען אויף קבר אבות און האָט זיך געזעגענט מיט איהרע טויטע קינדער.

וואָס זי האָט געהאַט ליגען אויפ'ן גוטען אָרט (אויף קבר-אבות צו איהרע עלטערען איז זי נישט געגאַנגען, ווייל זיי זענען געלעגען אין אַ פרעמדער שטאָדט און עס איז צו טייער געווען אַהין צו פאָה-רען...) איז אַנשעל מיט זיין הויז-געזינד גרייט געווען צו פערלאָ-זען די אַלטע היים, וואו ער און זיינע עלטערען און זיינע עלטע-רענס עלטערען זענען געזעסען פון דורות און דורות און אויסצו-וואַנדערען אין אַ ווייטע און פרעמדע מדינה, וואָס ליגט איבער וועל-דער און ימים, וואו זיין זוהן איז פאָראויסגעגאַנגען פאַר איהם אויס-צושפיערען, אויב עס איז דאָ אין יענעם לאַנד ברויט צו עסען, וואָ-רים אין זיין לאַנד איז געווען אַ הונגער...

דעם שבת, בעפאָר אַנשעל האָט פערלאָזען זיין שטאָדט, האָט ער אָבגעגעבען אַ לייענען אין דער שוהל — אַ קאָנצערט.

לאַנג, לאַנג, מיט מתיקות, האָט ער געצערטעלט אין זיין גאָרגעל יעדען „פזר" און יעדען „שלשלת". ער האָט אָבגעהאַלטען דעם עולם ביז אינמיטען האַלבען טאָג מיט זיין לייענען. אין שטאָדט האָט מען געזאָגט, אַז אַזאַ לייענען איז נאָך נישט „דאָ געווען".

— זאָלען זיי מיר האָבען צו געדענקען! — האָט דערנאָך אַנשעל געזאָגט.

אין דעם זעלבען שבת צו נאַכט האָט אַנשעל אויסגעוואַנ-דערט מיט נאָך אידען עמיגראַנטען, אויף נאַטע אַגענט'ס פוהר, פון דעם אָרט, וואו ער האָט געוואוינט, ער, זיין ווייב און זיין הויז-געזינד.

אַ האַלב שטעדטעל איז זיי אַרויסגעגאַנגען בעגלייטען, און די געשרייען און געוואַלדען, וואָס זענען דאָרט געווען ביים געזעגענען זיך, זענען אויפגעגאַנגען צום הארץ פון הימעל...

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטעל

אידען געהען איבער דעם „ים סוף״

דאָס אַריבערפאָהרען פון אַנשעל בעל־קורא׳ס משפּחה פון דער אַלטער אין דער נייער וועלט איז פאָרגעקומען אָהן שום בעזונדערע געשעהענישען. אַנשעל אַליין, ווי אויך זיין משפּחה, האָבען אָבער נישט אַזוי געמיינט. שרה רבקה׳ן איז נישט איינמאָל פאָרגעקומען, אַז „די וועלט געהט אונטער״, און אַנשעל האָט דאָס אַלעס אַרויפגעלעגט אויף די פּלייצעס פון דעם שוסטער־יונג מיט זיין אַמעריקע.

שוין ביי דער גרעניץ, וואו די משפּחה האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי דעם אידען אין דער אכסניה, האָט אַנשעל איינגעזעהן, אַז ער איז נישט קיין מורינו. קיינער ווייסט נישט, ווער אַנשעל בעל־קורא איז, און קיינער ווייסט נישט, אַז אַנשעל בעל־קורא פאָהרט מיט זיין משפּחה קיין אַמעריקע. אַזעלכע ווי אַנשעל זענען געווען אַ סך. אידען פון דער גאַנצער וועלט: ליטוואַקעס און פּוילישע, מיט ווייבער און קינדער, גרויסע און קליינע, מיט גרויסע פּעק און קליינע פּעקלעך. עס איז נישט געווען איין שרה רבקה אויף דער וועלט, וואָס האָט געהאַט אַ משפּחה צו ערנעהרען. עס זענען נאָך געווען אַנדערע מוטערס, וואָס האָבען געהאַט גוטע, אויסגעפּרובטע טעפּ און די טעפּ געשלעפּט מיט זיך קיין אַמעריקע.

צוערשט האָט זיך אַנשעל געהאַלטען פון דערווייטענס. ערשטענס, איז ער עפּעס אַנשעל בעל־קורא, דער בעסטער אין דער

מדינה; צווייטענס, ער פאָהרט נישט גלאַט אזוי קיין אַמעריקע, נאָר נו אַנ׳אייגענעם זוהן, וואָס איז שוין אַליין אַנ׳אַמעריקאַנער, און עס איז שוין דאָרטען אין אַמעריקע אָנגעגרייט פאַר איהם אַ שטוב מיט מעבעל, מיט בעטגעוואַנד, מיט כל טוב (דער שוסטער איז איצט אויפגעוואַקסען אין אַנשעל׳ס אויגען צו אַזאַ גדולה, צו אַזאַ הויכער מהרגה, אַז ביי יעדען וואָרט האָט אַנשעל איהם אָנגערו-פען: „מיין זוהן אין אַמעריקע"). נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַזעלכע מורינו׳ס ווי אַנשעל זענען געווען אַ סך. איז איינער נישט געווען אַ בעל-קורא אין זיין שטעדטעל. איז ער דערפאַר גע-ווען אַנ׳אַנדערער מיוחס, און יעדער איינער האָט געהאַט וועמען אין אַמעריקע. אויב נישט אַ ברודער, איז עס געווען אַ פעטער, אַ קרוב, צו וועלכען עס בעלאַנגט אַמעריקע, און יעדער האָט געהאַל-טען אַמעריקע פאַר זיין אַמעריקע. נאָר איינער איז דאָרט געווען אַ פשוט׳ער אידעל, אַ בעל-מלאכה, דאַכט זיך, אַ שוסטערעל, וואָס איז געפאָהרען איינער אַליין. דאָס ווייב און קינדער אין דערהיים גע-לאָזט. ער האָט צו קיינעם נישט געהאַט צו פאָהרען, און קיין שטוב מיט אַלעס פאַרטיגען שטעהט אויך נישט אָנגעגרייט פאַר איהם אין אַמעריקע ער ווייסט אפילו נישט, וואו אַמעריקע ליעגט און צו וואָס ער פאָהרט קיין אַמעריקע. נאָר אַ וועלט מיט מענשען פאָה-רען, פאָהרט ער אויך. און די וועלט איז נישט משוגע. און ער האָט אין אַמעריקע אַנ׳אייגענעם, וואָס איז רייכער און שטאַרקער פאַר אַלע זיהן מיט אַלע ברידער און פעטערס. און דאָס איז דער „רבונו של עולם", וואָס געפינט זיך אין יעדען לאַנד...

געח׳בר׳ט האָט זיך אַנשעל מיט דעם איד, וועלכען מען האָט בעקרוינט מיט דעם נאָמען „דער ארץ-ישראל-איד". קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער עס האָט ענטדעקט זיין נאָמען, וואָס דער איד האָט געטראָגען נאָך פון דער היים. דעם איד האָט מען גערופען אַזוי דערפאַר, ווייל ער זאָגט, אַז ער איז אַ ציוניסט, און ער האַלט, אַז אָנשטאָט קיין אַמעריקע, דאַרפען אידען פאָהרען קיין ארץ-ישראל און ווערען ערד-אַרבייטער. אידען בעדאַרפען ווייזען פאַר דער גאַנצער וועלט, — האָט ער געהאַלטען אין איין טענה׳ן — אַז אידען זענען אַ פאָלק פון ערד-אַרבייטער, נישט פון שאַכער-

מאכער. און נישט אַנדערש — האָט ער געזאָגט — אַז ווען ער וועט קומען קיין אַמעריקע, שטעלט ער זיך אַוועק אויף דער ערד מיט אַ לאָפּעטע, און ער וועט ווייזן די אַמעריקאַנער, אַז אידען זענען נישט נאָר סוחרים, נאָר אויך גוטע פּויערים — בעסער פון די גוים, אַז זיי ווילען נאָר. נאָר קיינער האָט נישט פערשטאַנען, ווי אַזוי ער וועט דאָס טהון, אַז אינגאַנצען איז עס געווען אַ איד, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ, און יעדען אָוועגד ביים עסען איז איהם נישט גוט געוואָרען, און די ווייבער האָבען געמאַכט אַ געוואַלד, אַז „דער ארץ־ישראל־איד" פערגעהט, חלילה, און ווי־פיעל עס האָבען זיך געפונען שמעק־פלעשלעך מיט חלש־וואַסער צווישען די עמיגראַנטען (וואָס מען האָט זיך אָנגעגרייט פאַר דער שיף געגען ים־קראַנקהייט) האָט מען זיי אונטערגעטראָגען דעם אי־דען אונטער דער נאָז, און ער האָט נישט פריהער געוואָלט די אויגען עפענען, ביז די ווייבער האָבען איהם נישט אָבגעשריגען. נאָר דאָס — האָט דער איד געזאָגט — קומט נישט פון האַרץ, נאָר פון די נירען, און די לונגען זענען אויך נישט אינגאַנצען ביי איהם מיט אַלעמען, אַן איבערבלייבעכץ פון אַ פערקיהלונג. און אַ פערגרעסערטע לעבער האָט ער בעקומען בירושה. זיין פאָטער און זיין זיידע, אַזוי לאַנג ווי ער געדענקט, האָבען געליטען אויף פער־גרעסערטע לעבער. נאָר דאָס איז אַלץ בלאָטע. קוים — זאָגט ער — קום איך נאָר אויף דער ערד אַרויף און איך נעהם דעם שאָפעל אין דער האַנד אַריין, אַזוי וועלען אַלע קרענק אַוועקגעהן.

ער, „דער ארץ־ישראל־איד", און אַנשעל האָבען געבילדעט די „אַריסטאָקראַטיע" פון די עמיגראַנטען. זיי האָבען זיך געהאַל־טען אָבגעזונדערט פון אַלע אַנדערע און געקוקט אויף די אַנדערע, וועלכע זענען בעשטאַנען פון בעלי־מלאכות און פשוט׳ע אידען, פון אויבען אַראָב. זיי האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר דער פּאַרטיע עמי־גראַנטען ביים אַגענט. זיי האָבען געסטראַשעט צו פערקלאָגען דעם אַגענט „פאַר׳ן קאָמיטעט" און בעשרייבען אין בלאַט אלעס, וואָס די אַגענטען טהוען מיט די אָרימע עמיגראַנטען.

די ביידע אידען האָבען פערגליכען די רייזע קיין אַמעריקע מיט דעם „אַרויסגאַנג פון מצרים", און אָנגערופען זיי מיט די גע־

מען פון דער תורה. צוערשט בעדאַרף מען אַרויסגעהן פון מצרים. דאָס האָט געמיינט: אַריבערגעהן די גרעניץ, דערנאָך בעדאַרף מען „דורכגעהן דעם ים-סוף" — דעם ים אַריבערפאָהרען, און ערשט דערנאָך קומט „איינגעהמען דאָס לאַנד", דאָס הייסט, די „קעסעל-גרוב".

מילא, פון דעם „אַרויסגעהן פון די אידען פון מצרים" — פון יענער שרעקליכער נאַכט, ווען מען איז מיט ווייב און קינדער, האלטענדיג זיך ביי די הענד, דורכגעגאַנגען דאָס וואַסערעל אין וועלדעל, און דער אַגענט מיט די צוויי גוים, וואָס האָבען געפיהרט, האָבען אַלע ווילע געהייסען זיי „לעגען זיך אויף דער ערד" — יענע שרעקליכע נאַכט ווילען מיר נישט בעשרייבען. דערפאַר האָבען עס דאָך די צוויי אידען געקרוינט מיט דעם נאָמען „יציאַת מצרים". נישט איינמאָל האָט שרה רבקה איבערגעגעבען איהרע קינדער אין גאָט'ס הענד, וואָרים זי האָט געמיינט, אַז די וועלט ענדיגט זיך.

דערפאַר איז דאָס איבערגעהן דעם „ים סוף" דורכגעגאַנגען אָהן שום בעזונדערע געשעהענישען. די ווייבער, וועלכע האָבען זיך איבער'ן גאַנצען וועג געהאַלטען אין איין קריגען, זענען אויף דער שיף געוואָרען אַזוי משפחה'דיג, אַז זיי האָבען זיך צוזאַמענגעלעגט די פעקלעך און געטיילט זיך מיט די גוטע זאַכען, וואָס מען האָט מיטגענומען אויף דער שיף. די מענער האָבען געדאַוועט צוזאַמען, געמאַכט מנינים, גערעדט וועגען פּאָליטיק, געגרויסט זיך מיט „זייער" אַמעריקע און אויסגערעכענט די עשירות פון די אייגענע, וואָס זיי האָבען אין אַמעריקע. און די ווייבער האָבען צוזאַמען אָנגעגרייט עסען, געטיילט זיך מיט די ביסענס. האָט איינע געשאָכטען אַ הערינג, האָט די גאַנצע שיף געמוזט פערזוכען. האָט איינע אַרויסגענומען אַ טאָפּ שמאַלץ, וואָס זי האָט מיטגענומען אויף דער שיף, האָט זיך ביי דער צווייטער געפונען אַ טעפעל גריווען פון דער היים. אַנ'אַנדערע האָט מיטגעפיהרט אַ טעפעל איינגעמאַכטס דאָס האַרץ זיך צו „דערכאַפּען", און מיט אַלעם האָט מען זיך געטיילט. אַנשעל און דער ארץ-ישראל-איד זענען אַרומגעגאַנגען אויף דער שיף ווי זיי וואָלטען געווען די בעלי-בתים פון דער שיף. געקראַ-

כען צווישען די קעסלען, צווישען די מאַשינען און דוקא געוואָלט דערגעהן צום קאַפּיטאַן. אַז יענער זאָל זיי ווייזען דעם „גרויסען קאָמפּאַס״, נאָר דער „אַנטיסעמיט״, וואָס איז געשטאַנען ביי דעם טהירעל פון „צווישען־דעק״, האָט זיי באין אופן נישט אַרויסגעלאָזט. און וויפיעל זיי האָבען איהם נישט געסטראַשעט, אַז זיי וועלען איהם שטעלען אויף די בלעטער און שוואַרץ און פינסטער מאַכען זיין פּנים, אַזוי אַז קיין איד וועט שוין נישט וועלען פאָהרען מיט דער שיף, האָט עס גאָרנישט געהאָלפען. דער „אַנטיסעמיט״ האָט זיי באין אופן נישט געוואָלט אַרויסלאָזען, אַז זיי זאָלען קענען זעהן דעם קאַפּיטאַן.

האָבען זיי נישט געקענט זעהן דעם „גרויסען קאָמפּאַס״ מיט די בעגרעניצטע אויגען פון בלוט און פלייש, האָבען זיי איהם דערפאַר געזעהן מיט די אויגען פון זייער פאַנטאַזיע, און צווישען די וואַרימע קעסלען און לאַנגען קאָרידאָר האָט אַנשעל אָוועקגע־לעגט פאַר די אידישע עמיגראַנטען אַ „גרויסען קאָמפּאַס״ מיט אַלע זיינע וואונדער, אַז די אידען האָבען אויפגעעפענט זייערע אויגען, ווי זיי וואָלטען געוועזען געהערט קאָלומבוס'ן אַליין דערצעהלען פון זיין ערשטער רייזע. נישט מיט אַלעם איז דער „ארץ-ישראל-איד״ געוועזען איינפערשטאַנען מיט אַנשעל'ס אויסלעגעכצען פון „גרויסען קאָמפּאַס״, נאָר ער האָט אויך געמוזט צוגעבען, אַז וואָס איז נוגע ים-נסיעות מיט שיף־זאַכען, איז אַנשעל מעהר בקי פון איהם. און שרה רבקה'ן איז אויסגעקומען נישט איינמאָל כבוד צו האָבען פון איהר אַנשעל'ן אויף דער שיף, און נישט איינמאָל האָט זי געזאָגט, צו די ווייבער, וואָס זענען געוועזען אַרום איהר: — הלואי וואָלט ער געוועזען אַזאַ פערדינער, ווי אַ קענער ער איז.

אין „קעסעל-גאַרדען״ האָט שוין אָבגעוואַרט אויף זיי שלמה, און אַז שרה רבקה האָט איהם דערזעהן דורך די גראַטעס אויף יע־נער זייט וואַרטען אויף זיי — איז אַמעריקע ליכטיג געוואָרען אין איהרע אויגען, און זי האָט זיך שוין אויפגעהערט צו שרעקען...

צווייטער קאַפּיטעל

אַ מקום מנוחה פאַר קינדער און קינדס-קינדער

דערפאַר אָבער איז דאָס אַריינקומען אין דעם נייעם לאַנד אַריין גאַנץ אַנדערש אויסגעפאַלען, ווי אַנשעל האָט זיך פאָרגעשטעלט. שוין דער ערשטער אַריינפאָר איז איהם נישט געפעלען דאָס אויס-פרעגען אין קעסעל-גאַרדען, דאָס האַלטען אונטער די שטאַכעטען ווי בהמות. — „דאָס האָב איך דאָך געהאַט אין רוסלאַנד; צו דעם האָב איך נישט בעדאַרפט קומען קיין אמעריקע“, — האָט אַנשעל געזאָגט. נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט געווען געגען דעם ערשטען טריט שטעלען אין דעם נייעם לאַנד. פון דער שיף האָט זיי שלמה חיים, דער שוסטער-יונג, געפיהרט אין זייער אייגענער וואוינונג, וואָס ער האָט פאַר זיי אָנגעגרייט אין דער נייער מדינה. אַנשעל האָט זיך פאָרגעשטעלט: אַ פּאַלאַץ, נישט קיין פּאַלאַץ, נאָר אַ היי-מישע בעל-הבתישע שטוב מיט בעטען צוויי, און בעט-געוואַנד לרוב, און אַ היימישען קאַמאָד, און אַ שאַפע, און אַנדערע בעל-הבתישקייט, פאַר דעם האָט מען זיך דאָך געשלעפּט איבער ימים קיין אַמעריקע, אָוועקגעוואָרפען אַ׳אייגענע שטוב מיט בעל-הבתיש-קייט, מיט מאַשינען און פאַבריקען. (דבורה׳לעס מאַשין איז אויס-געוואַקסען אין אַנשעל׳ס אויגען אין „מאַשינען“, און דבורה׳לעס װערקשטעל — אין „פאַבריקען“). ערשט, דער יונג האָט זיי פער-שלעפּט אין אַ קעלער אַריין, דעם בעל-קורא מיט זיין ווייב און קינדערלעך, אַ מענשען אַכט, מיט פעק און פעקלעך, — אין אַ קע-

לער אַריין, וואָס איז געלעגען אין אַ ווינקעל גאַס, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו אַ דאַך־באַהן (עלעווייטער). אמת, דער קעלער האָט בעהאַט נאָך אַן אַלקערעל, וואָס האָס קיין פענסטער נישט געהאַט. ער האָט יאָ אַ פענסטער געהאַט, נאָר דאָס פענסטער איז אַרויסגעגאַנגען געגענאיבער אַ גרויער וואַנד, און די פענסטער זענען געווען אַזוי פערקאָוועט מיט וואַטעדיגע פעדים, אַז עס איז אומעגליך געווען צו זעהן דורך זיי, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. אויפן פּאַרטער (גראַנד פלאָר) איז געווען אַ רומענישער רעסטאָראַנט, און דער קעלער איז געלעגען אין שכנות מיט דער קיך פון רעסטאָראַנט. האָט זיך געהערט אין קעלער אַ גאַנצען טאָג אַ רויך און אַ פּאַרע פון דער קיך, אַזוי ווי מען וואָלט אַ גאַנצען טאָג וועש געוואַשען. די ריחות פון דער רומענישער קיך האָבען גערייצט דעם גאָרגעל צו הוסטען, און די נאָז צו ניסען, אין די אויגען האָט עס געשטשיפּעט, ווי מען וואָלט אַ גאַנצען טאָג ציבעלעס געריבען...

אַלע געוואַלדען, אַלע געשרייען פון דער גאַס האָבען אַראָבגענידערט אין קעלער אַריין דורך די צוויי קליינע פענסטערלעך און אַפענער טהיר, און אַ גאַנצען טאָג האָט מען נאָר געזעהן פיס פערבייגעהן... פון ווײַלע צו ווײַלע איז דורכגעלאָפען איבער'ן קאָפּ אַ דאַך־באַהן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ באַהן פליהט איבער די געהירען אַדורך. חנה לאה איז געבליבען שטעהן אינמיטען קעלער מיט פערלעגטע הענד. צוערשט איז זי צודולט געוואָרען און האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר. דערנאָך, אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געמיינט, אַז זי איז אַרויסגעשטעלט געוואָרען מיט איהרע קינדערלעך און פעקלעך אינמיטען אין דער גאַס, און מען זאָגט איהר: דאָס וועט דיין היים זיין.

זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. די פרייד, אַז זי איז אָנגעקומען אויף אַן אָרט מיט איהרע „ווערים“, און זי האָט וואו איהרע פעקלעך אַוועקצולעגען — האָט אַלעס אַריבערגעוואויגען אין איהר.

דערווייל האָט זיך אַנשעל, מיט די הענד פערלעגט אויף הינטען, אַרומגעדרעהט איבער'ן קעלער און אַרומגעקוקט זיך, בעטראַכטענדיג זיין פּאַלאַץ. דער קעלער איז געווען אַגגעשטעלט מיט

לאנגע און ברייטע מאטראַצען, וועלכע זענען געלעגען אויף גרויסע אייזערנע בעטען, וואָס האָבען פּערנומען אַ האַלבען קעלער. אינמי-טען קעלער איז געשטאַנען אַ רונדיגער טיש, אין וועלכען איין פוס האָט געפעהלט און איז געווען אונטערגעשטעלט מיט אַ קע-סטעלע. אַ צוויי-דריי בענקלעך, פון וועלכע איינס איז געווען אַ נייעס, און דאָס איבריגע קעסטלעך. נאָר דערפאַר איז אין אַ ווינקעל געשטאַנען אַ נייע שאַקעל-שטוהל, און עס האָבען שוין צייט גע-האַט איטשע מאיר „דער גרויסער יונג", און נאָטע „דער זויגענ-דיגער" צו צושלאָגען זיך איבער איהם, ווער עס זאָל זיצען אויף איהם דער ערשטער. — דאָס איבעריגע מעבעל פאַר'ן אַלקערעל, וועלכעס האָט געזאָלט דיענען אַלס סאַליע (פּאַרלאָר) האָט נאָך אויסגעפעהלט, און געוואַרט אויף גוטע צייטען, וואָס דאַרפען קו-מען דאָ קיין אַמעריקע.

כדי צו פערשלאָגען דעם ערשטען איינדרוק, האָט דער גרוי-סער יונג אָנגעגרייט אַ פרישטיק אויפ'ן טיש. עס האָט זיך געיאָוועט אַ ביסעלע שנאַפּס, די קינדער האָבען פערזוכט פון די ערשטע אַמע-ריקאַנישע פלעצלעך און בייגעל — און איציקעל, וועלכער איז געווען אין דער היים אַ לעהרער פאַר מיידלעך, און דאָ איז ער שמש פון די „אנשי צדק" ד'גאָסטינין און בעווייזט זיך ביי יעדען לאַנדסמאַן, ווי ער דערשפּירט אַ ביסעלע שנאַפּס, איז געקומען אין קעלער אריין בעגריסען דעם נייעם לאַנדסמאַן, און איינצולאַדען אַנשעל'ן אין נאָמען פון גבאי, וואָס איז הענעך לעקעך-בעקער פון דער היים, אַז דער בעל-קורא זאָל קומען אין חברה אריין צו די לאַנדסלייט נעכסטען שבת לייענען די סדרה.

אַז מען האָט זיך אַביסעל בערוהיגט פון דער ערשטער איבער-ראַשונג, האָט זיך שרה רבקה גענומען אויספּאַקען איהרע טעפּ און אָנגעהויבען זיך אַרומצוקוקען אין איהר נייער וואָהנונג. שרה רבקה איז נאָך נישט געווען צוגעוועהנט צו דעם טומעל פון דער גאַס, צו דעם רעש פון עלעווייטער, וואָס האָט זיך געדאַכט יעדעס מאָל, אַז עס פליהען דורך דעם קעלער אומגעזעהענע רוחות מיט אַ פייף און אַ רעש — דאָס איז נאָך געווען צו דערטראָגען, נאָר די ריחות

פון די רומענישע מאכלים, וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען פון דער רומענישער קיך, און די היץ, וואָס האָט געזעצט דורך דער וואַנד מיט דעם אָנגעהייצטען סוואַנד, דאָס האָט פערשאַפט אַזאַ קאָפּ־וועה־טאָג, אַזוי ווי מען וואָלט זיך אַ גאַנצען טאָג געווען געפונען אין אַ באָד. שרה רבקה האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגען, אַז זי זאָל נישט צושטערען דעם זוהן די שמחה, און דעם מאַן נאָך טרויעריגער מאַ־כען, האָט זי זיך פערבונדען דעם קאָפּ מיט אַ טיכעל, און גענומען זיך אויספאַקען איהרע טעפּ.

דער זוהן האָט געבראַכט פון דער גאַס אַריינצוטראָגען אַ קעסטעלע פון אויבס, און עס אַוועקגעשטעלטביים גאַז־קיכעל. שרה רבקה האָט אַרויסגענומען איהרע אַלטע פריינד, איינעם נאָך איינעם, און האָט יעדען בעזונדער בעטראַכט מיט אַ קרעכץ. אַזוי ווי זי וואָלט איהר ביטער האַרץ אויסגעגאָסען פאַר איהרע פריינד, און זיי דערמאָהנט אָן זייער אַלטע פריינדשאַפט, אַז זיי זאָלען איהר בייישטעהן אין איהר נויט און דינען איהר געטריי, אַזוי ווי זיי פלעגען עס טהון אין דערהיים.

דער קראַן מיט דעם פליסענדען וואַסער אין דער סינק וואָס האָבען זיך אפילו אויך געפונען אין דעם קעלער, האָבען נישט נאָר די מאַמע, נאָר אויך דעם טאַטען איבערגעבעטען מיט׳ן קעלער. אַז דער „זויגענדיגער” האָט דורך אַ צופאַל ענטדעקט דעם קראַן און געלאָזט דאָס וואַסער רינען, האָט זיך די מאַמע צוערשט דערשראָ־קען, און געמיינט אַז עפּעס אַנ׳אומגליק האָט פאַסירט, נאָר דער שוסטער־יונג האָט זי בערוהיגט און מיט שטאָלץ אָנגעוויזען אויפ׳ן קראַן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען זיין אייגענע ערפינדונג, און גע־זאָגט: — דאָ, מאַמע, וועסטו נישט דאַרפען שלעפּען וואַסער פון פּלימפּעל — דאָ קריגסטו וואַסער פון די וואַנד אַרויס.

— אַזוי ווי משה רבינו פון שטיין אַרויס, — האָט דער טאַטע צוריק געפונען זיין הומאָר, און איז צוגעקומען אויך צום קראַן בעטראַכטען דאָס וואונדער.

— און קיין שעפּעלעך בעדאַרפסטו נישט שלעפּען צום ריני־

שטאָק — דערפאַר איז דאָ אָט דאָס, — ווייזט ער אויפ׳ן סינק.

— מיט חכמה, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — פון דער וואַנד קומט עס און דורך דער וואַנד אַנטלויפט עס.

די אַלע בעקוועמליכקייטען האָבען היימישער געמאַכט דעם קעלער אין די אויגען פון זיינע בעלי-בתים. אַנשעל האָט זיך אָנ-געהויבען איבערצובעטען מיט דעם קעלער, מיט דעם טומעל פון דער גאַס, מיט די פערבייליופענדע פיס דורך די פענסטערלעך, עס איז געווען, ווי די אַלע אַמעריקאַנישע ערפינדונגען האָבען אַריינגענאַרט די גרינע אין קעלער אַריין. אַנשעל האָט אפילו שוין צוריק געפונען זיין אַלטע בעגייסטערונג פאַר אַמעריקע — און אָנ-געהויבען זיך צו גרויסען מיט איהר. טייל פון די קינדער, אי-בערהויפט די קלענערע, האָבען זיך איינציגווייז אָנגעהויבען ארויס-צוגליטשען פון קעלער, אויף דער גאַס אַרויס, — און די מאַמע האָט אין קאָפּ אויסגערעכענט די געלעגערס און די קישענס, וואָס זי האָט אויסצולעגען די משפחה אין דער נייער מדינה אויף דער נאַכט.

דאָס ערשטע אָוועגד-עסען האָט מען נאָך די מאַמע נישט גע-לאָזט קאָכען. דער זוהן האָט געבראַכט ווורשט פון גאַס מיט פלע-צלעך, און ווידער אַ ביסעל בראָנפען. אַנשעל האָט זיך אָוועקגע-שטעלט אין דעם נייעם מקום מנוחה דאַוונען, און דער זוהן האָט געלערענט די מאַמע, ווי אַזוי דאָס ערשטע פייער צו מאַכען אויף דער אַמעריקאַנער קיך און פאַרגעשטעלט פאַר די עלטערען די ניו-יאָרקער „געז קאָמפּאַני״.

אין אָוועגד זענען געקומען לאַנדסלייט בעגריסען די נייע אָנגעקומענע און אָבצוגעהמען גרוסען פון דער היים. עס איז גע-קומען הענעך דער לעקעך-בעקער, וואָס איז דאָ דער „דאָזאָר״ פון די לאַנדסלייט, און דער גבאי פון דער חברה. עס איז געקומען ברוך מאיר דער שוסטער, וועלכער איז געווען אַ לאַנג-יעהריגער שכן אין דערהיים; איציקעל דער שמש האָט אויך נישט געפעהלט. טויבע פעסי, װאָס איז געווען אַן אַלטע פריינדין פון שרה רבקה׳ן

יעדער איינער פון די לאַנדסלייט האָט מיטגעבראַכט אַ גוט וואָרט, און אַ מתנה פאַר דער נייער בעל־הבתישקייט. דער שוסטער־יונג האָט אָנגעצונדען דעם געז־רעהר, וואָס האָט אַ נייע פערוואונדערונג ארויסגערופען ביי די גרינע. אויפ׳ן טיש האָבען זיך בעוויזען אַ פּאָר קענדלעך ביער, און מען האָט גערעדט פון דער היים. גע־טרייסט אַנשעל׳ן און צוגעזאָגט איהם גליקען. אַנשעל האָט געלאָזט פאַרבייפיהרען פאַר די לאַנדסלייט זיין גאַנץ פערמעגען, אַלע זיי־נע קינדערלעך. די לאַנדסלייט האָבען זיי בעטראַכט.

— וואָס איז די? — פרעגט דער געלער לאַנדסמאַן, איציקעל דער לעקעך־בעקער פון דער היים, אויף דבורה׳ן.

— זי איז דאָך געווען מיין גאַנצע פרנסה־געבערין אין דער היים. — אַ נייהטאָרין, גאָלדענע פינגער, — ריהמט די מאַמע.

— פאַר איהר קענסטו דאָך באַלד קריגען ארבייט — זאָגט דער געלער לאַנדסמאַן — אַז דו ווילסט, שלמה, — ווענדעט ער זיך צום עלטסטען — שיק איך זי צו מיינעם אַ מחותן, אַ מאַנופעקטשו־רער. ער וועט איהר געבען אַרבייט.

— און וואָס איז ער? — פרעגען זיי אַלע אויף משה׳־לען.

— אַ סוחר איינער אין דער וועלט — ריהמט די מאַמע.

— האָסטו מיטגעבראַכט דאָלאַרס? — וויצעלט זיך דער גע־לער לאַנדסמאַן.

משה׳לע ווערט פערשעהמט, פערלירט זיך אויף אַ מינוט, און ענטפערט באַלד אָב דרייסט: — מיט געלד איז דאָך נישט קיין קונץ צו זיין אַ סוחר — אָהן געלד.

די לאַדסלייט לאַכען. און דער טאַטע שטעלט דערוויל פאָר זיין ליעבלינג:

— ער קען שוין היינט אַלע אַמעריקאַנער רבנים אויסשיטען אויסען אַרבעל, — וויזט דער טאַטע אויף יונה גדליה׳ן.

— די אַמעריקאַנער רבנים איז קיין גרויסע קונץ נישט — זאָגט איציקעל.

דער מאַמען איז עס אַ ריס אין האַרצען, וואָס איר לערן־קינד געהט אין אַ צוריסענעם קאַשקעטעל — פערשטעלט זי איהם דאָס קאַשקעטעל, מיט דער האַנד אויפ'ן קאָפּ.

די לאַנדסלייט קוקען אָן מיט פערוואונדערונג דעם טייערען תכשיט, וואָס אַנשעל האָט געבראַכט פון דערהיים, און איין לאַנדס־מאַן זאָגט נביאות:

— ווער ווייסט, אפשר וועלען מיר נאָך דאָ כבוד דערלע־בען פון אונזערע לאַנדסלייט.

הויבט זיך אויף דער געלער איד, דער לעקעך־בעקער פון דערהיים, און רופט שלמה חיימען אין אַ ווינקעל, און רוימט אים איין אַ סוד אין אויער:

— האָבען זיי נאָר אויף די ערשטע פּאָר טעג צו לע־בען?

און ער נעהמט אַרויס אַ פּאָר דאָלאַר און לאָזט איבער משה חיימען, און זאָגט הויך, אַז די מאַמע זאָל הערען:

— זאָג דער מאַמע דיינער, אַז זי זאָל קומען צו מיר אין געוועלב אַריין נאָך געבעקס. זי האָט ביי מיר קרעדיט. אַז די באָיס וועלען אָנהויבען צו אַרבייטען, וועט זי מיר בעצאָהלען.

— און צו מיר נאָך אַ פונט פלייש — נישקשה, איך וועל איהר טרויען, — רופט זיך אָב יצחקל דער פלייש־האַקער.

— אַזוי ווי אין דערהיים — שטעלען זיך טרערען אין דער מאַמעס אויגען.

דעם ערשטען אָווענד, ווען די מאַמע האָט אויסגעפּאַקט דאָס ביסעל בידנע בעטגעוואַנד, די קינדער דאָס ערשטע געלעגער אויס־צובעטען — איז איר האַרץ לייכטער געווען און דער קעלער האָט זיך איהר שוין אויסגעוויזן ווי אַן אַלטע היים, האָט זי זיך אָנגע־רופען צו אַנשעל'ן:

— ווייסט, אַנשעל, די גאַנצע וועלט איז איין וועלט, אומעטום די זעלבע מענשען.

אַנשעל האָט געשוויגען.

— הלואי, טאַטע אין הימעל, מיט'ן ריכטיגען פוס, אַז עס זאָל שוין זיין אַ מקום מנוחה פאַר קינדער און קינדס־קינדער.

אַנשעל האָט געשוויגען.

שבת האָט אַנשעל געוואָלט אָבגעבען פאַר זיינע לאַנדסלייט אַ לייענען, אַן עקזאַמען. אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך דערצו צוגע־גרייט, אַזוי ווי צו דער מגילה. אַ פאַר מאָל דורכגעקוקט די סדרה. עס איז געגאַנגען די סדרה „לך לך", האָט ער דעם „לך לך" אויס־געטייטשט אויף זיך. שבת ביים דאַוונען האָבען איהם די לאַנדסלייט גאַנץ שעהן אויפגענומען. אַלע האָבען איהם שלום עליכם געגעבען און געפרעהט זיך מיט זייער היימישען „בעל קורא". היינט וועט־לען מיר הערען אַ היימיש לייענען, נישט „פאַ אַמעריקאַנסקאַמו אָבגעפאָהרען", האָט מען זיך געזאָגט הויך. פאַר'ן לייענען האָט זיך אַנשעל גוט אויסגעהוסט, און אַריינגעלאָזט זיך אין וועג אַריין אין דער סדרה „לך לך". אַריינגעלעבט זיך אין דער סדרה — גאָט האָט געזאָגט צו אברהם'ען: „לך לך מארצך", האָט ער געטרעלט יעדעס וואָרט און אויסגעצויגען מיט אַלע חנ'דעלעך און נגונים'־לעך, ווי ער האָט נאָר געקענט. געצערטעלט יעדען פשטא, און גע־שטעלט זיך אויף יעדען טראָפּ, אויסטרעלענדיג זיין מיין דערפון. צוערשט האָבען די לאַנדסלייט די „פינגער געלעקט", איינער האָט אַריבערגעוואונקען צום אַנדערען און גערופען הויך: „דאָס הייסט געלייענט!" שפּעטער אָבער, ווען דאָס לייענען האָט זיך פּערצויגען, און דער עולם האָט אָנגעהויבען הונגעריג צו ווערען, איז דער עולם געוואָרען אַ ביסעל אומגעדולדיג. די יוגענד האָט אַראָבגע־וואָרפען פון זיך די טליתים און זענען אַרויס אויף דער גאַס. דער איבעריגער עולם האָט גאָר ערנסט אויסגעהערט, אַז אַנשעל האָט ווייטער פּערצויגען און ווייטער געצערטעלט יעדעס וואָרט — און עס איז שפּעטער געוואָרען, איז דער עולם געוואָרן מער הונגע־ריג, האָט מען אָנגעהויבען צו גאַווערען, אַריבערגעוואָרפען זיך מיט ווערטלעך איינער צום אַנדערען. ענדליך האָט אַ לאַנדסמאַן אויסגעשריגען הויך אויפ'ן קול: „ווער איז דער גרינער?" האָט אַ צווייטער געפרעגט: „וואָס איז היינט יום כפור?

בחנם האָט דער גבאי, דער געלער בעקער, געקלאַפּט אי־

בער׳ן שטענדער „שאַ, שטיל!״ דער עולם איז אַרויס פון די כּלים, און האָבען אָנגעהויבען אַ ליאַרמען, ביז דער אָרימער אַנשעל האָט געמוזט אַוועקוואַרפען אַלע דריידלעך און חנ׳דלעך און מאַכען „הארי-אָפּ״ -- און ער איז אַרויסגעגאַנגען אַ פערשעהמטער און אַ פערלאָזטער...

דריטער קאַפּיטעל

אַנשעל ווערט אויס בעל־קורא

מיט אַכט נפשות האָט אַנשעל אַראָבגענידערט קיין אַמערי־קע. אָבער די אַכט נפשות האָבען געדאַרפט שפּייז צו עסען.

די ערשטע פּאָר טעג איז געווען יום טוב. לאַנדסלייט זענען געקומען. מען האָט זיך געפרעהט מיט אַנשעל'ן. טייל האָבען מתנות געבראַכט, צוגעזאָגט גליקען און זענען אַוועקגעגאַנגען. פון פּרנסה האָט מען נאָך נישט גערעדט. דער עלטערער יונג האָט געגעבען אויף אַלעם, וואָס מען האָט געדאַרפט — און נאָך אַלעם איז אַנשעל'ן אַמעריקע דאָך געפעלען.

באַלד אָבער האָבען זיך אָנגעהויבען וואָכן־טעג. מען האָט זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען, אַז פון אַלעם איז קיין פּרנסה נישטאָ. די מאַמע האָט דערווייל גענומען אויף באָרג. אָבער אי דער בעקער, אי דער קצב, וועלכע האָבען זיך פריהער אַזוי פרייוויליג אָנגערופען מיט קרעדיט, האָבען זיך געהאַלטען אין איין נאָכפרע־גען, אויב די באַיעס האָבען זיך שוין אויסגעגרינט און אַרבייטען שוין?

האָט דער עלטערער יונג געמאַכט מיט'ן טאַטען אַ געשפרעך אין אַן אָוונד:

— טאַטע — האָט ער געזאָגט דרייסט — דאָ איז נישט ווי אין דעם היים. אַמעריקע איז אַן אַנדערע וועלט.

— אַנטגעגען וואָס מיינסטו דאָס, מיין זוהן? — פרעגט דער פאָטער זעהר בייגעריג.

— איך מיין געגען פערדיענען. דאָ שעהמט מען זיך פאַר גאַרנישט. יעדער איינער געהט דאָ אַרבייטען צו מאַכען אַ לעבען פאַר זיין ווייב מיט די קינדער.

— אדרבא, גיב מיר עפּעס אַן אַרבייט, אַז איך זאָל קענען מאַכען אַ לעבען פאַר מיין ווייב און קינדער. דו האָסט מיך צוליב דעם אַראָבגענומען קיין אַמעריקע.

— איך האָב געטראָפען דוד גאָלדשמיד פון דערהיים. ער אַרבייט אין ברוקלין אין אַ שאָפּ, וואו מען נעהט העמדער. דאָר־טען אַרבייטען אַ סך עלטערע אידען ווי דו. דער באָס איז אַ פרו־מער. מען אַרבייט דאָרטען נישט שבת. ער וויל דיך מיטנעהמען אין שאָפּ אַריין. ער מיינט, אַז עס וועט זיין פאַר דיר אַרבייט.

— וואָס האָסטו געזאָגט, העמדער נייען? וואָס וועט דער טאַטע טהון ביי העמדער? דאָס איז גוט פאַר דבורה׳לען — אָבער וואָס זאָל דער טאַטע טהון ביי העמדער?

— דבורה׳לע וועט געהן צו דאַמען־העמדער. עס איז נאָך נישט דער סעזאָן. אין אַ וואָך צוויי — האָט מען מיר צוגעזאָגט פאַר איר אַרבייט.

— איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אויסגעפונען פאַר מיר אַ גרויסע שול, אַ בכבוד׳ע שול, וואו איך זאָל ווערען אַ בעל־קורא — זאָגט ענדליך דער טאַטע.

— אַ בעל־קורא איז דאָ קיין ביזנעס נישט. מען דאַרף דאָס נישט.

— נו, וואָס דען, אַ שניידער ווערען אויף דער עלטער? — פרעגט די מאַמע.

— דאָ איז אַ שניידער קיין חרפּה נישט. פיעל בכבוד׳ע אי־דען זענען דאָ שניידער, רבנים אַפילו ווערען דאָ שניידער. דאָ שעהמט מען זיך נישט.

— הייסט עס, איך זאָל ווערען אַ שניידער, אַזוי הילסטו, מיין זוהן? נישט אַנדערש, נאָר אַ שניידער? — פרעגט דער טאַטע.

— פון מיינעטוועגען קענסטו ווערען אַ רב. נאָר איך מוז דיר זאָגען, טאַטע, דאָ קלערט זיך יעדער פאַר זיך. עס איז דיין

חייב מיט דיינע קינדער, נישט מיינע. איך האָב גענוג געזאָרגט פאַר אייך ביז איצט. די שיפסקאַרטען זענען נאָך נישט באַצאָלט. מען וועט באַלד אַריינקומען מאַהנען וואָכען-געלד. און פאַר די מעבעל אויך. די קליינע וועלען מוזען אָנהויבען געהן אין סקול אַריין, אַז נישט, וועט מען קומען נאָך זיי. אַן אַמעריקאַנער סקול איז נישט קיין חדר. זיי וועלען מוזען זיין אָנגעטהון, אָבגעוואַשען, אַז נישט, וועט זיי די לערערין פון דעם סקול אַהיימשיקען. עס איז אַמעריקע. איך דענק, אַז די בעסטע זאַך וועט זיין, אַז איך וועל פון דאַנען אַרויסמופען (אַרויסציהען), דאַמאָלס וועט איהר וויסען, אַז איהר האָט אַליין פאַר זיך צו זאָרגען.

דער לעצטער סטראַשונעק האָט מעהר געווירקט ווי אַלע רייד. די מאַמע האָט אָנגעקוקט דעם טאַטען, און דער טאַטע האָט זיך אָנגערופען מיט אַ תחינה׳דיג קול, וואָס אַנשעל איז דערצו נישט געוועהנט געווען, און עס איז איהם אויך נישט אָנגעשטאַנען:

— ווי הייסט, דו וועסט זיך פון דאַנען אַרויסציהען? און מיט אונז וואָס וועט זיין? דו וועסט אונז לאָזען אויף הפקר?

— איך זעה דאָך, אַז אַנדערש וועל איך דאָך נישט קענען. איך האָב זיך צוליב אייך אָוועקגעשאָכטען. אַנדערע באָיעס האָבען פעטע באַנק-ביכלעך, און איך? מיין גאַנץ לעבען לאַנג זיך פאַר-שוואַרצט פאַר אייך — האָט דער יונג רחמנות געקראָגען אויף זיך אַז די טרעהרען זענען איס אַזש געקומען אין די אויגען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען שוין געשוויגען. דבורה׳לע וועלכע איז געווען ביים געשפרעך, האָט זיך די נעגעל געביסען זי איז פערשעהמט געוואָרען פאַר איהרע עלטערען, פאַר זייער אָרימקייט, זי האָט זיך אָנגערופען:

— אפשר קען איך דערווייל אַהין געהן אין פאַבריק אויפ׳ן טאַטען׳ס אָרט?

— דו וועסט אַרבייטען. און דער וועט אַרבייטען (ווייזט ער אויף משה׳לען), און אפילו דיין לערן-בחור (ווייזט ער אויף יונה גדליה׳ן) וועט אויך באַלד מוזען געהן אין שאָפּ אַריין. אין אַמע-

ריקע זענען נישטאָ קיין לערן-בחורים. דאָ עסט מען נישט קיין טעג. דאָ מאַכען אַלע אַ לעבען, פערגעסט נישט, מיר זענען שול-דיג דריי הונדערט טאָלער פאַר די שיפס-קאַרטען. און דאָס קליינ-וואַרג מוז מען אויסהאַלטען, ביז עס וועט די סקול ענדיגען. דאָ זענען נישטאָ קיין לעדיג-געהערס, אין אַמעריקע מוז מען אַר-בייטען.

משה׳לע האָט זיך שטילערהייט פון שטוב אַרויסגעגנב׳עט אויף דער גאַס. און דער טאַטע מיט דער מאַמען און די קינדער-לעך זענען געבליבען זיצען שטיל און האָבען נישט געקענט קיין וואָרט אויסרעדען.

נאָר אַנשעל האָט שוין לענגער נישט געקענט אויסהאַלטען. ער האָט זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און צוריקקריגענדיג זיין מוט פון דער היים, האָט ער געזאָגט מיט אַ פּאָזע ווי מיט דעם טאָן פון לייענען.

— יאָ, האָסט רעכט, מיין זוהן, אין אַמעריקע מוזען אַלע אַרבייטען, „מיט דעם שוייס פון דיין פּנים וועסטו עסען דיין ברויט“ — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביבלישען טאָן, מיט דעם טראָפּ פון דער תּורה, — פיהר מיך, מיין זוהן, אין שאָפּ אַריין, איך וועל ווערען אַ העמדעל-נעהער.

פון שרה רבקה׳ס אויגען האָבען גערונען די טרערען, און ווישענדיג זיי מיט׳ן פאַרטוך, האָט זי געכליפּעט;

— צו וואָס איך האָב דערלעבט! דער בער קורא פון דער גרויסער סלאָוונער שוהל וועט ווערען אַ העמדער-בייהער ווי אַ אידענע.

— וואָס וויינסטו, גולם? — האָט אַנשעל זיך געבייזערט אויף דעם ווייב. — אין אַמעריקע בעדאַרף מען נישט קיין בעל-קורא׳ס. אין אַמעריקע בעדאַרף מען שניידערס. גיב מיר די קאַ-פּאָטע און דעם שטעקען, גיב מיר.

מיט די רינענדיגע טרערען האָט איהם שרה רבקה דער-לאַנגט דאָס ריפּסענע רעקעל, וואָס זי האָט איהם געמאַכט לכבוד

אמעריקע, און האָט איהם געגעבען דעם שטעקען אין האַנד אַריין און אַנשעל איז אַוועק מיטן זוהן אין שאַפּ אַריין צום ברוקלי־לינער איד, צו ווערען אַ העמדען־נייער אויף זיין לעבען־לאַנג.

אין ברוקלין, אין דער שאַפּ פון די העמדער, צווישען די אַלטע אידען און די איטאַליענישע שיקסעס — ווען האָט אַנשעל געטראָפען? — דאָס „ארץ־ישראל־אידעל” פון דער שיף, וואָס האָט געהאַלטען אין איין טענה’ן, אַז אידען זאָלען ווערען ערד־אַרבייטער, און ער פאָהרט אַראָב קיין אַמעריקע, כדי צו ווייזען די גוים, אַז אידען קענען זיין גוטע ערד־אַרבייטער... אַז אַנשעל האָט איהם דערזעהן, צווישען די עטליכע אידען זיצען ביי דעם ווערקשטעל און האַלטענדיג אַ העמד אויפן אָרעם, און אַן איטאַליע־נישע שיקסע האָט אים געלערנט, ווי אַזוי אָנצונייהען אַ קנעפּעל, האָט איהם אַנשעל אָנגעקוקט. אַז די צוויי אידען האָבען זיך דער־זעהען, האָבען זיי זיך דערפרעהט, אַרומגענומען זיך ווי אַלטע גו־טע פריינד, און אַנשעל האָט געפרעגט זיין פריינד:

— איז דאָס די עבודת־הקודש פון ערד־אַרבייט?

— נישט דאָ, אין ארץ ישראל, על אדמת אבותינו, וועט איהר מיך טרעפען מיט אַ שאַפעל אין דער האַנד. אַ יפּ’ן פעלד וועט איר מיך טרעפען — האָט דער „ארץ־ישראל־איד” גע־זאָגט.

— און ווען וועט עס זיין? — האָט אַנשעל געפרעגט.

דער „ארץ־ישראל־איד” האָט איהם נישט געענטפערט, ווייל דער הוסט האָט איהם אָנגעהויבען צו שטיקען און ער האָט זיך צעהוסט.

— אַז משיח וועט קומען — האָט זיך אַנשעל אַליין אָפּגעענט־פערט און איז אַהיימגעגאַנגען פון שאַפּ מיט אַ לייכטער האַרץ: ער האָט געפונען אַ חבר.

אין דעם זעלבען אָווענד איז משה’לע אַהיימגעקומען אין קע־לער אַריין שפּעט אין אָוועגד, שוין נאָכ’ן עסען. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אָהן אַ קאָפּ. זי האָט געמיינט, אַז דער יונג איז פער־לוירען געגאַנגען אין דעם קעסעל־גרוב, ווי זי האָט איצט שוין גע־

רופען אַמעריקע. און דער עלטערער איז אַרויסגעגאַנגען איהם זו־כען. געפונען האָט ער איהם אין דעם רומענישן רעסטאָראַן, וואו דער יונג איז געשטאַנען און עפּעס געוואַשען. משה'לע האָט דער מאַמען אין האַנד אַריינגעשטעקט אַ האַלבען זילבערנעם טאָלער. עס איז געווען דער ערשטער האַלבער טאָלער, וואָס דער קעלנער האָט פערדיענט זייט זיי זענען אַראָבגעקומען.

*

* *

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט מען אין קעלער ביי אַנשלען בעקענט טרעפען אַזאַ בילד:

עס איז נאָך גרוי אין דרויסען. און דאָס געלע ליכט פון גאַז־רעהר האָט געקנעטען קנוילען ליכט אין דעם גרויסען חלל אַריין, אַזוי ווי עס וואָלט אויסגעבּרענט די גרויקייט פון קעלער. אַרום דעם געלען ליכט איז בעלויכטען געווען אַלעס, אין די ווינק־לען אָבער זענען פערנעבעלט און שאָטענדיג. שרה רבקה מיט אַ ווייס טיכעל פערבונדען דעם קאָפּ, פון וועלכען די צוויי שפּיצען־קניפּען האָבען געמאָהלען אַ שאָטען אויף דער וואַנד, ווי צוויי שטעהענדי־גע אומענשליכע אויערען, איז געשטאַנען ווי אין דערהיים ביים קיכעל און קאַווע געקאָכט, בינטלעך עסען געבונדען, און פון צייט צו צייט האָט זי גערופען אין אַ ווינקעל אַריין:

— אַנשעל, אַנשעל! עס ווערט דאָך שוין שפּעט!

— האַ, וואָס? און ער איז באַלד ווידער — ענטשוויגען געוואָ־רען.

אַ ווײַלע האָט איהם דאָס ווייב צורוה געלאָזט. עס איז איהר געווען אַ רחמנות אויף איהר אַנשלען. נעכטען איינגעדרעמעלט ביי'ם נאַכט־עסען, האָט זי זיך דערמאָנט. נישט געוואוינט, נעבעך, צו דער האָרעוואַניע, און זי האָט אָבגעקרעכצט.

דערווייל איז אַנשעל געלעגען אין אַ היהנער־פּלעט. ער האָט זיך געפונען אין אַ שוהל, אין וועלכער עס געפינען זיך בלויז מאַ־שינען. עס זיצען שניידער אַרום די מאַשינען און קלאַפּען און

קלאַפּען. די מאַשינען רוישען, און ער שטעהט אויפ'ן בעלעמער און לייענט אין ספר־תורה.

באַלד אָבער האָט זיך שרה רבקה דערמאָנט, אַז ער וועט נישט האָבען קיין צייט צו דאַווענען, האָט זי זיך געמאַכט אַ האַרץ פון אַ גזלן:

— אַנשעל, וועסט דאָך נישט האָבען קיין צייט צו דאַווענען.

דאָס וואָרט „דאַווענען" האָט אַנשעל'ן אַרויסגענומען פון היהנער־פלעט. עס האָט גענומען אַ היבשע ווייל, ביז ער האָט זיך דערמאָנט, וואו ער געפינט זיך און וואָס ער איז. דאַן האָט זיך דערהערט וואַסער גיסען פון קראַן.

האָט ביים קיכעל פלוצלינג אויפגעטויכט דבורה, מיט איהרע צופלאָשעטע האָהר, וועלכע האָבען צוגעדעקט איהרע נאַקעטע העמד און נאַקעטען רוקען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעוויזען פון איהר העמד, און זי האָט געוואָלט העלפען דער מאַמען ביים קיכעל, האָט זיך די מאַמע אָנגערופען:

— געה, טהו דיך ליעבער אָן. די יונגען וועלען באַלד אַרויסקומען פון אַלקערעל.

און עס האָט זיך דערהערט אַנשעל'ס מורמלען פון דאַווענען, וועלכער האָט זיך נאָך איצט, אין זיין אָרימקייט, נישט געקענט איינהאַלטען, און ווען עס איז געקומען צו אַ פסוק פון דער תורה, האָט ער איהם אַרויסגעלאָזט מיט דעם טראָפּ.

שרה רבקה דערמאָנט איהם, אַז ער איז נישט אין דערהיים:

— אַנשעל, — זאָגט זי, — האָסט דען צייט דערצו?...

דער טאַטע האָט נאָך נישט צייט געהאַט דעם טלית פון זיך אַראָבצוּוואַרפען און צו ענדיגען דאָס דאַווענען, און דער „ברעקפעסט" האָט זיך שוין בעוויזען אויפ'ן טיש און פאַר יעדען זיין בינטעל „לאָנטש" מיט דעם קענדעל קאַפע.

דאָן האָט שטיל, אָהן ווערטער, יעדער איינער פון די גרויסע דעם קעלער פערלאָזען און אַוועק איבער אַלע טיילען פון דער גרויסער שטאָדט. עס איז אַוועק דער טאַטע, דער גרויסער יונג משה'לע (וועלכער האָט יעצט געקראָגען אַ „סטעדי דזשאַב", ביי אַ פעדלער צו העלפען איהם טראָגען די פעק איבער ד' הייזער) און דבורה'לע, אַזוי ווי הונדערטער און טויזענדער זייערס גלייכען.

נאָך די גרויסע האָט זיך די מאַמע גענומען אַרויס'פטר'ן דאָס קליינוואַרג אין דער שול, איטשע מאיר, דעם „גרויסען יונג" און נאָטע דעם „זויגעדיגען", וועלכען עס איז איצט גאָרנישט געווען צו דערקענען. די צוויי יונגען האָבען שוין געהאַט אונטערגעשניטענע פאות, טיעף אונטער די אויערען. דורך די פאָר וואָכען, וואָס אַנשעל'ס פאַמיליע איז אין אַמעריקע, האָבען זיך די יונגען מעהר געענדערט פון דער גאַנצער משפחה. די מאַמע האָט זיי אָנגעטהון די געוואַשענע בלוזקעלעך, וואָס זי האָט אויסגעוואַשען פאַר זיי יעדער נאַכט פאַר דעם שלאָפען געהן. יעדען פריהמאָרגען איז געווען אַ מלחמה צווישען דער מאמען און די יונגען איבער דעם דאַוונען. און דעם היינטיגען פריהמאָרגען איז פאָרגעקומען די געוועהנליכע מלחמה פון יעדען טאָג. די מאַמע האָט נישט געוואָלט געבען פריהער די פלעצלעך, ביז די יונגען וועלען נישט אָבזאָגען אַ האַלבען סדור מיט דאַוונען, און די יונגען האָבען געהאַלטען אין איין אָבדינגען יעדען טאָג וועניגער אַ קאַפּיטעל לויב-געזאַנג צו דעם אידישען גאָט לטובת פערשיעדענע לעקציעס פאַר דער אַמעריקאַנער שול, וואָס זיי האָבען פערגעסען צוצוגרייטען פון נעכטען. די מאַמע האָט דערפון געזעהן, אַז די יונגען געהען אונטער אין אַמעריקע.

נאָר איינער איז געבליעבען אין דערהיים. וואָס טאַטע-מאַמע האָבען איהם נאָך אָבגעראַטעוועט פון דער אַמעריקאַנער פאַבריק און דער אַמעריקאַנער שול — דאָס איז געווען יונה גדליה, דאָס לערן-אינגל. די מאַמע האָט געקעמפט פאַר איהם און געהאַלטען איהם אונבעריהרט פון דעם אַמעריקאַנער פייער, וואָס האָט איבערגעקאָכט

אַנשעל׳ס משפחה. עס איז געווען אַ שאָד דער גוטער קאָפּ פאַר די
דער אַמעריקאַנער שול. און אַנשעל האָט געהאַלטען אין איין אָפּ-
לעגען פון שבת צו שבת נאָכצופרעגען וועגען אַ ישובה פאַר דעם
אינגעל אויפן אַמעריקאַנער באָדען.

פיערטער קאַפּיטעל

בענקשאַפט

פון גאַס האָט נישט אויפגעהערט אַריינצודרינגען דורך די ווענד, פענסטער און טהירען אַ רוישען און ליאַרעם, ווי כוואַליעס פון אַ ים וואָלטען געקלאַפּט אין פענסטער. עס איז געווען אָוועגד, ווען די אַרבייטער זענען אַהיימגעגאנגען פון דער אַרבייט און די פּע- דלערס האָבען אויסגעלעגט זייערע סחורות אויף די סטענדס און נישט אויפגעהערט אויסצורופען מיט געוואַלדיגע קולות די ביליג- קייט און די גוטסקייט פון זייערע סחורות. אַ איד, וואָס איז אָנ- געקומען מיט באַנאַנעס און האָט זיך אָוועקגעשטעלט פונקט געגענ- איבער די פענסטער פון אַנשעל'ס קעלער, האָט אויסגערופען מיט אַזאַ באַסאָווער, הייזעריגער שטימע זיינע באַנאַנעס, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שפּאַלט די קעפּ מיט יעדען רוף. און דעם רעש פון די געוואַלדען האָט פון צייט צו צייט דורכגעלעכערט די מוחות- אַ טעמפּיגעס ריטשען פון אייזען-רעדער אויף אייזען-שינעס — פון אַ פאַרביילויפענדען דעכער-באַהן, דאָס טעמפּיגע גרעלע שרייען פון אייזען, וואָס איז געקומען פון איבער די קעפּ, האָט די ווענד ערציטערט. דער באַלקען האָט זיך, דאַכט זיך, געגעבען אַן עלאַן סטישען בויג און די שויבען פון די קליינע פענסטערלעך האָבען געקלונגען, אַזוי ווי זיי וואָלטען ארויסגעפאַלען, נישט נאָר האָט מען דעם רעש געהערט פון דרויסען פון זיך, נאָך פיעל מעהר האָט מען איהם געהערט אין זיך. יעדעס מאָהל, ווען דאָס טעמפּיגע שרייען

פון אייזען האָט זיך געהערט איבער די קעפּ, האָט זיך געדאַכט, אַז עס פאָהרט עפּעס דורך דורך די געהירען... געגענאיבער די פענסטערלעך אויף דער גאַס האָבען זיך איינגלעך געמוזט שפּיעלען אין פייער, וואָרים דורך די קאָלורעס, מיט וועלכע שרה רבקה האָט פערהאָנגען דאָס פענסטער, האָט אויפגעפלאַמט פון צייט צו צייט אַ פלאַם פייער, אין דער בעגלייטונג פון אונאויפהערליכען קינדישען פריידיגען רויש. דורך די קאָלדרעס האָט מען יעצט נישט געזעהן. דערפאַר אָבער האָט מען בולטער געהערט יעדע פאָר פיס, וואָס זענען פערבייגעגאַנגען די פענסטערלעך פון קעלער. די שויבען האָבען נישט אויפגעהערט צו קלינגען. און די אַלע קולות, געוואַלדען און טעמפּיגע געשרייען זענען פערגליווערט געוואָרען אין אַ בעשטענדיגען זשומען, וואָס איז געקומען פון דעם רומענישען רעסטאָראַן, וואָס איז געווען איבער דעם קאָפּ פון קעלער. עס איז געווען אַ צווישען פון הונדערטער גרילען, וואָס האָבען נישט אויפגעהערט אויף איין מינוט, אויף איין סעקונדע. אין דעם בעשטענדיגען צוויטש זענען אַלע אַנדערע קולות דערטרונקען און פערגליווערט געוואָרען.

אין דעם קעלער איז געווען שבת.

להכעיס דער גאַס האָבען זיך דורך די רויטע קאָלדרעס אין גאַס אַרויסגעשיינט די פיער אָנגעצונדענע ליכט, וואָס האָבען געברענט אויפ׳ן טיש. ביים טיש אויבען־אָן איז געזעסען אַנשעל און האָט מיט פערשלאָפענע אויגען געברומט דעם נגון פון זמירות, אויפמונטערענדיג מיט אַ בייזערדיגען בליק די פערלאַנגווייליטע איינגלעך זיינע, מיטצוזינגען די זמירות. זיי האָבען זיך אָבער וועניג־וואָס געמאַכט אויס דעם טאַטענס בליקען. זייערע מוחות און הערצער און זיי איינגאַנצען זענען געווען דרויסען ביי די פייערען, ביי וועלכע זיי שפּיעלען זיך יעדען אָווענד, און זיי זענען ברוגז געוואָרען אויפ׳ן טאַטען, וואָס ער געהט דאָ איינפיהרען נייע מאָדעס. קיינער פון די באַיעס אויפ׳ן גאַס בעדאַרף נישט יעדען פרייטאָג אָווענד זיצען ביים טיש און זינגען זמירות, נאָר זיי. האָבען זיי זיך געדרעהט אויף זייערע בענקלעך, אַרויסקוקענדיג דורך די פענסטערלעך, אָבוואַרטענדיג אַ גינסטיגע מינוט, ווען דער „פּאַ־

וועט אַ דרעמעל טהון, און אַרויסכאַפּען זיך אויף דער גאַס, איי־דער די פייערען וועלען אויסגעלאָשען.

ביים טיש האָט געפעהלט דער עלטסטער יונג, שלמה, וועל־כער האָט זיך יעצט געשדכנ'ט צו אַ כלה, און האָט זיך אין די אָווענדען וועניג-וואָס געוויזען אין דערהיים. ער האָט שוין דער מוטער בעצייטענס אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך אַרומקוקען וועגען אַ נייעם באָרדער, ווארום ער קלויבט זיך חתונה צו האָבען. עס איז אויך נישט געווען דער צווייטער יונג, וועלכען מען האָט גערופען אין דערהיים „משה'לע אָקס", און דורך דער קורצער צייט, וואָס ער איז דאָ, האָט ער שוין צייט געהאַט צו ענדערען דעם נאָמען אויף סעם מאָזעס. קיינער האָט נישט געוואוסט, צו וואָס דער יונג האָט זיך נאָך אַ נאָמען צוגעגעבען, נאָר דער יונג האָט זיך געפיהלט זעלבסטשטענדיג פון ערשטען שריט, וואָס ער האָט געשטעלט אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדען. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנ־געהויבען צו פערדינען געלד און דער מאַמען אַהיים געבראַכט. יע־דען טאָג האָט ער אַן אַנדער בעשעפטיגונג געהאַט. היינט אַרבייט ער אין אַ „גראָסערי סטאָר", וואָס שטעלט צו גראָסעריס אין די הייזער צו קאָסטימער. ער האָט דער מאַמען אַהיים געבראַכט פון אַל-דאָס־גוטס, נאָר דערפאַר האָט ער דעם טאַטען געזאָגט, אַז ער זאָל איהם נישט „באָדערן" מיט פרייטאָג-צו-נאַכטס, מיט שבת. פריי־טאָג־צו־נאַכטס, — האָט ער געזאָגט — איז ביי איהם די מעהרס־טע ביזי-צייט ווייל אַלע בעדאַרפען גראָסערי־זאַכען אויף זונטיג. דערפאַר אָבער איז געזעסען ביים טיש, ווי אין דערהיים, יונה גדליה, און האָט געהאָלפען דעם טאַטען אָבריכטען דעם פרייטאָג־צו-נאַכטס. יונה גדליה האָט נאָך אַלץ נישט געאַרבייט און אויך נאָך נישט געלערנט. דער טאַטע האָט אַלץ געזאָלט געוואָהר ווערען וועגען אַ ישיבה, וואָס געפינט זיך אין ניו-יאָרק, וואו מען לערנט בחנם, ווערען אַן אַמעריקאַנער רב, מיט גמרא און ענגליש־רעדען. נאָר ער האָט אַלץ קיין צייט נישט געהאַט און איז נאָך אַלץ נישט געקומען דערצו. דערווייל האָט דאָס אינגעל אַליין פון ערגעץ־וואו ביכלעך בעקומען און ער לערנט זיך ענגליש אַליין. די מאַמע האָט מורא דעם טאַטען צו זאָגען, אַז דאָס אינגעל ווערט פערפאַלען

אויף גאַנצע טעג, און אַז ער קומט אַהיים, ברענגט ער מיט מיט זיך אַ פּאַק ענגלישע ביכער, און אַ אידיש ספר נעהמט ער נישט אין האַנד אַריין. דערפאַר אָבער דאַוונט דאָס איינגל יעדען טאָג פאַר אַלע אין שטוב, און היט אָב דאָס אידישקייט. און אַז עס קומט שבת, איז ער דער איינציגער פון דער גאַנצער שטוב, וועל־כער העלפט דעם טאַטען אַריינפיהרען דעם אַלטען שבת פון דער־היים אין דעם פרעמדען, רוישענדיגען קעלער אַריין.

נאָך איינע איז געווען דעם פרייטאָג־צו־נאַכטס אין דערהיים און האָט געהאָלפען אין דעם קעלער אַריינברענגען דעם שבת. דאָס איז געווען דבורה'לע, וועלכע איז געוועהנט געווען פון קליי־נערהייד אָן, פרייטאָג פאַרנאַכט די האָר זיך צו וואַשען אויף שבת. און אויך דאָ, אין אַמעריקע, האָט זי די געוועהנהייט נישט געקאָנט בייקומען. איז זי אָבער שפּעט אַהיים געקומען פון דער אַרבייט. זיצט זי יעצט און טרוקענט זיך די פייכטע, צולאָזענע האָר ב'יים קיכעל, אַזוי ווי זי איז געוועהנט געווען פון דערהיים צו טהון יע־דען פרייטאָג אָוועגד.

די ליכטלעך ברענען אויפ'ן טיש צניעות'דיג און שבת'דיג, זיי שטעקען אין די פון דער היים מיטגעבראַכטע מעשענע לייכטער. טאַקי, זיי בלישטשען נישט, ווי פרייטאָג אָוועגד אין דער אַלטער היים. נאָר דאָך האָט שרה רבקה צייט געהאַט מיט אַ נאַסער שמאַ־טע איבערצוווישען זיי, אויך די רויטע קאַראַפינקע, וועלכע שרה רבקה האָט מיטגעבראַכט, האָט מיט איהר רויטען שיין געהאָלפען צו דערמאָנען אָן די שבתים פון דערהיים.

אַ גאַנצע וואָך, ווען אַנשעל איז געזעסען ביי דער אַרבייט און די מאַשינען האָבען גערוישט אין זיינע אויערען, האָט ער זיך געפיהלט אָבגעשניטען פון דעם אַלטען לעבען, וואָס ער האָט גע־פיהרט ביז איצט אין דערהיים. נאָר יעדעס מאָל, ווען די שבת־ליכטלעך ברענען אויפ'ן טיש אין די היימישע לייכטערלעך און די אַלטע היימישע קאַראַפינקע מיטן רויטען שנאַפּס פינקעלט זיך אין די ליכט, דאַמאָלס ווערט דאָס לעבען פון קעלער אַנגעהעפט מיט יענעם אַלטען לעבען פון דערהיים, און עס ווערט איין וועלט — עס פערשווינדט דער ים, וואָס ליגט צווישען די צוויי וועלטען

און עס ווערט צוריק איין לעבען פון איין משפחה, פון איין מענש...

און ווי מיעד און שלעפעריג אַנשעל פיהלט זיך נישט פון אַ גאַנצען טאָג איינהויקערען דעם רוקען איבער דער באָדעל און העמד, פיהלט ער דאָך דעם שבת. עס פערשווינדט די רוישענדיגע גאַס. ווער הערט דאָס האַמערדיגע קלאַפען פון עלעווייטער איבער'ן קאָפּ, צי דאָס רוישען פון דעם רומענישען רעסטאָראַן? שטיל ווערט אין קעלער, שטיל אין זיך, און אַנשעל פיהלט ווידער דעם שבת. מיט גוואַלד פעריאָגט ער דעם שלאָף פון די אויגען, שטייגערט דער געזאַנג פון זמירות און יאָגט אונטער די פערלאַנגוויליגטע קינדער מיט זיינע אויפפאָדערענדע בליקען. און ווען שרה רבקה דערלאַנגט צום טיש די הייסע יויך, בלייבט ער זיצען מיט דעם קאָפּ אָנגעלעהנט אויף ביידע הענד, און פאַרטראַכט זיך אַ ווייל.

— וואָס קלערסטו אַנשעל? — וועקט איהם שרה רבקה, אונטערשטעלענדיג איהם דעם טעלער מיט די פּאַרענדיגע לאָקשען.

— מאָרגען געהט די סדרה „האזינו“ — זאָגט אַנשעל ווי פאַר זיך.

שרה רבקה פערקלערט זיך אויך. עפּעס וואָס שטיקט איהר אין האַלז און זאַמעלט זיך און זאַמעלט אין די אַלטע אויגען און זיי ווערען בעלעבט פון פּנים אַרויס מיט דעם גלאַנץ פון טרעהרען.

— ועסט אפשר צוליעב דעם אַהיימפאָרען? — זאָגט זי מיט אַ שטילען געבייזער, ווי זי וואָלט זיך געבייזערט אויף זיך אַליין — טריגק ליעבער די זופּ, עס ווערט קאַלט.

און אַנשעל רוקט צו דעם טעלער זופּ מיט אַ קרעכץ.

— און אַז דאָ איז אַ פערדרעהטע וועלט, ביסטו שולדיג? אַז דער גראָבער יונג האָט די ממשלה — זאָגט שרה רבקה, ווי עפּעס פערענטפערענדיג זיך.

אַנשעל שווייגט שוין, נאָר נאָכ'ן פלייש, פאַר'ן בענשען, נעהמט ער דאָס חומש'ל און מישט, ווי גאַרנישט מיינענדיג. דאָן

הויבט ער אָן צוערשט צו ברומען פאַר זיך, און דערנאָך וואָס א מאָהל מעהר מיט קול, מיט אַפּעטיט, מיט ניגון, מיט הארץ: „האזינו השמים והארץ״.

שרה רבקה זיצט ביים טיש, דער קאָפּ אָנגעלעהנט אויף די הענד און הערט זיך איין, און די טרעהרען קאַפּען איר פון די אויגען — —

אין קעלער האָט זיך געפונען נאָך א נשמה, וואָס בענקט...

פיער חדשים זענען פאַרביי, ווי דבורה געפינט זיך אין דער פרעמדער, גרויסער שטאָדט, אַרומגערינגעלט מיט מיליאָנען מענשען. ווי א פלאַנץ, וואָס איז אויסגעריסען געוואָרען פון א ישוב און איז פערטראָגען געוואָרען אין א וויסטען מדבר. קיינעם האָט זי נישט געקענט, און קיינער האָט זי נישט געקענט. און צווישען די מיליאָנען אַרום איז זי געווען איינע און אַליין. זי האָט זיך אויפגעהויבען אין דער פריה און איז אַוועק צו דער אַרבייט. אָבגעזעסען א טאָג מיט פרעמדע מענשען. אהיימגעפאָרען אין אָוועגד, צוערשט איז עס איהר געווען אינטערעסאַנט, די נייגעריקייט פון א נייער זאַך. דערנאָך איז עס איהר געוואָרען לאַנגווייליג. און איצט איז עס איהר שוין פוסט און הבלדיג. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס האָט קיין טעם נישט, קיין צוועק און קיין תכלית. אַלעס איז איהר געווען פרעמד.

זי האָט געבענקט נאָך זשאַכלין. אָבער נאָך וואָס האָט זי געבענקט? נאָך יענע פאַרנאַכטען ביים סטאַוו. הענעך? אויף הענעך איז איהר מעהר נישט אָנגעגאַנגען. נאָר געבענקט האָט זי נאָך עפּעס, וואָס איז געווען אַרום הענעכ׳ן דאָרט, מיט הענעכ׳ן, אין יענע פאַרנאַכטען, ביים סטאַוו, אין וואַלד, שבת אין סאַד. דאָס אַלץ האָט געהאַט א טעם. דאָס גאַנצע לעבען האָט געהאַט א „פאַרוואָס״, און נאָך יענעם „פאַרוואָס״ האָט זי געבענקט. זי האָט עס אָנגערופען מיט דעם נאָמען, וואָס הענעך האָט עס גערופען: די „הייליקע זאַך״. צוליב „דער הייליגער זאַך״ האָט דאָס לעבען געהאַט א טעם און א רייץ. איז די וועלט אַנדערש געוואָרען. זי האָט זיך געפיהלט אָנגעקניפּט אָן עפּעס. זי האָט צו וועמען בעלאַנגט, און דאָ איז זי אַליין, איינע אַליין, אין דער גרויסער שטאָדט. געפינט זיך

דאָ אין די גרויסע, אייזערנע הייזער, מיט די פילע פענסטער, וואָס קוקען אַרויס צו איהר, אַ „הייליגע זאַך", צוליעב וועלכער עס לוינט צו לעבען, גיט אַ טעם און אַן אינהאַלט אין לעבען?

הענעך האָט איהר געזאָגט, אַז „די הייליגע זאַך" וועט זיי פערבינדען, כאָטש זיי וועלען זיין אָבגעריסען איינער פון אַנדערען. און וואו איז „די הייליגע זאַך"? אין וועלכען הויז וואוינט זי צווישען די גרויסע אייזערנע הייזער אין דער גרויסער שטאָדט?

אין איהר קעסטעלע, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, האָבען זיך געפונען אַ פּאָר ביכלעך. איינס פון זיי איז געווען יענץ ביכעל, וואָס הענעך האָט איהר געגעבען, איידער זיי האָבען זיך צושיידט. אָפט האָט זי זיך צו זיי געווענדעט אין צייט פון טרויער און בענקשאַפט. די ביכלעך זענען שוין געווען פיעל מאָל אויסגעלעזענע. און דבורה האָט שוין געוואוסט אַלעס, וואָס עס שטייט אין זיי. און נאָך אַמאָל האָט זי זיך געווענדעט צו זיי, אין דעם פערבעגקטען פרייטאָג צו נאַכט. אַרויסנעהמענדיג איינס פון דיזע ביכלעך, האָט זי זיך פערטיעפט אין איִם ביי די שבת-ליכטלעך. און כאָטש זי האָט שוין דאָס ביכעל פיעל מאָל געלייענט, האָט זי זיך דאָך פערטיעפט דערין, ווי זי וואָלט געוואָלט געפינען צווישען זיינע אויסגעלעזענע בלעטער „די הייליגע זאַך", וואָס זי האָט פערלוירען אין דער נייער, פרעמדער, גרויסער שטאָדט.

פינפטער קאַפּיטעל

די ערשטע ענטוישוג

דער שאַפּ, אין וועלכען זי האָט געאַרבייט, איז געווען אַ נישט אָרגאַניזירטער. יענע יאָהרען איז די נאָדעל־אינדוסטריע נאָך נישט אינגאַנצען געווען אָרגאַניזירט, און דער ברודער האָט איהר געשאַפט אַרבייט דאָרט. וואו עס איז אַמליכסטען געווען צו קריגען. דער שאַפּ איז נישט געווען קיין גרויסער, מעהר ענליך צו אַ היימישען שניידער־געווערקשטעל. עס האָבען געאַרבייט עטליכע מיידלעך, עלטערע פון איר, אָבגעלעבטע און זעהר פערהאָרוועטע. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיי זענען פערטרונקען אין אייגענע צרות, אין אייגענע פליכטען, און קיין צייט נישט געהאַט צו קלערען וועגען איהר. איינס האָט זיך מיט דאָס אַנדערע כמעט נישט געקענט. עס זענען געווען צווישען זיי אידישע און קריסטליכע. אויך אַ פּאָר מיטעל־יעהריגע אידען. דער באָס, מיט אַ בלאָנד קורץ געשוירען בערדעל, איז געווען אַ יונגערמאַן נאָך דער חתונה, וואָס האָט געוואָלט גיך רייך ווערן. ער איז געווען דער באָס, דער פאָרמאַן, דער „קאַטער“ און דער „פיגישער“. נישט נאָר האָט ער אַליין מיטגעאַרבייט, נאָר אַפילו אויך זיין ווייב פלעגט אַריינקומען אין מיטען טאָג און צוהעלפען דעם מאַן אויף דער מאַשין. דער באָס פלעגט אונטעריאָגען זיינע אַרבייטער, נישט מיט ווערטער. נאָר מיט אַרבייט. ער מיט זיין ווייב זענען געווען שנעלע בעלי־מלאכות, האָבען זיי געאַרבייט און אויך פאַרבערייטעט פאַר די „הענט“.

דער באַס פלעגט פערבלייבען אין שאַפּ ביז האַלבע נאַכט און פאַרבערייטעט אַרבייט פאַר זיינע „הענט“ אויף מאָרגען, דורך דעם איז ביי דער אַרבייט צוגעגאַנגען [שטיל, פּאַרטהאָן און „פּאַר־ביזיט“. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. יעדער איז געזעסען איבער זיין „שטיקעל“ פּאַרטאָהן מיט אַרבייט, אין אייגענע געדאַנקען. דבורה האָט קיינעם פון די אַרבייטער און מיידלעך נישט געקענט. קיינער האָט צו איהר קיין וואָרט נישט אויסגע־רעדט. און זי צו קיינעם. אַליין איז זי געקומען און אַליין אהיים־געפאָהרען.

זי האָט זיך צוערשט נישט געקענט פאָרשטעלען, אַז דאָס זאָל זיין דאָס לעבען אין דער גרויסער שטאָדט. קיין אַנדערעס, נאָר די שטילע, פערטהאָנענע אַרבייט. זי האָט געמיינט, אַז עס איז דערפאַר, ווייל זי קען נאָך קיינעם נישט, און האָט נאָך נישט גע־האָט קיין געלעגענהייט צו בעקענען זיך מיט דעם שענערען לעבען פון די אַרבייטער. נישט איינמאָהל האָט זי געוואָלט פרעגען איהרע שכנות וועגען דעם צוזאַמענקונפט פון די אַרבייטער, נאָר זי איז געוועזען צו שעמעדיג און צוריקגעהאַלטען צו מאַכען בעקאַנטשאַפט. ענדלעך האָט זי עס דאָך נישט אויסגעהאַלטען. דאָס לעבען אין שאַפּ איז איהר געוואָרען מיאוס, און אַ לעבען אין דערהיים האָט זי נישט געהאַט, און זי האָט עפּעס געזוכט, וואָס זאָל איהר געבען אַן אינהאַלט. זי האָט זיך אויסגעזוכט איינע פון די מיידלעך, וואָס האָבען צוזאַמען מיט איהר געאַרבייט, וואָס איהר אויסערליכעס איז דבורה׳לען מעהר געפעלען געוואָרען ווי פון די אַנדערע מיידלעך. עס איז געווען אַ מיידעל עלטער פון דבורה׳לען. אָבער דאָך נישט אַזוי אַלט, אַז דבורה׳לע זאָל פאַר איהר מורא האָבען. כאָטש זיי זענען שוין געזעסען אַ חדשים דריי אין איין שאַפּ. האָבען זיי דאָך נישט געהאַט צווישען זיך אויסגערעדט קיין פינף ווערטער, וואָס האָבען געהאַט אַן אַנדער שיכות אַ חוץ צו דער אַרבייט. דבורה׳לע האָט עס אויסגעטייטשט, אַז עס איז איהר שולד, ווייל זי האָט זיך צוריקגעהאַלטען. אין אַ פאַרנאַכט, אַהיימגעהענדיג פון דער אַרבייט, האָט זי עקסטרא באַלאַמוטשעט און געמאַכט אַזוי, אַז זי זאָל אויס־קומען מיט יענער אַראַבצוגעהן צוזאַמען פון די טרעפּען.

כאָטש די צווייטע האָט זיך געאיילט, האָט דאָך דבורה׳לע זי דעריאָגט און איז צוגעגאַנגען צו איהר.

— איך בעט איהן איבער. איך בין נאָך אַ גרינע — זאָגט דבורה׳לע מיט אַ שולדיג געלעכטערל — און איך האָב איהן געוואָלט עפּעס פרעגען.

— פרעגען זי — זאָגט די צווייטע, קוקענדיק ערשטוינט אויף דבורה׳ן.

— אין דערהיים האָב איך געהערט צו דער „הייליגער זאַך“. איך וואָלט אויך דאָ געוואָלט געהערען. איז נישטאָ דאָ, צווישען די אַרבייטער, וואו מען טהוט פאַר דער „הייליגער זאַך“.

— וואָס איז דאָס? — קוקט זי אָן די צווייטע ערשטוינט.

— נו, זי ווייסען שוין, וואָס איך מיין.

— ניין, איך ווייס נישט — זאָגט די צווייטע קורץ.

— איך מיין, וואו די אַרבייטער און די אַרבייטערינס קומען זיך צוזאַמען — קומען זיך דאָ די אַרבייטער נישט צוזאַמען, ווי אין דערהיים?

— אָ, דאָס מיינען זי? יאָ, מען קומט זיך דאָ צוזאַמען אין די האָלס, ווען עס איז אַ שטרייק. פאַרוואָס זאָל מען זיך נישט צוזאַמענקומען?

— אין וועלכע האָלס? — פרעגט דבורה׳לע, נישט פערשטעהענדיג אַליין איהר פראַגע.

— איך וואָלט איהן בעסער געראַטען, אַז זי זאָלען דערפון נישט רעדען. אונזער באָס גלייכט די זאַכען נישט. זי קענען פערליערען דעם דזשאָב.

דבורה איז געבליבען שטעהן אַ רויטע און אַ פערשעהמטע.

— מיט מיר קאָנען זי נאָך רעדען דערפון. איך וועל איהר נישט אַרויסגעבען, אָבער מיט אַן אַנדערע זאָלען זי זיך בעסער היטען. ווען דער באָס וועט געוואָהר ווערען, וועגען וואָס זי פרעגען זיך נאָך, וועלען זי פליהען.

— ענטשולדיגען זי — האָט דבורה׳לע געזאָגט אַ צומישטע.

די צווייטע איז אַוועקגעגאַנגען. נאָך אַ ווײַלע איז זי צו־ריקגעקומען און האָט געזאָגט צו דבורה'ן.

— האָבען זי נישם קיין מורא, איך וועל זי נישט אַרויס־געסען. אָבער מיט אַנדערע זאָלען זי זיך היטען דערפון צו רע־דען, ווען דער דזשאָב איז איהן ליעב.

דבורה האָט שוין געשוויגען.

— זי געהען אויך צום עלעווייטער? — האָט די צווייטע געזאָגט.

— יאָ, מיר וואוינען דאָרט טאַון.

— שוין לאַנג דאָ אין לאַנד? — פרעגט ווידער די צווייטע.

— גיין, אַ פּאָהר חדשים.

— מען זעט עס אָן — זאָגט די צווייטע — וואָס אין דער־היים בעלאַנגט צו אַ פּאַרטיי אודאי?

— יאָ — שאָקעלט דבורה מיט'ן קאָפּ.

— אויך אַמאָל בעלאַנגט. הײַנט קיין צײַט נישטאָ דערצו. אין אַמעריקע ליגט דאָס נישט אין קאָפּ. ענטשולדיגען זי, וואָס איך האָב איהן פריהער אַזוי אָבגעענטפערט. זעהען זי, עס איז מיר אַזוי שווער אָנגעקומען צו קריגען דעם דזשאָב. העכער ווי אַ האַלב יאָר געווען אָהן אַרבייט — און נישט איך אַליין, אַ קראַנ־קע מוטער אין דערהיים. עס איז יעצט אַזוי שווער צו קריגען אַר־בייט. און שוין געקראָגען, האָט מען מורא צו פערליערען. אונזער באָס איז אַ שטרענגער. אַזוי פיעל מיך אויסגעפרעגט, איידער ער האָט מיר געגעבען אַרבייט. ער האַלט נאָר גרינע, יוניאָן־אַרביי־טער לאָזט ער נישט אַריין צו זיך, ווייל ער האָט מורא פאַר אַ שטרייק. מען מוז אַזוי פּאָרזיכטיג זיין, מיט וועמען מען רעדט. מען ווייסט קיינמאָל נישט, מיט וועמען מען רעדט, זי פערשטע־העו מיך...

דבורה האָט נישט פערשטאַנען, וואָס די צווייטע מיינט. נאָר צוליעב דעם, וואָס זי האָט זיך געשעהמט צוצוגעבען, אַז זי זאָל נישט אויסזעהען צופיעל גרין, אָדער צוליעב דעם, ווייל זי האָט שוין געוואָלט זיין אַליין, האָט זי צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אויף יאָ, און האָט זיך מיט דער צווייטער אָבגעזעגענט.

— מיינען זי נישט, אַז איך גלייך נישט בעסער צו אַרבייטען אין אַ יוניאָן-שאָפּ. שור וואָלט איך בעסער געוואָלט זיין אין אַ יוניאָן-שאָפּ. נאָר וואָס קען מען טהון. אַז מען קריעגט נישט קיין אַרבייט? אַזוי ווי זי, געוויס אויך אין דער זעל בער לאַגע, העי? — האָט די צווייטע געזאָגט צום צווייטען מאָהל, איידער זי איז אַוועק פון איהר ביז דער סטאַציאָן.

נאָך דעם געשפּרעך האָט דבורה נישט געקענט גלייך אַהיים געהן, עס האָט זיך איהר נישט געגלוסט. געוואָהנט האָבען זיי אין גאַנצען אַ פּאָר סטאַציאָנען אַוועק, האָט זי נישט גענומען דעם טראַמוויי, ווי שטענדיג, נאָר איז אַהיים געגאַנגען צו פוס, ווי זי פלעגט עס נישט איינמאָל טהון. געקלעהרט האָט זי גאָרנישט. נאָר אַ בענקשאַפט האָט עפּעס גענאָגט אין האַרץ, און זי האָט צום ערשטען מאָל רחמנות געקראָגען אויף זיך. זי האָט זיך געפיהלט אַזוי אַליין, אַזוי עלענד אין דער גרויסער שטאָדט, ווי זי וואָלט געווען פערבלאָנדזשעט אין אַ וויסטען וואַלד.

אַ לייכטער, שיטערער שניי האָט געשפּריצט און בעדעקט די אויבערפלאַך פון דער גאַס, און דורך דעם שנעע-וואָלקענדעל האָט דאָס געל-גרויע גאַז-ליכט פון די מעבעל געוועלבען און מאָדע-געשעפטען אַרויסגעשיינט, ווי פון אונטער אַ פאָרהאַנג. די גאַסען זענען געווען בעלעבט מיט אַרבייטער און אַרבייטער-מיידלעך, וועלכע, זיצענדיג אַ גאַנצען טאָג אין די ענגע שאָפּס איבער דער אַרבייט, האָבען מיט לייכטער פרייד בעגריסט דעם דורכזיכטיגען קינדיש-שפּילענדען שנעעלע. אין די שוי-פענסטער זענען געווען אויסגעשטעלט גאַנצע צימערען מעבעל, בעד-רומס, און דיינינג-רומס. און זיי האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען איינגעלאַדען, אַז מען זאָל צו זיי אַריינקומען וואוינען. פאַר די שוי-פענסטער זענען געשטאַנען יונגע פּאָרלעך און בעטראַכט די מעבעל און געמאַכט זיך פּלענער וועגען זייער צוקונפטיגען לעבען. אַנדערע האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי די מאָדע שוי-פענסטער און בעטראַכט די וואַקסענע מאַנעקינען, וועלכע זענען געווען געקליידט ווי לעבעדיגע מענשען און זענען געזעסען איינוועניג, אין די יום-טוב'דיג אויפגערוימטע און היימיש-ליכטיגע שוי-פענסטער. און עס האָט זיך געדאַכט,

אַז זיי זענען גליקליכע מענשען. דבורה האָט זיך אָבגעשטעלט ווי אַנדערע, ביי די שעהן אויסגעפּוצטע שוי-פענסטער און האָט געקוקט מיט קנאה אויף די טויטע, נאָר גליקליכע מאַנעקינס, וועלכע זענען שטענדיג רוהיג, און עס איז זיי גוט. זיי דאַרפען נישט זוכען קיין אַרבייט, נאָר זיצען און פערברענגען אין אַ געזעלשאַפט און טרינקען טהיי, און זיי זענען אָנגעטהון ווי צו גיין צו אַ באַל, אָדער זיי שפּאַציערען, אָדער זיי זענען גאָר אָנגעטהון אין טייערע פוטערס, באַהאָנגען, אַרויסצוגיין אין גאַס אַרויס. עס איז איהר מיט אַמאָל מיאוס געוואָרען דער טויטער שאָפּ. לאַנגווייליג איז איהר לענגסט געוואָרען דאָס לעבען אין שאָפּ, די באַשטענדיג שטילע און פערטהוענע אַרבייט, נאָר זי האָט נישט געוואוסט, אַז זי קען זיך בּוּנטעווען אַנטגעגען. עפּעס יעצט, דאָ אויף דער גאַס, אינ׳ם פרייען גליקליכען, שפּיעלענדען שנייעלע, ביי די ליכטיגע שוי-פענסטער, ביי דער לעבעדיגער, שטראָמענדיגער מענגע איז איהר קלאָר געוואָרען, אַז זי קען זיך בּוּנטעווען געגען אַוועקגעבען איהר טאָג לעבען ביי פּעררעטערישער אַרבייט.

און ווען זי איז געקומען צום געדאַנק. אַז זי האָט געאַרבייט אין אַן אַרבייט-פיינדליכען שאָפּ, האָט זי זיך דערשראָקען פאַר זיך אַליין. האָט זי געקענט זיין אַזוי פעררעטעריש געגען דער „הייליגער זאַך״ און די שבועה, וואָס זי האָט געשוואוירען? און מיט אַמאָהל האָט זי דערזעהען דעם וואַלד, און הענעך׳ן און די אַנדערע אַרבייטער, און זיי זינגען די שבועה.. . זי האָט זיך מיט אַמאָל געפיהלט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָרען אַראָבגעשטופּט פון אַ באַרג, און זי קלאַמערט זיך אין צווייגען און דערנער, און דראַפּעט זיך צוריק אַרויף אויף דעם באַרג.

זי איז עפּעס בייז געוואָרען אויף איהר מוטער און אויף איהרע ברידער און אויף אַלע איהריגע. זי האָט געוואָלט זיך בעפרייען פון זיי. זיין אַליין אַמאָהל, זיין אַליין פאַר זיך, לעבען פאַר זיך, און באַלד האָט זי רחמנות געקראָגען אויף איהר מוטער און באַלד בייז געוואָרען, פאַרוואָס זי האָט רחמנות אויף איהר מוטער.

אַז זי איז אַהיימגעקומען, זענען שוין אַלע געווען אין הויז. דער טאַטע איז שוין געזעסען ביים טיש, שוין געהאַט אָבגעגעסען. דער עלטערער ברודער האָט זיך געהאַלטען אין וואַשען און איבערטהון זיך, אויסגעהענדיג מיט דער כּלה. די מאַמע, וועלכע האָט אַרויסגעקוקט אויף איהר און איז שוין געווען בעאונרוהיגט, איז ביי דבורה׳ס אַריינקומען, אָנשטאָט צו פרעהען זיך, אָנגעפאַלען אויף איהר:

— וואו ביסטו דאָס פערפאַלען געוואָרען? איך האָב דאָך געמיינט, אַז אַן אונגליק האָט שוין פּאַסירט מיט דיר.

— וואָס שרעקט איהר זיך אַזוי איבער מיר? וואָס היט איהר מיך אַזוי? וואָס האַלט איהר מיך אַזוי אָנגעבונדען? פאַרוואָס אַזוי אָנגעבונדען? — האָט דבורה׳לע איבערגעחזרט דאָס וואָרט, וואָס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז עס דריקט אויס אַמבעסטען, וואָס זי פיהלט איצט.

— וואָס אָנגעבונדען? ווען אָנגעבונדען? וואָס רעדסטו? — האָט שרה רבקה זיך דערשראָקען, ווייל זי האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דבורה מיינט.

דבורה האָט שוין געשוויגען און איז צוגעקומען צו איהר בעט, וואָס איז געווען איהר איינציג ווינקעל אין דער שטוב, און זיך אָוועקגעזעצט, אין בעשנייעטען מאַנטעל און באַשנייעטען היטעל.

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס טהוסטו זיך נישט אויס? געה עסען! דאָס לעפעל געקעכץ איז שוין קאַלט.

— איך בין נישט הונגעריג — האָט דבורה קינדיש זיך גע׳ברוגז׳ט.

— וואָס איז דיר? ביסט, חלילה, קראַנק? עס האָט דיר ווער שלעכטס געטהון? — האָט זיך שרה רבקה בעאונרוהיגט.

— איך בין נישט קראַנק, און עס האָט מיר קיינער קיין שלעכטס נישט געטהון.

— פאַרוואָס זיצסט דו אַזוי? טהו זיך אויס דעם נאַסען קאַפּטאַן. וואָס איז מיט דער מויד?

אַנשעל, וועלכער האָט שוין די לעצטע צייט געלעזען אַ צייי-

טונג אַלע אָוונד, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבייט, איז דאָס מאָהל אויך נאָכ'ן עסען אין קאַפּעל און אַן קאַפּאָטע, געזעסען אוי-בען-אָן ביים טיש, און דורך די ברילען פּערטהון געווען אין אַ גרויסער צייטונג, וואָס האָט פערשטעלט זיין גאַנץ פּנים און מען האָט נאָר געזעהן דעם געדיכטען רויך פון סיגאַרעטעל, וואָס ער האָט גענומען נאָך יעדען עסען פון זיין זוהן (וואָס דער לעצטער האָט עס שטענדיג אָבגעגעבען נישט זעהר גוטווילליג). ער האָט אַוועקגענומען די צייטונג פון פּנים און געקוקט דורך די ברילען אויף דעם ווינקעל, וואו דבורה איז געזעסען אויפ'ן בעט.

— איך ווייס נישט וואָס מיט דער מויד איז געשעהען! — האָט געזאָגט די מאַמע, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהר.

— ווהאָט איז די מעטער? — רופט זיך אָן דער עלטערער ברודער, גאָלענדיג זיך ביים קליינעם שפּיעגעלע, וואָס איז געהאָנגען איבער'ן סינק, גלייכגילטיג, אַפילו נישט אויסבויגענדיג זיין פּנים פון שפּיעגעלע.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שאָפּ, וואו די האָסט מיך געשיקט אַרבייטען? — פרעגט פּלוצלינג דבורה דעם ברודער, פון איהר ווינקעל אַרויס.

דאָס איז שוין געווען אינטערעסאַנט. סאַלאָמאָן (דאָס האָט איהם די כּלה אַזוי אַ נאָמען געגעבען, און ער האָט אָנגעזאָגט אין דערהיים, אַז ער הייסט שוין מעהר נישט שלמה, נאָר סאַלאָמאָן) האָט אויסגעבויגען זיין פּנים פון שפּיעגעלע, און אָנגעקוקט דבורה'ן

— וואָס איז דער מעהר מיט'ן שאָפּ?

— איך געה נישט מעהר דאָרט אַהין אַרבייטען.

— פאַרוואָס?

— עס איז נישט קיין יוניאָן-שאָפּ.

אַלע זענען געבליבען ערשטוינט. אַנשעל האָט שוין אַוועק-געלעגט די צייטונג פון האַנד. די מאַמע, וועלכע האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, איז געשטאַנען אַ פערלוירענע, און גע-קוקט אויף אַנשעל'ן נאָך הילף. אַנשעל האָט זיך אויך רעכט נישט

געקענט געפינען, און האָט איבערגעלאָזט דעם וכּוח צווישען דעם ברודער מיט דער שוועסטער.

— וואָס האָט זי געזאָגט? — רופט זיך אָן סאַלאָמאָן — אַ יוניאָן־שאָפּ! פון וואַנען ווייסטו, וואָס יוניאָן איז?

— איך ווייס שוין.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

— איך האָב נאָך געוואוסט, איידער איך בין געקומען קיין אַמעריקע.

— אַזוי? האָסטו טאַקי געדאַרפט בלייבען אין דער אַלטער היים. דאָ וועסטו, מיין שוועסטער, נישט ווייט קומען מיט דער יוניאָן.

— הלואי וואָלט איך טאַקי געבליבען — זאָגט דבורה פאַר זיך.

— וועגען וואָס געהט דאָס דער „ספּאָר”? — פרעגט אַנ־שעל נייגיריג דעם זוהן פון דער צייטונג אַרויס.

— דיין טאָכטער איז אַ סאָציאַליסטקע, און עס געפעהלט איהר נישט דער שאָפּ, וואָס איך האָב איהר געשאַפט, ווייל עס אַרבייטען דאָרטען נישט קיין סאָציאַליסטען. נו, זאָל זי זיך אַליין זוכען אַ שאָפּ — זאָגט דער ברודער דעם פאָטער.

— אַזוי גאָר! פון די וואָס ווילען דעם קייסער פון בענקעל אַראָבוואַרפען? עס שטעהט דערפון אין פייפער — ווייזט אַנשעל אָן אויפ'ן צייטונג, וואָס ער לעזט — איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איך האָב אַ טאָכטער אַ סאָציאַליסטקע. אודאי, אַמעריקע איז אַ פרייע וועלט. דאָ מעגסטו, מיין טאָכטער. דאָ מעג מען זיין אַ סאָ־ציאַליסט — ווייזט אַנשעל אויפ'ן פייפער, ווי אויף אַן אויטאָ־ריטעט.

— ניין, זי זאָגט, אַז זי האָט עס נאָך פון דער אַלטער היים מיטגעבראַכט — זאָגט סאַלאָמאָן.

— אויב אַזוי, איז זי דאָך נאָך פון די גרויסע, אָוואַ! — זאָגט אַנשעל. — נו, אדרבה, לאָזט מיך שוין זעהן, וואָס איהר קענט — האָט אַנשעל געזאָגט, שוין זייענדיג פּעראינטערעסירט אין ענין סאָציאַליסטען.

— נאָר שרה רבקה האָט נישט געקענט צוזעהן, ווי מען לאַכט אויס דאָס קינד. זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהר. האָט זי זיך אָנגעהויבען צו בייזערן אויף די מאַנספערשוינען:

— וואָס האָט איהר זיך צוגעטשעפּעט צום קינד? אַראָב־וואַרפען פון בענקעל דעם קייסער, מיינע שונאים! נו, וועסטו נישט געהן אַרבייטען, אַז עס געפעהלט דיר נישט דער שאָפּ. וועסטו קריגען אַן אַנדערען. נו, געה שוין עסען, דאָס לעפעל געקעכטס ווערט שוין קאַלט.

— יאָ, זי וועט קריגען — זאָגט דער ברודער — עס וואַרט שוין אויף איהר אַ דזשאַב.

— אין דעם שאָפּ וועל איך נישט געהן אַרבייטען — זאָגט דבורה בעשטימט, וואָס מען איז נישט געוועהנט געווען ביז איצט פון איהר צו הערען.

דער טאַטע האָט שוין אוועקגעלעגט די צייטונג פון האַנד און האָט אריינגעקוקט אין ווינקעל אַריין, וואו דבורה איז געזעסען. דער ברודער האָט אויפגעהערט זיך גאָלען און אַנגעקוקט אַמאָל די מאַמען, אַמאָל דבורה׳ן.

— וואָס מיינסטו — האָט סאָלאָמאָן געזאָגט — דו וועסט זיצען אין דערהיים ווי יענער דאָרט — ווינקט ער מיט׳ן קאָפּ אויף יונה גדליה׳ן, וועלכער האָט זיך ביי אַזעלכע געשפּרעכען שטענדיג בעפיהלט דער שולדיגער און האָט זיך בעהאַלטען אין די ווינקעלעך — ווי יענער דאָרט, וואָס דער טאַטע וויל דוקא מאַכען פון איהם אַן אַמעריקאַנער רב!... איין עסער איז שוין דאָ אין דערהיים, איצט ווילסטו נאָך בלייבען אין דערהיים! און ווער וועט צאָהלען רענט, געז־בילס און אין גראָסערי? און די שיפס־געזעלשאַפט פאַר די שיפסקאַרטען, וואָס מען האָט אייך אַריבערגענומען. ווער וועט צאָהלען? איך, אַלץ איך, הע?

אַנשעל, וועלכער האָט זיך געפיהלט, זייט ער האָט אָנגעהויבען אַרבייטען, פאַר אַ בעל־הבית אין הויז און צוריק געקראָגען דעם מוטה פון דערהיים, האָט זיך אָנגערופען:

— עס האַלט דאָך נישט דערביי, אַז דו זאָלסט צאָהלען! עס

איז דאָך נאָך דאָ, ווער עס צאָהלט, גאָט צו דאַנקען. אַ חוץ דיר אויך.

נאָר דאָס האָט דער זוהן שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטען שטוב, אַ האַלב געגאָלטער און אַ האַלב פּנים אַנגעזייפט און געזאָגט, מיט רחמנות אויף זיך:

— אַזוי? און ווער האָט אייך געלד געשיקט, העכער פון דריי הונדערט טאָלער? און שיפסקאַרטען געשיקט און נאָך אַ הונדערטער? און רומס גענומען, און פוירניטשור? צוליעב אייך האָב איך נישט חתונה געהאַט, האָב איך אָבגעשוואַרצט מיינע יאָה-רען, און איצט, טאָמער וויל איך שוין אָנהויבען פאַר זיך אַליין צו זאָרגען, פאַר מיר אַליין עפּעס טהון, איז דער וויל ווערען אַ לערנער, מוז איך אים אויסהאַלטען. און זי וויל נאָר אַרבייטען אין אַ סאָציאַליסטישען שאָפּ, בעדאַרף איך זי אויך אויסהאַלטען. אַלץ איך. גאָרנישט! איהר זענט מיר שוין נישט קיין גרינע, איהר קענט זיך שוין זאָרזען פאַר זיך אַליין. וואָס „קעהר" איך, וואָס איהר וועט טהאָן? אין אַמעריקע „קעהרט" יעדער פאַר זיך.

— דאָס האָט אים די כּלה אַזוי אויסגעלערענט רעדען — זאָגט אַנשעל.

— אויב אַזוי, אַלרייט, מאָרגען ציה איך זיך אַרויס פון דערהיים, און זעהט, וואָס איהר קאָנט טהון אָהן מיר! — האָט דער יונג געזאָגט, אָבווישענדיג זיך מיט דעם האַנדטוך דעם זייף פונם פּנים, פערגעסענדיג אָן דער צווייטער האַלבער באָרד.

דאָס וואָרט „מופען" האָט, ווי אימער, אַ שרעק אַנגעוואָרפען אויף שרה רבקה'ן. אין קאָפּ האָט זי שוין אָנגעהויבען אויסצורע-כענען: דירה-געלד, קראָם, קצב, און אַנדערע „זאָרגען"... אַ שרעק איז איר בעפאַלען, אַנשעל האָט זיך אויך אַ ביסעל דערשראָקען, אָבער ער איז געוועזן צו שטאָלץ. עס האָט זיך אין איהם ערוועקט דער אַלטער אַנשעל פון דערהיים. און כאָטש אין האַרצען האָט ער זיך געשראָקען פאַר דעם יונג'ס סטראַשונעק, דאָך האָט ער געזאָגט:

— ציה דיך, ציה דיך! — גאָט האָט אונז נישט פערלאָזט

אין דער אַלטער היים, וועט ער אונז דאָ אויך נישט פערלאָזען.

שרה רבקה איז געשטאַנען אַ דערשראָקענע און דערבײַ צפעס דאָך אַ צופריעדענע מיט איהר אַנשעל׳ס פעסטקייט. זי האָט זיך נאָך געפּרובט ראַטעווען, איז זי צוגעגאַנגען צום זוהן:

— וואָס האָט ער דען דיר געזאָגט? — האָט זי איהם גע־פּרובט איבערבעטען

— אַזוי לאַנג, ווי איך בין מיט אייך, וועט איר נישט זיין קיין מענשען אין אַמעריקע, וועט איר אַלץ בלייבען גרינע — האָט דער יונג געזאָגט, אַרויפוואַרפענדיק אויף זיך דעם ראָק און ער איז אַרויס פון שטוב.

זעקסטער קאַפּיטעל

שלעכטע צייטען

די נאַכט איז דער יונג נישט אַהיימגעקומען שלאָפען.

צומאָרגענס, ווען אַלע זענען געווען ביי דער אַרבייט, אין שטוב איז נאָר געשטאַנען די מאַמע אַליין און האָט געוואַשען די וועש, איז דער יונג אַריינגעקומען, און נישט זאָגענדיג אַ וואָרט, האָט ער זיך גענומען זיינע זאַכען איינפּאַקען. די מאַמע האָט זיך אָבגעווישט דער הענד פון דער וועש און איז צוגעקומען צו איהם מיט תחינה און בקשה:

— שלמה'לע לעבען, וואָס נעהמסטו טהון?

— איך מוז אַרויס פון דאַנען.

— אין וואו לאָזסטו מיך מיט מיינע שוואַלבען?

— וואָס הייסט, וואו? איך לאָז דיך איבער ביי דיין מאַן.

— וואָס איז? וואָס האָט ער טאַקע אַזעלכעס געזאָגט? אויף דעם איז ער דאָך אַ טאַטע — זאָגט די מאַמע מיט ליעבע, און וויל אַרומנעהמען איהר זון און איהם אַ קוש טהון, איבערבעטען איהם פאַר דעם טאַטענס רייד.

נאָר שלמה לאָזט זיך נישט פון דער מאַמען אַרומנעהמען, דרעהט זיך אויס.

— עס איז נישט דאָס. איך מוף נישט אַוועק פון דאַנען, ווייל דער טאַטע האָט מיך בעליידיגט. איך האָב שוין לאַנג בע-

שטימט אַרויסצומופּען פון דאַנען. עס וועט בעסער זיין פאַר אייך און פאַר מיר.

— און מיט וועמען וועל איך צום טיש געהן? ווער וועט מיך אויסהאַלטען? דער טאַטע מיט די זיבען דאָלאַרס אַ וואָך? אָדער דאָס מיידעל, וואָס אַרבייט פון זיך דעם יויך אַרויס, אַז עס איז מיר שוין אַ רחמנות אויף איהר אַ קוק צו טהון? צייט זי איז גע־קומען אין אַמעריקע, איז דאָך פון איהר אַ העלפט געוואָרען. איך וויס דען, אַז זי איז געגאַנגען היינט צו דער אַרבייט? הלואי נישט, זאָל זי זיך אויסרוהען אַ פּאָר טעג. וואָס וועל איך טהון אָהן דיר? פון וואַנען וועל איך נעהמען אויף רענט? אויף —

— און דערפאַר זאָל איך נישט חתונה האָבען? — שרייט אויס דער יונג מיט הארץ. איבערהאַקענדיג דער מוטערס רייד — איך בין דאָך צוליעב אייך צו גאָרנישט געקומען.

די מוטער איז פאַרשוויגען געוואָרען, זי האָט איהרע איינ־געשרומפּענע באַקען אַנגעלעהנט אויף איהרע הענד און איז גע־בליבען אַ וויילע שטעהן אַזוי נאַכקלערענד אין מיטען שטוב. דער־נאָך האָט זי געזאָגט ווי פאַר זיך אַליין:

— האָסט רעכט, מיין זוהן, אודאי האָסטו רעכט. דו מוזט דאָך אַ מאָל נעהמען זאָרגען פאַר זיך אַליין אויך — האָט זי גע־זאָגט, ווי עס וואָלט איהר ערשט איצט קלאָר געוואָרען דעם יונג׳ס ווילען.

— מיין גאַנץ לעבען האָב איך דאָך געאַרבייט פאַר אייך. צוערשט אין דערהיים און דערנאָך דאָ, איידער איך האָב אייך אַראָבגעבּרענגט און אויך דערנאָך. ווי לאַנג איז דער שיעור? איך מוז דאָך אַ מאָל קלערען וועגען זיך אויך. ס׳האָט זיך מיר געמאַכט אַ גוטע פּאַרטיע. דער מחותן מיינער האָט אַ שיך־סטאָר, אפשר וועל איך קענען מיט איהם צוזאַמען אַרבייטען. אַז איך וועל איצט נישט קלערען וועגען אַ תכלית, ווען דען?

— האָסט רעכט, מיין קינד, האָסט רעכט — שאָקעלט צו די מאַמע מיט׳ן קאָפּ.

— און עס וועט בעסער זיין פאַר אייך אויך. אַזוי לאַנג ווי איך בין מיט אייך, זענט איר צוגעוועהנט, אַז איך זאָל פאַר אייך

זאָרגען, און איך קען אויך נישט אַנדערש. אַז איך וועל נישט וואוינען דאָ — אויס.

— וואָס זאָל איך טהון, אַז איך האָב אַזאַ ביטער מזל און איך שלעפּ זיך אַרום מיט מיינע קינדער אין שלימזל אַריין? זאָל דיר גאָט העלפען, מיין קינד, — האָט זי געזאָגט, אַרומגעהמעהנדיג איהר זון. און זי האָט איהרע איינגעשרומפּטע באַקען צוגעלעגט צו זיין פּנים.

דער יונג האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון איהרע אָרעמס און ווייטער זיך גענומען פּאַקען די זאַכען. שטום, אָהן ווערטער.

און אַז דער יונג האָט געוואָלט נעהמען זיין וועש, האָט די מוטער די וועש צוזאַמענגענומען און איינגעווייקט זי אין סינק.

— לאָז מיך כאָטש מיין זוהן, דאָס לעצטע מאָהל פאַר דיר די וועש אויסוואַשען.

און עס זענען אָנגעקומען שווערע צייטען פאַר שרה רבקה׳ן. דעם גרויסען יונג׳ס אַוועקגעהן האָט שוין איבערגעלאָזט אַ גרויסען לאָך אין שרה רבקה׳ס קעשענע — איז נאָך דערצו דבורה אי־בערגעבליבען אין דערהיים. אָהן אַ דזשאַב. די ערשטע פּאָר טעג האָט זיך עס נאָך נישט אָנגעזעהן. דער גראָסערי־מאַן האָט נאָך גע־געבען אויף׳ן ביכעל, דער בוטשער, דער אויך, און ביז דעם ערש־טען איז נאָך געווען אַ רעכט שטיקעל צייט. נאָר אַז עס האָט זיך אָנגערוקט דער ערשטער און דער לענדלאָרד איז אַריינגעקומען און האָט אויסגערופען זיין „בעקאַנטען”: „מיסעס!” און דער גראָסערי־מאַן האָט געלאָזט זאָגען די באָיטשיקלעך, אַז ער וויל זעהען די מאַמען, און דער בעקער און דער בוטשער אויך — איז נישט גע־ווען „מיט וועמען צום טיש צו גייען”. שרה רבקה איז אָבגעלעגען גאַנצע נעכט אויף איהר געלעגער און געדאַרט דעם קאָפּ, ווי אַזוי צו פערשטעקען די לעכער. מילא, מיט דער חיונה האָט זי זיך ווידער געוועגדט צו איהרע אויסגעפּרובטע טעפּ. זי האָט זיי צו־ריקגערופען נאָך דעם, ווי זי האָט זיי שוין געהאַט אַ ביסעל פער־נאַכלעסיגט אין דער נייער היים און האָט זיך נישט גענויטיגט אין

זייער הילף. די טעפּ האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו בעזיצען אין דער נייער היים די זעלבע גוטע סגולות, וואָס זיי האָבען געהאַט אין דער אַלטער היים. זיי האָבען נישט נאָכגעלאָזט פון זייער אַלטער פריינדשאַפט צו שרה רבקה׳ן און איהר בייגעשטאַנען אין איהר נויט...

מיט דעם ביסעל בידנע חיונה האָט זיך שוין, ווי געזאָגט, די מאַמע אַן עצה געגעבען. ערשטענס, די גוטע, אַלטע טעפּ, און דאַן איהר זוהן מאָזעס׳לעבען. (מאָזעס׳לעבען איז נישט קיין אַנדערער ווי משה׳לע אָקס. דאָ האָט ער זיך פערענדערט דעם נאָמען און גערופען זיך מאָזעס. נאָר כּדי היימישער צו מאַכען דעם פרעמדען נאָמען אין שרה רבקה׳ס מויל, האָט איהם די מאַמע צוגעזעצט צום „דייטשען״ נאָמען דעם אידישען „לעבען״. און בעלוינט האָט זי אים מיט דעם צערטליכען בייגאָמען פאַר דער גוטסקייט, וואָס דער יונג האָט אַרויסגעוויזען צו דער מוטער).

משה׳לע אָקס, אָדער מיר וועלען איהם פון היינט אָן רופען מאָזעס׳לעבען, אַזוי ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבען צו קריכען צווישען די פוהרען אויפ׳ן מאַרק, האָט ער אָן דער מאַמען נישט פערגעסען — אַזוי האָט ער אויך דאָ אין דער נייער היים אָן דער מאַמען נישט פערגעסען, און איבערהויפּט זייט ער האָט געאַרבייט פאַר אַ גראָסערי-פּעדלער, האָט ער יעדעס מאָהל מיטגעבראַכט אַהיים עפּעס אַ פּעקעל. אַמאָל טיי און צוקער, אַ האַלב פונט פון דער בעסטער קאַווע, און ער האָט דער מאַמען בעשוואוירען, אַז זי זאָל דערפון קיינעם נישט געבען צו טרינקען, נאָר האַלטען עס פאַר זיך אַליין; אַ וואורשט אָדער אַ שטיק קעז, פּוטער און אייער און אַמאָל האָט ער דער מאַמען אונטערגעשטעקט אַ פלעשעל זיסען שנאַפּס מיט אַ האַלב פונט לעקעך.

— איך וייס, מאַמע, אַן עלטערער מענש דאַרף אַמאָל אַ שנאַפּס דאָס האַרץ זיך צו דערכאַפּען. נעם, מאַמע, עס שאַדט נישט.

קיין אייגענטליכער „באָרדער״ איז מאָזעס׳לעבען נישט געווען אין דערהיים. געגעסען האָט ער נישט אין דערהיים. ער פלעגט נאָר אַהיימקומען פון צייט צו צייט, יעדע פאָר טעג, אום-

געריכט. און יעדעס מאָל ווען ער איז אַ היימגעקומען, איז ער נישט געקומען מיט לעדיגע הענד. און דערצו נאָך איצט, ווען ער האָט געהערט, אַז דער עלטערער יונג האָט זיך אַרויסגעצויגען פון דערהיים, און דבורה'לע האָט נישט קיין דזשאָב. האָט שרה רבקה געזאָגט זיך אין האַרצען, אַז פריהער גאָט, דערנאָך דאָס אינגעל האַלטען זיי אויס. זי האָט מורא געהאַט צו זאָגען דאָס אין דער הויך, כּדי נישט צו פאַרשעמען איהר אַנשלען.

איז מיט חיונה האָט מען זיך שוין ווי נישט איז אַן עצה געגעבען. די גרעסטע צרה איז געווען דירה-געלד. אין דערהיים, אַז מען האָט געוואוינט אין אַ דירה, האָט מען געוואוינט. מען האָט נישט געפרעגט מעהר, אייגענס, אָדער פרעמדס. מען האָט געוואוינט אַזוי לאַנג, ביז מען האָט געהאַט חזקה דערויף. און דאָן איז עס געווען אייגענס. דירה-געלד — ווער האָט געהערט דער-פון? האָט זיך אַמאָל געפונען אַ שלעכטער בעל-הבית און געפאָ-דערט דירה-געלד, האָט מען אויסגעבייטעלט צו זיין קאָפּ „אַלע בייזע חלומות פון דער נאַכט און פון יענער נאַכט און יעדער נאַכט פון אַ גאַנץ יאָהר". און האָט ער געסטראַשעט מיט'ן „קאָמאָר-ניק". האָט מען איהם גערופען „מסור". און האָט זיך טאַקע אַמאָל אַ בעל-הבית אונטערגעשטעלט און געלאָזט אַרויסוואַרפען אַ איד פון דער דירה, איז ער פערשאָלטען געוואָרען אויף קינדס-קינדער. און נאָכ'ן טויט האָט אים חברה קדושה נישט געוואָלט בעגראָבען. נאָר מען האָט געמוזט דינגען טרעגערס, און בעגראָבען האָט מען איהם הינטערען פלויט פון בית-עולם מיט אַלע משומדים צוגלייך...

דאָ, אין אַמעריקע, איז די גרעסטע מכּה, וואָס אַן אָרימאַן האָט אויסצושטעהן — „רענט". קוים קומט אַ פּאָר טעג פאַר'ן ערש-טען, שלאָפט שוין נישט שרה רבקה גאַנצע נעכט. זי דאַרט זיך אויס דעם קאָפּ, פון וואַנען זי וועט נעמען אויף רענט. און קוים קומט דער ערשטער, באַלד אין דערפיה, ווי דער עולם געהט נאָר אַוועק צו דער אַרבייט, יאָוועט זיך דער „קאָלעקטאָר" מיט דעם ראַזירטען פּרצוף און מיט'ן גראָבען ציגאַר אין מויל. און קייענ-דיג דעם עק פון ציגאַר, ברומט ער נאָר איין וואָרט „מיסעס!" און קלאַפּט מיט'ן ביכעל אָן דער האַנד. און קוים פעהלט-אויס

איין קוואָטער צו די פופצען דאָלאַר, נעהמט ער נישט דאָס געלד, נאָר נעהמט אַרויס פון וועסט-קעשענע דעם דיקען גאָלדענעם זייגער, און טייטענדיג אויפ'ן זייגער און קייענדיג דעם ציגאַר, זאָגט ער:

— מיסעס. ביז דריי אַ זייגער האָט איהר צייט, איידער מ'פער-מאַכט דאָס געריכט.

יעדען ערשטען איז יום-כפור אין אַנשעל'ס שטוב, וואָרום, איפיעל שרה רבקה חשבונ'ט נישט אויס, און שפּאָרט נישט אָב און לעגט דאָס אָב אַ גאַנצען חודש אויף רענט — פעהלט יעדער מאָהל אויס צום ערשטען אַ פּאָר דאָלאַר. אַמאָל האָט זיך גע-מאַכט אַ געז-ביל און אַמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז אַ קינד איז קראַנק געוואָרען, און אַמאָל האָט מען בעדאַרפט אַ פּאָר שיך פּערזוילען, און מען רופט צונויף דעם משפחה-ראַט. און נאָך גע-שרייען און געוואָלדען באָרגט אויס דער עלטערער יונג די פּאָר דאָלאַר אויף רענט.

פאַר דעם ערשטען האָט זיך שרה רבקה געשראָקען ווי פאַר'ן טויט, זי איז געלעגען גאַנצע נעכט אויפ'ן געלעגער. זי האָט גאָר נישט געוואוסט, פון וואַנען זי וועט צוזאַמענשלעפּען די פּאָר טאָ-לער אויף רענט. דער עלטערער יונג, וואָס פלעגט דאָך אַהיים קו-מען יעדע עטליכע אָוונדען, האָט געראַטען דער מוטער, זי זאָל אויף זיין אָרט אַריינגעהמען אַ באָרדער, און ער האָט געוואָלט אַריינברענגען אַ יונגען מאַן. נאָר מאָזעס'לעבען האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט דערלאָזען, „אַז די מאַמע זאָל זיין אַ דיענסט פאַר אַ פרעמדען". האָט „סאָלאָמאָן" געזאָגט, אַז אין אַמעריקע פיהרט מען זיך אַזוי און „אַלע האַלטען באָרדערס", האָט מאָזעס'לעבען געזאָגט: „אין אַמעריקע מעג מען זיך אַזוי פיהרען, נאָר זיין מאַ-מע וועט נישט וואַשען קיין וועש פון אַ פרעמדען". האָט איהם סאָלאָמאָן געזאָגט, אַז אויב ער איז אַזאַ גוטער זוהן, אפשר וועט ער בעצאָהלען דער מאַמעס רענט? האָט מאָזעס געזאָגט: יאָ, ער וועט בעצאָהלען פון זיין אייגענעם פּאַקעט און ער וועט דער מאַ-מען נישט לאָזען אַרבייטען פאַר אַ פרעמדען. פאַר אייגענע קינ-דער — יאָ, פאַר פרעמדע — נישט. האָט די מאַמע געזאָגט צו

מאַזעסל׳עבען, אַז זי קאָן דאָס פון איהם נישט פערלאַנגען, אַז ער טהוט שוין אַזוי אויך גענוג פאַר זיין מאמען. און האָט איהם אַרומגענומען און איהם דערפאַר אַ קוש געטהון, מאַזעס׳לעבען האָט אַרויסגענומען גאַנצע פופצעהן דאָלאַר, וואָס ער האָט געקראָגען ווידזשעס פאַר דער וואָך און אַוועקגעגעבען דער מאמען אויף רענט. און דער גרויסער יונג האָט זיך פערשעהמט און געזאָגט, אַז ער האָט שוין פאַר דער משפחה גענוג געטהון און איצט „זאָלען אַנדערע טהון". האָט די מאַמע געזאָגט, אַז זי פערלאַנגט, חלילה, גאָרנישט פון איהם. זי ווייסט, אַז ער דאַרף זאָרגען פאַר זיך אַליין. ער איז שוין, אָהן עין הרע, אַ בחור אין די יאָהרען, און דאַרף חתונה האָבען. האָבען אַלע דערויף געשוויגען.

אַז שרה רבקה האָט אַראָפּגעפּטר׳ט פון קאָפּ די רענט, איז אָנגעקומען אַ נייע צרה: עס האָט זיך צוגערוקט דער פסח.

שרה רבקה האָט זיך שטענדיג געשראָקען פאַר דעם יום-טוב. מיט געוועהנליכע טעג האָט זי זיך נאָך געקאָנט אַן עצה געבען. איז אָבער אָנגעקומען אַ יום-טוב. מיט וועלכען אַלע מענשען האָבען זיך געפרעהט. האָט שרה רבקה זיך פאַר איהם געשראָקען. און אויף איר געלעגער ביינאַכט איז צוגעקומען אַ נייע זאָרג, דעם מאַן האָט זי דערפון נישט געזאָגט. ער אַרבייט, נעבעך. שווער אַ גאַנצען טאָג, זאָל ער כאָטש ביינאַכט שלאָפען. האָט זי מורא געהאָט צו זיפצען הויך ביינאַכט, אַז זי זאָל אַנשעל׳ן נישט אויפוועקען. פאַר זיך אַליין האָט זי געקרעכצט און געברומט, ביז אַנשעל האָט עס דערהערט, האָט עס איהם דאָס האַרץ געשניטען. האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס זיפצסטו ווידער, שרה רבקה? דירה-געלד איז דאָך שוין בעצאָהלט?

— ס׳געהט אַזאַ גרויסער יום-טוב. איך ווייס גאָר נישט ווי אַזוי איך וועל איהם אין שטוב אַריינבריינגען — זאָגט שרה רבקה.

— שטענדיג האָסטו עפּעס וואָס צו קרעכצען, שטענדיג צו אָרגען. איז נישט קיין רענט, איז אַ יום-טוב — האָט זיך אַנשעל

געבייזערט, עפעס אַזוי ווי שרה רבקה וואָלט זיך אַליין די זאָר־גען גענומען.

— האָסט רעכט, מיין מאַן, האָסט רעכט — האָט שרה רבקה צוגעגעבען.

נאָר אַנשעל האָט רעכט געהאַט, בחנם האָט שרה רבקה גע־געקרעכצט און געזאָרגט. מיט מצות און אַנדערע יום־טוב'דיגע זאַכען האָט מאָזעס לעבען בעזאָרגט. זיין גראָסערי־באָס האָט גע־האַנדעלט מיט די זאַכען, האָט ער עס אין שטוב געבראַכט. נאָר אַז עס האָט זיך אָנגערוקט דער יום־טוב, איז אפילו דער עלטס־טער זוהן בעסער געוואָרען. ער איז אַהיים זעקומען אַמאָל אין אַן אָווענד „אויף קליסקעלעך". קיינע קליסקעלעך שמעקען איהם נישט אַזוי ווי דער מאַמעס, האָט ער געזאָגט. און עסענדיג דער מאַמעס קליסקעלעך, האָט ער זיך אָנגערופען:

— מאַמע, — זאָגט ער — ער געהט דאָך יום־טוב אין לאַנד אַריין. איך וועל נישט זיין צום סדר אין דערהיים, נאָר מיינע פאַר דאָלאַר וויל איך, זאָלען יאָ זיין. — און ער האט אַרויסגענומען אַ צעהנערעל און דערלאַנגט דער מאַמען.

— אַז דו וועסט נישט זיין צום סדר אין דערהיים, וויל איך נישט דיין געלד. עס איז דער ערשטער יום־טוב אין דער נייער מדינה, וויל איך, אַז אַלע מיינע קינדער זאָלען זיין צוזאַמען.

— האָסט רעכט, מאַמע, — זאָגט דער יונג — אָבער איך האָב צוגעזאָגט דער כלה, אַז איך וועל זיין צום סדר ביי איהרע עלטערן.

— בין איך ביליגער? — האָט די מאַמע זיך גע'ברוגז'ט — איך האָב דיך געבוירען און ערצויגען, קומט מיר די בכורה. ברענג דיין כלה צו אונז, וועסט ביי אונז זיין צום ערשטען סדר און ביים מחותן צום צווייטען. איז דאָס דערפאַר, וואָס גאָט האָט אונז גע־שטראָפט און מיר זענען „גרינע". (שרה רבקה האָט נישט פערשטאַ־נען, וואָס דאָס וואָרט בעדייט. זי האָט אויסגעטייטשט, אַז „גרינע" מיינט מען אָרימע לייט) — דערפאַר שעהמסטו זיך מיט אונז פאַר דיין כלה?

דער יונג האָט זיך פערשעהמט פאַר דער מאַמען, געפיהלט, אַז די מאַמע האָט רעכט, האָט ער געשוויגען.

— איך ווייס דאָך נישט, ווי דיין צוקונפטיגע פרוי זעהט אויס. דו שעהמסט זיך מיט אונז, מיין קינד, — האָט שרה רבקה געזאָגט, אויסווישענדיג די טרעהרען פון די אויגען מיט דעם פאַר־טוך.

דער יונג האָט עפּעס געקלערט. אפשר האָט די מאַמע רעכט, אפשר טאַקי אַהיימברענגען די כּלה צום ערשטען סדר. נאָר אַרום־קוקענדיג זיך אין קעלער און דערזעהענדיק די אָרימקייט, די איינ־געפאַלענע שטולעכלעך מיט די אויפגעלעגטע בעטען, האָט ער בע־שטימט: ניין.

— יום־טוב וועל איך מיט'ן טאַטען פאָהרען אַהין, צום מחותן — האָט דער זוהן געזאָגט, און עפּעס ווי איבערצובעטען די מאַמען, האָט ער אַרויסגענומען נאָך אַ פינפעראל און צוגעלעגט:

— נאַ, קויף עפּעס די קינדער אָנצוטהאָן — האָט ער געזאָגט און איז פלינק אַרויסגעגאַנגען.

נאָר ווען אַנשעל איז אין אָוענד אַהיימגעקומען, האָט איהם שרה רבקה דערצעהלט, אַז דער גרויסער יונג איז דאָ געווען און אי־בערגעלאָזט פופצעהן טאַלער אויף יום־טוב, און צוגעלעגט, אַז דער יונג וויל זיי, דעם טאַטען מיט דער מאַמען, פיהרען יום־טוב זיך צו בעקענען. איז אַנשעל געוואָרען אַזוי בייז, אַז ער האָט שרה רבקה'ן אָנגערופען מיט אַלע נעמען פון אַלערליי חיות, עופות און בהמות.

— אָקס, פערד, בהמה בצורת אדם! און דו האָסט גענומען די פופצעהן טאַלער צושטייער אויף יום־טוב פון שוסטער־יונג, און דערפאַר וועט ער אונז, הייסט עס, פיהרען יום־טוב זיך צו בעקע־נען מיט זיינע שוסטערס בני שוסטערס, די מחותנים, האַ? מיך, אַנשעל בעל קורא, וועט ער שלעפּען ווי אַן אָרימאַן דאָרט אַהין צו זיי! און דו, הוהן, בהמה בצורת אדם, ביזסט איינגעגאַנגען דע־רויף און האָסט גענומען די פופצעהן טאַלער פון איהם? אַזוי לאַנג קרענקט ער, דער שוסטער־יונג! אַז ער וויל, אַז איך זאָל זיך בע־קענען מיט די שוסטער־לייט, מיינע מחותנים, מוזען זיי קומען דאָ אַהער צו אַנשעל'ן אין קעלער אַריין,

שרה רבקה האָט איינגעזעהן, אַז אַנשעל האָט רעכט, האָט זי געשוויעגען און גאָרנישט געזאָגט, נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— האָסט רעכט, מיין מאַן, האָסט רעכט.

— איך בעשווער דיך מיט כל השבועות פון דער תורה, אַז דו זאָלסט נישט אָנריהרען זיינע פופצעהן טאָלער, אַז זיי זאָלען דיר זיין אסור און טריף ווי חזיר, דו הערסט? — האָט אַנשעל געשריגען.

— איך הער — האָט שרה רבקה געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— ניין, ניין, גיב זיי אַהער! איך האָב מורא, אַז דו וועסט זיי אויסגעבען — האָט אַנשעל געפאָדערט.

— אַז איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל זיי נישט אָנריהרען, אַז זיי וועלען זיין ביי מיר אסור ווי חזיר. נו, גלויבסט שוין? — זאָגט שרה רבקה.

— און וואַרפען זאָלסטו זיי איהם אין פנים אריין, דו הערסט? אין פנים אַריין! — האָט אַנשעל געקלאַפּט מיט דער האַנד אויפ'ן טיש.

קליין און אונטערטעניג איז שרה רבקה געוואָרען פאַר אַנשעל'ן. און אַ שטאָלץ און אַ פרייד האָט זי אַרומגענומען פאַר איהר אַנשעל'ן.

— איך ווייס דען, וואָס איך טהו? — האָט שרה רבקה צוגעגעבען איהר שולד — דאָס איז דאָך פאַר צרות — האָט זי זיך אַליין פערענטפערט.

זיבעגטער קאַפּיטעל

דער ערשטער פּסח אין דער פרייער מדינה

אַז דער יונג איז אין אַ פּאָר טעג אַרום, אין אַן אָוועגד, ווידער געקומען עסען דער מאַמע׳ס קליסקעלעך, שוין ברייטער און דרייסטער, צוליעב די פּופּצעהן טאָלער, וואָס ער האָט צושטייער געגעבען אויף פּסח, איז אַנשעל געזעסען ביים טיש, אין קאַפּעל, אָן אַ ראָק און האָט צוגעדעקט זיין פּנים מיט דער צייטונג, וועל־כע ער האָט געלעזען. שרה רבקה האָט דעם יונג געגעבען אַ טעלער קליסקעלעך מיט אַ צוגאָב פון אויבען, ווי ער האָט ליעב. און אַז דער יונג האָט גענומען דעם ערשטען לעפעל אין מויל אַריין, האָט ער געפרעגט:

— נו, מאַמע, שוין געבראַכט דעם יום־טוב אין שטוב אַריין.

די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט. און אַנשעל האָט נאָך טיעפער איינגעטונקט זיין פּנים אין דער צייטונג.

— איך האָב שוין געזאָגט דעם מחותן, אַז איך וועל אייך אהין ברענגען יום־טוב צו באַקענען זיך — האָט דער יונג ווייטער געזאָגט, שלינגענדיג די קליסקעלעך.

די מוטער האָט ווידער גאָרנישט געענטפערט. נאָר עס האָט זיך געהערט אַ קנייטשען פון אַנשעל׳ס צייטונג, וועלכע ער האָט אונגעדולדיג איבערגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט.

— און דו האָסט נאָך אַלץ נישט קיין דזשאָב? — האָט ער

זיך געווענדעט צו דבורה'ן, וועלכע איז געזעסען אויף אַ שטול ביי דער געז-רעהר און געגעהט — ס'האָט זיך דיר פערגלוסט אַ יוניאָן-שאָפּ, האַ? נו, האָט דיר שוין די יוניאָן געגעבען אַ דזשאָב? פאַר-וואָס גיט זי דיר נישט? — האָט דער יונג געזאָגט, אַלץ קייענ-דיג די קליסקעלעך.

נאָר דאָ האָט אַנשעל אומגעריכט אַוועקגענומען די צייטונג פון פאַר'ן פּנים, און האָט, איבערפיהרענדיג מיט די צוויי פינגער די וואָנצעס און מיט דער גאַנצער זשמעניע גענומען די באָרד אין האַנד אַריין (ווי ער פּלעגט אָפט טהון אין דערהיים אין די גוטע צייטען, און דאָ האָט ער עס שוין לאַנג נישט געטהון) און אָנ-גערופען זיך:

— און איך מיין, אַז זי טהוט זעהר גוט, וואָס זי וויל נישט אַרבייטען אין קיין הפקר-שאָפּ.

דער יונג, האַלטענדיג דעם לעפעל מיט די קליסקעלעך אין האַנד, האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער ערשטוינט.

— מיר, אַרבייטער — האָט אַנשעל געוויזען מיט'ן פינגער אויף זיין ברוסט.

דער יונג האָט ברייט אויפגעעפענט די אויגען:

— וואָס, טאַטע, דו געהסט אויך ווערען אַ יוניאָן-מאַן?

— וואָס דען, איך וועל זיך פערלאָזען אויף דיר? פערקויפסט מיך פאַר אַן עבד כּנעני צו אַ באָס.

דער יונג האָט אָנגעקוקט דעם פאָטער ערשטוינט. נאָר אַנ-שעל האָט גערופען צום ווייב:

— שרה, וואָס שווייגסטו?

דאָן איז געגאַנגען שרה רבקה און האָט פון טאָפּ אַרויסגע-נומען די פּופּצעהן דאָלאַר און אַוועקגעלעגט דעם יונג פאַר דער נאָז ביי דער שיסעל, אָהן אַ וואָרט אויסצורעדען.

— וואָס איז דאָס — פרעגט דער יונג.

— מיר ווילען נישט פון אייך, באָסעס, קיין געלט. מיר בעדאַרפען נישט — האָט זיך אָנגערופען אַנשעל און פערשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דער צייטונג.

דער יונג האָט אַנגעקוקט אַ מאָל די מוטער, אַ מאָל דעם פאָטער, און נישט געוואוסט, וואָס עס איז געשעהן.

— מיין ליעב קינד, איך וועל דיר זאָגען דעם גאַנצען אמת — רופט זיך אָן שרה רבקה — מיר זענען טאַקע אָרימע לייט, נאָר צו שעהמען זיך מיט אונז איז נישטאָ וואָס. שעהמסטו דיך מיט אונז, בעדאַרפען מיר נישט דיין געלד גאָט וועט אונז העלפען אָן דיין געלד — זאָגט די מאַמע, אָבקלאַפּענדיג זיך די הענד.

— דו פערשטעהסט — רופט זיך אָן אַנשעל, אַרויסשטעקענדיג זיין פנים פון איבער דער צייטונג — דו פערשטעהסט. ווער איך בין ווייס איך. איך בין טאַקי אַן אָרימאַן, אַ גריבער, אַן אַרבייטער. נאָר ווער דיינע שוסטער'ס זענען, ווייס איך נאָך נישט — האָט געזאָגט אַנשעל, און ווידער פערשטעלט זיין פנים מיט דער צייטונג.

דער יונג האָט שוין אויפגעהערט צו עסען, אַוועקגערוקט דעם טעלער און געזאָגט, ווי פאַר זיך, מיט פערצווייפלונג:

— וואָס וועל איך יעצט טהון? איך האָב דאָך שוין געזאָגט דער כלה, דער מחותּנת'טע, אַז איך וועל אייך אַהין ברענגען יום-טוב. די ריכטען זיך אויף אייך. ווי וועל איך אויסזעהן?

נאָר דאָ האָט שוין אַנשעל אַוועקגעלעגט די צייטונג.

— אונז אַהין ברענגען צו זיי? צו דיינע שוסטערס? הע? וואָס האָסטו געמיינט, דערפאַר וואָס מיר זענען געפאַלען, מיר זענען גרינע, מיינסטו, דענקסטו שוין אונז צו נאַרען מאַכען? איך בין אַן עהרליכער אַרבייטער — איז עפּעס אַנשעל מיט אַמאָל שטאָלץ געוואָרען אויף זיין אַרבייטערשאַפט, וואָס דאָס האָט פערוואונדערט נישט בלויז דעם יונג, נאָר אויך זיין ווייב, שרה רבקה'ן — איך פערדיען עהרליך מיין שטיקעל ברויט, ווי אין דער תּורה שטעהט. און ווער זענען דאָס דיינע שוסטער-לייט? זאָג מיר נאָר, עברי קען דיין מחותּן? דאַוונען קען ער? אָדער אפשר קען ער נאָך לייענען די סדרה? אַ קשיא אויף אַמעריקע! איך מיט דער מאַמען זאָלען אַהין געהן, צו דיין שוסטער? ווען דיין שוסטער וויל

זיך בעקענען מיט זיין מחותן, איז ער נישט קראַנק צו קומען צו ר׳ אַנשעל בעל־קורא אין קעלער אריין — האָט אַנשעל געקלאַפּט אויף זיין ברוסט ווי אַ גענעראַל, וואָס ווייזט אויף זיינע מע־דאַלען.

דער יונג האָט זיך דערשראָקען פאַר׳ן פאָטער. צום ערשטען מאָל זייט ער איז אין אַמעריקע, איז אַנשעל צוריק געוואָרען אַנ־שעל. דער יונג האָט געשוויגען. ער האָט זיך נאָר אַרומגעקוקט אין שטוב און נאָך אַ מאָל געזעהן די אָרימקייט, און דענקענדיג וועגען דעם, ווי אַזוי וועט ער זיין כלה און מחותנים אַריינפיהרען אין אַזאַ קעלער אריין, האָט ער רחמנות געקראָגען אויף זיך, און האָט אָנגעהויבען צו לאַמענטירען:

— איך האָב מיט בלוט און שווייס אָנגעזאַמעלט אַ פּאָר הונ־דערט טאָלער, אַז איך זאָל קענען חתונה האָבען. זאָל איך אפשר נעמעהן יעצט דאָס געלד און אויסמעבלירען דעם קעלער? פון וואַנען וועל איך ווידער האָבען געלד חתונה צו האָבען?

— ווער בעט דיך עפּעס? עס בעט דיך ווער, אַז דו זאָלסט עפּעס טהון? — האָט דער פאָטער געזאָגט שוין שטילער.

נאָר די מוטער האָט זיך אַריינגעמישט צום שלום. עס איז איהר געווען אַ רחמנות אויפ׳ן יונג.

— ווער בעדאַרף דען האָבען נייע מעבעל! וועסט זיי זאָגען, אַז מיר זענען נישט לאַנג אין לאַנד. מיר זענען נאָך גרינע.

— און אַז נישט, געהט עס אום מעבעל? אַז מען איז אַ מענטש, בעדאַרף מען האָבען מעבעל? — איז דער פאָטער שוין אויך ווייכער געוואָרען.

דער יונג איז געבליבען זיצען אַ פאַרצווייפעלטער און גע־קלערט וואָס צו טהון. דערווייל איז אין שטוב אַריינגעקומען „מאַ־זעס׳לעבען” און, ווי שטענדיג, האָט ער מיטגעבראַכט דער מוטער אַ פּעקעל, גערופען זי אין אַ ווינקעל און איהר דערלאַנגט אַ פּיבט מאַקאַראָנען, וואָס ער האָט פון געשעפט אַהיים געבראַכט בגנבה.

— נאַ, מאַמע, בעהאַלט עס פאַר דיר, וועסטו האָבען מיט וואָס דאָס האַרץ צו דערכאַפּען — זאָגט דער יונג.

די מאַמע האָט אַריינגעקוקט אינמיט אַריין און דערזעהן די מאַקאַראָנען, האָט זי זיך אָנגערופען:

— נאַריש קינד, וואָס בעדאַרף איך דאָס? איך וועל עס בע־האַלטען אויף כבוד פאַר דער כלה.

— וואָס פאַר אַ כלה?

— שלמה'לעבען ברענגט דאָך צו אונז די כלה אַהיים אויפ'ן ערשטען סדר — האָט די מוטער געזאָגט הויך, אַז שלמה זאָל עס הערען, כדי איהם איבערצובעטען פאַר'ן פערדרוס, וואָס מען האָט איהם פערשאַפט.

— וואו וועל איך זי ברענגען, אין קעלער אַריין? זעהט, ווי עס זעהט דאָ אויס! — האָט שלמה געזאָגט פאַר זיך.

— ווי זעהט אויס, ווי? איך וועל אויסקעהרען דעם קע־לער, אויסשיטען מיט זאַמד, גרייטען דעם טיש מיט אַ שעהנעם טישטוך, אויפשטעלען די לייכטערלעך. ווערסט זעהן, מיין זוהן, ווערסט גאָרנישט האָבען מיט וואָס צו שעהמען זיך. דבורה'לע איז דאָ אין דערהיים, וועט זי מיר העלפען.

— זאָל זי זיך יאָ שעהמען. דער קעלער איז אונזער היים. אַזוי וואוינען דיינע עלטערען — האָט זיך אַנשעל אָנגערופען — און דער היים מוז זי אַריינקומען, אַז זי וויל זיין אונזער שנור.

מאָטעס'לעבען ווי שטענדיג איז געווען דער פּראַקטישסטער פון אַלע. צורוקקוקענדיג זיך אין קעלער, האָט ער זיך אָנגערופען:

— דאָ קאָן מען נישט אַריינברענגען קיין כלה.

— נאָר וואָס דען ווערסטו טהון? — פרעגט די מאַמע, און דער פאָטער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון צייטונג.

— מען בעדאַרף דעם קעלער אויספּאַרטשען. אַ טיש, שטוה־לען, מען בעדאַרף ניי געשיר, גאָפּעל און מעסער, אויף וואָס ווערסטו איהר געבען צו עסען? אויף די צוויי צובראָכענע טעלער?

— ער האָט רעכט, מיין קינד — זאָגט שרה רבקה, פאַר זיך מיט חרפה.

שלמה האָט שוין גאָרנישט געזאָגט. נאָר אַנשעל האָט ווייע־דער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון צייטונג און זיך אָנגערופען;

— נאַ, דאָ האָסטו מיין צווייטען תכשיט!

— ער האָט דאָך רעכט — האָט שרה רבקה געזאָגט צו אַנשעל׳ן.

— גיב נאָר אַ קוק, ווי ער זידעלט זיך מיט שוסטערס! — האָט דער עלסטער יונג געקראָגען יעצט מעהר מוט — דאכט זיך, ביזט דאָך שוין אַליין אויך אַן אַרבייטער, וואָס זידעלסטו דיך מיט שוסטערס? — פרעגט דער זוהן דעם פאָטער.

— אַן אַרבייטער יאָ, אָבער נישט קיין באָס — זאָגט אַנשעל שטאָלץ.

— שווייגט שוין שטיל, לאָזט קומען צו אַ טאָלק — זאָגט שרה רבקה — נו, אדרבה, מיין זוהן, זאָג דו, וואָס זאָלען מיר טהון? — ווענדט זי זיך צו מאָזעס׳לעבען, ווי נאָך דער איינציגער הילף.

דער געלער יונג האָט אַ מינוט געקלערט. דאַן האָט ער זיך אַ קראַץ געטהון דעם רויטען קאָפּ און זיך אָנגערופען צום ברודער.

— סאָלאָמאָן, ווילסט די כלה אַהיים ברענגען צום ערשטען סדר, גיב צו שטייער אַ דאָלאַר אַ וואָך, איך דעם צווייטען, פאַר צוויי דאָלאַר אַ וואָך קענען מיר אויספאָרניטשען דעם קעלער ווי אַ קעניגס פּאַלאַץ (דאָס האָט ער זיך אויסגעלערענט פון די פּעדלער, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טהון). מיר וועלען נעהמען מעבעל אויסצוצאָהלען, טעלער, לעפעל, אַלעס. איך ווייס אַ פּלאַץ, וואו מען גיט אויף אויסצוצאָהלען. מיין באָס האָט אַ שותף — מיר וועלען קריגען.

אַנשעל האָט אַזוי איינגעגוורעט דאָס פּנים אין דער צייטונג, אַז מען האָט איהם שוין גאָרנישט אָנגעזעהן. ביי דער מאַמען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען אין די אויגען.

שלמה האָט געקרעכצט און אָבגעענטפערט:

— אַז דו וועסט קריגען, וועל איך צאָהלען אַ דאָלאַר אַ וואָך. אָבער ווי לאַנג?

— זאָרג דיך נישט, אין אַ האַלב יאָהר האָבען מיר עס אויס-

בעצאָהלט, און די מאַמע וועט לעבען ווי אַ מענטש, נישט אַזוי?

שלמה האָט געקרעכצט און איז איינגעגאַנגען דערויף, צו־שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

אַז עס איז פערענטפערט געוואָרען די פראַגע וועגען קעלער, האָט זיך ערשט אָנגעהויבען די ריכטיגע צרה. מען האָט זיך ארומגעקוקט און איינגעזעהן, אַז דער טאַטע האָט נישט וואָס אָנצוטהון צום סדר. און די מאַמע דאַרף אַ נייע קלייד. און היינט די אינגלעך העמדער און הויזען, און נייע קאַשקעטלעך. ווי אַזוי קע־נען זיי געהן צום סדר אָן היטס? און אַ סדר איינריכטען, פלייש, פיש און אַנדערע זאַכען? שרה רבקה איז געווען פערצווייפעלט און האָט זיך אָנגערופען צו איהר געליעבטען זוהן, צו איהר אויס־לייזער, מאַזעס'לעבען:

— לאָז מיך אָב, מיין קינד. מיין אָרימקייט איז אַזוי גרויס, אַז עס איז נישטאָ דערצו קיין רפואה.

נאָר מאַזעס'לעבען האָט אויף אַלץ אַן עצה געהאַט, און ער האָט זיך אָבגערופען צום ברודער:

— דו ווילסט דאָך אַהיימברענגען די כלה צום סדר, און איך וויל אויך. וועל — זאָגט ער — אַז דו וועסט געבען דער מאַמען געלד אויף העמדלעך און הויזען פאַר די באָיטשיקלעך, וועל איך אַהיימברענגען פיש און פלייש, און אַז דו וועסט קויפען דעם טאַטען אַ פרינץ־אַלבערט, ברענג איך אַהיים פאַר דער מאַמען סהורה אויף אַ קלייד. דבורה וועט עס אויפנייען.

און די מאַמע האָט זיך אָנגערופען, כדי לייכטער צו מאַכען דאָס האַרץ פון גרויסען יונג:

— וועסטו שוין האָבען, מיין קינד, בעזאָרגט אונז אויף דער חתונה, ווען גאָט וועט געבען גליק, וועסטו אונז שוין נישט בעדאַרפען מאַכען קיין נייע מלבושים.

דאָס וואָרט „חתונה" האָט אָנגענעהם געקלונגען אין דעם יונג'ס אויערען, און ער איז איינגעגאַנגען דערויף מיט אַ קרעכץ.

פסח איז שטענדיג געווען אַ גליקליכער יום טוב אין אַנשעלס משפחה, נאָך פון דער אַלטער היים, און אויך אין דער נייער היים, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער שטערען פון יום-טוב פסח איז פאַר אַנשעל׳ס פאַמיליע געווען אַ מזל׳דיגער. נישט נאָר איז שרה רבקה׳ן בעשערט געווען צו פראַווען אַ פסח אין דער נייער מדינה, נישט פערשעהמט צו ווערען פאַר גאָט און פאַר לייט, ווי זי האָט מורא געהאַט אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט אויף איהר געלעגער, נאָר אויך מיט ניי מעבעל, מיט נייע מלבושים, מיט אַ כלה ביים טיש און מיט אַ שטיקעל „קאַט גלעז" (געשליפען גלאָז), וואָס מאָזעס׳לעבען האָט אין דער לעצטער מינוט פאַר׳ן סדר אַהיימגעבראַכט, כדי צו ווייזען זיך פאַר דער כלה. ביים סדר, ווען די כלה איז געזעסען ביים טיש, אין קעלער, האָט אַלעס געבלישטשעט, איז אַנשעל געזעסען אויבען אין דעם נייעם סעקאָנד-הענדיגען אָבגע-נוצטען „פרינץ אַלבערט", וואָס דער זוהן האָט איהם געקויפט. נאָך דער הגדה, ווען שרה רבקה, אָנגעטהאָן אין איהר נייעם קאָרטענעם קלייד, וואָס מאָזעס׳לעבען האָט געקויפט די סחורה און דבורה האָט אויפגענעהט, האָט דערלאַנגט די קניידלעך און די וואַרימע זופ, האָט זיך אַנשעל אָנגערופען צו זיין משפחה:

— עס איז דאָך וואונדערליך, אַז איך זיץ אַזוי ביי דער באָדעל אין שאַפ און נעה, קלעהר איך, ביי דער באָדעל לאָזט זיך קלעהרען, וואָרום וואָס אַנדערש קאָן מען טהאָן ביים נעהען? קיין קאָפ צולעגען דערצו דאַרף מען דאָך נישט, די הענד זעבען גע-וואוינט צו נעהען, נעהען זיי, און דער קאָפ טהוט זיך דאָס זייניגע. קלעהר איך, וועגען וואָס קלעהר איך דען נישט? פערשיעדענע זאַכען קומען אין געדאַנק אַריין, פון אַמאָהליגע יאָהרען, פון דער היים, וכדומה, נאָר צומעהרסטען קלעהר איך וועגען דעם: ווי קום איך, אַ איד, וואָס איז געווען אין דערהיים אַ בעל-קורא, אַ שטיקעל תלמיד-חכם, מיט זיין פירוש המילות, ווי קום איך צו זיצען מיט שיקסעס, להבדיל, און טהאָן אַזאַ ווייבערישע אַרבייט, ווי נעהען העמדער? אַז איך טיעף זיך אָבער גוט אַריין אין דעם ענין, (און ביי דער באָדעל לאָזט זיך אַריינטיעפען), דאַכט זיך מיר, עס איז גאָר געוואָרען אויס מיר אַן אַנדערער יונגעל, אַ בעסערער, אַ שענ-

נערער, אַן עהרליכערער, און דיענט גאָט עהרליכער ווי אין דער־היים. ווארום וואָס בין איך געווען אין דערהיים? אַ לעדיג־געהער אַ פוסט־און־פּאַסטניק, וואָס האָט גאָרנישט געטהון, נאָר ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אין גאַס... און דאָ, אַז איך נעה דאָס העמד וויס איך, אַז אַ מענש ווערט עס טראָגען, הייסט עס דאָך, אַז איך, ברענג אַ נוצען דער וועלט מיט מיין אַרבייט. הייסט עס דאָך, אַז איך בין אַ נוצליכע זאַך אויף דער וועלט. איך עס נישט בחנם מיין ברויט. דאַנק איך און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אַרבייטער. און היינט בין איך דאָך עפּעס מקיים אַ פּסוק פון דער תורה: „בזעת אפך" — ניין, עס איז אַ גרויסער ענין דאָס נעהען העמדער. עס איז אַזאַ פּשוט'ע זאַך, מען בעדאַרף זיך דע־רין טיעף אַריינקלעהרען".

אַלע האָבען געשוויגען, נאָר דער עלטסטער זוהן, וואָס איז געזעסען ביי דער כלה, און וואָס האָט געהאַט איינגערעדט דער כלה און זיינע מחותנים, אַז זיין פאָטער אַנשעל איז אַ „רעווערענד". הערענדיג פון פאָטער יעצט אַזעלכע רייד, האָט ער נישט געקענט קוקען דער כלה גלייך אין די אויגען אַריין פאַר בושה...

אכטער קאַפּיטעל

אין אַ נײַעם קרײַז

דבורה האָט נאָך אַלץ נישט געקראָגען קיין אַרבייט אין אַ יוניאָן־שאָפּ, און יונה גדליה איז נאָך אַלץ נישט געגאַנגען לערנען אין דער ישיבה. וואו מען לערנט זיין „אַ רב אויף ענגליש". ביי־דע האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין דער היים „פּוסט און פּאַס"ן אויף דער מאַמעס אומגליק. אייגענטליך האָבען זיי ביידע פער־דיענט אויף זייער חיונה און אין שטוב געבראַכט. יונה גדליה האָט געהאָלפען אין די מאָרגען־שעה'ן פונאַנדערצוטראָגען צייטונגען אין די הייזער אַריין, און פון דעם האָט ער געמאַכט יעדע וואָך אַ פּאָר דאָלאַר, וואָס ער האָט דער מאַמען אָבגעגעבען. און דבורה איז דאָך נאָך געווען אַ בריה פון דער היים, „גאָלדענע הענד" — איז וואָס זי האָט געזעהן, דאָס האָט זי געקאָנט. יעדען טאָג איז זי געגאַנגען אין דער גאַס אַרויס און יעדען טאָג האָט זי עפּעס אַנדערש אַהיים געבראַכט צו אַרבייטען. אמאָל האָר, צו פלעכטען שייטלען פאַר האַלס. אַמאָל האָט זיך אויך געמאַכט אַ היימיש קליידעל איבערצונעהען פאַר אַ שכנ'טע, אָדער פאַר אַ לאַנדס־מאַנ'ס אַ ווייב. און האָט זי נישט דער מאַמעס גאַנצע וועש פער־ריכט? אויפגענעהט העמדלעך און הייזלעך פאַר די „באָיטשיקעס" אויפ'ן זומער? און ערגעץ וואו געקראָגען אַ שטיקעל סחורה און פאַר דער מאַמען און פאַר זיך אויפגענעהט קליידלעך, נאָר קיין בעשטענדיגע בעשעפטיגונג איז עס נישט געווען. און קיין רעכ־נונג האָט די מאַמע דערפון נישט געקאָנט בעצאָהלען

דערפאַר האָבען זיי ביידע גלייך געלערנט ענגליש. יונה גדליה האָט אויסגעפונען אַן אָווענד-שול. און איז יעדען אָווענד מיט די שוועסטער געגאַנגען אַהין לערנען זיך ענגליש.

עס איז געווען אַ קלאַס אין אַ פּאַבליק-סקול. און געלערנט האָבען אין איהר פערשיעדענע מענשען: אידען, איטאַליענער און פּאָליאַקען, נאָר אַממעהרסטען אידישע יונגוואַרג. די אַטמאָספערע איז געווען אַ היימישע, און דבורה האָט זיך און דער „איווינינג סקול" גוט געפיהלט, די לעהרערין, מיס פוירסטער, האָט געשאַפען אין איהר קלאַס די היימישע אַטמאָספערע, וועלכע האָט אַלעמען געמאַכט פיהלען ווי איין משפחה. מיסס פוירסטער איז געווען אַ קינד פון אימיגראַנטען-עלטערען. און כאָטש עס איז שוין זעהר לאַנג, ווי זי איז אין לאַנד, דאָך איז איהר גאַנצע ערציהונג געווען אַן אימיגראַנטישע. ווי אין חלום געדענקט זי נאָך די גרינע, ברייטע סטעפּעס, מיט די צושאָטענע, גלייך שטעהענדיגע בעריאָזעס, וואָס זענען פערבלאָנדזשעט אויף די פעלדער פון איהר קינדערשער היימאַט, ווי אין חלום געדענקט זי די רייזע קיין אַמעריקע — דאָס איבערגעהן די גרעניץ, דאָס שלעפּען זיך אויף די באַהנען, דעם האַפען, די שיף, אויף וועלכער זי איז געקומען. איהרע עלטערען, כאָטש זיי זענען געווען אינטעליגענטען, האָבען דורכגעלעבט דאָס אָרימע, אַרבייטסזאַמע, פּלאָגעדיגע לעבען פון די ערשטע אימיגראַנטען, וועלכע האָבען געטהון אין אַמעריקע אַלצדינג: הויזען געגעהט אין סוועטס-שאָפּס, אַהיים גענומען אַרבייט און אויפגעזעסען האַלבע נעכט, גאַנצע משפחות, אין קיך ביים גאַז-ליכט; באַרדערס געהאַלטען, אַבי די קינדער אַ גוטע ערציהונג צו געבען. מיט הייליגע קרבנות פון שווערער פיזישער אַרבייט איז איהרע עלטערען אָנגעקומען צו מאַכען זייערע קינדער פאַר „לייט", און מיס איזאַבעלאַן (וואָס איז געווען איינע פון אַ סך טעכטער) צו פערענדיגען דעם „טוטשערס-קאָללעדזש". אין דער יוגענד האָט מיס פוירסטער געהאַט אַן איינפלוס אויף איהר ענטוויקלונג. עס האָט איהר גאַנצעס וועזען צוגעגעבען אַ לייכטקייט און אַן עכטע אַמעריקאַנישע זאָרגלאָזיגקייט פון אַ מענש, וואָס איז זיכער אין זיך.

פון איהר אַרט ערציהונג האָט זי זיך געפּיהלט באַהנט צו אימיגראַנטען, זיי ליעב געהאַט און גערן געאַרבייט צווישען זיי. ראַדיקאַל געזאָנען, האָט זי זיך געפיהלט פיעל בעסער צווישען איהרע גרינע שילערינס, וואָס קומען פון דעם רעוואָלוציאָנערען רוסלאַנד, איידער צווישען די אויסערליך פאָרמעלע פּוסטע אַמערי-קאַנער קאָלאָגיעס. זי האָט געהאַט פיעל בעקאַנטשאַפט צווישען די אימיגראַנטען, און זי האָט גערן פערקעהרט מיט די גרינע מייד-לעך, וואָס האָבען געלערנט ביי איהר אין קלאַס, אין דער איווּ-נינג-סקול.

זי האָט זיך פּעראינטערעסירט אין דבורה׳לען דורך יונה גדליה׳ן, איהר ברודער, וועמען מיס איזאַבעל האָט געשאָנקען ספּע-ציעלע אויפמערקזאַמקייט צוליעב זיין פעהיגקייט. די אויסערליכ-קייט פון דבורה׳ן, איהר קליינע, הילפלאָזע, און דאָך נישט פער-בייגעהענדע ערשיינונג, איהר שוואַרצער געקרייזעלטער קאָפּ האָר און די גרויסע פרעגענדע אויגען, וואָס האָבען זיך תמיד געגרוילט, איהר ערנסטעס און דערביי דאָך נישט טרויעריגעס וועזען האָט די אונגרוהיג בענקענדע מיטשערין געצויגען צו דעם פרעמדען אימיגראַנטען-מיידעל, און נאָך אַ פּאָר מאָהל בעגעגענען זיך, זענען זיי געוואָרען פריינד. מיס פּוירסטער, בעקענענדיג זיך מיט דבורה׳ס לאַגע, האָט זיך נאָך מעהר פּעראינטערעסירט מיט איהר, און זי בעקענט געמאַכט מיט די שוועסטער זלאַטקין.

די שוועסטער זלאַטקין זענען אויך געווען „גרינע מיידלעך״, און געלערנט זיך אויך אין זעלבען קלאַס, ביי מיס איזאַבעל פּוירסטער, ווי דבורה. דבורה האָט זיי שוין לאַנג בעמערקט, וואָ-רום זיי זענען געווען זייער אויפפאַלענד מיט זייער אָנטהון זיך. עס האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען די קאָליערטע שטאָפען, די פּויערישע פיעל-פאַרביגע טיכלעך, אָדער טערקישע שאַלעכלעך, מיט וועלכע זיי האָבען זיך איינגעהילט.

די עלטערע שוועסטער, ראָזע זלאַטקין, איז געווען שוין אַ מיידעל אין די יאָהרען, מיט גרויסע ברוינע אויגען און אַ געדיכ-טען שוואַרצען קאָפּ האָר, פערפלאָכטען אין צוויי דיקע צעפּ אי-בער קוילעטש-אַרטיג, וואָס האָבען פערנומען אַ גאַרען-הויך.

און כאָטש איהר געזיכט איז נישט מעהר געווען קיין יונגעס, אָבער אַזוי היימיש בעקענט, אַז דבורה׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט שוין ערגעץ וואו געזעהן דאָס מיידעל. ראָזע זלאָטקין האָט באַלד ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט אָריינגעצויגען דבורה׳ן אין אַ געשפרעך.

— פון וואַנען קומען זי? — פרעגט די עלטערע שוועסטער דבורה׳ן, ווען די לערערין האָט זיי בעקענט.

— פון פוילען.

— נו, זענען מיר דאָך לאַנדסלייט. מיר קומען אויך פון דאָרט. וואָס, זי געהען אויך אויף דער עלטער אין חדר אַריין?

— איך האָב קיין דושאָב נישט, האָב איך צייט, געה איך זיך לערנען.

— ביי וואָס פאַר טרייד זענען זי?

— אַ קלאָקמאַכערין.

— אַזוי? זענען מיר דאָך פון איין און דערזעלבער „ברענטשע“.

עפּעס איז געווען סימפּאַטישעס אין דעם מיידעלס פּנים, וואָס האָט געמאַכט די זאָגנסט שווייגענדע דבורה׳ן צום רעדען.

— קענסטו איהר נישט געבען קיין אַרבייט? — איך ווייס, אַז דו קענסט — זאָגט מיס איזאַבעל צו ראָזע זלאַטקין אין איהר אידיש, זאָגענדיג אַלעמען „דו“.

— איך וועל רעדען מיט דער מאַמען — זאָגט ראָזע — אפשר יאָ.

— איך בעט דיך, טהו עס — זאָגט מיס איזאַבעל, און לאָזט די מיידלעך אַליין, אַז זיי זאָלען זיך צווישען זיך בעסער בעקענען.

זיי זענען צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען. ראָזע האָט בעקענט דבורה׳ן מיט איהר שוועסטער, וועלכע איז געגאַנגען נעבען איהר:

— מיין שוועסטער בראָניע. ווי מ׳וועט זי רופען דאָ, ביי אייך אין אַמעריקע, ווייס איך נאָך נישט. דערווייל רופען מיר זי נאָך בראָניע, ווי אין דערהיים — האָט די עלטערע פאָרגעשטעלט

איהר יונגערע שוועסטער, מיט קורצע, געקרייזעלטע שווארצע האָר און קליינע, ווייסע, שאַרפע ציינדלעך.

בראָניע האָט אָנגעקוקט דבורה׳ן מיט אַ ליעבליכען שמייכעל און גאָרנישט געזאָגט.

— און מיך רופט מען דבורה — האָט דבורה געזאָגט, ווי עס האָט אויסגעוויזען, זענען איהר די צוויי שוועסטער געפעלען געוואָרען.

— איז דאָך גוט? — רופט זיך אָן די עלטערע.

— פאַרוואָס איז גוט — פרעגט דבורה.

— דבורה איז אַ גוטער נאָמען. מיר האָבען געהאַט אַ חבר׳טע אין דערהיים, האָט מען זי אויך גערופען דבורה — זאָגט די עלטערע.

זיי זענען אַראָבגעגאַנגען אויף דער גאַס.

— שוין לאַנג געהען זי אין דער שול? זי קענען שוין אודאי פיעל ענגליש — זאָגט די עלטערע צו דבורה׳ן.

— ניין. איך האָב ערשט אָנגעהויבען צו געהן, נאָר מיין ברודער — ווייזט זי אויף יונה־גדליה׳ן — געהט שוין אַ פּאָר חדשים. ער קען שוין ענגליש.

יונה־גדליה, נישט צוגעוועהנט צו געהן נעבען מיידלעך, איז שוין לאַנג פערשטומט געווען, איז געגאַנגען ווי נאָכשלעפּעדיג זיך. און אַז די שוועסטער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר די פרעמדע מיידלעך, איז ער אַזוי דערשראָקען געוואָרען, אַז ער איז אַראָב פון טראָטואַר.

— אין דערהיים האָבען מיר געלעזען פּוילישע ביכלעך. דאָ אָהן ענגליש ווערט מען דאָך פערלוירען. מיר וואָלטען זיך נאָר געוואָלט אויסלערנען לעזען אַן ענגליש ביכעל.

— וואָס פאַר אַ ביכלעך האָבען זי געלעזען אין דערהיים, פּוילישע, צי רוסישע? — פרעגט די יונגערע.

— איך האָב געלעזען אידישע.

— אידישע? — זאָגט ראָזע — אוי וועט זיך פרייער פרע־ העז — מיר האָבען אַ בעקאַנטען, איז ער אַ אידישער פּאָעט. ער שרייבט אַזעלכע שעהנע אידישע לידער. פרייער רופען מיר איהם.

האָבען זי געהערט פון איהם? מיר שפּאַרען זיך מיט איהם. מיר זאָגען, אַז עס קאָן נישט זיין אין דער אידישער שפּראַך אַזאַ שרייבער ווי פּשיבישעווסקי. האָבען זי געלעזען פּשיבישעווסקי׳ן?

דבורה האָט זיך געשעהמט אויסצוזאָגען, אַז זי האָט נישט געלעזען, האָט זי געזאָגט אין אַלגעמיין:

— איך האָב געלעזען אַ סך אידישע ביכלעך, איך ווייס נישט אויב עס איז פּשיבישעווסקי אויך.

— אוי, זי מוזן זיך באַקענען מיט פּריייער׳ן, ס׳איז נישטאָ קיין איין ביכעל, וואָס ער האָט נישט איבערגעלעזען — זאָגט די עלטערע.

די וועגען זענען זיך צוגאַנגען, האָבען זיי זיך געזעגענט און צוגעזאָגט זיך צו טרעפען ביי דער נעכסטער לעקציע.

אויף מאָרגען, ווען דבורה האָט זיך ווידער געטראָפען מיט דער שוועסטער, האָט זי שוין ראָזע בעגריסט ווי אַן אַלטע גוטע פריינדין און גלייך אָנגעהויבען:

— האָבען זי שוין אַ דזשאָב?

— ניין — ענטפערט דבורה — עס איז זעהר שווער צו קריגען בעשעפטיגונג.

— ווייסען זי גאָר וואָס, קומען זי צו אונז אַרבייטען. איך האָב איבערגערעדט מיט דער מאַמען. מיר אַרבייטען פאַר אונז אַליין, פאַר פּריוואַטע קאָסטאָמערס. מיר קאָנען איהן געבען אַרבייט.

דבורה האָט זי אָנגעקוקט מיט דאַנקבאַרקייט. זי האָט זיך אָבער באַלד אָן דעם נישט אָנגעכאַפּט, נאָר אָנגעקוקט ראָזען מיט איהרע גרויסע, ליכטיגע אויגען:

— זי מיינען עס ערנסט? — האָט זיך דבורה נישט געוואָלט גלויבען.

— וואָס דען, איך שפּאַס? מיר בעדאַרפען נאָך אַ האַנד, קומען זי אַריבער, וועלען זי זעהן, אויב עס געפעלט איהן.

— איז דאָך גוט.

— אודאי איז גוט, זי וועלען זעהן, אויב עס וועט איהן ביי אונז געפעלען.

— אודאי וועט מיר געפעלען, איך דאַנק איהן אַזוי.

— מיר וואוינען נישט ווייט פון דאַנען, לעבען עווענױ „איי״ פערשרייבען זי זיך דעם אַדרעס.

דבורה איז אהיימגעקומען מיט צופלאַמטע בעקן און גלאַנ־ציגע אויגען. די געקרייזעלטע האָר האָבען זיך איהר צופלאָשעט איבער׳ן גאַנצען פנים פאַר גדולה.

— מאַמע — זאָגט זי — איך האָב אַ דזשאָב. מאָרגען געה איך אַרבייטען.

— הלואי אויף לאַנגע יאָהרען — האָט צוגעוואונשען די מאַמע, וועלכע האָט געהאַלטען אין וואַשען דאָס געפעס.

צומאָרגענס איז דבורה אַוועק אויפ׳ן דזשאָב. עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען, אַזוי ווי די מיידלעך האָבען געזאָגט. זיי האָ־בען געוואוינט מיט זייער מוטער אויף אַ דריטען שטאָק, פערנומען אַ פּאָר צימערען. אין „פּאַרלאָר״ זענען געשטאַנען אַ פּאָר נעה־מאַ־שינען, ביי וועלכע די מיידלעך האָבען געאַרבייט.

דבורה׳ן האָט בעגריסט אַ גוטמוטיגע ברייטע אידענע, פאַר וועלכער ראָזאַ האָט זי פאָרגעשטעלט:

— זעהסט, מאַמע, דאָס איז אונזער נייע העלפערין. מען רופט זי דבורה, און זי קומט פון פוילען.

— אַזוי? פון וועלכער שטאָדט קומסטו, מיין קינד? — פרעגט די מאַמע, וואָס האָט אַלעמען געזאָגט „דו״.

— פון גאָסטינין.

— דאָרט האָב איך אַמאָל אַ מוהמען געהאַט וואוינען. געווען אַ צדקניות. זי לעבט שוין אוודאי נישט, אין ליכטיגען גן עדן זאָל זי זיין.

— פרעג דיך אויס, מאַמע, פרעג דיך אויס. מיר וועלען באַלד משפחה ווערען.

— זי וועט נישט קענען, געה שוין, געה, עס איז נישט אין איהרע יאָהרען.

אין דעם „שאָפּ״ איז פונקט פערקעהרט צוגעגאַנגען, ווי אין דעם פריהערדיגען שאָפּ, אין וועלכען דבורה האָט געאַרבייט. עס איז נישט געווען קיין שאָפּ, נאָר אַ היימישער ווערקשטעל. די מייד־

לעך האָבען געאַרבייט קליידער פאַר פריוואַטע בעשטעלערס, מעהרסטענטיילס לאַנדסלייט, וואַרשעווער, וואָס זיי האָבען געקענט פון דערהיים. מען האָט געאַרבייט, נישט געיאָגט, נאָר אַזוי ווי מען האָט געוואָלט. מען האָט זיך געשפּיעלט ביי דער אַרבייט, געזונגען לידער, און די מאַמע, וואָס איז געשטאַנען אין קיך און געקאָכט, האָט יעדעס מאָל צוגעטראָגען צו דעם ווערקשטעל פערשיעדענע גוטע ביסענס, „דאָס האַרץ צו דערלאַבען". אַמאָל האָט די מאַמע אַרויפגעבראַכט פרוכט, שעהנע עפּעלעך, אַמאָל אַ שטיקעל לעקעך, און געזאָגט מיט אַ היימישען טאָן:

— קינדערלעך, האָב איך געקויפט עפּעלעך, אַזוי ווי אין דערהיים, אַ פאַרגעניגען צו קוקען אויף זיי. נאַט, פערזוכט.

אָדער זי האָט נאָר אין מיטען העלען טאָג דערלאַנגט אַ טעלער מיט יויך.

— איהר זאָלט אַזוי געזונט זיין און לעבען, קינדערלעך, ווי איהר וועט פערזוכען פון דער יויך. איך קאָך אַ יויך, איז דאָס מעדני מלכים.

און דערביי האָט זי נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען איהרע קינדער און די פרעמדע.

אין מיטען טאָג איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, אַ דיקליכער, מיט קורצע פיסלעך און איז געגאַנגען אָנגעטהון אין אַ צו קורצען און אַ צו ענגען אַנצוג, אַז עס האָט שיער געפּלאַצט אויף איהם. די מיידלעך האָבען איהם פאָרגעשטעלט פאַר דבורה'ן אלס זייער לאַנדסמאַן. דער יונגערמאַן האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען די מיידלעך און אַרויסגענומען אַ שאַכטעל שאָקאָלאַד, אָבער ער האָט אַנדערש נישט געוואָלט צוטיילען די שאָקאָלאַד, ווי נאָר ער אַליין זאָל זיי צולייגען אין די מיילער... דערנאָך, אַז ער האָט שוין דאָס געטהון, האָט ער אָנגעהויבען ציהען דאָס ויידען-געצייג פון דער איבערער שוועסטערס שויס און זיך געשפּיעלט מיט איהרע הענדלעך, ביז די איבעריגע האָט געזאָגט, אַז דער קאָפּ טהוט איהר וועה און עס גליסט זיך איהר נישט אַרבייטען און האָט אַוועקגעלעגט די אַרבייט אויף דער האַנד.

— מאַמע, מאַמע, באָנטשיק באַלאַמוטשעט שוין ווידער

פון דער אַרבעט — האָט די עלטערע גערופען, אין גוטען שפּאַס.

— באָנטשיק׳לעבען, לאָז אַרבייטען. די מחותּנעסטע דאַרף דאָך דאָס קלייד אין באָד אַריין. זי וועט באַלד קומען אָנמעסטען — זאָגט די מאַמע גלעטענדיק באָנטשיקס פּעטע בעקלעך.

— באָבע׳לעבען, האָב איך אייך געבראַכט אַ שנעפּסעל, אין גאַנץ פּוילען קריגט מען אַזוינס נישט, פון רומענישען רעסטאָראַן — זאָגט באָנטשיק, אַרויסנעהמענדיק פון טאַש אַ פלעשעל.

— געה שוין, געה שוין, באָנטשיק! אַז נישט קען איך דען עפּעס היינט טרינקען? איך נעם אַ לעק, גיט עס מיר באַלד אַ פּערנעם ביים האַרץ — זאָגט די מאַמע צונעהמענדיג דאָס פלעשעל און אַריינגעהענדיג אין צווייטען שטוב און איבערלאָזענדיג באָנטשיק׳ן באַלאַמוטשען די מיידלעך.

שפּעטער איז אַרויסגעקומען נאָך אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר. וואָס זענען פייכט געווען און האָבען זיך פייכטערהייט אויפגעהויבען פון שייטעל און געבליבען שטעהן, מיט אַ קינסטלערישען קראַוואַט, האָט געהאַלטען אַ בוך אונטער׳ן אָרעם.

— זעהסט, בערעל, דאָס איז דאָס גרינע מיידעל, וואָס לייענט אויך נאָר אידישע ביכלעך — זאָגט ראָזע צום אַריינגעקומענעם יונגען מאַן.

— בערעל גלאָזמאַן — שטעלט זיך פאָר דער יונגערמאַן, מיט די פייכטע שטעהענדע האָר.

דבורה איז רויט געוואָרען און האָט געזאָגט איהר נאָמען.

— בעריל, זאָלסט אַזוי לעבען, ווי די וועסט דעקלאַמירען „אין מיטען ים" — זאָגט באָנטשיק.

— צו וואָס? צו ווען? קווענקעלט זיך בערעל, גלאַטמאַכענדיג זיך די האָר פון קאָפּ מיט דער האַנד.

— כאָטש פאַר דער נייער בעקאַנטער פריילין — ווי איז אייער נאָמען? — פרעגט באָנטשיק דבורה׳ן

— דבורה זלאָטניק. — זאָגט פאַר איהר ראָזע.

— פאַר מיס זלאָטניק, זיי אַ גוטער ברודער, און זאָג אַראָב דאָס ליעד.

— יאָך וואָס? נאָך ווען? — קווענקעלט זיך ווייטער בערעל.

— מיסטער גלאָזמאַן איז אַן אַקטיאָר, ער שפּילט טעאַטער, — זאָגט ראָזאַ צו דבורה׳ן.

— אַ ליעבהאָבער פון אַ ליטעראַריש-דראַמאַטישען פעריין.

— נו, בעריל, הויב אָן.

— און וואָס וועט אַרויסקומען דערפון? — פרעגט בעריל.

— מיר געהען אַלע פרייטאָג אָבענד אין טעאַטער. איך זאָל אַזוי לעבען, ווי איך קויף טיקעטס — זאָגט באָנטשיק.

— אַ וואָרט?

— אַ וואָרט.

— גוט!

אין בערעל האָט זיך אויסגעהוסט און האָט זיך פאַרגעברייט צו דעקלאַמירען דאָס ליעד. נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבען, האָט זיך בעוויזען די מוטער מיט אַ טעלער קליסקעלעך.

— באָנטשיק־לעבען, זאָלסט אַזוי געזונד זיין און לעבען, ווי דו וועסט פאַרזוכען פון מיינע קליסקעלעך, האָסט אַזעלכעס גאָר נישט פאַרזוכט אין דיין גאַנץ לעבען, מעדני מלכים.

— לאָזט אָב! לאָזט אָב! — זאָגט בערעל אַ ברוגז׳ער צו דער מוטער. וואָס איז געשטאַנען מיט׳ן טעלער קליסקעלעך אין דער האַנד, און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען וויל פון איר.

ניינטער קאַפּיטעל

אַ פרעהליכע געזעלשאַפט

עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר דבורה'ן אַן אַנדער לעבען. אַ לעבען, וואָס האָט, דוכט זיך, געשלומערט אין איהר, און זי האָט נישט געוואוסט דערפון. די מיידלעך זאַלקינד האָבען זיך אָנגעטהון מיט געשמאַק, גאַנץ אָריגינעל, עס איז געווען גענוג געווען, אַז די אינגערע, ברײנקע, זאָל נעהמען אַ געבלימעלט אָדער גע־קעסטעלט שטיקעל סחורה און אַרומדראַפּירען אַרום איהר דינעם קערפּערעל, און עס איז געווען אַ נייע מאָדע. אָדער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען צו די פּושקאַרטס, אין איטאַליענישען קוואַרטאַל און געקויפט אַן איטאַליעניש שטיקעל סחורה, אַ טערקיש טוך און דערפון אויפגענעהט זיך קליידער, מאַנטעלעך, זשאַקעטלעך; גע־טראָגען פערשיעדענע קאָליערטע קרעלען, וואָס זאָגען די שוואַרצ־חנ'עוודיקע מיידלעך געגעבען אַ ציגיינערישען אויסזעהן. דבורה האָט פלינק איבערגענומען דעם שניט. עס האָט אויסגעזעהן, אַז זי האָט עס געהאַט אין איהר בלוט, און גאָרנישט קלעהרענדיק, האָט זי אָנגעהויבען נאָכמאַכען די מיידלעך. זי האָט זיך אָנגעטהון אין די זעלבע קאָליערטע שטאָפען. וואָס די זאַלקינדס, און וואָס עס איז צו איהר פיגורע, ריטמישע פיגור, צו איהרע אַפּפאַלענדע אַקסלען, און צו איהר געקרייזעלטען, געלאָקטען קאָפּ האָר — וועלכע, ווי אין איהר קינדהייט, האָט קיין קאָם נישט געקאָנט באַ־הערשען, און זענען ווילד געפאַלען איבער איהר שטערען, באַקען,

אויערען — זעהר גוט געפּאַסט. זי האָט אָנגעהויבען לענגער צו פערברענגען ביים שפּיעגעל. און — וואונדער איבער וואונדער — זעהענדיג ווי די זאַלקינדס גיבען אַכט אויף זייערע נעגעל, און פּוּצען זיי ביי יעדע געלעגענהייט, האָט זי עס אויך געטהון, כאָטש נאָך דערוויילע שעהמעוודיג, בעהאַלטענערהייט.

אין דער אַטמאָספער, וואו זי האָט זיך איצט געפונען, האָט זי שנעל פאַרגעסען די אַלטע היים, אין די זומערדיקע פאַרנאַכטען און די „היילינע זאַך" האָט זיך אָבגערוקט פון איהר אין א פערנעבעלטער פערגאַנגענהייט, פון איהרע פלייצעס איז אַראָבגעפאַלען א יאָך, און איהר גאַנץ וועזען איז געוואָרען לייכטער, ווי עס וואָלט געקומען אויף איהר אַ בעפרייאונג.

ביי די זאַלקינדס איז זי געוואָרען וואָס אַמאָל אַלץ היימישער, בעפריינדעטער. און שליסלעך איז זי דאָרט געווען מעהר אין דערהיים, ווי אין קעלער.

עס איז איהר געפעלען געוואָרען דאָס אָרט רייכע לעבען, וואָס מען פיהרט ביי די זאַלקינדס, דאָס זינגען און דאָס פרעהליכקייט ביי דער אַרבייט. די מוטער, וועלכע האָט, אַ לייכטזיניקע, ווי א קינד, מיטגעשפּיעלט זיך מיט די קינדער, און די בחורים, וועלכע האָבען דאָרט פערקעהרט.

א חוץ באָנטשיק'ן, וועלכער האָט געמוזט זיין אַ רייכער יונגערמאַנטשיק (וואָרום ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער פאַר אַלע בעצאָהלט) און בערעל דער אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך, אגב זעהר שטאַרק אָנגעהויבען פעראינטערעסירען מיט דבורה'ן און איהר געשאָנקען פיעל אויפמערקזאַמקייט, האָבען דאָרט פערקעהרט נאָך אַנדערע יונגע לייט. די זאַלקינדס האָבען געהאַט אַ סך לאַנדסלייט, און מען ווייסט נישט, צי צוליעב די מיידלעך, צי צוליעב די גוטע עסענס, וואָס די מוטער האָט געקאָכט. האָבען די יונגע לייט ליעב געהאַט דאָרט צו פערברענגען.

שטענדיג איז דאָרט געווען פרעהליך און לוסטיג. די מוטער האָט ליעב געהאַט צו קאָכען, צו באַקען, אַבי עס איז נאָר געווען פאַר וואָס און פאַר וועמען. די יונגע לייט האָבען אַרויפגעבראַכט גוטע זאַכען, אייגיגע האָבען זיך דאָרט געסטאָלעוועט, דאָס

הייסט, נישט שטענדיג, געגעסען האָט מען אַנדערשוואו. נאָר, אַז מען האָט געוואָלט פערזוכען פרייטאָג אין אָבענד אַ גוט, היימיש שטיקעל געפילטע פיש, היימיש געבאַקענע חלה, אַ שטיקעל קו־געל שבת, איז מען אַרויפקומען צו די זאַלקינדס. אויף ימים־טובים האָבען זיך די יונגע לייט צוזאַמענגענומען און געגעבען דער אַל־טער געלד, אַז זי זאָל זיי אָנגרייטען יום־טוב. און די אַלטע האָט דאָס ליעב געהאַט דאָס לעבען. זי איז געווען פערליעבט אין קאָ־כען און באַקען. און קוים האָט זי נאָר געהאַט פאַר וואָס און פאַר וועמען, האָט זי אויפגעלעבט און איז אויפגעווען גאַנצע נעכט: צוגעקנעטען דאָס טייג, געמאַכט היימישע פוטער־קיכלעך, אָנגע־שטאָפּטע העלזלעך און אַגגעגרייט אַנדערע גוטע זאַכען.

פערקעהרט האָט דאָרטן, אַ חוץ באַנטשיק'ן און בערלען, אויך אַ יונגערמאַן, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער פאַן־בראַט מיט די אַלטע. אַ בעאַמטער פון אַ יוניאָן, אַ דיקליכער, און ער האָט גע־קאָנט זינגען. זילבערמאַן האָט מען איהם גערופען. ער פלעגט שטענדיג אויסזינגען פאַר די מיידלעך אַלע אַריעס פון דער אָפּע־ראַ, אָדער די נייע שטיקלעך פון אידישען טעאַטער. זילבערמאַן האָט געהאַט אַ פעסטע מענליכע שטימע, איז אַמאָל געווען אַ רעד־נער, און ביים רעדען האָט ער אַלעמען איבערגעשריגען. נאָר נאָך שטאַרקער פון זיין שטימע זענען געווען זיינע הענד. און ווען זיין שטימע האָט יענעם נישט געקענט איבערצייגען, האָבען עס די הענד געטהון. נאָך אַ יונגערמאַן, וועלכען די יונגען האָבען גערו־פען אויף שפּאַס „מישאַ עלמאַן“, אָבער זיין אמת'ער נאָמען איז געווען סאשאַ קאָהן. ער האָט געשפּיעלט אין אַן אָרקעסטער ערשטע פידעל, און טיילמאָל אַן אַנטייל גענומען אין אַ דאַון־טאַונער, וואויל־טעטיגען קאָנצערט. ער האָט געשטרעבט צו געהן אין קאָנסערוואַ־טאָריום, און קיין געלד דערצו נישט געהאַט. ער אַליין איז געווען אַ רוסישער, און בעקאַנט האָט ער זיך מיט דער משפחה זאַלקינד דורך זילבערמאַנ'ען, מיט וועמען ער איז געווען פריינד. פלעגט איבען ביי די זאַלקינדס, אין די אָבענדען, פיעל מוזיצירט ווערען, דערקלאַמירט ווערען, נאָר אַממעהרסטען פלעגט ביי די זאַלקינדס אין די אָבענדען דעבאַטירט ווערען איבער קונסט. דאָרט פלעגען

אויסגעדראָשען װערען יעדעס אידישעס טעאַטער און יעדער אידי־
שער אַקטיאָר. דאָרט איז אויפ'ן צימבעל גענומען געװאָרן יעדע
אידישע צייטונג און יעדער רעדאַקטאָר, װעמען מען האָט אויס־
געמאַהלען אַזוי, אַז פאַר'ן טייװל װאָלט עס נישט געװען צו
שװאַרץ.

אַמאָל, אין אַזאַ אָבענד, איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן, אַ
הויכער װי אַ בוים, מיט אַ לאַנגען אויסגעדאַרטען האַלז און אָהן
אַ „גוטען אָבענד" האָט ער זיך שטיל אַװעקגעזעצט אין אַ װינקעל
נעבען בראָניען, װעלכע איז געזעסען ביים לאָמפּ, בעגאָסען מיט
רויטען ליכט, װאָס די רויטע שיין האָט געװאָרפען אויף איהר,
האָט זי אָנגענומען ביים דער האַנד און געזאָגט, װי ער װאָלט
אַליין געװען אין שטוב:

— װידער קאַלטע הענד, בראָניע.

— עס איז מיר קאַלט — האָט בראָניע געזאָגט, אַרומװיק־
לענדיג זיך מיט איהר רויט קאָליערט טיכעל.

— אָן אַנדער ציגייניש טיכעל, — האָט ער געזאָגט, בעמער־
קענדיג דאָס טיכעל אויף איהר.

אין דעם האָט ער דערזעהן װי אַ פּאָר גרויסע, נאַאיװע,
כמעט שרעקענדע אויגען קוקען אויף איהם.

פריירער האָט אָנגעקוקט בריינקען מיט אַ פרעגענדיקען בליק.

— איהר קענט זיך נאָך נישט? — האָט ראָזע, װעלכע האָט
אַלעס בעמערקט, געזאָגט צו פריירער'ן — דאָס איז דבורה, דבורה
זלאָטניק, אַ שעהנע „ליטװאַטשקע". (ראָזאַ האָט פאַר עפּעס אָנגע־
רופען דבורה'ן „ליטװאַטשקע") — און דאָס איז פריירער, אַ צוקונפ־
טיגער גרויסער אידישער דיכטער, אויך אַ לאַנדסמאַן. מיר קענען
זיך נאָך פון דערהיים.

דבורה, װעלכע האָט שוין געהאַט געהערט פון פריירער'ן און
געװאוסט, אַז ער איז אַ דיכטער, װאָס שרייבט לידער, איז רויט
געװאָרען, דערשראָקען. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהן קיין
דיכטער, און עס איז איר פאָרגעקומען אַזוי פרעמד. אַז אַ דיכטער

זעהט אויס אזוי איינפאַך, ווי יעדער מענש. זי האָט אויפגעעפענט איהרע אויגען און איהם אָנגעקוקט.

— טאַקע אַ ליטוואַטשקע? עס קאָן נישט זיין! — האָט געזאָגט פרייער, און ער אַליין האָט נישט בעמערקט, ווי ער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און פערלאָזט ברייגען, און איז איבערגעגאַנגען צו דבורה׳ן, און זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהר.

— פאַר וואָס קען נישט זיין? — האָט דבורה געפרעגט, רויט ווערענדיק.

— ליטוואַטשקעס קוקען נישט אזוי ווי איהר — זאָגט פרייער.

— ווי אַזוי קוק איך דען? — פרעגט דבורה.

— ווי אַ קאַלב — ענטפערט אָב פרייער.

די מיידלעך האָבען געלאַכט, און דבורה האָט זיך בעגאָסען מיט רויטליכקייט און פאַר פערלעגענהייט האָט זי אויך מיטגעשמייכעלט.

— פאַרוואָס, האָט איהר זיך בעליידיגט? — אדרבא, זאָגט פרייער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמפּלימענט? — פרעגט ראָזאַ.

— איינער פון די גרעסטע, אפשר דער סאַמע גרעסטער. מען דאַרף זוכה זיין דערצו.

— נו, מוחל אַזעלכע קאָמפּלימענטען — מאַכט מיט דער האַנד ראָזאַ.

— וואָס, טאַקע אַ ליטוואַטשקע? — פרעגט נאָך אַמאָל פרייער דבורה׳ן.

— ניין, איך קום פון אַ קליין שטעדטעל אין פוילען.

— אַזוי זאָגט, האָב איך דאָך באַלד געוואוסט, פאַר וואָס האָט איר זי געמאַכט פאַר אַ ליטוואַטשקע? — פרעגט פרייער ראָזאַ׳ן.

— געהט שוין זי פיהרט זיך ווי אַ ליטוואַטשקע, שטעהנדיג פערטראַכט, שטענדיג פערזאָרגט, אַז גאָט ווייסט וואָס.

— דאָס איז עפּעס אַנדערש — זאָגט פרייער.

— פרייער, טשעפעט זיך אָב פון די מיידלעך — זאָגט דער יוניאָן-בעאַמטער.

— איין מינוט, איין מינוט — זאָגט פרייער.

— פרייער, זייט אַ גוטער און לעזט אונז פאָר אייערע „אויגען“ — רופט זיך אָן בערעל, וועלכער האָט געוואָלט אַליין עפּעס פאָרטראָגען, און בדעה געהאַט אַזוי אַרום די געזעלשאַפט צו דערמאָנען אָן דעם.

נאָר אָנשטאָט זיך אָבצוזאָגען, ווי אַלע האָבען ערוואַרטעט, האָט פרייער אַנגעכאַפּט זיך דאַרין.

— יאָ, יאָ, לכבוד דעם נייעם מיידעל — האָט ער געזאָגט — נאָר אָנשטאָט „די אויגען“ — (ס'טויג אויפ'ן פייער) — וועל איך אייך פאָרלעזען עפּעס נייעס, איך ווייס נישט, אויב איהר וועט פערשטעהן. נו, גאַנץ גלייך, ווער עס וועט פערשטעהן, דער וועט פערשטעהן.

און ער האָט אָנגעהויבען פאָרצולעזען אַ געדיכט, וואָס האָט זיך אין פלוג געדאַכט, אַז ס'קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, נאָר יעדעס וואָרט האָט געקלונגען ווי אַן אַקאָרד אויף אַ ציטערדיגער פּיאַנע. און יעדער זאַץ בעזונדער האָט געהאַט אַ מיין. אין געדיכט איז גערעדט געוואָרען פון פריידען, וואָס שליידערען זיך אַרום איבער דער וועלט ווי ווייסע שלייערען; פון בעהאַלטענע וואַסערען, וואָס גיסען זיך אין פערבאָרגענע וועלדער. פון וואָלקענס אויף אונגעזעהענע הימלען; פון מיידלעך איבער די טראָטואַרען; פון געלע ליכטער, וואָס ערשיינען און פערשווינדען. קיינער האָט נישט פערשטאַנען קיין וואָרט. נאָר יעדער איינער האָט געשוויגען, האָט מורא געהאַט צו זאָגען עפּעס. אַלע זענען געבליבען זיצען פערטראַכט, נאָר דער יוניאָן-בעאַמטער, וועלכער האָט געהאַט מעהר דרייסטקייט פון אַנדערע. האָט זיך אָנגערופען:

— הרג'עט מיך, אויב איך פערשטעה אַ וואָרט.

פרייער, אָנשטאָט זיך צו בעליידיגען און אויפצושרייען, ווי

עס איז געווען צו ערוואַרטען, — ווען ס'האָט ווער געדעט געגען זיין פּאָעזיע האָט נאָר גוטמוטיג געלאַכט:

— אודאי, ווי קומט אַ יוניאָן צו פּאָעזיע? האָט איהר שוין געזעהן אַזעלכע צוויי געגענגעזעצטע ריכטונגען, ווי פייער מיט וואַסער?

— און פאַר וואָס פערשטעה איך אייערע „אויגען"? — טרעגט דער יוניאָן-בעאַמטער.

— איז דאָס טאַקע דער בעסטער בעוויין, אַז עס טויג אויף כפּרות. אין מיין זאַמלונג וועל איך עס נישט אַריינגעמען.

— וואָס טויג מיר דאָס, פרייער, איך האָב פאַרגעלעזען אייערע „וואָלקענס" אויף אַ ליטעראַריש-דראַמאַטישען אָבענד אין איינזער פעראיין האָט דאָס געמאַכט אַ פּוראָר, זאָג איך אייך — האָט איהם בערעל געוואָלט איבערבעטען פאַר דעם יוניאָן-בעאַמטען'ס ביטערע רייד און אַריינברענגען דעם דיכטער אין אַ בעסערער שטימונג, וואָס איז איהם אויך געלונגען. וואָרום כאָטש פרייער האָט געהאַלטען, אַז אַלעס, וואָס ער האָט געשריבען ביז איצט, איז ווערט צו פאַרברענען אויפ'ן פייער, און דאָס סאַמע גרעסטע איז דאָס לעצטע, דאָך איז קיין דיכטער נישט גלייכגילטיג צו אַ קאָמפּלימענט פאַר זיינס אַ זאַך, מעג זי זיין אפילו פון די „סאַמע ערגסטע".

— עס איז נישט קיין שלעכטע זאַך — האָט ער געזאָגט בעשיידען.

— איהר ווילט עס הערען! גוט, איך וועל עס אייך פאַרטראָגען און בערעל, וועלכער האָט שוין לענגסט געהאַט חשק עפּעס פאַרצוטראָגען, האָט איצט געפונען די געלעגענהייט.

נאָך בערעלס פאַרטראַג האָט זיך אָנגערופען דער יוניאָן-בעאַמטער:

— מיינען זיי אונז היינט צו קאָרמען בלויז מיט פּאָעזיע? — גס איז אַ מאכל פאַר פּאָעטען. באַנטשיק, שיק אַראָפּ נאָך אַ ביטעל שנאַפּס.

— ער האָט דאָך רעכט — האָט די מאַמע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער טיר פון דער קיך, און האָט שוין לענגסט געוואָלט דאָס פאַרלעגען, זיך אָנגעכאַפּט און צוגע־שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

נאָר פאַר אַ ביסעל שנאַפּס איז אַפילו דער דיכטער אויך געווען.

— טשאַרט פּאָבערי: היינט טרינקען מיר שנאַפּס. איהר טרינקט מיט? — רופט ער זיך אָן צו דבורה׳ן.

— בערעל, ווערסט אַראָפּלויפען? — פרעגט באַנטשיק בער־לען. מיט אַ וואונק, אויף וועלכען בערעל איז באַלד איינגע־גאַנגען.

— וואַרט איכ׳ל מיטגעהן. איך וועל אַריינלויפען צו מיר און ברענגען מיין פיעדעל — זאָגט סאַשאַ, אָנגעשטעקט פון דער אַלגעמיינער שטימונג.

— דאָס איז רעכט. זיי אַ גוד באָי — האָט מען צוגערופען פון אַלע זייטען.

— קינדערלעך, איהר זאָלט אַזוי לעבען און געזונט זיין, ווי איהר וועט פערזוכען פון מיינע צימעס־מעהרעלעך — האָט זיך בעוויזען די מוטער מיט אַ טעלער אין דער האַנד, צו דערהייבען די שטימונג.

— וואָס עפּעס אין מיטען דערינען צימעס־מעהרעלעך? וואָס איז היינט, שבת? — פרעגט די טאָכטער דער מוטער.

— איך האָב דאָך נישט עפּעס אַנדערש — זאָגט די מו־טער פערלוירען — זאָל כאָטש זיין צימעס־מעהרעלעך.

— לאַטקעס, בערעל, לאַטקעס — האָט זיך אָנגערופען דער יוניאָן־בעאַמטער.

— האָב איך דאָך נישט קיין אייל — זאָגט די מוטער פער־לוירען.

— באַנטשיק, געה מיט, באַנטשיק, — שטופען אַלע באַנטשיק׳ן מיט די אויגען אַרויס אין טהיר, ווייסענדיג, אַז אויב באַנטשיק וועט געהן, וועט ער מיטברענגען די אַלע נויטיגע זאַכען.

מיט אַ שמייכעל קלויבט זיך באַנטשיק אַרויסצוגעהן, כאָטש נישט ווילענדיג.

— און ברענג מיר מיט, מיין קינד, אַ פערטעל פונט ראָזשינקעס און אַ האַלב פונט מאַנדלען, וועל איך דאָס צורייבען, וועט עס זיין פוטער אין מויל, און אַ פונט קאַרטאָפעל־מעהל, און אַ פלעשעל בוימאייל, אָבער פון סאַמע בעסטען. אָבער שאַ, ווייסט איהר גאָר וואָס, קינדערלעך? איך וועל אייך גאָר מאַכען היימישע פאַנטשקעס. באַנטשיק'לעבען, מיין קינד, זאָלסט אַזוי לעבען, ברענג מיר מיט אַ צעהנדליג אייער, אין וואָס נאָך? — קלערט די מוטער.

— און אַ צווי פונט אויפשניט, און אפשר אַ פּאָר קעסטלעך סאַרדינען און אַ ברייטעל אַ פרישס, און אַ הערינג. אָהן אַ הערינג זאָלסטו נישט אַרויסקומען — כאָטש אונטער דער יוניאָן־בעאַמטער.

— איך וועל דאָך משוגע ווערען דאָס אַלעס צו האַלטען אויפ'ן קאָפּ — קלאָגט זיך באַנטשיק.

און באַלד האָט זיך בעוויזען אַ ביסעל שנאַפּס אויפ'ן טיש, און אויפגשיט, און סאַרדינען, און אַ הערינג. אין קיך איז געשטאַנען די מאַמע און געפּרעגעלט אויפ'ן גוטען אייל די לאַטקעס, און דער געשמאַקער ריח איז געקומען אין שטוב אַריין. און סאַשאַ האָט געבראַכט דאָס פּיאַנאָלע און געשפּיעלט אידישע און גוישע שטיקלעך, און פרייער האָט פאַרגעלעזען זיינע געדיכטער, וואָס קיינער האָט נישט פערשטאַנען. און בערעל מיט דעם יוניאָן־בעאַמטען האָבען געזונגען אידישע און גוישע פאָלקס־ליעדער, און אַלע האָבען צוגעהאָלפען. דערנאָך האָבען זיי ביידע, בערעל און דער יוניאָן־בעאַמטער, געזונגען קופּלעטען פון אידישען טעאַטער — בערעל אַלס ליבהאָבער, דער יוניאָן־בעאַמטער אַלס פרימאַדאָנע, און די מאַמע, מיט אַ צעפּלאַמט, פריידיג פּנים, האָט דערלאַנגט די פּאַרע־בעהויכטע פעטע לאַטקעס און עס איז זיי געווען גוט...

שפעט אין אָבענד, ווען זיי זענען געגאַנגען אַהיים, האָט זיך פרייער געריסען אָבפיהרען דבורה'ן און כאָטש אַלע האָבען געוואָלט מיטגעהן, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט:

— איהר געהט אין קאַפּע-הויז? איך קום שפּעטער אַהין — און ער האָט גענומען דבורה'ן, געפיהרט זי דורך אַ הינטער-געסעל אַהיים.

— נו? — פרעגט פּלוצלינג פרייער.

— וואָס? — פרעגט דבורה.

געהען זיי אַ ווייַלע און שווייגען.

— און איהר פערשטעהט אויך נישט מיין געדיכט? — פרעגט פּלוצלינג פרייער, נאָכ'ן שווייגען.

— פערשטעהען פערשטעה איך עס נישט, נאָר עס געפעלט מיר — זאָגט דבורה.

— דאָס איז גוט, דאָס איז גוט — פרעהט זיך פרייער ווי אַ קינד.

— פאַר וואָס געפעלט עס אייך? — פרעגט ער נאָך אַמאָל.

— איך ווייס נישט, פאַר וואָס עס געפעלט מיר, נאָר עס איז געוועזען גוט צו הערען — זאָגט דבורה.

— דאָס איז גוט. דאָס איז זייער גוט — זאָגט מיט פרייד פרייער. — איהר זענט דער גרעסטער קריטיקער. איהר פערשטעהט פּאָעזיע בעסער פון אַלע קריטיקער! — שרייַט אויס פרייער מיט ענטוזיאַזם — „נישט פערשטאַנען, נאָר גוט צו הערען". דאָס איז גוט געזאָגט, פערשטעהן — איהר פערשטעט, — קען מען נאָר איין מאָהל, אָבפערשטאַנען און אויס. עס איז גוט צו הערען, קען מען עס הערען שטענדיג, אַזוי ווי מוזיק. פּאָעזיע טאָר מען נישט פערשטעהן. פּאָעזיע מוז נאָר זיין גוט צו הערען.

דבורה האָט איהם גוט אָנגעקוקט פון איהר קליינעם רונדען קאַפּעליוש, וועלכען זי האָט אויפגענעהט ווי אַ טורבאַן פון אַ שטיק זיידענס, און האָט איהם געשמייכעלט אין פּנים אַריין.

— וואָס שמייכעלט איהר? איך מיין עס מיט אַן אמת, איהר האָט מיט איין וואָרט כאַראַקטעריזירט פּאָעזיע בעסער ווי אַלע קריטיקער — האָט פרייער נישט אויפגעהערט זיך צו בעגייס־טערען.

דבורה האָט איהם ווידער אָנגעקוקט און געשמייכעלט.

— וואָס לאַכט איהר?

— איך לאַך נישט, נאָר איהר זענט עפּעס אַזאַ מאָדנער.

— וואָס מאָדנע? איך בין מאָדנע?

— ניין, איך מיין — לאַכט איהם ווידער דבורה אין פּנים אַריין.

— איהר ווייסט, איך האָב נאָר פאַר אייך פאַרגעלעזען דאָס געדיכט, נאָר פאַר אייך, פאַר קיינעם נישט, נאָר פאַר אייך — זאָגט פרייער, און מיינט עס ערנסט.

פאַר מיר? — וואונדערט זיך מיט ערנסט דבורה — ווי אַזוי קען עס זיין? איהר האָט דאָך מיך גאָרנישט געקענט.

— דאָס מאַכט נישט, מען דאַרף נישט קענען, איך האָב נאָר בלויז געקוקט אויף אייך, האָב איך גלייך געוואוסט, אַז איהר וועט עס פערשטעהן, און איהר וועט מיך פערשטעהן, אָהן צו פערשטעהן, אַזוי ווי איהר האָט געזאָגט.

דבורה האָט איהם אָנגעקוקט ערנסט.

— ווירקליך?

— יאָ, עפּעס איז געווען אין אייער בליק אַזאַ אָפענהער־ציגקייט, אַז איך האָב עס גלייך געוואוסט.

דבורה האָט איהם ווידער אָנגעקוקט גלייך אין די אויגען אַריין, און האָט ווידער געשמייכעלט מיט פרייד.

— וואָס שמייכעלט איהר ווידער? איך מיין עס ערנסט, און איהר לאַכט — האָט זיך פרייער ווי געבייזערט.

— איך לאַך נישט, נאָר איהר רעדט אַזוי מאָדנע. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַן דערוואַקסענעם מענש אַזוי רעדען.

— ווי אַזוי רעד איך? — פרעגט פרייער, קוקענדיג איהר אין איהרע אויגען אַריין.

— ווי אַ קינד — האָט דבורה אָבגעענטפערט און האָט זיך עפּעס ווי געשראָקען פאַר דעם וואָרט און האָט געלאַכט.

צעהנטער קאַפּיטעל

אַ בעגעגעניש

אין אַ פֿאַרטאָג, ווען דבורה איז אַרויס פֿון שטוב צו געהן צו דער אַרבייט, ווי געוועהנליך, ווער האָט זי געטראָפֿען? — פֿרייער האָט זיך אַרויף און אַראָפּ געדרעהט פֿאַר׳ן הויז, מיטן אויפֿגעשטעלטען קראַגען, כאָטש ס׳איז געווען אַ היץ צום דערשטיקען, און דאָס ציגאַרעטעל אין מויל.

— וואָס טהוט איהר דאָ?

— איך האָב אויף אייך געוואַרט.

— אויף מיר?

— יאָ, איך וויל אייך באַלאַמוטשען פֿון דער אַרבייט. קומט, לאָמיר פֿאָהרען אויסער דער שטאָדט.

— יעצט שפּאַצירען? אין מיטען העלען טאָג, פֿריהמאָרגענס?

— ווען דען, אין מיטען דער נאַכט? דער טאָג כמאַרעט. לאָמיר געהן. כ׳לעבען עס וועט גוט זיין.

דבורה איז געבליבען אין פֿאַרלעגענהייט, אַזאַ זאַך איז איהר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלען און וואָלט איהר אויך קיינמאָל אויפֿ׳ן געדאַנק נישט געקומען, צו געהן שפּאַצירען אין מיטען העלען טאָג, ווען אַלע אַרבייטען.

— וואָס, איהר האָט מורא? פֿאַר ווּעמען?

— איך האָב נישט קיין מורא, — פערענטפערט זיך דבורה — נאָר איך בין נישט געוועהנט דערצו.

— ווערט געוועהנט.

— כ׳לעבען, איך ווייס נישט וואָס אַליין צו זאָגען — שטעהט דבורה פערלעגען.

— פערגינט זיך. וואָס האָט איהר מורא?

— איך האָב נישט קיין מורא.

— אין אַמעריקע האָבען אַלע מורא פאַר׳ן הונגער. אין דער אַלטער היים איז נאָך נישט געווען קיין שאַנד צו הונגערען. הונגערען איז געווען אַ פּריוואַטע זאַך, און יעדער מענטש האָט אַ רעכט געהאַט דערויף. דאָ, אין אַמעריקע, איז הונגערען פערבאָטען, יעדער איינער האָט מורא דערפאַר, פון גרעסטען ביז׳ן קלענסטען. באָסען און אַרבייטער, ציוניסטען און סאָציאַליסטען, רעדאַקטאָרען און פּאָעטען, — אַלע ציטערען פאַר איהם. נעהמט כאָטש מיך: וואָס האָב איך, מ׳שטיינס געזאָגט, אָנצוזועהרען, דאכט זיך, ווער האָט מעהר רעכט צו הונגערען, ווי אַ פּאָעט? אין אַמעריקע טאָרען אפילו פּאָעטען נישט הונגערען. און וויפיעל איך רייס זיך נישט צו הונגערען, קען איך נישט. איך מוז געהן אַרבייטען.

— איהר אַרבייט?

— ווייל איך וויל נישט אַרבייטען מיט מיין פעדער, אַרבייט איך מיט מיינע הענד.

— ביי וואָס?

— וואָס איז דער חילוק? ביי וואָס עס מאַכט זיך. נאָר טייל-מאָל בונטעווע איך מיך — ערוועקט זיך אין מיר דער מאַיעסטעט, דער פּאָעט מיט זיין גאָט-געגעבענשטער רעכט אויף הונגער. און זי-צענדיק אין ווערקשטאַט בענק איך, ווי אַ הונגעריגער, נאָכ׳ן הונ-גער. איך חלום פון הונגער ביינאַכט אויף מיין געלעגער. דער הונ-גער איז דער איינציגער ליכטיגער שטראַל, וואָס איז אין מיין לע-בען. אוי, בענג איך נאָך איהם, ווען איהר וואָלט געזאָלט וויסען! ביז אַ מאָהל עס ערוועקט זיך אין מיר דער שמשון-כוח צו הונגערען. לויף איך אַ פּאָר טעג אין די גאַסען אַרום, און איך זעטיג זיך מיט׳ן הונגער. איך פרעס דעם הונגער מיט אַלע מיינע אברים, כדי

איך זאָל איהם געדענקען אין טעג פון זאַטקייט. נאָר איינציג און געצעהלט זענען די טעג פון הונגער, און לעצטענס װערען זיי װאָס אמאָל זעלטענער. אַ סימן פון מיין אַלטקייט — און אַט היינט איז אַ טאָג פון מיין הונגער. דורך דעם בין איך אַזוי גליקליך.

דבורה האָט איהם אָנגעקוקט. זי האָט דערזעהן, װי אין זיי־נע אויגען ליגט אַ טרויעריגקייט, װאָס זי האָט ביז איצט גאָר נישט געקענט, און זיין מויל האָט זיך פערקרומט, װי ער װאָלט אינער־לעך אין זיך געװיינט. זי האָט שוין איצט בעשטימט מיטצוגעהן מיט איהם און ארומצוװאַנדערען מיט איהם, װאו ער װעט נאָר װעלען.

— איז פאַרװאָס הונגערט איהר נישט?

— פאַרװאָס איך הונגער נישט? װייל מען לאָזט נישט! — שרייט אויס הויך פרייער.

— װער לאָזט נישט?

— דער פאַרשיװער זשיד — דאָס געװיסען.

— געװיסען?

— פאַר'ן װייב מיט די קינדער.

— איהר זענט פערהייראַט?

— פון ערשטען טאָג אָן װאָס איך בין געבוירען.

דבורה האָט איהם אָנגעקוקט.

— צוערשט צו אַ טאַטע־מאַמע, דערנאָך צו אַ װייב מיט קינ־דער. איך געדענק שוין נישט מעהר דעם טאָג, װען איך בין גע־װען אַ פרייליגער.

דבורה האָט געשװיגען.

— װאָס שװייגט איהר? װאָס האָט איהר זיך דערשראָקען פאַר מיר, דערפאַר װאָס איך האָב אַ װייב מיט קינדער?

— ניין — לאַכט דבורה, — פאַרװאָס זאָל איך זיך שרע־קען.

— איך האָב געװאוסט, אַז איהר װעט זיך נישט דערשרעקען. איך האָב אייך געזעהן, האָב איך זיך באַלד געטראַכט, איהר װערט אַ „מיטגליעד” אין אונזער געזעלשאַפט, װאָס בעשטייט פאַרלויפיג פון דריי מיטגליעדער: מיין װעהניגעס, בוכהאָלץ, דער סקולפטאָר. אָ, איהר קענט נישט בוכהאָלץ'ן. שאַט, װייסט איהר װאָס גאָר, מען

וועט איהם גאָר אראָבּרופען. ער וואוינט אין אַ סטוריאָ אויף דער פערצעהנטער סטריט. איהר ווילט? מיר געהען דאָרט פאַרביי.

— שפּעטער. יעצט דערצעהלט מיר פון אייער „געזעל־שאַפט"...

— יאָ, און דער דריטער איז אַן אָריגינאַל — אַ שניידער, אַ פּשוטער שניידער, נאָר אַן אינטערעסאַנטער מענטש. איהר מוזט איהם קענען. אַ וואונדערבּאַרער בעל מלאכה, גאָלדענע הענט, נאָר ער האָט אַ טבע אָנצוגעהען אין מלבוש די קנעפּלעך פערקעהרט. איז אפשר מיינט איהר, אַז ער טהוט עס דורך פערזעהן? ניין, מיט אַ כּיון. ער זאָגט, אַז אַ מענש מוז הייליג האַלטען זיין ווילען, און ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסווייזען זיין ווילען. איז אַזוי ווי זיי מאַכען מיך געהען קנעפּלעך, און איך וויל נישט, נאָר איך מוז, וועל איך אָנגעהען די קנעפּלעך פערקעהרט, ווייל איך וויל אַזוי. אַ מכּה וועל איך זיי דיגען, אַזוי ווי זיי ווילען. געהען, זאָגט ער, מוז איך דאָך, אַז גיבען זיי דאָך נישט צו פרעסען. נאָר די קנעפּלעך וועל איך אָנגעהען פערקעהרט. פערשטעהט זיך, אַז מען פּאַקט איהם, וואַרפט מען איהם אַרויס. צו קיין יוניאָן וויל ער נישט בעלאַנגען, אַ געוועזענער אַנאַרכיסט. אַן אוניע — זאָגט ער — איז פּונקט ווי אַ פּאָליציייליכע דערלויבּניש אויף פּראָסטיטוציע. דרעהט ער זיך אַרום אַ פּאָר וואָכען, הונגערט. ביז ער קריגט אַ דזשאָב. איז ווידער אַמאָל דאָס זעלבע. אויפגעגעהט דאָס מלבוש — אַ קונסט־שטיק, נאָר די קנעפּלעך אָנגעגעהט פערקעהרט. געפעלט אייך דער שניידער?

— וואָס איז מיט אייך היינט דער מעהר פרייער?

— וואָס מיינט איהר, איך האָב דעם שניידער אויסגעטראַכט? עס איז אַן אמת'ער שניידער. אַז איהר ווילט, וועל איך איהם אייך פאָרשטעלען.

— פאַרוואָס זענט איהר אַזוי טרויעריק? עס איז מיט אייך עפּעס געשעהן? — פרעגט איהם דבורה מיט מיטלייד.

— איך האָב מיין הונגער־טאָג, און דאָס איז אַלץ, איבּערי־געגעס, זענט איהר אין דעם שולדיג.

— איך?

— יאָ, איהר האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ חלום, וואָס איך האָב געמיינט, ער איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען.

דבורה האָט געשוויגען און איז געגאַנגען בײַ זײַן זײַט מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

— וואָס, איהר זענט גאָר נישט נײַגעריג צו וויסען דעם חלום, וואָס איהר האָט אופגעוועקט אין מיר? — פרעגט פרייער.

דבורה האָט געשוויגען.

— איך האָב שטענדיג געהאַט אַ חלום, אַז עס וועט נאָך קו־מען אַ צײַט. איך וועל אַלעס אָוועקוואַרפען און נעהמען אַ קאַטע־רינקע, ווי די קאַטערינאַרזשעס בײַ אונז אין דערהיים, און לאָזען זיך אויף דער מדינה, זעלבסטפערשטענדליך אין אַ לוסטיגער גע־זעלשאַפט, מיט גוטע ברידער, בוכהאַלך וועט זײַן איינער פון זיי. ער וועט פיהרען אויף אַ קייטעלע אַ מאַלפּעלע, וואָס וועט מאַכען קונצען אויף דײַן אַקסעל. איך וועל זײַן דער הויפּט־קאַטערינאַרזש, וועל שפּיעלען אויף דער קאַטערינקע. עס האָט אונז נאָר געפעהלט אַ שעהנע טענצערין, וואָס צוליעב איהר זאָל זיך לויהנען דער גאַנ־צער עסק איך האָב געזוכט און נישט געפונען. דער חלום האָט שוין געהאַלטען אין צורינען, און שוין, איך בין שוין רוהיג געווען. מיט אַמאָל קומט איהר אַרויסצושווימען פון דער טונקעל־הייט און בעלעבט דעם חלום גאָר אויפסניי. יעצט פערשטעהט איהר שוין, וואָס איז די מעשה מיט מיר היינט?

דבורה איז טרויעריג געוואָרען און האָט געקנייטשט דעם קליינעם שטערען און שוין געשוויגען.

— פאַרוואָס קנייטשט איר אַזוי דעם שטערען? — פרעגט זי פרייער — און זי ענטפערט גאָרנישט.

— איך וועל אייך זאָגען, פרייער. אייערע רייד מאַכען מיך טרויעריג.

— פאַרוואָס?

ווייל איהר רעדט צו מיר רייד, וואָס זענען נישט געמיינט פאַר מיר.

— ווי הייסט?

— איך בין דאָ אַ נעבען־זאַך. איהר רעדט רייד, אָבער דאָס

מיינט איהר נישט מיך. אייערע רייד קאָנען גילטען פאַר יעדער איינער מיידעל, וואָס ווערט געהן געבען אייך?

— וואָס מאַכט אייך דאָס אַזוי קלעהרען?

— איך ווייס נישט, וואָס דאָס מאַכט מיך אַזוי קלעהרען, נאָר איך פיהל אַזוי.

איצט האָט שוין פרייער געשוויגען, און שווייגענדיגערהייט זענען זיי אָנגעקומען אויף דער פערצעהנטער סטריט. די וועסט־זייט, פאַר אַן אַלט הויז. און פרייער האָט זי אַריינגעפיהרט אין אַ פינסטערען, אָבגעלעגענעם קאָרידאָר.

— איהר וועט דאָ וואַרטען, איך וועל אַראָבּרופען מיין פריינד בּוכהאָלץ.

— ניין, פרייער, לאָזט מיך בּעסער צוריקגעהן צו דער אַר־בּייט. איך בּין שוין אַזוי אויך דאָ גענוג שפּעט.

— פאַרוואָס? איך האָבּ געמיינט, אַז איהר זענט שוין איינ־פערשטאַנען מיט אונז מיטצוגעהן אין פאַרק אַריין.

צום ערשטען בּין איך געווען, איצט האָבּ איך חרטה. חרטה צו האָבּען איז נישט שעהן.

— איך ווייס עס, נאָר איך קאָן מיר נישט העלפען.

— און, אַז איך וועל אייך צוזאָגען, אַז איך וועל נישט מעהר רעדען וועגען דעם?

— עס איז מיר אַזוי אויך גענוג טרויעריג — האָט דבורה געזאָגט ווי פאַר זיך.

— איך בּעט אייך, בּלייבּט. איך זאָג אייך צו בּיי מיין עה־רען וואָרט, אַז איך וועל נישט מעהר רעדען וועגען דעם וויסטען פּוסטען חלום — האָט זיך פרייער געבּעטען ווי אַ קינד.

דבורה האָט אָנגעהויבּען צו לאַכען.

— איז דאָך שוין גוט, האַ?

דבורה האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ.

— און לויפט שוין נישט אַוועק. איך קום בּאַלד אַראָבּ.

און פרייער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דעם טונקעלען קאָ־רידאָר אַריין, אויף געדרעהטע טרעפּען, וועלכע האָבּען אַריינגעפיהרט אין אַ לאַבּירינט אַריין.

ווען דבורה איז געבליבען אליין, האט זי די ערשטע מי־נוט געטראכט אוועקצוגעהן צוריק צו דער ארבייט. נישט די מורא פאר באלאמוטשען א טאג האט זי איצט געפייניגט. פרייער׳ס ווער־טער האבען געקלונגען אין איהרע אויערען נישט אויפריכטיג, זיין ווערען אבער האט ערוועקט אין איהר מיטלייד. זי האט געפיהלט, אז ער ליידט, און די ליידען זיינע זענען בייגעשטאנען זיין אונ־אויפריכטיגקייט, און זיי האבען זי אנגעקניפט צו דעם פלאץ, ווארטענדיג אויף אים. כאטש עס האט גענומען א לאנגע ווײלע, ביז ער איז ווידער אראבגעקומען.

— זייט מוחל, איהר מיינט עס איז אזוי לייכט אנצוקומען צו בוכהאלצ׳ן? מען בעדארף גאנצע גאסען אדורכגעהן אויף לייטערס, ביז מען קומט אין זיינע אפארטאמענטען. ער וואוינט נאהענט צום הימעל — זאגט פרייער, אראפלויפענדיג פון די טרעפ — און אנגעטהון איז ער אויך נישט געווען. ער האט ערשט בעדארפט טואלעט מאכען, ווארום איהר מוזט וויסען, אז אין דערהיים ביי זיך געהט בוכהאלץ ארום אין אדם׳ס קאסטיום, אזוי ווי די מאמע האט איהם געבוירען. און אט איז ער אליין.

— איך האב דעם גרויסען כבוד אייך פארצושטעלען דעם צווייטען מיטגליעד פון אונזער געזעלשאפט „הונגער" העררן פאן בוכהאלץ.

פאר איהר איז געבליבען שטעהן א יונג, וועלכער האט גע־מאכט דעם איינדרוק פון א קאלאס, א ריעז, הויך, אומגעלומפערט ווי א פיערקאנטיגער אפגעהאקטער קלאץ. ברייטע פלייצעס, גרוי־סע, לאנגע הענד. זיין אויסזעהן האט געמאכט אן איינדרוק פון א מענש, וואס טהוט שווערע, פיזישע ארבייט, נישט קיין גייסטיגע. דערביי איז אבער געווען עפעס זעהר ווייכעס, אפילו ריהרענד־קינדישעס אין דעם צוזאמענקנייטש פון זיינע אויגען. אממעהר־סטען האט זיך דאס ארויסגעוויזען, ווען ער האט געלאכט. און גע־לאכט האט ער שטענדיג, צי מען האט יא בעדארפט, אדער נישט, די אויגען האבען זיך ערגעץ־וואו בעהאלטען הינטער די הייטלעך, און ער האט אויסגעזעהן אונבעהאלפען, אונשולדיג.

— בוכהאָלץ, פּערגייג דיך, לאָז דיך נעמען אַ שוואַרץ יאָהר, וואָס שטעהסטו ווי אַ בער?

בוכהאָלץ האָט זיך פערגייגט און האָט געלאַכט.

— דריי טעג, ווי ער איז נישט געווען אויף דער ליכטיגער שיין. געלעגען פערשלאָפען אין זיין צימער און אַרומגעדרעהט זיך אַ נאַקעטער.

בוכהאָלץ האָט געלאַכט.

— עס איז גוט געווען אָט אַזוי.

— וואָס איז גוט געווען?

— אָט דאָס.

— „אָט אַזוי" און „אָט דאָס" — לאַכט פרייער — און מעהר הערט איהר נישט פון איהם.

— וואָס ווילט איהר פון איהם האָבען? — האָט זיך דבורה אָנגענומען פאַר דעם אונבעקאַנטען.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, האָט זי ערשט דערזעהן, ווער עס געהט נעבען איהר. דאָס ערשטע, וואָס מען האָט אָנגעזעהן אויף בוכהאָלצ'ן, איז געווען זיין העמד. אַן אַרבייטער-העמד פון אונבעשטימטער, טונקעלער פאַרב, האָט זיך אַרויסגעריסען און געשלעפּט זיך פון די ברייט אַראָפּגעפאַלענע הויזען, אַרויסגעריסען זיך פון זיינע צו קורצע אַרבעל פון זיין ראָק. קיין קנעפּלעך זענען נישט געווען, נישט אויף זיינע הויזען, נישט אין זיין ראָק און נישט אויף זיין העמד. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַ שטיק מיט האָר בעוואַקסענע ברוסט פון אַ שפּאַלט פון העמד. דער האַלדז, וועלכער האָט בעדאַרפט אַ גוטען שאָר פון זייף און סאָדע, איז געווען אַרומגעוויקעלט מיט אַ מין קראַוואַט, וואָס האָט געדיענט אַ פאַר אַ קראַגען און אַ פאַר אַ קראַוואַט. דאָס פּנים פון אַ פּאָר טעג נישט ראַזירט, און די האָר צושויבערט, פערפּעדערט, ווי מען וואָלט איהם פון אַ זאַק מיט בעטגעוואַנד אַרויס-געשלעפּט.

— בוכהאָלץ, מאַך דיר אַריין דאָס העמד אין די הויזען. עס איז דאָך אַ שאַנדע מיט דיר צו געהן — רופט זיך אָב צו איהם פרייער.

דבורה האָט מיט איהר קליינעם קערפּער פערשטעלט די גרויסע לאַסט-פיגור פון בוכהאָלצ'ן. זי איז געגאַנגען נעבען איהם, ווי זי וואָלט איהם געוואָלט בעשיצען.

— שאַדט נישט, — האָט בוכהאָלץ גוטמוטיג געשמייכעלט, און איז זיך געגאַנגען אין מיטען דער גאַס, אונאַריינגערוקט דאָס העמד אין די הויזען.

— אַלזאָ, וואו געהען מיר?

— זי' האָבען דאָך געוואָלט געהן אין בראָנקס-פּאַרק.

— יאָ, יאָ — שאַקעלט צו מיט'ן קאָפּ בוכהאָלץ.

— מוז מען דאָך האָבען אויף הוצאות. בוכהאָלץ, האָסט עפּעס געלד.

דער גרויסער יונג איז רויט געוואָרען און געמאַכט זיך זוכען אין די קעשענעס פון די ברייטע הויזען.

— איך האָב נישט ביי מיר.

— ביי דיר איז גוט. ערגעץ אַנדערש-וואו האָסטו?

— איך האָב ביי מיר פינף און צוואַנציג סענט, וועט עס גענוג זיין? — פרעגט דבורה.

— אהין וועט עס סטייען. וואָס טהוט מען אָבער מיט צוריק? מיר זענען אין דריי.

— איך וועל געהן צופוס.

דבורה האָט איהם אָנגעקוקט.

— איך מאַך עס שטענדיג.

און אָהן צו קלעהרען פון וואַנען זיי וועלען נעהמען הוצאות אויף צוריק, זענען זיי שוין אַריין אין אַ בראָנקס-טריין צו פאָהרען אין בראָנקס-פּאַרק

עלפטער קאַפּיטעל

אויף דער פריי

פון די בראָנקס אין דער שטאָדט זענען די באַהנען געווען געפּאַקט מיט פערהאָרוועטע מענשען. צוריק, פערקעהרט, זענען זיי געווען לעער, און דער וואַגאָן, אין וועלכען זיי זענען אריין, איז געווען פוסט. אין פארמיטאָג-שעה׳ן, ווער פאָהרט אין די בראָנקס? נאָר אַזעלכע לעדיג-געהערס קאָנען זיך פערגינען אַזא פערגעניגען. און זיי האָבען זיך אין לעדיגען וואַגאָן גוט געפיהלט און זיי האָבען זיך געקאָנט אויסרעדען נישט געשטערט צו ווערען.

פרייער האָט צוליעב עפּעס אַ בעזונדערען טעם דערצעהלט פאַר דבורה׳ן אַלעס, וואָס ער האָט געוואוסט פון בוכהאָלצ׳ן. און דאָס אין נישט זעהר אַ פריינדליכען טאָהן...

נאָר וואָס מעהר אומגעלומפּערטקייט עס האָט אַרויסגעוויזען דער גרויסער, אומגעלומפּערטער יונג, אַלץ מעהר סימפּאַטיע האָט ער דערוועקט אין דבורה׳ן צו זיך. זי האָט געפיהלט ווי אָנצוגעהמען זיך פאַר דעם שטאַרקען יונג און צו בעשיצען איהם פון פרייער׳ס שפּאָטישע, נישט-אויפריכטיגע בעמערקונגען. זי איז געוואויר געוואָרען פון פרייער׳ס מויל, אַז בוכהאָלץ איז אַ קצב׳ס אַ זוהן, וואָס האָט אַמאָל אויך אַליין געזאָלט זיין אַ קצב, נאָר ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו צייכנען, אויסצוקנעטען פון ברויט מענשלען. דער פאָטער האָט איהם געשלאָגען דערפאַר מכות רצח, געשלעפּט איהם אין יאַטקע. אָבער בוכהאָלץ האָט זיך געהאַלטען ביי דאָס

זייניגע, ביז ער האָט אַרויסגע׳גנב׳עט געלד פון פּאַטערס שופלאָד און איז ענטלאָפען קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער געאַרבייט ביי וואָס עס האָט זיך געמאַכט; פון אַ טרעגער ביז צו אַ וועכטער. און ביי־נאַכט איז ער געגאַנגען אין אַ צייכען־שולע, געקראָגען ערגעץ־וואו אַ בוידעם־שטיבעל אין אַן אַלט הויז.

— דאָרט אויבען וואוינט ער אָהן אַ בעט און קלעבט זיך פאַר זיך זיינע „מענשען״, קיין מאָדעל צו בעצאָהלען האָט ער נישט, איז ער זיין אייגענער מאָדעל. דרעהט זיך אַרום אין „סטוד־יע״ ביי זיך אַ נאַקעטער, אין זיין קערפּער, און צייכענט זיך אַליין. יעצט קלעבט ער פון ליים אַ פיגור „שמשון״, אָבער וואָס איז עהנ־ליך צו „שמשון״, ווי איך צו דלילה׳ן. נישט וואָהר בוכהאָלץ?

— עס איז נישט אמת, — לאַכט בוכהאָלץ, — עס איז הייס, געה איך אַרום נאַקעט.

— וואָס האָסטו זיך צו שעמען, נאַר

— איך שעהם מיך נישט.

— און אַז ער איז הונגעריג, קריכט ער אַראָב פון זיין בוי־דעם־שטיבעל און געהט אין גאַס אַרויס אַרבייטען — דערצעהלט פרייער פון איהם, ווי בוכהאָלץ וואָלט דערביי נישט געווען — ביי וואָס עס מאַכט זיך. אַמאָל אין אַ ביוראָ פון איבערציהען זיך, אַמאָל אין אַ שוך־געשעפט. דרעהט אויף דער איסט־סייד אַ היימי־שען מאַנגעל, אָדער ער ווערט גאָר אַן אויסשרייער אויף בראָדוויי פאַר די וועגען, וואָס פיהרען פּאַסאַזשירען קיין קוני איילאַנד. פערדינט אַ פּאָר דאָלאַר אויף ברויט, רענט צו בעצאָהלען, שלעפּט ער זיך אַהיים אויף די פּלייצעס אַ זאַק מיט ליים און קלעפּט זיך דאָרט אויס אויפ׳ן בוידעם־שטיבעל זיינע סקולפּטורען, וואָס קיינער זעהט נישט, ווייל ער שעהמט זיך זיי צו ווייזען און דערביי קאָן ער דאָך קוים לעזען און שרייבען, און קיין בוך אין האַנד אַריין נעהמט דאָס נישט, אין קיין מוזעאום געהט ער נישט, ווייסט נישט, וואָס אַן אויסשטעלונג איז. און פון וואַנען ווייסט ער פון די אַלע נייע ריכטונגען — ראָדען? עקספּרעסיאָניזם?

— נישט אמת, בעזעהן — שאָקעלט מיט׳ן גרויסען קאָפּ בוכ־האָלץ.

— וואָס האָסטו געזעהן — פרעגט פרייער.

— די וואָלקען-קראַצער — לאַכט בוכהאָלץ.

עס איז געווען איינער פון יענע טעג אין ניו-יאָרק, ווען זון און ווינד פּאָרען זיך צוזאַמען און געבוירען אַ טאָג אַ ברכה פאַר די מענשען. כאָטש שוין אין מיטען זומער, און די היץ האָט צוואַרעמט די ערד, די הייזער, די גאַסען, די בריקען און די מענשען, יאָגט אַ קיהלער ווינד פון ברייטען, אָפענעם ים און הויכט אָב די זון, ווי אַ פעכער וואָלט דיר שטענדיג פאַר דיין פנים געבלאָזען. בראָנקס-פּאַרק איז געשטאַנען אין זיין פראַכט און גלאַנץ. אַ ביסעל טיפער אין פּאַרק, צווישען די גרעזער און די ביימער, האָט מען געמיינט, אַז מען איז פערבלאָנזשעט אין אַ טיפען וואַלד, פערוואַקסען מיט ווילדע גראָזען, שטעכערס און געדיכטע וואַלד-בוימלעך, אַז עס דוכט זיך, אַז די פיס טרעטען אויף דעם אונבעצוואונגענעם מיידעל-לאַנד פון דעם נאָך נישט ענטדעקטען אַמעריקע.

לאַנג האָבען זיי געבלאָנזשעט צווישען די גראָז-בעוואַקסענע סטעזשקעס. בוכהאָלץ האָט געקענט יעדען בוים און אויף יעדען בוים האָט ער געוואָלט אַרויפקריכען, מען האָט איהם קוים געקענט צוריקהאַלטען, מורא האָבענדיג פאַר די וועכטער.

דאָס ערשטע מאָל זייט זי איז אין אַמעריקע האָט דבורה געזעהן גרינס, האָט דבורה געפיהלט די נאַקעטע, אונבעשטיינערטע ערד, האָט זי אָנגעטאַפּט פייכטע, וואַקסענדע בוימער מיט איהרע הענד. און די נאַקעטע, רוהיגע ערד, די וואַקסענדע גרעזער האָבען זי אָנגעשפּור׳ט נאָך די לאַנגע חדשים און וואָכען פון פערשטיקטען קעלער, פערמאַכטע שאַפען און ענגע שטובען. דאָס מיידעל האָט זיך אויסגעצויגען אויף די לאָנקעס, איינגענורעט איהר פנים צווישען די קוסטעס, געקושט די גרעזער, און — ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באָדען אין זיי — האָט זי זיך אינגאַנצען איינגעגראָבען אין די גרעזער. די יונגען האָבען נישט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט איהר. די שטילע, צוריקגעהאַלטענע און שטענדיג שווייגענדע דבורה, האָט זיך נישט געשעהמט פאַר די יונגען. צוערשט האָט זי זיך געלאָזט לויפען איבער די פעלדער און געבעטען די יונגען, זיי זאָלען זי נאָכיאָגען.

די יונגען האָבען זיך געלאָזט נאָך איהר. פריער האָט זיך באַלד אָבגעשטעלט. נאָר אפילו בוכהאָלץ, וואָס איז געווען שטאַרק אויף די פיס און געשפרונגען, ווי אַווילדער אָקס, איינשפּאַרענדיק זיך און געוואָלט זי דווקא כאַפּען — איז ער אָבער געווען צו שווערפעלטיג און זי נישט געקענט דערגרייכען. ענדליך איז זי מיעד געוואָרען און איז אַליין צוריקגעקומען.

— וואָס איז מיט אייך די מעשה?

— דאָס איז אַלץ די קאָזע שולדיג.

— די קאָזע?

— יאָ, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, האָב איך געפּאַשעט אַ קאָזע ביי אונז אויפ'ן מלך'ס שלאָס, האָט זי מיך אויסגעלערענט לויפען. ווען זי פלעגט אַנטלויפען, פלעג איך איהר נאָכשפּרינגען.

— איך וויל זיין די קאָזע, איך וועל אַנטלויפען און איהר וועט מיר נאָכלויפען — זאָגט בוכהאָלץ, און הויבט אָן צו שפּרינגען מיטביידע פיס, ווי אַן איינגע'עקשנ'טע קאָזע, צום שפּאָט און געלעכטער פון די איבעריגע.

— ווייסט איהר וואָס, לאָמיר נאָר שפּיעלען אין אַ שפּיעל, ווי מען האָט אין דערהיים געשפּיעלט? — וויל זיך דבורה דערמאנען און קען זיך נישט דערמאנען, ווייל זי געדענקט נישט, ווען זי האָט זיך אַלס קינד געשפּיעלט.

— אַלע שפּיעלען פערגעסען, אַלע שפּיעלען פערגעסען — זאָגט דבורה פאַר זיך מיט טרויער.

— בוכהאָלץ, דו קענסט עפּעס אַ שפּיעל?

— יאָ, איך קען.

— וואָס?

— זיך שטעלען אויפ'ן קאָפּ מיט די פיס אין דער הויך. ווער עס וועט לענגער אויסהאַלטען, דער געווינט.

און בוכהאָלץ האָט זיך געשטעלט מיט'ן קאָפּ אויף דער ערד. און נישט נאָר פריער, נאָר אפילו דבורה איז איהם געגאַנגען נאָכטהון.

— בוכהאָלץ, ווייסטו וואָס איך האָב איהר געזאָגט? איך

האָב איהר געזאָגט. אז מיר זאָלען זיך לאָזען אַלע דריי אין וועג אַריין. אויף דער מדינה, געהמען אָ קאַטערינקע. איך וועל שפּיעלען, דו וועסט מאַכען קונצען און זי וועט טאַנצען. איהר קאָנטטאַנצען? אַזוי אַרום וועלען מיר בעטלען ברויט.

נאָר דאָס מאָל האָט זיך דבורה אויף איהם נישט געבייזערט און איהם נישט געהייסען שווייגען, עס האָט איך דאָס מאָל נישט געקלונגען אין פּרייער'ס מויל, ווי אַ פּוסטע פּראַזע, מיט וועלכער ער האָט געוואָלט עפּעס דערגרייכען.

— איך געה — זאָגט בוכהאָלץ.

— און איהר?

— איך קאָן דאָך אָבער נישט טאַנצע,

— איך וועל אייך מיטנעהמען גלאַט אַזוי — זאָגט בוכהאָלץ.

— ניין, איך וועל אייך מיטנעהמען. זאָגט, מיט וועמען ווילט איהר ליעבער געהן, מיט מיר. צי מיט איהם? — פרעגט פּרייער.

אָהן איבערצוקלעהרען ווייזט דבורה מיט'ן פינגער אויף בוכהאָלצ'ן

— מיט איהם.

— בוכהאָלץ, דו זעהסט, בוכהאָלץ, דו זעהסט!

— נאָר עפּעס מיט אַמאָל איז בוכהאָלץ ערנסט געוואָרען ער האָט זיך פערקרומט און אָנגעכאַפּט אַ גרויסען בוים, וואָס איז געשטאַנען נעבען איהם, און איהם אַרומגענומען מיטביידע הענד.

— וואָס איז מיט דיר, בוכהאָלץ?

— איך וויל מאַכען אַט-אַ-דאָס! — ווייזט ער אויפ'ן בוים.

— וואָס ווילסטו מאַכען?

— אָט אַזעלכע בוימער.

— סקולפּטורען-בוימער?

— אָ, — שאָקעלט בוכהאָלץ מיט'ן קאָפּ — מאַכען אָט ...לכע גרויסע, דיקע, בעוואַקסענע בוימער, איינגעהויקערטע שטעהען זיי אויפ'ן רעגען, אין מיטען פעלד און היטען עפּעס.

— וואָס קאָנסטו אויסדריקען אין בוימער?

— בוימער האָבען פּנים'ער, האָבען הענד און פיס, צוזאַ-

מענגעוואַקסען, ווי קינדער אין מוטערס בייכער, בוימער זענען צו־זאַמענגעוואַקסענע, גרויסע אמבראנעס, ווי זיי וואָלטען פערהאַלצט געוואָרען, איידער זיי האָבען זיך אין מענשען אויסגעוואַקסען. עפעס ווי פערשאָלטענע פון גאָט, צי פון זועמען. בוימער קאָנען לאַכען, קאָנען וויינען. האָסט געהערט בוימער לאַכען?

— און פאַרוואָס מאַכט איהר נישט קיין בוימער? — פרעגט איהם דבורה.

— איך וועל אַמאָל מאַכען.

— בוכהאָלץ, וואָס איז דער מעהר מיט דיר, דו רעדסט? אַ נס איז געשעהען, בוכהאָלץ רעדט, דערצעהלט פון זיינע פּלע־נער. ווער וועט עס וועלען גלויבען? — שרייט אויס פרייער. — דאָס זענט איהר אַליין שולדיג — ווענדט ער זיך צו דבורה׳ן — כ׳לעבען, אַליין איהר.

דבורה איז רויט געוואָרען און בוכהאָלץ איז פּלוצלינג צו צו פרייער׳ן, איהם אָנגעכאַפּט און אויפגעהויבען, ווי אַ קינד, און אַ זעץ אָראָב אויף דער ערד.

— שווייגען! איך וועל צודושען, צודושען וועל איך. דעם דו!

— בוכהאָלץ, וואָס איז דער מעהר מיט דיר? — זאָגט פרייער נישט אָן שרעק.

— שווייגען, דאַטס אָל!

דער עולם איז ערנסט געוואָרען און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. דבורה׳ן האָט באַנג געטהון דער אומאָנגענעהמער עקסידענט, און כדי איהם צו פאַרטושען, איז זי פּלוצלינג אויפגעשפרונגען און זיך געלאָזט לויפען.

— נו, פּרובט מיך כאַפּען, ווער וועט מיך קאָנען כאַפּען?

— און וואָס וועט זיין אז מען וועט אייך כאַפּען?

— וואָס זאָל זיין?

— אַ קוש — שרייט אויס פרייער.

דבורה איז רויט געוואָרען, נאָר אָנשטאָט זיך צו פערשעהמען, איז זי אַרויס אין אַ געלעכטער.

— גוט, אָבגעמאַכט — האָט זי איינגעשטימט צו די יונגענס פּערוואונדערונג, או זי האָט זיך געלאָזט לויפֿען.

פרייער איז איהר נאָכגעלאָפען. בוכהאַלץ איז געבליבען ביי׳ם בוים וואַרטענדיג, אַז פרייער האָט זיך שוין מיט איהר גוט אָנגע־לאָפען און נישט געקענט זי כאַפּען, איז פּלוצלינג בוכהאָלץ אוועק פון בוים און, ווי אַ ווילדער אָקס, זיך געלאָזט מיט׳ן גאַנצען אימ־פּעט און געכאַפּט זי אין זיינע צוויי שטאַרקע אָרעמס אַריין.

ביי דבורה׳ן האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. זי איז רויט געוואָרען און געוואָלט זיך וועהרען, אַז בוכהאָלץ זאָל זי נישט קושען. האָט זי בוכהאָלץ אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע הענד, ווי אַ בער נעמט אַ קינד אַרום, און זי אָבגעלאָזט.

דבורה האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט.

בוכהאָלץ האָט נאַריש און קינדיש געשמייכלט.

נאָך פון דעם אַלעם איז נישט געווען וואָס צו עסען. די לוסטיגקייט און די באַוועגונגען אויפ׳ן פרייען פעלד האָבען נאָך מעהר גערייצט זייער הונגער, וואָס האָט שוין פון לאַנג געפאָ־דערט עסען, און די יונגען האָבען זיך דערפון נישט וויסענדיג גע־מאַכט צוליעב טאַקטישע גריגדע. דער ערשטער האָט זיך אָבגערו־פען וועגען עסען בוכהאָלץ, וועלכער, ווי אַ קינד, האָט נישט גע־קענט פערבאָרגען זיין ליידענשאַפט.

— פּוסט אין בויך, אַז די געדערים שרייען.

— בוכהאָלץ, וואָס איז דיר?

— וואָס מיינסטו, זיי וועלען נעהמען מיין ראָק פאַר אַ ברויט?

— ווער וועט געבען פאַר דער שמאַטע?

— וועל איך כאַפּען אַ ברויט און אַרויסלויפען, איך האָב שוין אַ מאָל אַזוי געמאַכט. גאַרנישט געטהון. אַז מען איז הונגע־ריג מעג מען, — זאָגט מען, — איך בין הונגעריג.

— איך אויך.

— און וואָס טהוט מען?

— איך האָב נאָך צעהן סענט, וועלען מיר קויפען פאַר זיי ברויט — זאָגט דבורה, — וועלען מיר אַלע צוריקגעהן צופוס.

— יאָ, דאָס איז גוט, אָבער ביין — כאַפּט זיך צוריק פרייער — נאָר פאַר פינף סענט. איהר מוזט פאָהרען — איז פלוצלינג פרייער געוואָרען עלעגאַנט.

— אַז געהן, זאָלען מיר אַלע געהן — באַשטעהט דבורה אויף ס׳איהריגע.

איך וועל אייך טראָגען אויף מיינע אַקסען — ווייזט בוכהאָלץ זיינע גרויסע, ווייסע צייהן און שמייכעלט.

— כ׳לעבען, ער קאָן עס.

און זיי לאָזען זיך אַלע דריי אַרויס פון פאַרק.

אַרויסגעהענדיג פון פאַרק און אָנקומענדיג אין גאַס, דערמאָנט זיך עפּעס דבורה.

— דאָ וואוינט דאָך ערגעץ־וואו מיס איזאַבעל, די לעהרערין, איך בין דאָך געווען ביי איהר, יאָ, אויף דער גאַס. איך האָב פער געסען דעם נומער.

— דערמאָנט אייך, געדענקט אין גאַס. און דערמאָנט אייך.

— נישט צוויי און פערציג, נישט דריי און פערציג, נאָר עפּעס פערציג.

— מיט וועלן זוכען אין אַלע פערציגערס.

— שאַט, ווייסט איהר וואָס, דאָ מוז דאָך אויך וואוינען דער רומענישער מאַשקאָוויטש. טאַקע ביי איהם אין שטוב זענען קיין מייז נישטאָ. ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל זיי זענען אַלע אויסגעפּגרט פאַר הונגער — זאָגט מיט חרטה פרייער.

— לאָמיר צוערשט געהן צו דער לעהרערין. אַז די לעהרערין וועט נישט זיין אין דערהיים, וועלן מיר אָוועק צום „רומענטשיק״— זאָגט בוכהאָלץ.

— אָבער אַזוי ווי דו זעהסט, בוכהאָלץ, קען מען זיך מיט דיר נישט אין קיין שטוב ווייזען. דבורה, טהוט אַ טובה און פערשטאַרט איהם דאָס העמד. מען קען זיך דאָך מיט איהם פאַר מענשען נישט ווייזען.

און דבורה האָט פערשטאַרט בוכהאָלצ׳ן דאָס העמד מיט

אַ „זיכערהייטס־נאָדעל", אַז מען זאָל זיין ברוסט נישט אַרויס־זעהען, און זיי האָבען זיך געלאָזט אויף געיעג צו בעקאַנטע, וואָ־רום זיי זענען געווען הונגעריג.

צוועלפטער קאַפּיטעל

קאַרל מאַרקס, לאַסאַל און „פרייהייט"

לאַנג האָבן זיי געזוכט מיס איזאבעל'ס אַדרעס, און אַז זיי האָבן זי געפונען, איז די טהיר געווען פערמאַכט. זי איז נישט געווען אין דערהיים.

— דיין מזל, בוכהאָלץ!

— מיינער?

— זעהסט דאָך.

— וואָס טהוט מען יעצט?

— לאָמיר געהן צום רומענטשיק.

— ווייסט, מען וועט קריגן דאָרט צו עסן?

— ווייסן ווייס איך נאָך נישט.

— און וואָס וועט זיין? — שטעהט בוכהאָלץ אַ פערצווייפעלטער, אַז דבורה מוז לאַכען.

— לאָמיר קודם־כל קויפען ברויט.

— יאָ, דאָס איז גוט.

דבורה איז אַריין אין אַ קראָם, וואו זי האָט געקויפט פאַר דעם געלד, וואָס זי האָט געהאַט, ברויט.

— ווייסט וואָס, בוכהאָלץ, מען וועט דאָס ברויט אַהינברענגען צום רומענטשיק — קומען מיר נישט מיט לעדיגע הענד.

— דאָס איז גוט.

— וועט נישט זיין וואָס צו עסען, וועלען מיר האָבען דאָס ברויט. אויף צוריקצופאָרן וועלען מיר שוין קריגען.

בוכהאָלץ האָט זיך אָבער געבעטען:

— אַ קליין שטיקעל, אַ ביסען נאָר.

דבורה האָט געהאַלטען דאָס ברויט.

— בוכהאָלץ, עס איז דאָך נישט שעהן צו קומען צו מענשען מיט אַן אָבגעביסען ברויט.

— גאָר אַ קליין שטיקעל, כ׳לעבען נישט פיעל.

— לאָזט איהם נעהמען אַ שטיקעל ברויט — בעט זיך פאַר איהם דבורה.

— עס וועט דאָך נישט שעהן אויסזעהן: מיר קומען מיט אַ ברויט צו מענשען, און עס איז „ארומגעטרימט״.

— גאָטהינג. די רומענטשיקעס זענען אונזערע מענשען — לאַכט בוכהאָלץ.

און דבורה ברעכט אָב אַ שטיק ברויט און גיט איהם.

— איך וועל נישט ברענגען דאָס ברויט. איהר וועט עס געבען. איך וויל גאָרנישט האָבען צו טהון דערמיט — בייזערט זיך פרייער.

— פרייער, זייט אַ גוטער — בעט זיך ביי איהם דבורה.

— געהערט? — קומען צו מענשען מיט אַן אָנגעהויבען ברויט — בייזערט זיך פרייער.

בוכהאָלץ האָט עס נישט אויסגעהאַלטען:

— ווי פּאַסט עס. עפּטער אַל, איינגאַנצען קומען צו אַ מענשען מיט אַ ברויט אונטער׳ן פאַלע — זאָגט בוכהאָלץ מיט אַ פול מויל, קייענדיג דאָס ברויט אינאיינעם מיט אַן עפּעל, וואָס דבורה האָט פאַר איהם געקראָגען אין געוועלבעל און אונטערגעשטופּט איהם. — וואָס פאַר אַן אַריסטאָקראַט ביזטו?

דבורה האָט צוריק איינגעוויקעלט דאָס אָנגעהויבענע ברויט אין פּאַפּיער און זיי זענען אַוועק צום רומענטשיק.

מאָשקאָוויטש האָט געוואוינט אין אַן אַלט שינדעל-הויז, וואָס איז געשטאַנען פערוואָרפען אויף אַן ענדע גאַס. לאַנג האָט גענומען, ביז זיי זענען דערגאַנגען און אויסגעפונען דאָס הויז, אַרויפקומענדיג אויף די טרעפּלעך, איז זיי אַנטקעגען געקומען אַ געשריי, אַ ליאַרם פון די קינדער, ווי גאַנצע מלחמות וואָלטען דאָרטען גע-

פיהרט געוואָרען. לאַנג זענען זיי געשטאַנען ביי דער טהיר. ווארום דורך דעם געוואַלד פון די קינדער האָט מען אינווענינ, זעהט אויס, נישט געהערט דעם טהיר־קלאַפּ. ענדלעך האָט זיי אַ פרוי געעפענט די טהיר.

— זעהט, ווער עס איז דאָ! קומט אַריין, פריינד, אָ, בוכהאָלץ, דער איז דאָך אויך דאָ. אראָבגעקראָכען פון בוידעם! און ווער איז די „באַרישניע" (מאַדאַם מאַשקאָוויטש, כאָטש אַ רומענישע, האָט ליעב געהאַט צו קאָקעטירען מיט רוסישע ווערטער) בוכהאָלץ? — האָט זי ביידע אָנגעקוקט.

— אונזערס אַ בעקאַנטע, מיס זלאַטניק, מיסעס מאַשקאָוויטש. מיר זענען אַריינגעקומען... מיר האָבען געמיינט... געמיינט — שטאַמעלט פריינד, און קען נישט געפינען קיין וואָרט — איז מאַש־קאָוויטש אין דערהיים?

— יאָ, נאָר זייט שטיל. רעדט נישט הויך. מאַשקאָוויטש אַר־בייט איצט ביי זיך אין קאַבינעט, און יעדער קליינער רויש שטערט איהם — זאָגט מרס. מאַשקאָוויטש, און דערביי האָט מען קוים גע־הערט די אייגענע שטימע דורך די געוואַלדען פון די קינדער, וועל־כע האָבען זייער ליאַרם אויפהויבען ביז אונטער'ן הימעל.

— אויב אַזוי וועלען מיר בעסער געהן.

— ניין, ניין, קומט נאָר אַריין, ער וועט באַלד פאַרטיג ווערען.

אָבער עס איז אונמעגליך געוועזען צו הערען אַ וואָרט, וואָס איינער האָט געזאָגט צום אַנדערען, צוליעב דעם געשריי פון די קינדער און ליאַרם, וואָס האָט זיך געהערט פון די אינווענינ־סטע שטובען, און יעדעס מאָל האָט מרס. מאַשקאָוויטש אַריינגע־שריען:

— קאַרל מאַרקס, הער אויף! — לאַסאַל, שטיל דיך איין, און ווענדעט זיך צו זיי און ערקלערט:

— דאָס מאַכט „פרייהייט" אַזעלכע געוואַלדען. נאָר מיר האָ־בען אַ פרינציפּ, קינדער נישט צו שטערען. מיר ערציהען די קינ־דער פריי.

אז זיי זענען אַריינגעקומען אין שטוב, האָבען זיי זיך ערשט

א׳בערצייגט פון מיסעס מאַשקאָוויטשעס פרינציפּ צו ערציהען די קינדער פריי. איינער פון זיי, אַ אינגעל פון אַ יאָהר זעקס, צי זיבען, מען האָט נישט געקענט וויסען זיין עלטער, ווייל דאָס גאַנצע פּנים׳ל איז געווען אויסגעשמירט מיט שוהוואַקס, אָנגעטהון אויפ׳ן קאָפּ דער מאַמעס הוט מיט פעדערען און דעם טאַטענס אַ וועסט. דער קליינער איז געזעסען אויף אַ שטויס מיט שטוהלען, וועלכע זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט ווי אַ פּיראַמידע, איינע אויף דער אַנדערער אויפן טיש. דאָס צווייטע קינד, אין נאַקעטע תחתונים, האָט געצויגען די שטוהלען פון אונטער דעם ערשטען אַזוי, אַז יעדען אויגענבליק האָט דער יונג געקענט אַראָבפּאַלען פון דער הויך און מזיק׳ן זיך. אַ מיידעל פון אַ יאָהר זעקס־זיבען, אין אַ העמד, האָט אַרויסגעשלעפּט פון קאָמאָד ריינע וועש צוזאַמען מיט שמוציגע קליידער, און געוויקעלט זיך פון זיי וואַלקעס. אין שטוב איז געווען אָנגעוואָרפען, און אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געוואַלגערט בעטגעוואַנד, גאַנצע און צובראָכענע טעלערס, לייכטערלעך.

— דעם! גיב אַ קוק, דער יונג וועט אַראָבפּאַלען און דעם קאָפּ זיך שפּאַלטען! — שרייט אויס בוכהאַלץ און וויל צוגעהן אַראָבנעהמען דאָס אינגעל פון דער שטוהלען־פּיראַמידע.

— פליעז, שטערט נישט די קינדער! דאָס האָבען זיי זיך אַליין פערפאַסט אַ דראַמע פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. דאָס שפּילען זיי זיך נישט גלאַט אַזוי. דאָס שטעלען זיי פאָר אַ שטיק.

— קאַרל מאַרקס, וואָס שפּיעלט איהר? — פרעגט די מאַמע דעם אינדיאַנישען מאַרקס, וואָס זיצט אויפ׳ן שפּיץ פּיראַמידע.

נאָר די קינדער האָבען זי נישט געהערט, ווייל פון די געוואַלדען און קלאַפּען און שרייען האָט מען נישט געהערט, ווער און וואָס איינער רעדט. זעהט זיך אויס, אַז די געוואַלדען און געשרייען האָבען ענדלעך געשטערט מאַשקאָוויטש׳ן. באַלד האָט ער זיך בעוויזען פון אַ צווייטען צימער און האָט איינגעשטילט די קינדער.

— מאַרקס, קום אַראָב! לאַסאַל — וועסט אויפהערען! פרייהייט — שטיל דיך איין! — האָט דער טאַטע געשריגען.

אַז די קינדער האָבען זיך אַ ביסעל איינגעשטילט און מען

האָט געקענט הערען, וואָס איינער רעדט צום אַנדערען, זאָגט פּרייער צו איהם:

— דו האָסט זיך פיין פערקליבען, מאַשקאָוויטש, קוים גע־קאָנט צו דיר דערגעהן.

— אין דעם הויז האָט עדגאַר פּאָ געוואוינט; אין דער שטוב דאָ, אויף דעם אָרט — ווייזט ער, ווי „פּרייהייט" האָט דער מאַ־מעס קליידער אַרומגעוויקעלט אַרום דעם טאַטענס ביכער — האָט וואַלט וויטמאַן די בעסטע ליעדער אָנגעשריעבען — זאָגט מאַש־קאָוויטש מיטשטאָלץ און שמייכעלט אין זיינע שוואַרצע וואָנסעלעך אַריין, און מאַכט זיך גלייך מיט דער האַנד זיין שוואַרץ־באַוואַק־סענעם קאָפּ האָר.

— וואָס בלאָפסטו ווידער? — וואַלט וויטמאַן, ווייסט די גאַנצע וועלט, האָט געוואוינט זיין גאַנץ לעבען אין ברוקלין, און עדגאַר פּאָ׳ס הויז קען יעדער איינער — זאָגט פּרייער.

— אַזוי! און אויף וואָס וועטסטו דיך מיט מיר, אַז אין דעם הויז האָט עדגאַר פּאָ געוואוינט דריי און צוואַנציג יאָהר, און אַז וואַלט וויטמאַן האָט דאָ געוואוינט דריי יאָהר? צוליעב דעם האָב איך עס דאָך געדונגען. ערשט נעכטען אין אָוונד איז ביי מיר גע־ווען דזשעק לאָנדאָן (יעדעס מאָל, ווען ער קומט אין ניו־יאָרק, קומט ער צו מיר. מיר האָבען געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט), און ער האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל מאַכען אַ טויש מיט איהם מיט דעם הויז אויף זיין גוט, וואָס ער האָט אין קאַליפאָרניע — די כּפּרה ווערט ער פאַר דעם הויז.

— נאָר דו ווילסט נאָך געשט? וועל, קען שוין זיין. אָבער לאָמיך געמאַכט מיט׳ן הויז. זאָג בעסער, מאַשקאָוויטש, איז נאָך עפּעס איבערגעבליבען פונ׳ם וויין, וואָס דזשעק לאָנדאָן האָט ביי דיר געטרונקען? מיר זענען אַלע דורשטיג. ברויט האָבען מיר מיט־געבראַכט מיט זיך.

— ס׳מוז נאָך דאָרט זיין — זאָגט מאַשקאָוויטש פערלעגען — וואו האָסטו דאָס ברויט?

— דער יונג האָט אַ שטיק אָבגעביסען אויפ׳ן וועג — איך

בין נישט שולדיג — זאָגט פרייער, איבערגעבענדיג דאָס ברויט דער מאַדאַם מאָשקאָוויטש.

— דאָס האָט איהר גוט געטון — זאָגט מאַדאַם מאָשקאָוויטש — מאַרקס, לאַסאַל, פרייהייט!

— פאַרוואָס האָסטו זיי געגעבען אַזעלכע משונהדיגע נעמען? — פרעגט פרייער.

— איהם וועל איך ענדערען דעם נאָמען — ווייזט ער אָן אויף מאַרקס'ן — איך וועל איהם געבען אַ ליטעראַרישען נאָמען, נישט קיין פּאָליטישען. איך וועל איהם רופען וואָלט וויטמאַן, אָדער אפשר גאָר דזשעק לאָנדאָן, אויף מיין פריינד'ס נאָמען. און איהם — ווייזט ער אָן אויף לאַסאַל'ן — וועל איך אויך ענדערען דעם נאָמען. (איך בין אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסט, היינט בין איך דאָס שוין נישט). איך וועל איהם רופען איסאַי. ווייסט איהר פאַרוואָס? איסאַי אַליין האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל דאָס אינגעל רופען מיט זיין נאָמען, איסאַי האָט איהם געהערט שפּיעלען, האָט ער זיך אָנגערופען צו מיר:

— מאָשקאָוויטש — זאָגט ער — איך בין אַן אַלטער מאַן. איך האָב קיינעם נישט אין דער וועלט. רוף דיין קינד אויף מיין נאָמען, און ווען איך וועל שטאַרבען, וועל איך איהם איבערלאָזען מיין פיעדעלע אַלס ירושה. מעהר האָט ער גאָרנישט געזאָגט, נאָר אויסגעדרעהט זיך צו דער וואַנד און אָבגעווישט זיך אַ טרעהר מיט'ן טיכעל, און צוריקגעדרעהט זיך פון דער וואַנד און איז צוגעגאַנגען צו איהם און האָט איהם געגעבען אַ קוש אין קאָפּ. האָב איך צו איהם געזאָגט: — מאָן אַמי, איסאַי — סע וואָטר פיס, — און איך וועל האַלטען וואָרט. נאָר זי — ווייזט ער אויפ'ן מיידעל — וועט ווייטער הייסען „פרייהייט", וויל דער נאָמען געפעלט מיר. די פּאַוולאָוואַ, גיזשינסקאַ, די פּאָקינס האָבען זי געזעהן טאַנצען, האָבען זיי מיך אַלע געבעטען, אַז זי זאָל אַזוי הייסען: פרייהייט! — פערשטעהסט? „פרייהייט — טאַנצט", באַקסט מאַלט פאַר איהר אַ קאָסטיום אַלס „פרייהייט" אינגאַנצען אין רויט. איזאַדאָראַ דונקאַן קומט יעדען טאָג צו מיר, לאָזט מיך נישט צורוה, און בעט מיך, איך זאָל איהר געבען „פרייהייט" אין איהר שולע,

אַז זי זאָל טאַנצען מיט איהר. איך זאָג איהר: „איזאַדאָראַ, „פרייהייט" איז נישט פאַר דיר. דו האָסט דיין קלאַסישען ריטם, דו האָסט נאָכגעקוקט די גריכישע פיגורען פון די גריכישע טעפּ, און מאַכסט זיי נאָך, און פרייהייט — איז רעוואָלוציע! זי האָט דעם אָפּגעהאַקטען ריטם. זי וועט נישט האַרמאָניערען מיט דיר, ווייל איזאַדאָראַ דריקט אויס דעם גייסט פון קלאַסיציזם, שטייף, גלייכע ליניע, און פרייהייט — דעם גייסט פון אונדזער צייט, די קורצע, אָבגעהאַקטע ליניע. „מאַן אַדאָר" — רופט ער צו דאָס מיידעל אין אַ שפּראַך פון זייער אייגענער ערפינדונג, און הויבט אָן צו ברומען אַ מאָטיוו און געהט צו צו דעם קלאַוויר אין דער צווייטער שטוב און קלאַפּט אויף די קלאַווישען.

אין אַ סעקונדע האָט פרייהייט אַראָבגעצויגען פון זיך דאָס העמד, און אַ נאַקעטע, ווי די מוטער האָט זי געבוירען, האָט זי אָנגעהויבען אויספיהרען אייניגע פיגורען, צווישען אָנגעוואָרפענע שטוהלען, בעטגעוואַנד, קליידער און ביכער.

— רונד, קלאַסיש, גראַציעז — האָט די מוטער איהר געוויזען מיט דער האַנד און האָט אויפגעהויבען אַ בוך פון דער ערד און געוויזען איהר א צייכנונג פון אַ נאַקעטער טאַנצענדער פיגור.

— וואָס ווילסטו פון איהר? — איז מאָשקאָוויטש אַריינגעקומען צו לויפען פון קלאַוויר — לאָז דאָס קינד טאַנצען! אָט די אָבגעהאַקטע ליניע, דאָס איז פרייהייטס כאַראַקטעריסטישע ליניע.

— נאָ, נאָ, די רונדע, די אויסגעצויגענע. די פער׳חלום׳טע, די פערשלייערטע — דאָס איז פרייהייטס כאַראַקטעריסטישע ליניע.

נאָר פון דעם אַלעם זענען די יונגען נישט זאַט געוואָרען, און בוכהאָלץ האָט זיך מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען און זיך אָנגערופען אין סאַמע ריכטיגען ברען צווישען מאַן און ווייבס דיספּוט וועגען פרייהייטס „כאַראַקטעריסטישע ליניע".

— מענשען, אפשר האָט איהר אַ גלאָז וואַסער אין שטוב?

— טאַקע אַזוי! וואו האָסטו דעם נעכטיגען ווין? — האַלט אונטער פרייער.

און די גאַנצע „כאַראַקטעריסטישע ליניע" פון פרייהייט איז צושטערט געוואָרען.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז „דזשעק לאָנדאָן", דער „שכור", האָט דעם גאַנצען וויין אויסגעטרונקען, און ער האָט אפילו נישט איבערגעלאָזט אַ ביסעל פון די „פיש" און „פלייש" און אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס זיי האָבען שטענדיג אין שטוב.

— ווייסט איהר אפשר, מענשען, וואו די טיטשערין מיס פלירסטער וואוינט? מיר מוזען דאָך אַהיימפאָהרען.

— יאָ, דאָ נישט ווייט, זי קומט אַריין צו אונז אפשר צעהן מאָהל אין טאָג. — און ער האָט זיי דעם אַדרעס געזאָגט, און זיי זענען אַלע געגאַנגען צו דער מיס פלירסטער.

צוערשט איז דבורה אַהין אַריין, אום זי זאָל זיך נישט דערשרעקען פאַר אַזאַ כאַליאַסטרע. זי וועט בעטען פון דער לעהרערין, אַז זי זאָל איהר בּאָרגען אַ דאָלאַר. זי איז מיט צוויי בעקאַנטע אין דרויסען, און עס האָט זיך געמאַכט, אַז זיי האָבען נישט קיין געלד. אָבער מיס איזאַבעל איז מיט אַ פריידיג איינלאַדענד געלעכטער אַליין אַרויסגעלאָפען און אַרייננגערופען דעם עולם.

— העלאָ, בּוכהאָלץ, העלאָ, פרייער — קומט נאָר אַריין, אַי נאָו, מיט מיר טרעפט זיך אויך צייטענווייז אַזוי.

פאַר זיי איז געבליבען שטעהן אַ ליכטיגער פּאַרשוין, מיט אַ שייטעל־אַרטיג פערקעמטען קאָפּ האָר, מיט שמאָל־לענגליכע מאַנדעל־אויגען, אָנגעטהון אין אַ זיידענער יאַפּאַנישער קאָמאָנע, האָט זי אויסגעזעהן גיכער ווי אַ יאַפּאָנקע, איידער אַ אידישע. אידיש האָט זי גערעדט מיט אַן אַמעריקאַנער אַקצענט און אַלעמען געזאָגט „דו".

פרייער'ן האָט זי געקענט און פון בּוכהאָלצ'ן געהערט.

— איך האָב געהערט פון דיר, מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו „ביזט" אַ גרויסער אַרטיסט.

בּוכהאָלץ איז רויט געוואָרען ווי אַ אינגעל. און דער גרויסער אומגעלומפּערטער יונג האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען.

— ווער האָט געזאָגט?

— איך האָב שוין געהערט. פון וואַנען קענסטו זיי, ליטעל דבורה?

דבורה האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען.

קיין בעטען זענען אין איהר שטוב נישט געווען. אַ סאָפע ביי דער וואַנד, אַ צוויי-דריי-יאַפּאַנישע בילדער אויף דער וואַנד, אַ יאַפּאַנישע פּלאַנצונג אין אַ יאַפּאַנישער וואַזע, אַ צוויי-דריי פּערוועלקטע וואַלד-שטעכערס, אַ טישעל אויף דריי פיסלעך אין מיטען דער שטוב, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען אַ היימיש מעשען לייכטע-רעל מיט אַ שטיקעל ליכט, און אַ צוויי-דריי געפלאָכטענע שטוה-לען — דאָס איז געווען איהר גאַנץ מעבעל.

געזעצט האָט מען זיך, וואו עס האָט זיך געלאָזט. אויף דער ריינער, שטרוי-געפלאָכטענער, יאַפּאַנישער ראָגאָזשע, וואָס איז גע-לעגען אויף דער ערד, און די יאַפּאָנקע איז אַריין אין קיך, מיט-גערופען דבורה׳ן, און אימפּראָוויזירט פאַר זיי אַ לאָנטש פון דעם, וואָס איז געווען אין שטוב: סאַלאַט, טאָמאַטען און אָליווס און קליינע שטיקלעך ברויט אויפ׳ן שפּיץ מעסער. נאָר די יונגען האָ-בען געגעסען מיט אַפּעטיט, אַ ביסעל שעמענדיג זיך פאַר דער טיטשטערין און דערנאָך האָט זי זיי געגעבען אויף קאַרפעיר אַהיים-צופאָהרען.

— און קום אַריין, ווען דו ווילסט, בין איך נישטאָ אין דער-היים — די טהיר איז שטענדיג אָפען. איך פערשליס קיינמאָל נישט מיין טהיר. שאַדט נישט, קום אַריין און נעהם דיר, וואָס דו ווילסט. מאַך דיר צו עסען, וואָס דו געפינסט — האָט זי געזאָגט „דו", רעדענדיג צו אַלע.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין שטאָדט אַריין. און ווען זייענען זיך צעגאַנגען, האָט בוכ-האַלץ געהאַלטען אַ לאַנגע ווייַלע דבורה׳ס קליינע האַנד אין זיין גרויסער לאַפּע און האָט געשמייכעלט. ווייזענדיג זיינע גרויסע אונ-היימליכע צעהן, און האָט קיין איין וואָרט נישט געקענט אַרויס-ברענגען. פריייער, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, האָט ציניש בעמערקט:

— נו, וואָס שטעהסטו ווי אַ ליימענער גולם? זאָג, וואָס דו ווילסט. זעהסט דאָך, אַז זי וואַרט אויף דערויף.

— וועסט שווייגען? — האָבען בוכהאָלצ'ס אויגען מיט אמאָל אָנגעהויבען צו פינקלען, און ער האָט אויסגעשפּיגען און — איז ענטלאָפען.

נאָך דער פייערליכער סצענע זענען זיך דבורה און פריי־ער צוגאַנגען אין צווי בעזונדערע וועגען, אָהן אַ וואָרט אויסצו־רעדען.

אַז דבורה איז אַהיימגעקומען, האָט זי שוין געפונען, אַז אין קעלער זענען שוין אַלע געשלאָפען. דער קעלער איז געווען פער־שלונגען פון שאָטענס, פון בעטען און פערשלאָפענע מענשען מיט לאַנגע בייגער. פון אומעטום האָט זיך געהערט די שטימע פון שלאָף, פון אַ טאָג זאַטע אַרבייט. נאָר ביי דער וואַנד, וואו די גאַז־רעהר האָט זיך געלויכטען, האָט זיך אויסגעצויגען אַ לאַנגער, דאַרער שאָטען פון אַן איינגעהויקערטער פרוי. דאָס איז די מוטער געשטאַנען פאַר'ן סינק און געוואַשען די אויסגעטהוענע הויזען און העמדער פון איהרע קינדער, פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג.

אין דעם שאָטען אויף דער וואַנד האָט זי אָנגעזעהן איהר מוטערס מידקייט און אַלטקייט, מעהר ווי אויף איהר אַליין. דער אויסגעמוטשעטער שאָטען אויף דער וואַנד, מיט דעם לאַנגען, אויס־געצויגענעם האַלז, די דאַרע, טאָרבעדיקע ברוסטען, וואָס האָבען זיך איצט אַרויסגעזעהן, און דער איינגעבויגענער רוקען, דער איינ־געהויקערטער, גרויסער רוקען, וואָס האָט אין שאָטען פערנומען אַ האַלבע וואַנד, האָט זיך געדאַכט, טראָגט אויף זיך משאות, נישט געזעהענע. דער רוקען האָט געטראָגען... אַ רחמנות האָט דבורה'ן אַרומגענומען אויף איהר מוטער. זי האָט געוואָלט צו איר צוגעהן און זי אַרומנעהמען און קושען זי, און וויינען, וויינען אויף איהר ברוסט. זי האָט עס אָבער נישט געטהון. אָנשטאָט דעם איז זי נאָר צוגעגאַנגען און האָט די מוטער אָבגעשטופּט פון סינק מיט אַ בעוועגונג.

— לאָז מיך פערענדיגען די וועש.

— געה דיך לעגען. ביזט מיעד. אַרומגעשלעפּט זיך אַ גאַנ־צען טאָג.

— איך בין נישט מיעד. איך האָב הייגט נישט געאַרבייט —

האָט דבורה געזאָגט, און אַרויפגעשאַרצט די אַרבעל פון איהר קאַפטענדעל.

— טהו אויס דעם קאַפטען, וועסט איהם נאַס מאַכען.

דבורה האָט אויסגעטהון דעם קאַפטען און אַוועקגעשטעלט זיך ביים סינק אויף דער מוטערס אָרט.

צוזאַמענגענס איז דבורה נישט אַוועק אַרבייטען צו די זאַל־קינדס, נאָר האָט זיך געפעדערט גאַנץ אין דערפריה, כדי זי זאָל זיין איינע פון די ערשטע, און איז אַוועק אין יוניאָן־אָפיס נאָכפרעגען זיך אויף אַרבייט. עס איז געווען אין די הייסע זומער־טעג, אַ סך אַרבייטער־מיידלעך זענען געווען אויף וואַקאַציע, און די באָסעס האָבען צוגעגרייט סטאַק אויפ׳ן הערבסט־סעזאָן. און נאָך אַ טאָג אַרומלויפען, איז עס איהר געלונגען צו קריגען אַרבייט אין אַן ענגען, פייער־געפעהרליכען שאפ, מיט הונדערטער איהרס גלייכען.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

שכנים

אויף די טרעפּלעך פון קעלער איז האַלב געלעגען האַלב געזעסען אַנשעל מיט דער באָרד־בעוואַקסענער ברוסט אַרויס פון אויפגעפּראַלטען העמד, האָט שווער געאָטעמט, געווישט זיך מיט איין האַנד מיט'ן טיכעל דעם שוויס־פּייכטען האַלז און נאַקען, און מיט דער צווייטער האַנד — זיך געפאָכעט מיט אַ פּעכער.

מיט דער נאַכט איז געקומען אַן ערלייכטערונג. די בלייערנע לופט, וואָס איז געשטאַנען ווי אַן אונגעזעהענע מויער און האָט אַלעס געדריקט צו דער ערד, איז שיטערער געוואָרען. די ביינער און גליעדער אין'ם מענשליכען קערפּער זענען טרוקענער געוואָרען און מעהר אָנגעבונדען צום ווילען פון'ם מענשען. אָבער די מענשען זענען געוואָרען אַזוי אויסגעמאַטערט פון דער טאָגהיץ, אַז עס האָט זיך זיי נישט געגלוסט צו בעוועגען זיך, עפּעס צו וועלען. דאָס אייניציגע, נאָך וואָס יעדער האָט גע'חלש'ט, איז געווען — וואַסער. די קינדער מיט די פערשמיערטע פּנים'ער, האָבען אויפ'ן היימיש־איינגעאָרדענטען שטייגער מיט שטריקלעך אַרויפגעשיקט צו די פּעטערס אין די פענסטער די קאַנליקס ביער. אין די הייזער איז נאָך מעהר אונמעגלעך געווען אויסצוהאַלטען. די מויערען, וואָס האָבען געהאַט איינגעזאַפּט אין זיך די היץ פון אַ גאַנצען טאָג, האָבען איצט, אין אָווענד, אַרויסגעגעבען פון זיך אַזאַ חמימה, ווי פון אַ קאַלך־אויווען. ווייבער אין די אונטערקליי־

דער, מענער אין די פידזשאַמעס — נישט צו שעמען זיך, האָבען געטראָגען דאָס בעטגעוואַנד פון די הייזער און געזוכט זיך אַ ווינקעל, וואו דעם קאָפּ אַוועקצולעגען אויף דער גאַס. ווער אויף די פייער-לייטערס און ווער אויף די באַלקאָנען. די איינציגע לעבעדיגע און בעוועגליכע זענען געווען די אינגלעך אין דער אָפענער גאַס. זיי האָבען געקליעבען אין די קאַסטענס די פּאַפּיערען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט, אויפגעקליעבען און אָנגעצונדען פייערען, אָדער געקרוגען פון ערגעץ־וואו בלעכען פון אַש קענס, און געשאַלט מיט זיי. דאָ און דאָרט האָט זיך פון אַ קאָרידאָר געהערט אַ לאַכען פון שפּילענדע יונגוואַרג, אָדער אַ שטימע האָט גערופען פון גאַס אין אַ פענסטער:

— סעמי, סעמי, טעיק די קערידזש אַפּסטעז.

עס איז שוין שפּעטליך געוואָרען. די עלעקטרישע ליכטער פון די קינעמאַטאָגראַפען האָבען זיך שוין אויסגעלאָשען. דער לעצטער עולם איז שוין אַהיימגעגאַנגען. די סאָדע-וואַסער-קראָמען האָבען זיך אויסגעלעדיגט — און קיינעם איז נישט איינגעפאַלען צו געהן שלאָפען. פּערקעהרט, ערשט איצט, ווען די אָווענד-לופט האָט אָבגעקיהלט די היץ — האָבען די אויסגעמוטשעטע מענשען אָבגעאָטעמט, זיי האָבען ערשט איצט אויפגעלעבט, זיך אָנגעהויבען דורכצורעדען פון דער גאַס אין פענסטער אַריין.

פון אַקעגענאיבערדיגען פענסטער האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ גראַמאָפאָן שפּיעלען אַ אידיש־חזניש שטיקעל. דער עולם פון די פענסטער, פון די באַלקאָנען, פון די פייער־לייטערס, פון די טרעפּלעך האָבען זיך שטיל צוגעהערט. אויך אַנשעל אויף די טרעפּלעך פון קעלער האָט זיך צוגעהערט צום חזנישען שטיקעל, וואָס דער גראַמאָפאָן האָט געשפּיעלט, און ער האָט אַריינגערופען אין קעלער אַריין:

— שרה רבקה, שרה רבקה, קום נאָר אַרויס.

שרה רבקה האָט זיך אָבער נישט אָנגערופען. זי איז געווען אַזוי אויסגעמוטשעט פון דער חמימה, אַז זי איז געלעגען אויפ'ן שעניק און האָט זיך נישט געקענט ריהרען.

— שרה רבקה? — האָט אַנשעל ווידער גערופען, ווען דער גראַמאָפאָן האָט געזונגען אַ ימים־נוראים'דיג שטיקעל.

— וואָס ווילסטו? — איז שרה רבקה ענדליך אַרויסגעקו־מען מיט אַ צוגעבונדענעם קאָפּ.

— הער דיך איין — האָט אַנשעל געזאָגט.

— אוי, עס געהט טאַקי באַלד דערצו — האָט שרה רבקה געענטפערט מיט אַ קרעכץ אויפ'ן גראַמאָפאָן.

— ווער איז דאָס? — האָט אַ אידענע אָראָבגעפרעגט איהר מאַן פון דעם אָפענעם פענסטער אויף דער אָפענער גאַס אַראָב.

— עס איז דער וואַרשעווער חזן — האָט דער מאַן געענט־פערט דעם ווייב פון דער אָפענער גאַס אין אָפענעם פענסטער אַריין.

— עס שטעהט טאַקי אין פייפער פון איהם — האָט אַנשעל געזאָגט צו שרה רבקה'ן.

— האָט ער אַ בייזע גבורה! — האָט אַן אַנגעזעהענע אי־דענע געזאָגט, — אַז קיין עין הרע זאָל איהם גאָרנישט שאַדען.

— געהט שוין, יענער נעהמט אפשר טויזענד דאָלאַר פאַר אַ שטיקעל אַריינצוזינגען אין גראַמאָפאָן — ענטפערט איהר אַב אַ צווייטע.

— וואָס מיינסטו, שרה רבקה, אונזער חזן, בערעל שוחט, וואָלט נישט געקאָנט אַריינזינגען אַ שטיקעל אין דער מאַשין אַריין? — איז אַנשעל פאַרטיג געווען אַריינצולאָזען זיך אין אַ געשפרעך.

— איך וויים נישט — האָט שרה רבקה אָבגעענטפערט מיט אַ קרעכץ.

— וואָס וויסטו נישט? — וואָס קרעכצסטו אַ גאַנצען אָוועגד? וואָס ביזטו געזעסען אַ גאַנצען טאָג ביי דער מאַשין?

— איך וויים נישט, וואָס עס איז מיר, זייט אַ צייט האָב איך אַ שטעכעניש אין אַ זייט, אַז איך קען זיך נישט ריהרען.

— איך וויים, פון וואָס עס קומט — דאָס קומט פון דער לעבער — האָט זיך אָנגערופען אַן אָנגעזעהענע אידענע, וואָס

האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווי־שען אַנשעל'ן און זיין ווייב אויף די טרעפּלעך פון קעלער.

— דאָס קומט אַלעס פון דער פערגרעסערטער לעבער, מיין מאַמע, עליה השלום, האָט עס אויך געהאַט.

— מיין דאָקטאָר זאָגט, אַז עס קומט פון רעוומאַטיזם. מיין מאַן האָט אַ „לאָדזשען"־דאָקטאָר, איז ער איין דאָקטאָר אין דער וועלט — רופט זיך אָן אַ צווייטער אַנגעזעהענער עדות פון דעם געשפּרעך.

— מיסעס זלאָטניק, איהר זאָלט זיי גאָרנישט הערען, פאָלגט מיך, פאָהרט אַרויס קיין קוני־איילענד און נעהמט אַ פּאָר ים-בע־דער, וועט אייך באַלד דאָס שטעכעניש אַוועקגעהן, — האָט איהר אַ אידענע אָן עצה געגעבען דורך אַ פענסטער.

שרה רבקה האָט זיך שוין געהאַט איינגעלעבט מיט די שכנים, און אַלע האָבען זי געקענט. נאָר אָן אומגליק אין אַמעריקע: איי־דער מען בעקענט זיך מיט אַ שכן, מען געוואוינט זיך צו צו איהם, מען בעפריינדעט זיך — נעהמט יענער און מופט אַרויס און עס קומט אַריין אַ נייער שכן, וואָס מען קען זיך נישט, און עס הויבט זיך אָן אַ קריגעניש צום ערשט.

אַנשעל האָט געהאַט פאַר זיי אַ נאָמען פון דער תורה: „אשר לא ידע את יוסף" — פלעגט ער אָנרופען יעדען נייעם שכן, וואָס האָט אין הויז אַריינגעמופט. אָבער אין אַמעריקע לעבט מען זיך באַלד איין, און דאָס גאַנצע הויז, כאָטש בעקאַנטע נישט בעקאַנ־טע — נעהמט אָנטייל אין יענעמס מזל. מען ווייסט פון אַלעם, וואָס טהוט זיך ביי יענעם אין טעפּעל, און נישט נאָר אין דעם הויז, נאָר אין דעם גאַנצען בלאָק האָבען אַלע געקענט די „גרינע" מיסעס זלאָטניק (מען האָט אַלץ גערופען שרה רבקה'ן די „גרינע", ווייל זי האָט זיך געפיהרט ווי אין דערהיים מיט שבתים און ימים טובים), — אַלע האָבען געוואוסט, אַז די מיסעס זלאָטניק האָט אַ סך קינדערלעך — די זלאָטניק'ס באַיטשיקלעך האָבען גע'שם'ט אין דער גאַנצער סטריט, אַלע האָבען געקענט אַנשעל'ן און דרך-ארץ געהאַט פאַר איהם. און אַלע ווייבער האָבען געלויבט מאָזעס'ן, וואָס „ער האַלט די מוטער ווי אַן אויג אין קאָפּ", און ווען די

חייבער האָבען געהערט דורך די אָפענע פענסטער, אַז שרה רבקה קלאָגט זיך אויף איהר זייט-שטעכעניש, האָבען זיי איהר אומגע-בעטענע עצות געגעבען. איבעריגענס איז אין דעם פרט שרה רבקה נישט געווען קיין אויסנאַהם. זיי וואָלטען יעדען שכן אַזעלכע נישט-געבעטענע עצות געגעבען. די אָרימקייט קלעפּט צונויף און די נויט פערבינדט...

צומאָרגענס, ווען מען האָט זיך בעדאַרפט אויפהויבען, אַנגריי-טען פריהשטיק פאַר די „מאַנספערשוינען", האָט שרה רבקה נישט געקאָנט אַרויסגעהן פון בעט. עס האָט שוין דאָס געטראָפען מיט איהר אייגענע מאָהל דעם זומער. וויפיעל זי האָט זיך נישט בע-מיהט, זענען דאָך די פיס געווען ווי שטיינער-בליי, איבער וועלכע זי האָט קיין שליטה נישט געהאַט. אַנשעל האָט אפילו אַריינגע-ברומט צו איהר אין בעט.

— ליג, שרה רבקה, וועסט איבערליעגען דעם טאָג, וועט דיר בעסער ווערען.

אָבער — וועה איז איהר, אַז זי ליגט אין בעט, ווען אין שטוב איז קיינער נישטאָ, ווער עס זאָל עפּעס טהאָן — האָט זי עס דאָך געהויבען פון געלעגער. עס איז דאָך איהר געווען א רחמנות אויף אַנשעל'ן, אויף דבורה'ן און די אַנדערע אַרבייטער, אָבער וואָס קאָן זי מאַכען, אַז די פיס פאָלגען זי נישט.

האָט דבורה און דאָס קלענסטע שוועסטערעל, מאַשע, וועל-כע האָט דער מאַמען לעצטענס פיעל געהאָלפען אין בעל-הבתיש-קייט, געגרייט צום טיש און געמאַכט א קאַווע און די „סענדווי-טשעס", מיטצונעהמען אויף „לאָנטש".

— ווער וועט וואַשען דאָס געפעס? עס שטעהט נאָך פון נעכטען.

אין קעלער ביי שרה רבקהן איז שטענדיג געווען א פּראָב-לעם, ווער עס זאָל וואַשען דאָס געפעס. וואָרום אין די לעצטע צייטען איז שרה רבקה אין די אָווענדען אַנידערגעפאַלען אַזאַ מיע-דע, אַז זי האָט נישט געקענט וואַשען דאָס געפעס, און איבערגע-לאָזט עס אויף מאָרגען. געהען די באַטשיקלעך אין סקול איז פערפאַלען, מוז זי שוין וואַשען. געהען זיי אָבער נישט אין סקול —

האָט דער גרויסער יונג סאָלאָמאָן איינגעפיהרט, אַז די באָיטשיקעס זאָלען וואַשען, אַזוי פיהרט מען זיך אין „אַלע אַמעריקאַנישע היי־זער" — האָט ער געזאָגט. נאָר די באָיטשיקלעך האָבען געפונען אַ גוטע סגולה נישט צו וואַשען דאָס געפעס. אַז עס איז געקומען צו וואַשען דאָס געפעס, זענען זיי מיט אַמאָל פרום געוואָרען און זיך אָוועקגעשטעלט דאַווענען... און אַזוי ווי זיי האָבן געוואוסט, אַז די מאַמע וועט זיי נישט אָוועקנעהמען פונ'ם דאַווענען — וועט זי שוין אַליין איבערוואַשען דאָס געפעס.

אַזוי אויך דאָס מאָל, אַזוי ווי זיי האָבען געהערט פון געפעס, האָבען זיי זיך באַלד געכאַפּט צו די סדורים. נאָר דאָס מאָהל האָט זיי נישט געהאָלפען. אַנשעל איז בייז געוואָרען און געגעבען אַ פאַטש איינעם און אַ שטורך דעם צווייטען.

— גיב נאָר אַ קוק, מיינע צדיקים. מיט אַמאָל זענען זיי פרום געוואָרען. אַז די מאַמע איז קראַנק, ווערן זיי פרום.

— אַנשעל, איך וועל שוין וואַשען דאָס געפעס — האָט שרה רבקה אויסגערופען פון בעט — איך געה באַלד אַרויס.

די באָיטשיקלעך האָבען איצט רחמנות געקראָגען אויף דער מאַמען, און נישט געלאָזט די מאַמע אַרויסגעהן פון בעט.

— מיר'ן שוין וואַשען דאָס געפעס, מאַ — און זיי האָבען געמאַכט אַן ענדע מיט'ן דאַווענען און אָוועקגעשטעלט זיך וואַשען דאָס געפעס. איינער האָט געוואַשען, דער צווייטער האָט געווישט און אָהן ווערטער זיך געקאָפּעט מיט די פיס.

אַז עס איז שפּעט געוואָרען און מען האָט געדאַרפט אַרויסגעהן אין סטריט איינקויפען אויף סאַפּער — האָט זיך שרה רבקה געזאָגט: וואָס ליג איך?! וואָס פאַר אַ יום־טוב מאַך איך מיר? — און האָט אָנגעהויבען אַרויסקריכ'ן פון בעט. האָט עס איהר אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די אויגען און זי איז צוריקגעפאַלען. אין שטוב איז קיינער נישט געווען. די עלטערע קינדער זענען ביי דער אַרבייט און די קלענערע קינדער — אין גאַס, האָט זי געוואַרט, ביז מאַשע איז אַריינגעקומען, האָט זי איהר געזאָגט:

— געה, רוף מיר אַ שכנ'טע.

מרס. באַרקין איז געווען אַ דיקליכע, גוטמוטיגע גאַליציאַ־נערין, איז יענע אַריינגעקומען מיט אויפגעשאַרטע אַרבעל און אַ צעפלאַמט פּנים. זי האָט פּונקט געהאַלטען אין עפּעס אָפּבראָטען.

— וואָס איז אייך, מיסעס זלאָטניק?

— איך ווייס נישט, עס שווינדעלט מיר פאַר די אויגען, און דאָ האָב איך נאָך גאָרנישט איינגעקויפט אויף סאַפּער. עס ווערט שפּעט.

— עס קומט אַלעס פון דער לעבער. מיין טאַנטע, עליה השלום, האָט עס אויך געהאַט. אַ פּאָר זאַלץ־בעדער וועלען עס אייך אַלעס אַוועקנעהמען. ליגט, ליגט, באַוועגט אייך נישט.

— און ווער וועט מיר אָפּקאָכען? זיי וועלען דאָך קומען הונגעריגע.

— ליגט, ליגט, מען וועט שוין אָפּקאָכען. איך גיה באַלד אין סטריט אַרויס — האָט אייער אַלטער ליעב לעבער? — האָב איך געזעהן ביים בוטשער קאַלבס־לעבער, פרישע — עס שמעקט. אַ שאָד, וואָס איך מאַך היינט געפּעקעלט פלייש. זאָל איך אייך ברענגען אַ פונט לעבער? איך האָב אַ שטשאַוו־באָרשטש פון נעכ־טען. איך וועל איהם אייך אַריינברענגען, מיט קאַרטאָפלעס וועט ער זיין אַ מחיה.

— איהר וועט דאָס מאַכען?

— מען וועט שוין מאַכען, מען וועט שוין מאַכען, ליגט, ליגט, אָט ברענג איך אייך באַלד דעם באָרשטש אַריין.

און די אידענע איז אַרויסגעלאָפען און אַריינגעבראַכט אַ טאָפּ מיט באָרשטש, און איז ווידער אַרויסגעלאָפען און אַריינ־געבראַכט אין טעפּעל פרישען בוליאָן, וואָס זי האָט גענומען פון דעם רומענישען רעסטאָראַן פאַר דער „קראַנקער שכנ׳טע“. און איז ווידער אַרויסגעלאָפען און האָט אַריינגעבראַכט אַ צווייטע אידענע, די מיסעס ראַבינאָווישט פון אויבערשטען שטאָק. די מיסעס ראַ־בינאָוויטש, וואָס האָט געהאַלטען פון רעוומאַטיזם און רעקאָמענדירט פאַר שרה רבקה׳ן איהר מאַנ׳ס לאָדזשען־דאָקטאָר און האָט באַלד אַריינגעבראַכט אַזאַ פלעשעל מיט שמירעכץ, וואָס איהר לאָדזשען־דאָקטאָר האָט איהר פערשריבען, וואָס נעהמט אַלע קרענק אַוועק

פון אונטער דער האנד. אָבער די מיסעס באַרקין האָט זי נישט גע־לאָזט לאַנג באַלעמוטשען.

— מיסעס ראַבינאָוויטש, איהר נעהמט זיך דעם קעלער צו־ראַמען, און איך וועל געהן אַריינברענגען עפּעס צוצושטעלען פאַר די „מאַנספּערשוינען“, אַז זיי וועלען קומען פון דער אַרבייט.

— מאַשע, וואו איז מאַשע? — האָט שרה רבקה גערופען פון בעט.

— איך וועל שוין אַריינרופען מאַשע׳ן, איהר ריהרט זיך נישט און רעגט זיך נישט אויף, וואָרום פון אויפרעגען ווערט די לעבער פערגרעסערט. עס איז אַלעס „נערוועז“ — האָט מיסעס באַרקין גע־זאָגט און געכאַפּט דאָס טוך און איז אַרויס אויפ׳ן סטריט. און מיסעס ראַבינאָוויטש פון איבערשטעגן שטאָק האָט זיך גענומען אויפראַמען דעם קעלער.

באַלד איז מיסעס באַרקין געקומען און מיטגעבראַכט מאַשע׳ן פון דער סטריט און זי אָװעקגעזעצט אָבשיילען קאַרטאָפלעס און אַליין האָט מרס. באַרקין זיך גענומען אָבצוקאָכען סאַפּער. נישט אויפהערענדיג צו רעדען וועגען דער לעבער און פון איהר מאַמע, עליה השלום, וואָס איז געשטאָרבען אויף דער „לעבער“.

שרה רבקה האָט זי געלאָזט טהאָן, ווייל נישט איינמאָל האָט זי דאָס זעלבע געטהאָן פאַר אַנדערע...

אַז אַנשעל איז אַריינגעקומען פון דער אַרבייט, האָט ער שרה רבקה׳ן געטראָפען אין בעט. ער האָט זיך דערשראָקען, וואָ־רום צו דעם איז ער נישט געוואוינט געוועזען.

פון די זיהן איז געוועזען אין שטוב בלויז דער עלטסטער, סאָלאָמאָן, וועלכער האָט געוואוינט בעזונדער, און האָט געאַרבייט ביים מחותן אין שיך־סטאָר. מאָזעס׳לעבען איז געוועזען אין קאַנטאָר (דער יונג האָט געאַרבייט פאַר אַ פעדלער, און איז אַ גאַנצע וואָך אַרומגעגאַנגען מיט פּעק שניט־סחורה אויף די דערפער), און דער תכשיט, יונה גדליה, דער וואויל־לערנער, האָט איבער׳ן זומער גע־אַרבייט אין אַ זומער־פּלאַץ, ערגיץ־וואו אין די בערג, אָנזאַמלענדיג זיך געלד אויפ׳ן ווינטער, צו קאָנען שטודירען.

אַנשעל האָט נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן. איז געשטאַנען

פאַר דעם בעט אַ פערצווייפעלטער און געצופּט זיך דאָס בערדעל און געפרעגט שרה רבקה׳ן:

— וואָס איז דיר, שרה רבקה, הע?

— עס איז גאָרנישט, דאָס אַלעס קומט פון דער פערגרעסערטער לעבער. מיין מאַמע, עליה השלום, האָט עס אויך געהאַט — האָט פאַר שרה רבקה׳ן געענטפערט די שכנ׳טע — זי וועט נעהמען אַ פאַר זאַלץ-בעדער אין קוני-איילענד, וועט איהר די וועהטאָג אוועקגעהן.

— פיהלסט נישט גוט, שרה רבקה? — האָט אַנשעל געפרעגט.

— איך פיהל בעסער: — האָט שרה רבקה אָבגעענטפערט.

— געהט עסען, ר׳ אַנשעל, איך וויס נישט אויב עס וועט אייך אזוי שמעקען, ווי אייער ווייבס געקעכטס אוודאי נישט — האָט מיסעס באַרקין צוגעלעגט.

נאָר שרה רבקה האָט געהאַט עפּעס וואָס אַנדערש צו טהאָן ווי קראַנק צו זיין.

טאַקע ווען מאָזעס׳לעבען איז געקומען פון דער „קאָנטאָרע״ און געוואָהר געוואָרען, אַז די מאַמע איז אוועקגעפאַלען — און די שכנים זאָגען, אַז זי בעדאַרף ים-בעדער, האָט ער אַנדערש נישט געוואָלט, נאָר די מאַמע זאָל אַרויספאָהרען נאָך קוני-איילענד, נעהמען ים-בעדער. איז טאַקע איינמאָל אין אַ זונטאָג, ווען די קינדער זענען געווען אין דערהיים, האָבען זי די קינדער נישט איבערגעלאָזט און מיטגענומען די מאַמע קיין קוני-איילענד. שרה רבקה איז קוים אַ לעבעדיגע צוריק געקומען.

צוויי טעג נאָך קוני-איילענד איז די מאַמע אַרומגעגאַנגען מיט אַ טיכעל פאַרבונדען דעם קאָפּ, אין וועלכען עס האָבען געשטעקט שטיקלעך שניטען לימענע. שרה רבקה האָט פון דעם קוני-איילענד נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז. קוים האָט זי דעם „קוני-איילענד״ געהאַט פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגען — האָט זיך עפּעס אַנדערש געטראָפען, וואָס האָט זי פערגעסען געמאַכט אין איהר קרענק. — אַ מעשה מיט אַ „בוך״

מאָזעס'לעבען, וואָס איז נאָך געווען אַ סוחר פון דערהיים, האָט פון טאָג אָן, וואָס ער האָט געשטעלט זיין פוס אויפ'ן אַמע־ריקאַנער באָדען, אָנגעהויבען צו קלערען וועגען אַ תכלית. אַ „קאָפּ" האָט ער דאָך געהאַט אַ גוטען און פערשטאַנען אַן עסק — האָט ער זיך אָנגעהויבען צוצוקוקען און צוצוזעהן, און איינגעזעהן, אַז „אַ תכלית" אין אַמעריקע איז נאָר ביי פּעדלען, „ביי דעם קאָן מען קומען צו עפּעס". יעדען טאָג האָט מען אַ פרישען גראָשען — און איך בין מיר מיין אייגענער באָס. האָט ער זיך צוגעשלאָגען צו אַ פּעדלער — איז ער שוין נישט אָפּגעטראָטען, געשלעפּט משאות, נישט קאַרג געווען אויף קיין גאַנג. ער געהט אוועק אויף צוויי אָדער דריי טעג אין די „קאָנטריס" נעבען ניו־יאָרק, אין ניו־דזשוירזי, און טראָגט צו די פּאַרמערס אין די שטובען אריין אַלץ, וואָס זיי דאַרפען. אַ שטאַרקער יונג איז ער, אַ פּאָר שטאַרקע פּיס און געזונטע פּלייצעס האָט ער, און אַרבייטען וויל ער — שלעפּט ער צוויי גרויסע זעק, איינעם אויף דער פּלייצע, דעם אַנדערען אין האַנד, און געהט פון פּאַרמער צו פּאַרמער. אין דער קאָנטרי האָט ער אַ געלעגענהייט אויך פאַר זיך. היינטען אַרום, אין געהיים, האָט ער פערקויפט די פּאַרמערס זיין אייגענע סחורה. אַ שטיקעל ציערונג אויף אויסצוצאָהלען, אַ וועק־זייגער, גאָפּעל־מעסער, און פיהרט זיין אייגען „בוך" אָהן דעם באָס וויסען. אַז ער האָט אָנגעזאַמעלט אַ הונדערט און צוואַנציג דאָלאַר, וואָרום ווי דער דאָ־זיגער יונג איז נישט געווען אַ ברייטער און אַ גוטער און ליעב געהאַט די מוטער — דאָך האָט ער געוואוסט, ווי צו זאַמלען אַ סענט, נישט געפרעסען, נישט געשלאָפען, אַליין פאַר זיך נישט פער־גונען, אַבי צו קומען צו עפּעס.

לעצטענס האָט זיך איהם געמאַכט אַ זעלטענע „געלעגענהייט". אַן אַלטער פּעדלער, וואָס איז שוין צו אַלט געווען אַרומצוגעהן אויף דעם דאָרף, און די זיהן האָבען זיך גענומען צו בעסערע ביזנעס — האָט געוואָלט פערקויפען זיין בוך מיט אַדרעסען און חובות פאַר פינף הונדערט דאָלאַר. צוויי הונדערט און פופציג באַר און צוויי הונדערט און פופציג אויף אָבצוצאָהלען אין פערלויף פון אַ יאָהר צייט. מאָזעס איז דערפון געוואויר געוואָרען און האָט געזען זיין

„געלעגענהייט“. באַר האָט ער אָבער געהאַט הונדערט און צוואַנציג.

טאַקע, אַז ער וועט האָבען דאָס בוך מיט די אַדרעסען, וועט ער שוין קריגען סחורה אויף קאַנעל־סטריט. אָבער דערצו מוז ער אויך האָבען אונטערשריפטען, וואָס זאָלען גוט זאָגען פאַר איהם. און דאַן — וואו נעהמט מען הונדערט און פופציג דאָלאַר באַר? און דאָ מוז מען זיך צואיילען. די ביזנעס איז אַ גוטע, אַ גוטע געגענד צווישען די ניו־דזשוירזיער פאַרמערס, וואָרום „ביכער“ זענען דאָ וועניג צו פערקויפען און קונים אַ סך.

ווי שטענדיג איז קיין אַנדער ראַט נישט איבערגעבליעבען, וואו צו ווענדען זיך, נאָר צום עלטסטען יונג, צו סאָלאָמאָנען. סאָלאָמאָן האָט נאָך נישט געהאַט חתונה געהאַט. געוואַרט ביז די קיטשען וועט זיין איינגעאָרדענט. דער פאַרלאָר מיט דעם סליפינג זעבען שוין געשטאַנען גרייטע, דאָס איז געווען איינגעאָרדענט פאַר דער כלה׳ס געלד. האָט ער געהאַט אַ פאָר הונדערט דאָלאַר אין מחותנ׳ס שיך־געשעפט, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט צו ווערען אַ שותף. באָרגען דעם ברודער דאָס געלד, הייסט אַרויסנעהמען פון דעם שיך־געשעפט, קאָן דאָך חלילה דורך דעם דער גאַנצער שידוך אויס ווערען. וואָרום דער מחותן און די מחותנת׳טע זענען שוין אַזוי אויך גענוג ברוגז און בייז, וואָס דער חתן גיט אויס זיין גאַנץ געלד אויף די „גרינע“, און פאַר זייער טאָכטער זאָרגט ער גאָרנישט. (זיי איז נישט געפעלען דער דיימאָנד, וואָס ער האָט געשענקט זייער טאָכטער). — אין אַמעריקע זאָרגט מען צוערשט פאַר זיך — האָט איהם דער מחותן און די מחותנת׳טע גע׳מוסר׳ט. און סאָלאָמאָן האָט שוין מעהר געהאַלטען פון דער כלה׳ס משפחה, ווי פון זיינע. איז מאָזעס אַהיימגעקומען און האָט דערצעהלט דער מאַמען, אַז פון דעם „בוך“ קענען זיי אַלע גליקליך ווערען, און ער האָט איין „טשענס“ אין זיין לעבען. איז די מאַמע אַוועקעגאַנגען צום עלטסטען זוהן און האָט איהם געבעטען, געקושט און געהאַלזט און געוויינט, אַז ער זאָל דעם ברודער באָרגען דאָס געלד אויף דעם „בוך“, וואָרום „צוערשט גאָט, דערנאָך דאָס אינגעל האַלט זי אויס“. די מאַמע האָט אָבער געוואוסט, אַז ביי סאָלאָמאָנען וועט זי גאָר-

נישט פועל'ן. דער יונג האָט געקלאָגט, אַז די משפחה לאָזט איהם שוין ווידער נישט חתונה האָבען, און קוים וועט ער אַרויסנעהמען דאָס געלד פון דעם שיף-געשעפט — וועט חלילה דער גאַנצער שידוך אָבגעהן. און דער מחותן וויל נישט אַנדערש חתונה מאַכען, ביז ער, סאָלאָמאָן, וועט נישט האָבען אָנגעזאַמעלט זיין פערטעל אין די ביזנעס.

איז די מאַמע אוועק צו איר צוקונפטיגער „שוויגער-טאָכטער", און איהר געקושט די הענד, און זי געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז זי זאָל פועל'ן ביי סאָלאָמאָנען, אַז ער זאָל דעם ברו-דער באָרגען דאָס געלד, דאָס „בוך" צו קויפען. — און דיך, מיין קינד — האָט זי געזאָגט צו דער כלה — וועט ער גיכער הערען, ווי זיין אייגענע מוטער, וואָרום זיין האַרץ בעלאַנגט שוין צו דיר, נישט צו מיר.

און פון דעם אַלעם האָט אַנשעל נישט געטאָרט וויסען, וואָ-רום ווען ער זאָל חלילה געוועזען געוואויר ווערען, (אַ כעסן איז ער דאָך, קען ער אַהין געהן און אָנזידלען דעם מחותן), און פון גאַנ-צען שידוך זאָל גאָרנישט ווערען, וואָרום יענע איילען זיך סיי ווי סיי נישט מיט דער חתונה. איז איהר קאָפּ געשטאַנען צו אַ קוני-איילענד? צו ים-בעדער? האָט זי זיך גאָר געקענט פערגינען קראַנק צו זיין?

דריטער טייל

ערשטער קאַפּיטעל

שמשון

איינמאָל, אין אַ שבת נאָך-מיטאָג, ווען די גאַנצע משפּחה איז געווען אין דערהיים, עפּענט זיך אויף די טהיר פון קעלער, און עס קומט אַריין אַ יונג אין אַ נייעם אַנצוג אָנגעטהאָן (אָבער אין אַזאַ נייעם אַנצוג, אַז די נייקייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען), מיט אַ פּאָר צוריסענע שיך אויף די פיס — אַ צוריסענעם הוט אויפ'ן קאָפּ און פרעגט הויך:

— דאָ וואוינט דבורה זלאָטניק?

דבורה גיט זיך אַ קוק אים, עס ווערט איהר ליכטיג, עס ווערט איהר פינסטער אין די אויגען — בוכהאָלץ אין אַ נייעם אַנצוג, מיט אַ צוריסענעם הוט, אין אַ פּאָר צוריסענע שיך.

אויף דעם טאַטען און מאַמעס פערוואונדערונג און פערדרוס הויבט זיך דבורה אויף און אָהן אַ וואָרט אויסצורעדען, נעהמט זי אָן דעם יונג ביי דער האַנד און געהט אַרויס מיט איהם אויף דער גאַס.

— נאַ, האָט מען דיר געוויזען, וואָס אַמעריקע קאָן! — האָט אַנשעל אָנגעקוקט שרה רבקה'ן און שרה רבקה האָט זיך די באַקען געקנייפּט.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס, רופט זיך אָן בוכהאָלץ.

— איך האָב אַ פּאָר דאָלאַר, בין איך געקומען נאָך אייך. — איך וויל אייך אַרויסנעהמען.

— פון וואַנען האָט איהר געוואוסט מיין אַדרעס?

— איך האָב אייך אַרומגעזוכט, נישט געוואוסט, וואו איהר

וואוינס. אויף דער אַלטער שטעל, וואו איהר האָט געאַרבייט, בין איך געוואויר געוואָרען אייער אַדרעס.

— איך אַרבייט נישט מעהר דאָרט.

— גוט אַזוי.

— פאַרוואָס איז גוט?

— ווייל פרייער קומט אויבען דאָרט אַרויף.

דבורה לאַכט.

— פון וואַנען האָט איהר געלד? אַ נייעם אַנצוג זעה איך.

— פאַר צוועלף דאָלאַר געקויפט, נישט גוט? — ווייזט ער איהר די צוּ קורצע אַרבעל מיט דעם צו לאַנגען קראַגען.

— יאָ, גוט. נאָר פון וואַנען האָט איהר געלד?

— איך האָב געאַרבייט.

— ביי וואָס האָט איהר געאַרבייט?

— ביי וואָס עס האָט זיך געמאַכט. איך האָב געקראָגען אַ קליינעם דזשאָב ביי קויהלען.

— ביי קויהלען? — וואונדערט זיך דבורה — וואָס האָט איהר געטהאָן ביי קויהלען?

— וואָס איז דער חלוק? — איך האָב געוואָלט האָבען אַ נייעם אַנצוג און אַ פּאָר דאָלאַר אין טאַש. איך האָב געוואָלט מיט אייך ארויסגעהן — זאָגט דער יונג פערשעהמט.

דבורה לאַכט.

— און וואָס וועלען מיר טהאָן?

— איך האָב שוין געמאַכט מיין גאַנצען פּראָגראַם. צוערשט וועלען מיר פאַהרען מיט'ן באָס איבער דער פינפטער עווענױ. מיר וועלען זעהן די גאַסען. איך האָב ליעב צו זעהן די גאַסען פון באָס אַראָב. דערנאָך וועלען מיר נעהמען אַ שיפעל אין סענטראַל-פּאַרק. איז עס אַלרייט? אָבער אפשר ווילט איהר צוערשט עסען? איהר זענט נישט הונגעריג? אין אָוועגד געהן מיר אין מואווינג פּיק-טשור. ווילט איהר? אַ וועסטערן פּיקטשור שפּיעלט מען אין „אַפּאָ-לאָ”. איך האָב ליעב וועסטערן פּיקטשורס. דאָס לעבען, באַיעס אויף פערד — אָדער אפשר ווילט איהר געהן אין אידישען טעאַטער? מאַגולעסקאָ שפּיעלט. וואָס ווילט איהר בעסער, ווילד וועסט, צי

דעם „אָלרייטניק" מיט מאַגוּלעסקאָ'ן? אָדער אפשר וועלען מיר גאָר געהן אין אַ טאַנץ־האָלל? איך האָב ליעב צו זעהן ווי די פּאָרלעך טאַנצען. ווילט איהר?

— איך ווייס אַליין נישט וואָס צו וועלען. איהר ווילט אַזוי פיעל זאַכען מיט אַמאָל.

— איך האָב שוין אַזוי לאַנג געוואָלט מיט אייך אויסגעהן, האָבען אַ „נייס טיים", אַז איך ווייס נישט וואָס פריהער. אַמאָל האָב איך געוואָלט מיט אייך זעהן אידיש טעאַטער. אַמאָל שפּאַ־ציערען, געהן אויף דער פינפטער עוועניו, איך האָב שוין אַזוי פיעל מאָל געקלערט וועגען דעם, אַז איצט, אַז איך געה שוין מיט אייך, וויל איך אַלץ מיט אַמאָל — לאַכט דער יונג.

— וואָס מאַכט אייער אַרבייט? — פרעגט דבורה פלוּצלינג.

— מיין אַרבייט? וואָס פאַר אַן אַרבייט?

— אייער „שמשון".

— אַ, דאָס מיינט איהר? ער שלאָפט.

— וואָס הייסט, ער שלאָפט?

— ער איז מיר פער'מיאוס'ט געוואָרען, האָב איך איהם אוועקגעוואָרפען, ער שטעהט אין דערהיים אויפ'ן בוידעם אין ליים און שלאָפט, אָבער אַ צעבראָכענער. איך האָב איהם געמאַכט אַ לאָך אין בויך.

— וואָס האָט איהר געטהאָן?

— איך האָב געוואָלט האָבען אַ נייעם אַנצוג און אַ פערווייּ־לונג מיט אייך.

— האָט איהר צעבראָכען אייער „שמשון"?

— פאַרוואָס נישט? ער האָט מיך נישט געלאָזט אַרבייטען. איבעריגענס, איך האָב זיך געראַנגעלט מיט איהם, ווער עס וועט זיין שטאַרקער: איך אָדער ער. מיט איין זעץ האָב איך איהם דעם בויך דורכגעלעכערט.

— וואָס רעדט איהר?

— איך וועל עס גאָר אין גאַנצען אַוועקוואַרפען.

— פאַרוואָס?

— צו וואָס דאַרף איך דאָס? איך וועל זיך אויסלערנען

עפּעס אַ גוטע אַרבייט, אַז איך זאָל קאָנען געלד פערדיענען, פיעל געלד, איך ווייס, איך ווייס שוין, וואָס איך וועל זיך אויסלערנען.

— הייסט עס, אַז איהר גיט אויף אייער הונגער-שטרייק, וואָס איהר האָט אונטערגענומען.

דבורה האָט געלאַכט.

— איך האָב אייך נישט געהייסען, אַז איהר זאָלט זיך קויפען אַ נייעם אַנצוג און אַ פערוויילונג האָב איך אויך נישט פערלאַנגט פון אייך.

— אָבער איך האָב געוואָלט, איך האָב אַזוי געבענקט, אַז איך זאָל קענען מיט אייך אַרויסגעהן, איך אַליין מיט אייך, אַזוי, אַ שבת נאָכמיטאָג, ווען אַלע אַרבייטער געהען אַרום מיט זייערע „סוויט ה — —״ (בוכהאָלץ האָט נישט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט), אַז איך זאָל האָבען אַ נייעם אַנצוג און אַ פּאָר דאָלאַר אין טאַש. אַלעס, וואָס איהר ווילט, מיר זאָלן פאָהרען צוזאַמען אויפ'ן באַס איבער דער פינפטער עוועניו, זיין צווישען עולם, עסען מיטאָג צוזאַמען און דערנאָך געהן אין אַ קינאָ, אָדער אין אַ אידישען טעאַטער — „באָזשע מאָי!״ — האָט זיך פּלוצלינג פון בוכהאָלצ'ן אַרויסגעכאַפּט אַ וואָרט, וואָס ער האָט געדענקט פון דער אַלטער היים — איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דעם! איך האָב עס אַזוי געוואָלט...

דבורה האָט שוין גאָרנישט געזאָגט. אין איהרע גרויסע אויגען האָט אויפגעשטראַהלט אַ ליכט. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען, און באַלד זיי אַוועקגענומען. נאָר מיט איהר גאַנצען קליינעם קערפּער האָט זי זיך שוין איצט אין גאַנצען וויי איינגעקנעטען אין איהם. ער איז געגאַנגען האַרט נעבען איהר זייט, דער יונג האָט געהערט איהר אָטעמען, און האָט געפיהלט איהר קליינעם, לעבעדיגען אָטעמדיגען קערפּער נעבען זיך. ער האָט זי פּלוצלינג אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד, און האָט זיך געלאָזט לויפען מיט איהר.

— קומט, דבורה, קומט, לאָמיר לויפען.

— עס איז דאָך נישט שעהן, בוכהאָלץ.

— וואָס איז נישט שעהן? וואָס האָט איהר מורא פאַר מענ-

שען? וואָס געהען מיך מענשען אָן? זיי — ווייזט ער אויפ'ן געדיכטען, בעוועגליכען עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַסען — זיי זענען דאָך וואַסער, און מיר זענען פיש, און מיר שווימען, שווימען...

עס איז געווען אייגער פון די גאָלדענע הערבסט-טעג אין ניו-יאָרק. די וועלט איז בעקליידט מיט גאָלד, דאָס גאָלד בליהט אין דרויסען אויף די פעלדער, אויף די בוימער, מען פיהלט דאָס גאָלד פון די הערבסט-טעג אין דער ניו-יאָרקער לופט, און עס גיסט זיך אויס איבער'ן ניו-יאָרקער הימעל. די לופט איז פול מיט אַ רייפען וויין-געשמאַק. און די ווינטען בלאָזען מיט וויין-געשמאַק און עפעל-געשמאַק, מען טרינקט אין זיך אַריין דעם רייפען פרוכט-געטראַנק פון ניו-יאָרקער עטער, און מען ווערט שיכור'לעך פון די ווינטען און פון דער לופט...

שבת נאָכמיטאָג. ניו-יאָרק האָט אָבגענומען ווייזדשעס. איז ווער עס האָט אהיימגעטראָגען אַ בישט אויפגעעפענטען קאָנווערט צו זיין ווייב און קינדער און געהט איצט מיט ווייב און קינדער איבער די גאַסען איינקויפען. ווער עס האָט געטראָגען זיין געהאַלט צו זיין געליבטער... און האָט זי אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר. אַלע פנים'ער שטראַהלען, אַלע זענען גליקליך. מאָרגען איז אַ יום-טוב, און מען וועט קאָנען שלאָפען, ווי לאַנג מען וויל, און די נאַכט איז פאַר אונז, ווי לאַנג מיר ווילען. ענג איז אין די גאַסען פון אויטאָמאָבילען, אָמניבוסען, ענג אויף די טראָטואַרען פון מענשען. — און אַלעס איז בעהעפט, נישט איינציג איז דער מענש. ער איז אויפגעלעזט געוואָרען און דערטרונקען אין דעם מאַסען-שטראָם.

אין דער מאַסע שווימען זיי. בוכהאָלץ האַלט ביי דער האַנד דבורה'ן, דאָס מיידעל וואָס קאָן אַזוי שעהן שווייגען, און ער זעהט די שטיקלעך טונקעלע הויט, וואָס קוקען אַרויס פון איהר נאַקען צווישען איהרע האָר. ער פיהלט די רונדיגקייט פון איהרע אַקסעל'ן — און די צניעות, און דעם טוי, און די הייליגקייט, וואָס רוהט אַרום איהר.

אין טאַש זילבער-געלד, אין וועסטען-טעשעל אַ דאָלאַר. „באַ-

זשע מאַי״, עס זאָל נאָר נישט פערלוירען געהן. (בוכהאָלץ טאפט אָן יעדעס מאָל אין וועסטען־קעשענע.

צוערשט האָט ער געדענקט אַרויפצוכאַפּען זיך אויף אַ באָס, פון אויבען אַראָבצוקוקען אויף דער שווימענדער מאַסע. ניין, ער וויל בעסער געהן, ער וויל אַריינקוקען אין די שויפענסטער.

דאָס שויפענסטער פון זיידענס זעהט אויס ווי אַן אָריענטאַלישער באַזאַר. אונטער פאַרביג זיידענע ביידלעך זיצען אויף טייערע טעפּיכען אַראַבער און וואַרפען פערשיעדענע קאָליערטע זיידענס, מזרח־לענדישע סחורות, בלוט־רויטע פאַרבען און טיעף־בלויע, ווי די נאַכט, און זילבער־פאַרביגע און בליץ־שטראַהלענדע, ווי עלעקטריזירטע פיש. „אויב זי וויל, קען ער זיך ביינאַכט אַריינגנב׳ענען און אַרויסנעהמען זיידענס און איינהילען זי פון קאָפּ ביז די פיס אין פערעלדיגען זיידענס״. זי זאָל נישט לאַכען. ער קאָן דאָס טהאָן. אין צווייטען שויפענסטער איז אַ געיעג אויף חיות. עס ליגען פוטערס, וואָס ענטפלעקען דאָס געהיימניס פון וואַלד, פון אונבעטרעטענע אינזלען, פון ווייטע צפונדיגע געגענדען — ווייסע בערען, בלישטשענדיגע, לעבעדיגע, שטאַרעדיגע האָר פון פוטער, פון באָרקעס. סאַמעט לייכטענדע, פיעשטשענדיגע קינדערשע לייבלעך פון אַלאַסקישע פאָקען און פון גאָלדען ווייכען, נגיד׳ישען רוסישען סאָבאָל, ווייבלעך גלאַטען, ווייכען פעל פון בלויע און זילבער־פוקסען. ווען זי וויל, קען ער זיך דאָ אויך אַריינברעכען און צו׳גנב׳ענען פעל און בעדעקען זי פון קאָפּ ביז די פיס אין פוטער. אין אויטאָמאָביל־געשעפט האָט ער פאַר איהר אַרויסגע׳גנב׳עט דעם בעסטען און פיהרט זי פון שטאָדט צו שטאָדט אַרום. אין רייזע־ביוראָ „אַ רייזע איבער יוראָפּ״. אין יאַפּאַנעזישען געשעפט יובעלען, איהר האַלז צו בעציערען. . . מען מאַכט איבער די פּלענער, אין צענטראַל־פאַרק וועלען זיי נישט געהן — אַן אַנדערש מאָל. אפשר אַריינגעהן צו „טשיילדס״ אויף קיכלעך? יאָ, דאָס איז אַ פּלאַן.

אויפגעגעסען די קיכלעך, געטרונקען קאָפע, דערנאָך פערזיכט אַ געבראָטענעם עפּעל מיט שמאַנט, פערוויכערט אַ סיגאַרעט און — אַוועק דאָס געלד! עס איז נאָך קוים איבערגעבליעבען אויף

אַ בילעט פאַר דער טעאַטער-גאַלעריע, וואָס מען האָט בעשטימט, אַנ-שטאָט די מואווינג. קיין מיטאָג בעדאַרף מען נישט, מען האָט דאָך ערשט געגעסען. איבעריגענס, אַז זי וויל, קען זי מיטגעהן מיט איהם אין זיין „סטודיע", ער האָט אין דערהיים אַ גאַז-אייוועלע, אויף וועלכען מען קאָן קאָכען טיי — און אויף סיסלעך מיט ברויט וועט נאָך אפשר סטייען, הע, ווי מיינט זי?

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם. זי וויל מיטגעהן מיט איהם אין סטודיע, און נישט שפּעטער, פאַר'ן סאַפּער, נאָר שוין איצט, ווען עס איז נאָך ליכטיג.

— יאָ, איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר ווייזען אייער „שמשון" און אייערע אַנדערע אַרבייטען.

— איהר ווילט זעהן מיין אַרבייט, מיט אַן אמת?

— געוויס, איך האָב עס שוין לאַנג געוואָלט זעהן.

— גוט, קומט אַרויף.

איבער די טרעפּ, אין דעם פינסטערען קאָרידאָר, וואָס האָט געפיהרט ווי אין אַ לאַבירינט אריין, האָט זי איהם געמוזט געבען איהר האַנד, און ער האָט זי געשלעפּט נאָך זיך. אַזוי שטאָק פינס-טער זענען די טרעפּ געווען אין העלען טאָג און אַזוי פערדרעהט זענען די טרעפּ געווען. ענדליך, דורך קאָרידאָרען און לייטערס, האָט ער זי אַרויפגעפיהרט אויף אַ בוידעם, וואָס איז געווען אָבגע-גרעניצט מיט אַ דין ווענטעל — דאָרט זענען געווען וואוינונגען פאַר אַלטע קאַוואַליערען, און איינע פון זיי איז געווען זיין „סטודיע".

נאָר דאָס גרויסע, פּערוואַטעוועטע און פערטראָגענע פענס-טער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאַך צום הימעל אַרויס. אין שטוב איז גענוג ליכטיג געווען און דבורה האָט געקאָנט זעהן אַלע אַלטע הויזען, קאַלאָשען, שטיקער אונטערנע וועש, וואָס האָבען אויסגע-זעהן ווי שמאַטעס, און האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אויף דער ערד, צובראָכענע בענקלעך, אַ טיש, אויף וועלכען עס איז געלע-גען אַ גאָל-מעסער און אַנדערע גאָל-געצייג צוזאמען מיט אַן אַלט ברויט... אַ קאַנאַפּע מיט פערפעדערט בעטגעוואַנד, טיכער, קויה-לען, ליים. אַ הויך געשטאַלט האָט זיך אויפגעהויבען ביז אונטער'ן

באַלקען, אַרומגעוויקעלט אין פייכטע טיכער. דאָס האָט אויסגע־זעהען ווי אַ שד.

— אוי, ווי דאָ זעהט אויס ביי אייך — האָט געזאָגט דבורה. און איידער בוכהאַלץ האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקען, האָט זי זיך גענומען די שמאַטעס אויפהויבען פון דער ערד.

— ריהרט נישט, ווייל איהר וועט זיך נישט קאָנען קיין עצה געבען, זיי זענען אַזוי פיעל, אַז מען קאָן אין זיי דערטרונקען ווערען.

— איז דאָס דער „שמשון"? — ווייזט דבורה אויף דעם הוי־כען שד.

— איהר ווילט איהם זעהן? — אַט, האָט איהר איהם. אַזוי ווי איהר וועט זאָגען, אַזוי וועט זיין. אַז אייך וועט ער געפעלען, בלייבט ער לעבען, אַז נישט, דרעה איך איהם דעם קאָפּ אַראָב.

און בוכהאַלץ האָט אויפגעוויקעלט זיינע טיכער און פאַר איהר איז שטעהן געבליבען אַ קאָלאָסאַלער, נאַקעטער מענש, עהנ־ליך אַ ביסעל צו בוכהאַלצ'ן, געשטאַנען אויף מוסקוליערטע פיס. אַ ברייטביייניגער, מיט אַ שטאַרקער ברוסט, צוויי לאַנגע, מעכטיגע הענד, וואָס זענען אַראָבגעלאָזט, אַזוי ווי זיי וואָלטען נישט געוואוסט, וואָס זיי האָבען צו טהאָן. זיין קערפער, און דער גאַנצער קער־פער־געבוי, איז געווען ווי אַ ריעז. מיט אונבאַטירליכע, מוסקוליער־טע הענד, פיס, בויך, רוקען און ברוסטען. דערפאַר איז זיין פּנים געווען פון אַ קינד. אַ ריעז, וואָס טראָגט אַ קינדיש פּנים. ער האָט געשמייכעלט גוטמוטיג, אַ ווייכער, קינדערישער שמייכעל איז גע־לעגען אויסגעגאָסען אויף זיינע ליפּען, פון וועלכע עס האָבען זיך אַרויסגעוויזען, ווי ביי בוכהאַלצ'ן, די צייהן פון די ליפּען. און די אויגען, וועלכע זענען געווען קליין, אונטער אַ שמאָלען, קליי־נעם שטערען, האָבען געשמייכעלט גוטמוטיג פאַר זיך און קינדיש, נאַיוו, נאַריש. דער אומגעלומפּערטער קאָלאָס איז געשטאַנען ווי אַ גולם, מיט זיינע מעכטיגע הענד און נישט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט זיי.

דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך געוואָרפען דבורה'ן אין די אויגען, איז געווען זיין דיקער, שטאַרקער האַלז, וועלכער איז אַרויס־

געוואקסען פון זיין שטארקען קערפער. זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלען, ווי אזוי — ווען בוכהאָלץ וויל — קען ער איהם, דעם גרויסען גבור, דעם האלז אראָבדרעהען? עס האָט זיך איהר גע־דאכט, אז דאָס איז אונמעגליך, ווייל דער גאנצער מענש איז גע־חען געגאָסען ווי איין שטיק, און איז געווען אזוי לעבעדיג מיט זיין קינדערישען שמייכעל, אז עס האָט זיך גערדאכט, אז אָט אַ ליאַדע מינוט הויבט ער אויף זיינע שטארקע הענד — און צופיהרט די שטוב.

— ווי אזוי וועט איהר איהם דאָס דעם קאָפּ אראָבדרעהען? ער וועט זיך דען לאָזען? — האָט זי אויסגעדריקט איר פערוווּנ־דערונג צו בוכהאָלצ'ן.

— איך וועל זיך מיט איהם ראנגלען — זאָגט בוכ־האָלץ.

— ער וועט זיין שטארקער.

— איך האָב זיך שוין געראנגעלט מיט איהם. אָט, האָב איך איהם אַ לאָך אין בויך געמאכט.

— פאַרוואָס האָט איהר דאָס געטהון?

— איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. איך בין אַמאָל ביינאכט געלעגען אויף מיין געלעגער און ער איז דאָרט געשטאנען אין לבנה־ליכט, וואָס האָט פון שויב אריינגעקוקט. איז ער מיר אזוי נאַ־ריש פאָרגעקומען. צו וואָס האָב איך איהם בעשאַפען? ווער בע־דאַרף איהם? און וואָס האָב איך געוואָלט מיט זיין נאַריש פנים? האָט איר שוין געזעהן אַזאַ נאַריש, אידיאָטיש פנים? ער ווייסט דאָך אַליין נישט, וואָס ער וויל.

— דאָס איז דאָס שעהנע. ער איז אַ גבור — אַ קינד — האָט דבורה געזאָגט — יעדער גבור איז אַ קינד, ער שטעהט, ער איז שטאַרק פאַר זיך אַליין, און ווייסט נישט, וואָס צו טהאָן מיט זיין גבורה.

בוכהאָלץ האָט זיך פערטראַכט.

— וואָס האָט איהר געזאָגט. אַז ער איז שטאַרק פאַר זיך אַליין?

— יאָ, גלאַט אַזוי, ווי אַ שפּיעלער, וואָס שפּיעלט זיך פאַר זיך אַליין אויף זיין פיעדעלע.

— איהר האָט רעכט, איהר האָט רעכט. ער איז שטאַרק פאַר זיך אַליין. ער שפּיעלט זיך מיט זיין גבורה; דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט מאַכען — שרייט אויס בוכהאָלץ און כאַפּט זי אָן ביי דער האַנד — אַ „שמשון", וואָס שפּיעלט מיט זיין גבורה. ער איז נישט קיין גבור, ווי אַ בר-כוכבא, זיין פאָלק צו בעפרייען. ניין, ער איז זיך שטאַרק פאַר זיך אַליין — שפּיעלט ער זיך מיט זיין גבורה. געהט אַרויס און צינדט אונטער די פעלדער פון די פלשתים. כאַפּט זיך אַ מויד פון די פלשתים, מאַכט זיך אַ סעודה, אַ גבור, אַ קינד. דאָס איז דאָך שמשון. איהר האָט דאָך רעכט. איצט שטעהט ער מיט זיינע הענד אַראָבגעלאָזט און ווייסט נישט וואָס צו טהאָן מיט זיי, ווי אַ מענש, וואָס ווייסט נישט, וואָס צו טהאָן מיט זיין לעבען. דאָס האָב איך דאָך געוואָלט מאַכען.

דבורה'ן האָבען די לעצטע ווערטער געריהרט. זי האָט געזעהן אין „שמשון" — בוכהאָלצ'ן. דאָס האָט זיך בוכהאָלץ אַזוי געמאַכט אַליין, אַ משל אויף זיך.

— וואָס קוקט איהר, ער געפעלט אייך?

— איך ווייס נישט, אויב ער געפעלט מיר.

— וואָס דען טראַכט איהר? — פרעגט זי בוכהאָלץ, זעהענדיג, ווי זי ווערט טרויעריג.

— איך ווייס נישט, וואָס מיר איז. אייער „שמשון" האָט מיך טרויעריג געמאַכט.

— פאַרוואָס?

— דאַכט זיך, אַז ער איז אונגליקליך. מיט זיין גאַנצער גבורה איז ער אונגליקליך.

— זייט נישט טרויעריג, איך בעט אייך.

זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביי בוכהאָלצ'ן און האָט איהם געקוקט אין די אויגען אַריין.

— וואָס קוקט איהר?

— פאַרוואָס דוכט זיך מיר, אַז איך קאָן אייך שוין אַזוי לאַנג?

— מיר דוכט זיך אויך אַזוי. פון דער ערשט׳ער מינוט, וואָס כ׳האָב אייך דערזעהען, זענט איר מיר אַזוי היימיש פאָרגעקומען.

זיי האָבען ביידע געשוויגען.

— פאַרוואָס זענט איהר אַזוי טרויעריג? גאָט האָט אייך בעשאָנקען מיט אַזאַ גבורה, מיט אַזאַ שטאַרקייט.

— איך בין נישט טרויעריג — האָט זיך דער יונג אַרויסגעכאַפּט, און פערקרומט זיין מויל צום געלעכטער.

— פאַרוואָס זענט איהר אַזוי אונגליקליך? איז אייך עפּעס געשעהן אין אייער לעבען?

— איך האָב נישט פאַרוואָס צו לעבען! — האָט דער יונג פּלוצלינג אַוועקגענומען זיין פּנים, און דאָס פערקרומטע געלעכטערל האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ גרימאַסע פון צער און געוויין.

— איהר האָט נישט פאַרוואָס צו לעבען? נאָר ווער דען האָט פאַרוואָס צו לעבען? איהר בעשאַפט אַזעלכע גרויסע זאַכען — איהר זענט אַזוי שטאַרק. גאָט האָט אייך בעגליקט.

— מיך האָט גאָט בעגליקט? — האָט ער היסטעריש געלאַכט.

— יאָ, — האָט דבורה געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס, פון וואַנען?

— אַ, איך ווייס עס. מען זעהט עס גלייך. איהר וועט נאָך אַזעלכע גרויסע זאַכען בעשאַפען אויף דער וועלט!

— איך וועל בעשאַפען גרויסע זאַכען אויף דער וועלט? איך וועל נאָך בעשאַפען גרויסע זאַכען אויף דער וועלט? — האָט בוכהאָלץ היסטעריש נאָכגעזאָגט איהרע ווערטער, און האָט אומגעריכט זיין פּנים צוגענייגט צו איהר קליינעם האַלז.

זי האָט איהר האַלז נישט אַוועקגענומען.

אין איהרע אויגען האָט אַ שטראָם טרעהרען אַ זעץ גע-

טהאָן, און ווען ער האָט פון איהר האַלז זיין פנים אַוועק-
גענומען, האָט זי איהם איהרע ליפּען אויסגעשטרעקט מיט בע-
טענדע אויגען

צווייטער קאַפּיטעל

אין געלען נעפּעל

דבורה איז פערשוואונדען געוואָרען אויף גאַנצע אָוועגדען צום פערדרוס און עגמת-נפש פון איהר מוטער. מען האָט נישט געוואוסט, וואו די מויד קומט אַהין. עס האָט נישט געהאָלפען קיין געשרייען, קיין געבייזערען, און אפילו דער עלטערער ברודער סאָלאָמאָן, נאָך וועלכען מען האָט געשיקט און פערטרויט אין גע-היים וועגן דעם, האָט אויך גאָרנישט געקאָנט העלפען.

— מאַמע, עס איז אַמעריקע, אַמעריקע איז אַזאַ וועלט, אַ מיידעל געהט אויס מיט אַ יונגענמאַן, מישען זיך די עלטערען נישט אַריין. — עס איז גלייכער אַזוי — האָט געזאָגט דער עלטערער ברודער.

די מאַמע האָט אַפילו נישט געוואוסט, „וואָס עס איז גליי-כער אַזוי", נאָר אַז מען פיהרט זיך אַזוי, מוז זי דאָך שוין שווייגען. און אַנשעל האָט זיך שוין אויף גאָרנישט געוואונדערט. גאָרנישט איז איהם מעהר געווען קיין חדוש, אויף אַלעם האָט ער געהאַט יעצט איין וואָרט:

— עס איז דען מיין אַמעריקע! עס איז דאָך זייער אַמע-ריקע — מעגען זיי טהאָן וואָס זיי ווילען.

אויף איין זאַך איז דער מאַמען יאָ געווען אַ חדוש: „אַ מויד געהט אויס מיט אַ יונגענמאַן, ווי עס פיהרט זיך ביי לייטען. פאַר-וואָס-זשע מאַכט זי זיך נישט עפּעס אָנצוטהאָן? אַ ביי קליידעל, אַ פּאָהר שיך, אַ הוט זיך קויפען, ווי אַנדערע מיידלעך? זי געהט

דאָך אָנגעטהאָן אין שמאַטעס, אין שטיקלעך און ברעקלעך, — און וואָס טהוט זי מיט דעם געלד, וואָס זי פערדיענט? אַהיים ברענגט זי דאָך נאָר אַ פּאָהר דאָלאַר אַ וואָך, וואָס טהוט זי מיט'ן איבעריגען געלד? און היינט, אַז מען געהט שוין יאָ אויס מיט אַ יונגענמאַן, ווי שיקט זיך נישט, אַז מען זאָל דעם באָי קיינמאָל נישט אַהיים ברענגען, איהם פאָרשטעלען פאַר די עלטערען? וועגען דעם ענין האָט שוין דער עלטערער ברודער מיט איהר אויך אַ שמועס פערפיהרט, זעהט זיך אויס, נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת מיט דער מאַמען.

— דבורה, — זאָגט ער צו איהר, — די מאַמע איז אַ גריינע, ווייסט זי נישט, אָבער איך ווייס דאָך יאָ, אַז עס פיהרט זיך אַזוי. דו געהסט אויס מיט אַ באָי. אָלרייט, מיר האָבען גאָרנישט געגען דעם. אָבער פאַרוואָס ברענגסטו איהם נישט אַהיים? שטעלסט איהם נישט פאָר פאַר די עלטערען? — אַז דער יונגערמאַן איז נאָר אַן אַנשטענדיגער און האָט „די בעסטע אַבזיכטען".

איז זי בלייך ווי די וואַנד, און אַזוי ווי די וואַנד שווייגט, אַזוי שווייגט זי אויך.

איז דאָך שרה רבקה געוואָרען אונרוהיג, און האָט אָנגעהויבען „איינצורייסען די וועלט". יעדען טאָג געקומען צו לויפען צום עלטערען זוהן: „שלמה'לע, וואָס טהוט מען?" און אַז דבורה איז אַהיים געקומען שפּעט אין אָווענד, — איז די מאַמע נאָך נישט געשלאָפען, נאָר געזעסען ביים לאָמפּ און זי אָבגעוואַרט: „מיין טאָכטער, וואו ביזטו דאָס געוועזען אַזוי שפּעט?". האָבען זיך דאָך אָנגעהויבען סצענעס אין דערהיים, איז דער עלטערער זוהן געקומען צו דער מאַמען און האָט זי אויסגע'מוסר'ט:

— מאַמע, וואָס טהוסטו? און וואָס וועט זיין, אַז די מויד וועט זיך אינגאַנצען אויפהויבען און אַרויסציהען פון דערהיים? עס איז אַמעריקע.

— און איבעריגנס, — האָט ער צוגעלעגט, — אפשר האָט זי דיר נאָך נישט וואָס צו דערצעהלען. אפשר האַלט זי נאָך נישט אַזוי וייט מיט איהם? אַז עס וועט האַלטען ביי עפּעס, וועט זי דיר דערצעהלען.

שווייגט שוין די מאַמע אויס מורא, אָבער ביינאַכט ליגט זי אַ וואַכענדע, און היט אָב די נאַכט פאַר שלאָפלאָזיגקייט.

פאַרנאַכט, ווען דבורה קומט אַרויס פון שאַפּ, וואַרט זי שוין בוכהאָלץ אָב. אונטער דעם פּרוכט סטאַנד, וואָס איז דאָרט אין עק פון דער זיבען־און־צוואַנציגסטער סטריט, שטעהט ער. זי בעגע־גענד איהם שטענדיג מיט איהר בעקאַנטען שטילען שמייכעל און פריידיגע אויגען, — און גיט זיך אַ קנעט איין אין איהם, און געהט נעבען איהם, ווי זי וואָלט געווען צוגעשוירט צו איהם. ער, מיט די גרויסע הענד און מיט די פונאַנדערגעשפּרייטע ליפּען, ווי ער וואָלט זי געוואָלט איינשלינגען אין זיין גרויס מויל, מען געהט. וואוהין געהט מען? ווייסט מען אַליין נישט. וואָס איז דער חילוק?

עס איז אָוועגד אין ניו־יאָרק, ווינטער צייט. די קעלט שפּירט מען נישט. אַ לייכטער שניי פאַלט, שטעלט מען זיך אויף די קראַ־גענס און מען געהט. די גאַסען זענען איבערגעפילט מיט מענשען, אַלע איילען זיך, נישט צו דער אַרבייט, נאָר צו פערגעניגען, און אַלע פּנים׳ער שטראַהלען. פון די רעסטאָראַנען, פון די געוועלבער, פון די מואווינג פּיקטשורס גיסען זיך שטראַהלען עלעקטריש ליכט, און בעלייכטען די בלישטשענדיגע, פרישע בעשנייטע גאַסען. דורך די ברייטע בעלויכטענע פענסטער פון די רעסטאָראַנען זעהען זיך אַרויס די ווייסע בעדעקטע טישען און לאַדען איין. קליינע דאַמען־פיסלעך פון זיידענע האַלקעס טרעטען אויס טריט אויף די פרישע אָנגעשאָטענע בעשנייטע טראָטואַרען... פּאָרלעך געאַרעמט לויפען פערביי. די לופט איז געל, פערנעבעלט אין אַ ליכטיגען פינקעל־דיגען נעבעל פון שניי און עלעקטריש ליכט. און די גאַסען זענען יום־טוב׳דיג און היימיש. מען פיהלט זיך גוט אויף די גאַסען.

צווישען די פּאָרלעך בוכהאָלץ און דבורה. טיילמאָל געאַ־רעמט, און מען ווייסט ס׳מאָל נישט דערפון. מען דערצעהלט זיך. יעדעס מאָל האָט איהר בוכהאָלץ עפּעס צו דערצעהלען. יעדען אָוועגד אַ נייעם פּלאַן. אַמאָל פאָהרט מען קיין פּאַריז, אַ קינסטלער

מוז האָבען אַטמאָספערע. און אַזוי ווי מען הונגערט אין ניו-יאָרק, קאָן מען אין פאַריז אויך הונגערען. אַמאָל געהט די רייזע קיין רוים, קיין פלאָרענץ: זעהען די אַלטע מייסטערס: מיקעל אַנדזשעלאָ, באָטיטשעלע, די אַנטיקען. מאַשקאָוויטש איז געקומען צו לויפען צו איהם, אַז ער האָט ערשט וואָס גערעדט מיט'ן אידישען מיליאָנער זאַקס, פון די „קאָהן זאַקס עט קאָמפּ.” און יענער איז גרייט אָבצוקויפען בוכהאָלץ'ס „שמשון” פאַר צעהן טויזענד דאָלאַר, און ער שיקט אַוועק בוכהאָלץ'ן אויף זיין חשבון קיין פאַריז. פון וואָס עס לאָזט זיך אויס, זעלבסטפערשטענדליך, גאָרנישט מיט גאָרנישט. עס איז איינער פון מאַשקאָוויטש'עס ליגענס. בוכהאָלץ האָט שוין אַ נייעם פלאַן: ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ גרויסער אידעע. ער וויל בעשאַפען אַ נייעם „אדם מיט חוה”. אדם'ן וויל ער מאַכען ווי אַ בוים. אַ מענטש ווי אַ בוים — נישט מיט צוויי הענד, נאָר מיט זעקס, וואָס וואַקסען אַרויס ווי צווייגען פון זיין קערפער. דאָס זאָל זיין דער סימבאָל פון די דורות, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון איהם. און חוה'ן וויל ער מאַכען — שוואַרץ, אַ נעגערקע, ווי ערד. זי איז די מוטער ערד, אַ טראָגענדיגע, מיט אַ גרויסען בויך. ער וואַרפט שוין אַלע אַוועק און געהט אַוועק אין דער סאַוטה, צו די נעגערס, זוכען זיך זיינע מאָדעלען פאַר דער אַרבייט, און וואו מען קאָן אויך איינצייטיג לעבען מיט צוקער-שטאַנגען. דערווייל ווערט מען הונגעריג. מען הערט נישט דערפון, ווייל מען האָט קיין געלד נישט, אָבער צום סוף מוז מען זיך אָהן דעם דערמאָהנען, און עס געפינט זיך שוין שטענדיג ביי דבורה'ן אַמאָל אַ האַלבער דאָלאַר, אַמאָל אַ גאַנצער, און מען געהט אַריין צו „טשיילד'ן אָדער אין אַן אַנדערן פינף-סענטיגען רעסטאָראַן.

אַמאָל געהט מען אויף אַ קאָנצערט. אַז עס איז נאָר דאָ דאָס „נויטיגע” געלד דערצו. נאָר ווען מען שפּיעלט וואַגנער, מוז שטענדיג זיין דאָס געלד. בוכהאָלץ האָט ליעב מוזיק. עס האָט זיך אַרויסגעוויעזען, אַז ער האָט אַ טיעף פערשטענדניס פאַר מוזיק, ער פערשטעהט מוזיק אויף זיין אייגענעם אופן, און טייטשט זי אויס אויף זיין אייגענעם אופן. אַמאָל איז מוזיק אַ שטורמישער ים, אויף וועלכען צוועלף שיפען מיט אויפגעבלאָזענע זעגלען געהען אונטער,

אַמאָל אַ צעבונטעוועטער הימעל, אויף וועלכען די פליגעל וואָלקען האָבען זיך אָבגעריסען, און האַלטען מלחמה איינער מיט'ן אנדערען. און אַמאָל אַ ברענענדיגער וואַלד. נאָר אַמבעסטען פערשטעהט ער מוזיק, ווען ער זיצט צוזאַמען מיט דבורה'ן. „מיט אייך, — זאָגט ער, — ווען איר זיצט דערנעבען, — הער איך זי בעסער, די מוזיק".

— פאַרוואָס עפּעס מיט מיר בעסער? — פרעגט זי, לייכטענ־דיג זיך אין זיינע אויגען.

— ווייס איך נישט פאַרוואָס, נאָר אַזוי איז עס שוין. אַז איך קען אַראָבקוקען אויף אייערע האָר און אויף אייערע אַקסלען, — פערשטעה איך בעסער וואָס מען שפּיעלט אין אָרקעסטער...

טיילמאָל ווערט בוכהאָלץ פערפאַלען אויף גאַנצע טעג. שטעהט ערגיץ־וואו אויף דער איסט־סייד און דרעהט דאָס ראָד פון אַ מאַנ־געל, אָדער וואַרפט גלייך קלעצער אין אַ האָלץ־הויף. איז פאַרנאַכט, ווען דבורה קומט אַרויס פון שאָפּ, וואַרט ער זי אָב אַן אָבגעוואָ־שענער, מיט אַ נאַסע פערקעמטע טשופרינע, און אַז ער דערזעהט זי נאָך פון דערווייטען, פוכערט ער מיט'ן געלד, און שרייט אויס:

— מיר האָבען אויף בילעטען!

קוקט זי איהם אין פּנים אַריין, דערקענט זי אין זיינע מי־דע קנייטשען, אַז ער האָט אַ גאַנצען טאָג קלעצער געשלעפּט, ווערט זי טרויעריג.

— עס שטערט אייך אין אייער אַרבייט?

הויבט זיך גאַרנישט אָן, איך האָב היינט גאָר קיין חשק נישט געהאַט, און איך האָב בעדאַרפט מיינע הענט צופיהרען אַביסעל, אַז נישט ווערען זיי צוזאַמענגעוואַקסען.

לאַכט זי. געהט מען אויף אַ קאָנצערט דעם אָוענד.

און אַז מען געהט אַהיים פון קאָנצערט, גיט איהר דאָס בוכ־האָלץ צו פערשטעהן אויף זיין לשון. ער מאָדעלירט פאַר איהר די מוזיק: „אונבעקאַנטע מענשען־מענגעס, פעלקער גאַנצע, געהען אי־בער אַ טיעף אַלט־בעוואַקסענעם וואַלד און האַקען דיביימער אונ־

טער, וועקען אויף די חיות מיט זייערע געוואַלדען און געשרייען, און צינדען אונטער דעם גאַנצען טיפען וואַלד מיט שרעק. אויפ'ן שפּיץ באַרג ליגט די שטאָדט. אין דעם זונען־אונטערגאַנג פון אויבען דערזעהט מען זיי, אַז זיי קומען אָן, און די גאַנצע שטאָדט וועקט זיך אויף אין שרעק, מענשען בעווייזען זיך אויף די מויערען, — און עס הויבט זיך אָן אַ מלחמה אויפ'ס לעבען און טויט...״

טיילמאָל אין אַ זונטאָג פאָהרט מען אַרויס אין די בראָנקס צו די לערערין. די איינציגע בעקאַנטע, וואָס זיי האָבען. מיס פויר־בּסטער האָט געזעהן בוכהאָלץ'ס זאַכען, דעם „שמשון“, און גלויבּט, אַז בּוכהאָלץ איז אַ גרויסער טאַלאַנט, „וואָס אַמעריקע וועט אַמאָל שטאָלצירען מיט איהם“. און זידעלט די אַמעריקאַנער מיליאָנערען, וועלכע גיבען אויס מיליאָנען אויף נאָכגעמאַכטע אַלטע מייסטערס, וואָס מען פּראָדוצירט פאַר זיי ספּעציעל אין אייראָפּע, און האָבען קיין פערשטענדניס נישט פאַר די נייע אַמעריקאַנער קונסט, אייגענע אַמעריקאַנער קינסטלער לאָזען זיי פערהונגערען. זי האָט צוגעזאָגט אַרויפצוברענגען צו בּוכהאָלץ'ן אין סטודיע אַ קונסט־קריטיקער, איהר'ס אַ בעקאַנטען, צו זעהן בוכהאָלץ'ס זאַכען, און צו זעהן צו בעקומען פאַר איהם אַ סטיפּענדיע, אַז ער זאָל פאָהרען נאָך איי־ראָפּע. צייט דבורה איז געגאַנגען מיט בוכהאָלץ'ן האָט זי זיך נאָך מעהר אָנגענומען פאַר דעם פאָר. זי איז געוועזען אַ ראַדיקאַלקע, און האָט ליעב געהאַט העלפען אַלע ראַדיקאַלע אונטערנעהמונגען. נישט נאָר וועלכע טראָגען אַ געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, נאָר ריין פּער־זענליכע. איז איהר זעהר געפעלען, וואָס דבורה געהט מיט בוכ־האָלץ'ן, — און זי האָט דאָס מיידעל (און דורך איהר בוכהאָלץ'ן), — זעהר ליעב בעקומען. זי האָט זיי געפּרואווט העלפען, פּערלייכטערען, און זיי איינגעלאַדען צו זיך. זי פלעגט בוכהאָלץ'ן אויפמונטערען, איהם צוגעבען מוט, אַז ער זאָל זיך האַלטען ביי זיין אַרבייט, און דבורה'ן צוגערעדט, אַז זי זאָל בוכהאָלץ'ן שטאַרקען און בעגיי־סטערען, — און זי וועט דורך דעם האָבען גרויסע „פּערדיענסטען“. דבורה האָט נישט געוואוסט וואָס יענע מיינט דערמיט. יעדענפאַלס האָבען זיי די לעהרערין זעהר גערען געהאַט, און זי איז זיי אָפּט־מאָל זעהר צונוץ געקומען. וואָרום ביי דער לעהרערין האָט מען

שטענדיג געקראָגען אַ גוט מיטאָג אָבצועסען און אַ פּאָר סענט, ווען עס האָט אויסגעפעהלט צוריק אַהיים צו פאָהרען.

פערשטעהט זיך, אַז יעדעס מאָהל האָט בוכהאָלץ געהאַט אַן אַנדערען פּלאַן פון אַ נייער קאָלאָסאַלער אַרבייט, צו וועלכער ער וועט ווידמען זיין „גאַנץ לעבען", און דאָס וואָס האָט זיך איהם געדוכט בעכטען, אַז עס וועט זיין די גרעסטע זאַך, וואָס ער וועט שאַפען — איז היינט געוואָרען אָבגערוקט אין אַ זייט, פערגעסען, פאַר אַן אַנ-דער קאָלאָסאַלער אַרבייט, וואָס איז געבוירען געוואָרען אין די לעצ-טע פּאָר מינוטען אויפ'ן וועג צום שאַפּ בעגעגענען דבורה'ן. נאָר אין די לעצטע פּאָר וואָכען האָט בוכהאָלץ געהאַלטען אין איין רעדען וועגען אַ ווערק, וואָס ער וויל שאַפען, די „מוטער". און די „מוטער" זאָל נישט זיין אַן עלטערע פרוי, אַ מוטער פון קינדער, נאָר די מוטער אַלס אַ מיידעל, אַ קליין אונבעהאָלפען, מיט אַ קליי-נעם ציטערענדיגען קאָפּ האָר, מיט קליינע קוים אָנזעהענדע ברוס-טען, און אַ רונדיגען ציטערענדיגען בויך, שטעהט מיט האַלב פער-קרומטע פיס און האַלט אַן עפּעל אין דער האַנד. דאָס זאָל זיין חוה. דאָס גאַנצע מוטערליכעס, די מוטערליכע ליידען און די פריי-דען, און איהר פּנים זאָל שמייכלען — אַ פערפיהרערישען מיט אַ צניעות'דיגען שמייכעל צוזאַמען.

— איך קאָן דאָס נישט זאָגען, וואָס ס'זאָל זיין, נאָר מיר דוכט זיך, אַז אַזוי האָט אויסגעזעהן חוה, ווען זי איז געקומען צו אדם'ן, אַז ער זאָל זי מאַכען פאַר אַ מוטער. זי איז געווען אַ קליין נאָך אונענטוויקעלט מיידעל, אַ ציטערענדיגע מיט אַ קליינעם קאָפּ — נאָר אין די פאַלדען פון איהר בויך איז שוין געלעגען אויסגעגאָ-סען דאָס גאַנצע מוטערליכקייט פון אַלע דורות, די טעמע פון דער גאַנצער מענשהייט, — די גלוסטונג פון אונזער טויטליך לעבען.

— און פאַרוואָס מאַכט איהר דאָס נישט.

— ווייל איך קאָן נישט. איך ווייס נישט, אויב איך וועל קאָנען אַרויסברענגען דאָס אייביגע, גרויסע מוטערליכע אין דעם קליינעם, ענטוויקעלטען קינדערישען בויך — און די גאַנצע מוטער-ליכע ליידען, ליעבע, זינד אין תאוה'שע גלוסטען, און דעם קליי-נעם ווייגענדיגען שמייכעל אויף איהרע קינדרישע ליפּען.

דבורה האָט געשוויגען.

טײַלמאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב עס אַזוי נאָהנט, אַז אָט גײ איך צו און איך מאַך עס, און טײַלמאָל איז עס מיר אַזוי ווײַט, אַז איך האָב מורא, אַז עס וועט אַרויסקומען נאָר אַ מויד אין לײַם, אָהן לײַב און אָהן לעבען — און דאָס אַלעס.

— איהר קענט עס, כאַסקעל.

בוכהאָלץ האָט אַ ציטער געטהון.

— איהר האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט. — בעשײַנט זי איהם אַדס פּנים מיט איהר שמײכעל.

— יאָ, איך האָב עס פערגעסען. נאָר עס האָט אַזוי מאָדנע געקלונגען מײַן נאָמען אין אײַער מויל, רופט מיך פון הײַנט אָהן „כאַסקעל", איך בעט אײַך, רופט מיך אַזוי, נישט מעהר בוכהאָלץ. — איהר זאָגט מיר צו?

— יאָ, — שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ.

— איז גוט, איז גוט, איז גוט — קלאַפּט דער יונג מיט די הענד. — אודאי קאָן איך עס מאַכען, און איך וועל עס מאַכען אויך, איהר וועט עס זעהן. מאָרגען הויב איך שוין אָן צו אַרבײַטען דערויף. עס געפעלט אײַך די אידעע? — אַ גרויסע אידעע, נישט וואָהר? די „מוטער" איז נישט אַ מוטער, נאָר אַ מוטער — אַ קינד צוזאַמען. געפעלט עס אײַך?

— עס געפעלט מיר זעהר.

— איהר פערשטעהט, וואָס איך מײן דערמיט? דער אָנהויב מיט'ן ענד צוזאַמען, — אַזוי ווי אַ ראָד. — איהר פערשטעהט. די מוטער מיט'ן קינד צוזאַמען?

— ניין, איך פערשטעה נישט, נאָר עס איז זעהר שעהן, וואָס איהר ווילט מאַכען, אַ מוטער אַ קינד. אַזוי זעהט טאַקע אויס אַ מוטער.

— איהר מײנט, אַז מען וועט עס פערשטעהן? עס וועט ווידער שטעהן פאַרשטויבט אין מײַן סטודיע, — און די מײַז וועלען עס עסען.

— האָט איהר אַ זאָרג, איהר מאַכט דען עפּעס פאַר זײ אײַערע זאַכען? איהר מאַכט דאָס פאַר זיך אַליין, נישט וואָהר?

— און פון וואַנען וועל איך נעהמען געלד אויף מאַרמאָר, איך וויל דאָך דאָס אויסהאַקען אין מאַרמאָר, — זאָגט בוכהאָלץ פערזאָרגט.

— מיר וועלען שוין קריעגען געלד דערפאַר.

דאָס וואָרט „מיר” האָט בוכהאָלצ'ן מעהר חשק צוגעגעבען ווי אַלע איהרע ווערטער, און ער האָט זי פּלוצלינג אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד...

— דבורה, איהר ווילט, איך זאָל מאַכען די „מוטער”?

— יאָ — שאָקעלט צו דבורה מיט'ן קאָפּ.

— קומט מיט מיר וואָהנען.

דבורה האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען געהן אויף אַ וויילע, באַלד האָט זי איהר קאָפּ אַראָבגעלאָזט צו דער ערד ווי איינגעזונקען, און נישט אַ וואָרט אויסצורעדען איז זי ווייטער געגאַנגען.

— אַז איהר זענט נעבען מיר, וויס איך, וואָס איך וויל, — האָט בוכהאָלץ ווי אויסגעשריעגען.

דבורה האָט איהם גאָרנישט געענטפערט.

אין אַ מינוט אַרום איז בוכהאָלץ אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— וואָס לאַכט איהר? — האָט זי געפרעגט אין דער שטיל ערנסט.

— איך וויס נישט, וואָס איך רעד, זייט מיר מוחל, — איך האָב נאָר געמאַכט אַ שפּאַס.

מעהר איז דערפון קיין וואָרט נישט גערעדט געוואָרען, און נאָך דעם געשפּרעך זענען זיי זיך באַלד צוגאַנגען.

דריטער קאַפּיטעל

דבורה׳ס וועג

אַ פּאָר טעג האָבּען זיי זיך נישט געזעהן. בּוכהאָלץ איז געגאַנגען צום שאַפּ זי אָבּוואַרטען, און זי איז נישט אַרויסגעקומען. דאָס פּלעגט זיך עפּטער טרעפען. בּוכהאָלץ האָט געמיינט, אַז זי איז בּרוגז אויף איהם, איבּער זיינע אונגעלומפּערטע רייד, וועגען געהן וואוינען מיט איהם. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער מוז אויסזעהן אין איהרע אויגען ווי אַ קאַטאַרינאַזש, אַ גאַסען־יונג, און אפשר נאָך ערגער. זאָגען איהר, אַז זי זאָל געהן וואוינען מיט איהם אין זיין לאָך אַריין, — מוז מען זיין אַ געמיינער יונג. בּוכהאָלץ האָט זיך געפונען אין זיין יאוש׳דיגער שטימונג, וואָס פּלעגט בּעפאַלען איהם פון צייט צו צייט, אין אַזאַ צייט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער איז נישט ווערטה, וואָס ער לעבּט אויף דער וועלט, אַז ער איז אַ בּלאָפער, און נאַרט זיך אַליין אָבּ און אַנדערע. אַז זיין קונסט איז קיין קונסט נישט, אַז ער איז נישט מעהר, ווי אַן אונוויסענדער יונג. אין אַזעלכע טעג האָט ער געהאַט אַ גרויס חשק צו נעהמען אַ האַמער און צוקלאַפּען אויף שטיקלעך און פּיצלעך זיינע סקולפּטורען — און אויס זאָל עס ווערען. און אַזוי ווי קיין מלאכה האָט ער זיך נישט געלערענט און בּילדונג האָט ער נישט געהאַט — האָט ער זיך געזעהן פאַר גאָרנישט פעהיג, ווי נאָר צו ווערען אַ טרעמפּ, צו לאָזען זיך איבּער דער מדינה, צו וואַלגערען זיך פון שטאָדט צו שטאָדט, אָדער גאָר אַנצודינגען בּיי אַ פּעדלער

ער וועט איהם העלפען טראָגען די גרויסע פעק מיט סחורה איבער דער מדינה. ווארום אריינגעהן אין אַ שאפ, זיין איינגעשלאָסען אין פיער וואנד אַ גאנצען טאָג, ווי יעדער איינער טהוט, צו דעם האָט ער זיך נישט געקאָנט צוגעוואוינען, נישט בלויז אין דער פראַק־טיק, נאָר אפילו אין זיין פאָרשטעלונג נישט.

בוכהאָלץ האָט זיך אין די לעצטע פאָר טעג געפונען אין דער יאוש'דיגער שטימונג. דער געשפרעך מיט דבורה'ן, וועלכער האָט זיך געענדיגט מיט דעם אונגעלומפערטען פאָרשלאָג, און מיט איהר שווייגענדיגען פערשעהמטען ענטפער, האָט איהם איבערצייגט, אז אַלעס, וואָס ער האָט גערעדט מיט דבורה'ן איז געווען נישט אויפריכטיג. און נישט נאָר זיינע ווערטער, נאָר אפילו די אידעע וועגען זיין גרויס, אונשטערבליך ווערק, וואָס ער וויל שאַפען, די „מוטער" און וואָס ער האָט עס געהאַלטען, אז דאָס זאָל פערקליי־דען מעהר ווי יעדעס אנדערע ווערק די אידעע פון זיין קונסט, איז נישט אויפריכטיג, נאָר אַ פּאָזע, וואָס ער האָט אויסגעקלערט, כדי אריינצובאָרען דאָס אומשולדיגע מיידעל, צו גרויסען זיך אין איהרע אויגען. ער האָט עס אויסגעקלערט, כדי צו מאַכען אויף איהר אַן איינדרוק — און אַזוי ארום זי צו פאַנגען. אָבער אין תוך איז אַ פוסטקייט. וואָלט עס ווירקליך געווען אַ טיפערע עמפינדונג, וואָלט ער עס נישט אויסגעפלוידערט. מיט דעם וואָס ער האָט מגלה געווען זיין אידעע, איז זי איהם פאָרגעקומען נישט אויפריכ־טיג און נישט עהרליך.

בוכהאָלץ איז געלעגען ווי תמיד אין אַזעלכע שטימונגען אויף זיין געלעגער, אָנגעטהאָן אין אַ זעלנעריש העמד, מיט'ן רעקעל און די קאמאשען, צוגעדעקט מיט אַלע שמאַטעס און ליילעכער, וואָס האָבען זיך געפונען אין „סטודיע" פייכט צו האַלטען זיינע ליימע־נע גולמ'ס. אין דער „סטודיע" איז געווען אַזוי קאַלט, אַז די עקען פון גרויסען פענסטער, וועלכע זענען איבעריגענס געווען בעקלעפט און בעשטעלט מיט שמאַטעס און קאַרטאָן־פּאַפּיער אַנשטאָט שוי־בען, זענען פערפרוירען געוואָרען, און עס זענען צוזאַמענגעוואַק־סען געוואָרען די טיכער און די שויבען מיט די ראַהמען פון פענס־טער אין איין שטיק אייז, און כאָטש די זון האָט אריינגעשיינט.

האָט זי נאָר צולאָזט דאָס געפּרווירענע פענסטער אין מיטען, ווי אַ רונדיגע לבנה. ביים בעט אויף אַ שטוהל איז געלעגען אַ ברויט, וועלכעס איז געווען פון אַלע זייטען אָבגעבראָכען. ער האָט עס נעכטען גענומען אויף באָרג אין דער אידישער קראָם, וואו ער האָט „קרעדיט". פיער און צוואַנציג שעה איז ער שוין געלעגען אויף זיין געלעגער און גאָרנישט געקלערט זיך אויפצוהויבען. די סקולפּטורען וואָס זענען געשטאַנען אין דער „סטודיע", דער „שמשון", דער „אדם", וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו אַרבייטען, און אַנדערע זענען געשטאַנען ווי געפּרווירענע בר מינן'ס איינגע- הילט אין זייערע נאַסע תכריכים. ער האָט געהאַלטען אין איין קלערען וואָס אָנצוהויבען טהאָן מיט זיך, צו וואָס פאַר אַן אַרבייט ער טויג זיך אָמבעסטען. דורך זיין מוח זענען דורכגעגאַנגען פער- שיעדענע בעשעפטיגונגען, מיט וועלכע ער זאָל זיך אָבגעבען. ווע- רען אפשר אַ פערקויפער אין אַ סטאָר פון מלבושים אין דאון-טאון, אָדער גאָר לערנען זיך אַ שאופער. דאָס, דוכט זיך, וואָלט איהם אָמבעסטען געפעלען, אַ גאַנצען טאָג וואָלט ער זיך געפונען אויף דער גאַס, און געפליגען מיט זיין אויטאָמאָביל מיט די פערשיע- דענע פּאָרלעך, וואָס ער וואָלט געפיהרט. עס וואָלט אינטערעסאַנט געווען, ער וואָלט געשטאַנען מיט זיין אויטאָמאָביל פאַר די רייכע האָטעלען אויף בראָדוויי, אָדער פאַר דער אָפּערע, און געווען גע- זעהן די שעהנע, רייך-געקליידעטע דאַמען, געפאָהרען מיט געהיימ- ניספולע טרפה'נע פּאָרלעך שפּעט ביינאַכט קיין קוני איילענד אין רייכע האָטעלען — אָדער אפשר ווערען אַ „קלוירק" אין אַ האָ- טעל. ענגליש קאָן ער, אַ שטאַרקער יונג איז ער — וועט ער זיך אָנדינגען אין אַ האָטעל. כאָטש צו שלעפּען דאָס געפּעק, שיך צו פוצען — אין אַ רייכען האָטעל. מען זעהט אַ וועלט מיט מענשען פון דער גאַנצער „קאָונטרי": יונגע פרויען אין זיידענס אָנגעטהאָן, רייכע פעלצען און דורכזיכטיגע קליידער און צו בעטראַכטען זיי- ערע קלייז-געטאָקטע איידעלע פיס, טרעטענדיג אויף די ווייכע פער- סישע טעפּיכער. בעגאָסען אינגאַנצען מיט יום-טוב'דיגען עלעקטרי- שען ליכט פון די רייכע האָטעלען. עס וואָלט אינטערעסאַנט געווען. אָבער ווער זאָגט מיר דאָס, אַז איך מוז עפּעס ווערען? וויל איך

נישט ווערען. — וועל איך זיך לאָזען איבער דער מדינה, אַרויפ־כאַפּען זיך אויף די פּראַכט־צוגען, געהן צופוס, יעדען טאָג זיין אין אַן אַנדערער שטאָדט, זעהן אַנדערע מענשען — וואַנדלען אין די ווילדע געגענדען, אין די וועסט, אַ שטייגער, אין קאַליפאָרניע, לאָס אַנדזשעלעס, וואו אָראַנדשעס בליהען, אייביגער זומער — מעקסיקאַנער, ווילדע קאובאָיס אויף די פערד — און ווי ער ליגט אַזוי און חלומ'ט זיך אויס אַ קאַריערע, עפענט זיך די טהיר אויף שטיל, אָהן גערויש, און עס קומט זיך ווער אַריינצושלייכען — ווי אַריינגע'גנב'עט, ער קוקט, און מיינט, אַז ער חלומ'ט, אָדער ער זעהט עס אין אַ וויזיע.

דבורה שטעהט. אַריינגעקומען אין דער טהיר, אין איהר קליינעם הוט מיט'ן מאַנטעלע, אין דעם געלען האַלב־אויסגעריבע־נעם פוקס אויף איהרע פּלייצעס, און האַלט עפּעס אין דער האַנד. אַ טעשעל? אַ פּעקעל? צו וואָס?

בוכהאָלץ ריהרט זיך נישט פון אָרט. ער מיינט, אַז ער חלומ'ט נאָך, איהר זיידען היטעל איז בעדעקט מיט שניי, איהר געלער פוקסענער קראַגען אויף איהרע געקרייזעלטע לאָקען קלעפּען זיך אויף איהר פּנים פון פייכטקייט. „עס מוז שנייהען אין דרויסען" — טראַכט זיך בוכהאָלץ און ריהרט זיך נאָך אַלץ נישט פון זיין גע־לעגער.

זי קלאַפּט אָב פון זיך דעם שניי, שטעלט אוועק דאָס רענ־צעל אויף דער פּאָדלאָגע ביי דער טהיר, און געהט נעהנטער צו צו איהם, און זאָגט מיט איהר בעקאַנטען ווייבעדיגען שמיי־כעל:

— כאַסקעל, — זאָגט זי, — וואָס ליגסטו עפּעס אין בעט?

ווי אַ פייל פון בויגען שפּרינגט דער יונג אויף.

— דבורה?

— יאָ, — שאָקעלט זי צו מיט'ן קאָפּ — איך בין געקומען צו דיר וואָהנען.

בוכהאָלץ קאָן נישט פערשטעהן, וואָס עס טהוט זיך דאָ, גלויבט זיינע אויגען און אויערען נישט. ער שטעהט מיט אַן אָפען מויל פערגאַפט.

— דבורה!

— דו האָסט דאָך געזאָגט — שמייכעלט זי אים ווידער אין פּנים אַריין מיט טרעהרען אין די אויגען.

שווייגט ער, בוכהאָלץ, און ווייסט נישט, וואָס צו טהאָן. נעהמט ער איהר רענצעל און בעקוקט עס פון אַלע זייטען.

— אוי, וואָס פאַר אַ שעהן רענצעל דאָס איז!

— איך האָב עס נאָך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים — זאָגט זי.

— עס זעהט אויס אַזוי היימיש — פרעהט ער זיך דערמיט ווי אַ קינד.

— אוי, ווי ביי דיר זעהט אויס! — זאָגט זי, און נעהמט זיך דאָס צימער אויפצוראַמען.

— מיין ויידע האָט געהאַט פונקט אַזאַ רענצעל, איך זאָל אַזוי לעבען — הערט אַלץ בוכהאָלץ נישט אויף צו שפּיעלען זיך מיט איהר רענצעל.

שפּעטער אַ ביסעל זיצען זיי שוין ביידע ביים איינגעהייצטען אייוועלע. פון וואַנען האָט בוכהאָלץ גענומען געלד צו קויפען קויהלען — ווייסט איין גאָט. די סטודיע איז אַזוי צוגערוימט, אַז עס איז זי גאָרנישט צו דערקענען. איבער׳ן גאַנצען שטיבעל שוועבט אַ לייכטע, מיידעלשע האַנד, גאָרנישט האָט זיך אייגענטליך געענדערט — און דאָך איז אַלעס געווען אַנדערש: די פּאָדלאָגע אויסגעקעהרט, די גולם׳ס: „שמשון״, „אדם״ שטעהען אַוועקגערוקט אין אַ ווינקעל — און דער טיש, וואָס איז איינגעפאַלען, האָט צוריקגעקראָגען זיין פוס און ער שטעהט אויף זיין אָרט, יעדעס איז אויף זיין אָרט, ביכער צו ביכער און אונריינע וועש בעהאַלטען פון מענשענס אויגען. זענען זיי געזעסען ביידע ביים איינגעהייצטען אייוועלע, לעבען וועלכען עס איז געלעגען אַ היבש ביסעל קויהלען אין אַ זעקעל, און בוכהאָלץ האָט איהר ווידער דערצעהלט פון זיינע פּלענער. ניין, בוכהאָלץ האָט שוין יעצט געהאַט גאָר אַנדערע פּלענער. ערשטענס האָט ער געלד. ער האָט זיך

דערמאָנט, אַז מאַשקאָוויטש האָט איהם פאַרגעשלאָגען אַ געשעפט מיט אַ אידישען בוכהענדלער פון דאון־טאון, וועלכער וויל אָבקוי־פען פון איהם דעם שמשון און לאָזען איהם אָבגיסען אין אַ סך אין אַ סך קליינע פיגורלעך, און פערקויפען אַ דאָלאַר אַ שטיק, פון וועלכע ער וועט בעקומען צעהן פראָצענט. „מאָרגען זעה איך זיך מיט מאַשקאָוויטש'ן, ער פיהרט מיך צום מעצענאַט און איך מאַך דאָס געשעפט. דריי מיליאָן אידען אין אַמעריקע — דריי מיליאָן „שמשונ'ס". צעהן פראָצענט פון דריי מיליאָן דאָלאַר ווי־פיעל איז? דאָס געלד וועט אויסהאַלטען, ביז ער וועט פערענדי־גען זיין „מוטער", און זאָל נאָר זיין „מוטער" פערטיג ווערען און אַרויסקומען ווי ער וויל — מיט דעם שמייכעלדיגען בייכעל.

— איך ווייס, אַז איך רייס פון מיר אַרויס — אַז איך בין מטמא מיינע זאַכען מיט מיינע ווערטער. איך טוט אַב, ווי יונגע, ערשט־געבוירענע קינדער, איידער זיי קומען אויף דער וועלט. ווייסט, אַז איך בין אַ קצב'ס אַ זוהן. מיין טאַטע איז געווען אַ קצב. און איך האָב אויך... — האָט ער זיך פלוצלינג אָבגעשטעלט ביי דבורה'ן און געקוקט איהר אין די אויגען.

— נו, איז וואָס? — האָט זי געפרעגט.

— אַז עס לעבען אין מיר בייזע און שלעכטע אינסטינקטען, און איך בין נישט פעהיג צו פיהלען עפּעס פיינעס, איידעלעס, שוויינענדיגעס. איך קען נאָר מאַכען גרויסע, שטאַרקע, אונגע־לומפּערטע גולם'ס, האָט פרייער אַמאָל געזאָגט אויף מיר, ווייל איך בין אַליין אַזעלכער. אָבער עפּעס איידעלס, וואו מען בעדאַרף נשמה — וועל איך נישט קאָנען מאַכען, דו גלויבסט אויך אַזוי ווי־פרייער, דבורה?

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. אין איהרע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט דאָס גאַנצע רחמנות אויף זיין אונבעהאָלפענקייט. האָט זי איהם אָנגענומען ביי דער קלאַ־פּע, און געזאָגט מיט ליעבע — מיט בעטרעהרטע אויגען:

— פאַרוואָס קלעהרסטו דאָס אַזוי אויף מיר, כאַסקעל?

— איך מיין, אַז אַלע מיינען אַזוי וועגען מיר. טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז עס איז טאַקע אַזוי, — אַז איך בין אַ קצב,

גאָרנישט מעהר נאָר אַ קצב, מיט שלעכטע און מיאוסע אינסטינק-טען — און איך בין נישט פעהיג אויף עפּעס איידעלערס.

— איך האָב נישט בעמערקט אין דיר קיין שלעכטע אינ-סטינקטען, דאָס האָבען שלעכטע מענשען אויסגעטראַכט.

— דו מיינסט עס מיט אַן אמת אַזוי? און אָט האָב איך דיך פערנאַרט צו מיר מיט פאַלשע רייד.

— עס איז נישט אמת. דו האָסט מיך נישט פערנאַרט. איך בין אַליין געקומען צו געהן.

— דו ביסט אַליין געקומען צו געהן, אַליין. איך האָב דיך נישט פערנאַרט — האָט בוכהאָלץ געהאַלטען אין איין איבער-חזר'ן.

— יאָ — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און פאַרוואָס האָב איך אַזאַ שלעכט געוויסען? — האָט ער געפרעגט זיך אַליין.

— ס'איז אפשר דערפאַר, וואָס דו ביסט נישט צופריעדען, וואָס איך בין געקומען? — האָט זי געזאָגט מיט אַ קאָקעטיש שמייכעלע.

בוכהאָלץ האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, און בע-האַלטען זיין פּנים אין איהרע קניהען און געשלוכצט.

— דבורה!

— וואָס ווילסט דו, כאַסקעל? — האָט זי געזאָגט גלעטענדיג זיינע האָר מיט איהרע קאַלטע הענד.

— איך ווייס נישט ווער איך בין! — האָט דער יונג גע-העשעט אין איהרע קניהען.

— דו ביסט כאַסקעל, כאַסקעל, כאַסקעל — האָט זי געלאַכט איהם אין פּנים.

שפּעטער זענען זיי אַראָב אין באָס און געגעסען ביי טשיילד'ן קיכלעך מיט האָניג.

ביי די קיכלעך און האָניג האָט שוין בוכהאָלץ אַ גאַנץ אַנ-

דערען הומאָר געהאַט — ער האָט געהאַלטען אין איין אַרויסשטאַר־צען זיינע גרויסע צעהן פון לאַכען.

נאָר אַז זיי זענען צוריקגעקומען פון גאַס אין שטוב אַריין, האָט זי בוכהאָלץ בעגלייט ביז צו דער טהיר פון זיין וואוינונג און איז געבליעבען שטעהן.

— דו וועסט שלאָפען דאָ. איך וועל געהן צו פרייער׳ן נעכ־טיגען.

און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט עפעס וואָס צו זאָגען, איז בוכהאָלץ אַראָבגעלאָפען פון די טרעפּ.

— כאַסקעל, וואוהין געהסט דו? — האָט זי איהם נאָכגע־שריעגען.

— עס איז בעסער אַזוי — האָט בוכהאָלץ איהר אָבגעענט־פערט, אַראָבלויפענדיג פון די טרעפּ.

פיערטער קאַפּיטעל

אָהן חופּה וקדושין

צומאָרגענס אין דער פריה, אַז דער בעגינען האָט נאָר־וואָס דורך דעם בעשנייעטען פענסטער אַריינגעשיינט, האָט זיך דבורה פערטיג געמאַכט אוועקצוגעהן. זי האָט נאָר געקלערט וועגען דעם, וואו דעם שליסעל פון טהיר אַוועקצולעגען, אַז בוכהאָלץ זאָל אים געפינען — האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט און בוכהאָלץ איז אַריינגעקומען צושויבערט, צורודערט, נישט ראַזירט, און ער האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט נישט געווען געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט גענומען לויפען איבער דער סטודיע הין און צוריק, נישט אַ וואָרט אויסגערעדט. דבורה האָט זיך געפּאַרעט ביי איהרע זאַכען און געשוויגען.

ענדלעך איז בוכהאָלץ צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר געקוקט אין די אויגען אַריין.

— פאַרוואָס האָסטו אַזעלכע רויטע אויגען? האָסט געוויינט? — פרעגט ער זי.

— ניין, איך האָב נישט געוויינט.

— יאָ, דו האָסט יאָ געוויינט, און דו האָסט געשוואָלענע אויגען, — האָט ער ווייטער געזאָגט.

דבורה האָט נישט געענטפערט.

— און איך בין אַ פּאַדליעץ, אַ געמיינער יונג.

— פאַרוואָס זידעלסטו זיך אַליין?

— ווייל איך בין עס.

זי האָט געשוויגען.

— דו מיינסט, אַז צו מיין מאַמע בין איך בעסער געווען? ניין! זי האָט מיר מיטגעגעבען אַ בייגעל מיט פּוטער אין חדר אַריין — און איך האָב זי געקאָפּיעט. איך האָב איהר קיינמאָל קיין נחת רוח נישט אָנגעטהאָן. איך האָב שטענדיג זי ליעב געהאַט צו קרענקען, פּערגעניגען געהאַט דערפון, פערשטעהסט? איך האָב פיינד מוטערס, אוי, ווי איך האָב זיי פיינד! — האָט ער זיך גע־טרייסעלט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, און האָט איהם אָנגעריהרט מיטביידע הענד:

— כאַסקעל, וואָס איז דיר? וואו ביסטו געווען אַ גאַנצע נאַכט? דו זעסט אַזוי שרעקליך אויס!

— איך בין ענטלאָפען פון מיין חתונה־נאַכט. אין מיין ערש־טער חתונה־נאַכט, האָב איך אָנגשטאָט אַ חתן, — אַ הונד געוואָלט זיין. דו פערשטעהסט, אַ הונד מיט הינד צוגלייך, אויף דער גאַס.

אַ ברענענדיגע רויטליכקייט האָט בעגאָסען דבורה׳ס פּנים און אָנגעצונדען ביז אין איהר טיעפען האַלז און קאַרק אַריין. זי האָט פערשטעלט איהר פּנים מיט ביידע הענד און אָנגעהויבען האַסטיג און הויך צו וויינען.

בוכהאָלץ האָט זיך געוואָרפען צו איהרע פיס, גענאַרעט זיך נעבען איהר ווי אַ הונד און געקושט איהרע שיך, איהרע פיס, איהר קלייד, איהרע הענד. אין אַ מינוט האָט ער זי אויפגעהויבען און זי געטראָגען ווי אַ קליין קינד אויף זיינע הענד, און איז מיט איהר אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב:

— מיין בעשעהרט גליק, מיין גורל, מיין מזל, וואָס איז גע־קומען צו מיר אין מיין שטוב אַריין, זאָג, וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך טהאָן פאַר דיר? זאָל איך זיך אַראָבוואַרפען פון פענסטער אויף דער גאַס אַרויס?

— ניין, — האָט דבורה געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ מיט אַ שמיי־כעלע פון איהרע בעטרעהרענטע אויגען.

— פערשטעהסט, איך האָב מיר נישט פערגינען מיין גליק, פערשטעהסט?

— יאָ — האָט דבורה געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— מוטער פון מיינע קינדער! — האָט ער אויסגעשריעגען אין ווילדען עקסטאַז.

דבורה האָט איהם מיט דער האַנד דאָס מויל פערשטעלט.

*

* *

באַלד זענען זיי שוין ווידער געזעסען ביים איינגעהייצטען אייוועלע. בוכהאָלץ האָט אַרויפגעבראַכט ברויט און פוטער, א פער־טעל פונט קאַווע, און דבורה האָט דאָס ערשטע פריהשטיק אָנגעגרייט אויף איהר ווירטשאַפט. זיי האָבען ווידער גערעדט וועגען זייערע פּלענער. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דבורה איז נישט געקומען מיט ליידיגע הענד. זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס געהאַלט פון דער לעצטער וואָך — פיער־און־צוואַנציג דאָלאַר. נישט בחינם איז זי געווען שרה רבקה'ס אַ טאָכטער. ביי איהר אין רענצעל האָ־בען זיך געפונען אַזעלכע זאַכען, ווי אַ פּאָר לייעלעכער, אַ פּאָר האַנדטיכער, וואָס בוכהאָלץ האָט אייגענטליך נישט געוואוסט, צו וואָס מען בעדאַרף עס. בוכהאָלץ האָט אַנדערש נישט געוואָלט, ווי נאָר אַז זיי זאָלען שוין געהן אויף דער ערשטער עווענױ, צו די איטאַליענישע פושקאַרטס, און איינקויפען דאָרטן בעלי־הבתּישקייט. די אידעע פון איינאָרדנען זיך אַ נייע בעל־הבתּישקייט מיט דבורה'ן האָט אַזוי בעהערשט זיין גאַנצען געדאַנק און אָנגעצונדען דעם ענטוזיאַזם אין איהם, אַז ער איז איינגעגאַנגען אויף אַ זאַך, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געקענט פועל'ן ביי זיך, אפילו אין די קריטישסטע מאָמענטען זיינע, וואָס זענען נישט געווען ווייניג. בוכ־האָלץ האָט געהאַט אַ ברודער אַן „אָלרייטניק“, וועלכער האָט גע־האַנדעלט מיט מעבעל. יענעם איז גוט געגאַנגען. ער האָט געהאַט אַ ווערט־געשעפט אין אַ קעלער אויף עלען־סטריט. בוכהאָלץ, וועל־כער איז געווען צוקריעגט מיט זיין משפחה, האָט שוין זייט יאָה־רען נישט געוואָלט הערען פון זיי און זיי פון איהם, האָט מיט'ן ברודער זיך שוין נישט געהאַט געזעהן אַ זעקס־זיעבען יאָהר. ער

האָט זיך קיינמאָל צו איהם נישט געווענדעט נאָך הילף. איצט איז איהם עפּעס איינגעפאַלען, און נישט זאָגענדיג קיין וואָרט צו דבורה'ן, איז ער באַלד געגאַנגען זיין פּלאַן אויספיהרען.

בוכהאָלץ האָט זיך אָבראַזירט, אָנגעטהאָן זיין בעסט העמד, וואָס ער האָט פערמאָגט, זייט דבורה האָט זיך אָנגעהויבען צו פער־אינטערעסירען מיט זיינע זאַכען, האָט בוכהאָלץ שטענדיג געהאַט אַ העמד. בעשוואוירען דבורה'ן, אַז זי זאָל נישט פערלאָזען די „סטודיע", ביז ער וועט נישט צוריקקומען. „איך בעדאַרף נאָר געהן צו אַ גוטען פריינד", האָט ער איהר געזאָגט, „וועגען אַ וויכטיגען ענין און איך קום באַלד צוריק". ער האָט זיך געלאָזט אין גאַס אַרויס און איבערגעלאָזט דבורה'ן אַליין. דבורה האָט זיך דערווייל איהרע זאַכען אויסגעפּאַקט און אַרומגעקוקט זיך, ווי אַזוי צו ברענ־גען די סטודיע אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מען זאָל קענען וואוינען אין איהר. זי האָט זיך גענומען אויסקעהרען דאָס מיסט, וואָס בוכ־האָלץ האָט אָנגעוואָרפען זייט ער וואוינט דאָרט, און אויסגעקליבען פון דעם מיסט אַלע שקאַרפּעטקעס, קראַגענס, העמדער, ביכער, ראַה־מען פון בילדער און אַנדערע זאַכען. אויסגעקליבען אַן אָרט אוועק־צושטעלען דאָס קעסטעלע פון פּאַמעראַנצען, אין וועלכען עס זאָלען שטעהן די פּאָר גלעזער און טעלער, וואָס זי בעדאַרף פאַר איהר בעל־הבתישקייט. און ווי זי איז אַזוי פערטהאָן מיט איהר אַרבייט צו ברענגען די סטודיע אין אָרדנונג, עפענט זיך די טהיר מיט אַ פּראַל, און בוכהאָלץ קומט אַריין, שלעפּענדיג אויף זיינע אַקסלען אַ צוזאַמענגעלעגט אייזער'ן בעטעל מיט אַ נייעם מאַטראַץ און אַ נעגער נאָך איהם, שלעפּענדיג אויף זיין קאָפּ אַ קיך־שראַנקעל מיט אַ פּאָר שטוהלען.

דבורה האָט אים אָנגעקוקט פערוואונדערט. פון וואַנען האָט ער גענומען די זאַכען? נאָר בוכהאָלץ האָט זי נישט לאַנג געלאָזט זיך וואונדערען:

— און איצט קום, איך האָב צוואַנציג דאָלאַר, וועלען מיר איינקויפען טעלער מיט לעפעל.

— טעלער מיט לעפעל? — לאַכט דבורה, — צו וואָס טויג אונז טעלער מיט לעפעל? מיר וועלען דען עסען אין דערהיים?

דבורה האָט זיך אָבגעוואַשען אין סינק, איבערגעטהאָן זיך, און איז מיט איהם אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. וואו ער האָט נאָר דערזעהן אַ געשעפט פון קיך-זאַכען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. ער האָט נאָר געוואָלט איינקויפען טעפּ, טעלער, לעפעל. דבורה האָט איהם מיט צרות אָבגעריסען דערפון. ענדליך האָט ער דער-זעהן אין אַן אייזען-געשעפט אַ גאַז-אייוועלע מיט צוויי ברענערס, נישט אַנדערש, ער וויל קויפען דעם אויוועו און דאָס אַהיימשלעפען.

— וואָס בעדאַרפען מיר אַן אויוועו? מיר האָבען דאָך אַן אייל-אייוועלע, מיר וועלען דען עסען אין דערהיים?

— נאָר וואָס דען דאַרף מען?

— קאָלדרעס! — האָט זי איהם איינגערוימט אין אויער.

זיי זענען אַוועק צו די איטאַליענער אויף דער ערשטער סטריט און אַנשטאָט קאָלדרעס האָט בוכהאָלץ איינגעהאַנדעלט עפּעס קאָ-ליערטע אָריענטאַלישע טיכער, וואָס וועלען איינצייטיג זיין „דעקאָ-ראַטיוו". דבורה האָט זיך בעצויגען צו זיי זעהר סקעפּטיש: „דע-קאָראַטיוו וועלען זיי טאָקי זיין — אָבער זיי וועלען נישט וואַרימען".

דערנאָך האָט זי איהם אַריינגעשלעפּט אין אַ ווייס-האַנדעל, און איינגעהאַנדעלט וועש, העמדער און האַנדטיכער, און אַנדערע נאַרישקייטען, וואָס בוכהאָלץ האָט בשום אופן נישט געקענט פער-שטעהן, צו וואָס מען בעדאַרף עס.

ענדליך איז ער איינגעגאַנגען דערויף, וואָס דבורה האָט געוואָלט קויפען. דער קאָרב פון אונזויבערע וועש, אין וועלכען מען האָט איינגעפּאַקט די איינגעקויפטע זאַכען מיט די טעלער און די צוויי טעפּ מיט'ן זאַלץ-קעסטעל, וואָס דבורה האָט געקויפט. כּדי נאָר צוליב טהאָן בוכהאָלצ'ן, האָט ער 'גענומען אויפ'ן אַקסעל, און אין דער צווייטער האַנד דעם גאַז-אויוועו, וואָס בוכהאָלץ האָט נישט אָבגעלאָזט, און מען האָט דאָס געמוזט קויפען, — אַמאָל אַ מיטאָג אָבצוקאָכען, — און מען איז אַהיים געגאַנגען מיט דעם אויס-שטייער.

אַרויפגעהענדיג אויף די טרעפּען — בוכהאָלץ שלעפּענדיג דעם קאָרב מיט'ן אויוועו, און דבורה הינטער איהם מיט די גלע-

זער און טעלער אין די הענד. (זי האָט נישט אָנפערטרויט בוכהאָלצ׳ן), — האָט דבורה שוין געהערט פון דעם ערשטען טרעפּ, וואו זייער שטוב געפינט זיך, אַ היימיש, בעקאַנט קרעכצען, וואָס האָט זי דערשראָקען. אַרויפקומענדיג אין דער הויך, ווען האָט זי געטראָפען? — די מאַמע! צוגעבונדען דעם קאָפּ מיט אַ ווייס טיכעל, זיצט אויף די טרעפּען און שאָקעלט זיך ווי ביים דאַווענען און קנייפּט זיך אין די באַקען. דער טאַטע, מיט די הענד פערלעגט אויף הינטען, שטעהט אָנגעלעהנט ביי בוכהאָלצ׳ס פערשלאָסענער טהיר און קוקט אַראָב אויף די טרעפּ, אויף וועלכע זיי קומען אַרויף. דער עלטערער ברודער, סאָלאָמאָן, שטעהט אונגעדולדיג און בערוהיגט די עלטערן מיט אַן אונגעדולדיגקייט, זעהט זיך אויס ער האָט קיין צייט נישט.

— מען דאַרף נאָר וויסען, צי זיי זענען געוועזען ביים ריכטער — זאָגט ער צו זיי אין דער שטיל, אָבער מען קען הערען — אין אַמעריקע טרעפען זיך אַזעלכע זאַכען.

אַנשעל שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ אויף די לעצטע ווערטער און שמייכעלט סאַרקאַסטיש. דערזעהענדיג בוכהאָלצ׳ן אָנקומען מיט׳ן קאָרב אויף די פּלייצעס און דעם גאַז-אויוועז אין דער האַנד און דבורה הינטער איהם, דערשרעקט ער זיך, ווערט בלייך און זאָגט ענדליך, קומענדיג צו זיך:

— אָט קומט דיר אָן דיין טאָכטער און דיין איידעם מיט דער וויפּראַווע.

שרה רבקה איז אַזוי נידערשלאָגען, אַז זי האָט קיין אייגענע ווערטער נישט, נאָר חזר׳ט איבער מאָנאָטאָן דעם מאַנ׳ס ווערטער מיט אַ וויינענדיג, תחינות׳דיג קול:

— מיין טאָכטער, מיין איידעם מיט דער וויפּראַווע.

— טאַטע, וואָס טהוט זיך מיט דיר? דאָ איז אַמעריקע, דאָ האָט יעדער באָי און יעדער מיידעל דאָס רעכט, — ער ענדיגט נישט דעם זאַץ, ווייל זיי קומען אָן.

— איך ווייס עס, מיין זוהן, איך ווייס עס. עס איז אַמעריקע — שאָקעלט אַנשעל צו מיט׳ן קאָפּ אויף דעם אָנקומענדיגען בוכהאָלץ.

בוכהאַלץ דערזעהט די סצענע, בלייבט ער שטעהן נישט אראָבנעהמענדיג דעם קאָרב פון פּלייצע, קוקט פערלעגען און נאַ־ריש אויף דבורה'ן. נאָר דבורה געפינט זיך באַלד, זי דערשרעקט זיך נישט, זי פערוואונדערט זיך נאָר, און דאָס פערוואונדערען קומט אויס געמאַכט. עס זעהט אויס, ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף דעם:

— טאַטע, מאַמע, ווי קומט איהר אַהער? — פרעגט זי.

— געקומען זעהן, מיט וועמען דו ביזט דאָס ענטלאָפען. וואָס פאַר א מיליאָנער דו האָסט דיר אויסגעקליבען — אין אַמעריקע ענטלויפט מען דאָך מיט מיליאָנערען; די צייטונגען שרייבען דער־פון...

— טאַטע, טאַטע, — ווינקט מיט די אויגען און בייזערט זיך דער עלטערער זוהן.

— זאָלען מיר אין שטוב אַריינגעהן, וועלען מיר דער־פון רעדען — זאָגט דבורה, — געלאַסען, די שכנים קאָנען אַרויס־קומען.

— זי האָט דאָך רעכט — רופט זיך אָן דער עלטערער ברודער.

ווי עס טרעפט זיך אין אַזעלכע פאַלען, מאַכט זיך פונקט, אַז בוכהאַלץ קען נישט געפינען דעם שליסעל פון דער טהיר. ער שטעלט אַוועק דעם קאָרב אויף דער ערד און עס נעהמט א היב־שע ווייל, ביז ער לעדיגט אויס אַלע קעשענעס — און דערביי ענטדעקט ער פאַר איהר משפחה זייער אינהאַלט, און דאָס קאָן, זעלבסטפערשטענדליך, נישט הויבען בוכהאַלצ'ס רעפּוטאַציע אין זייערע אויגען. ענדליך געפינט ער דעם שליסעל אין א הינטער־קעשענע, עפענט אויף און לאָזט זיי אַריין.

אַריינגעקומען אין דעם שעהנעם סאַלאָן אַריין, דרעהט זיך אַנשעל אַרום מיט דעם שטעקעלע און קוקט זיך איין אין בוכ־האַלצ'ן און אין די גולמ'ס איינגעוויקעלט אין נאַסע פלאַכטעס אין מיטען:

— אז איך זעה נאָר דעם פּאַלאַץ, ווייס איך שוין, ווער דער גראַף איז — זאָגט ער ווי פאַר זיך.

— אַ בריעוועל האָסטו מיר, מיין טאָכטער, איבערגעלאָזט, אַז דו געהסט אַוועק פון דערהיים, אַז דו וועסט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען — קנייטשט די מוטער אַ פּאַפּיר — פאַרוואָס קומט דאָס מיר? וואָס האָב איך דיר אַזעלכעס געטהאָן, מיין קינד? — האָט שרה רבקה איצט געפונען איהר לשון.

— וואָס בעקלאָגט איהר זי? זי איז דען, חלילה, נעשטאָרבען? אין אַמעריקע טרעפען זיך אַזעלכע זאַכען — זאָגט דער עלטערער ברודער מיט אַ גוטען הומאָר, כּדי די גאַנצע האַנדלונג אַראָבצוברענגען אויף אַ ביזנעס־וועג. — מיינע עלטערן זענען נאָך גרינע, געוואוינט פון דער אַלטער היים — ווענדעט ער זיך צו בוכהאָלצ'ן — מיר וועלען רעדען ביזנעס: מיין שוועסטער איז אַוועק פון דערהיים, זענען מיר געקומען געוואויר ווערען, מיט וועמען זי איז אַוועק, וואוהין זי איז אַוועק. מיר ווילען וויסען אייערע אַבזיכטען. מיר זענען איר משפחה. מיר האָבען אַ רעכט צו וויסען.

בוכהאָלץ איז געשטאַנען אין מיטען שטוב, און נישט געוואוסט, וואָס צו טהאָן און וואָס צו זאָגען. ער האָט נאָר נאַריש צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ אויף אַלץ, וואָס דער ברודער האָט געזאָגט, ווי ער וואָלט איהם צוגעטאַקעוועט.

— אַ מיידעל ענטלויפט פון דערהיים מיט אַ באָי, ווילען מיר וויסען — האָט זי גענומען חופה וקדושין? געווען ביי אַ ריכטער?

— דבורה איז מיין ווייב, מיין ריכטיג ווייב — האָט בוכהאָלץ געקלאַפּט זיך מיט דער האַנד אויפ'ן האַרץ — מיין ריכטיג ווייב. יעס, יעס, מיין ריכטיג ווייב — האָט בוכהאָלץ געשריעגען מיט אַ הויך קול, אַז דער ברודער האָט זיך דערשראָקען.

— איז דאָך אָלרייט, וואָס ווילט איהר האָבען? — ווענדעט ער זיך צו די עלטערן און גיט צו פערשטעהן: — אין אַמעריקע פיהרט מען זיך אַזוי, אַז אַ באָי האָט גערן אַ מיידעל, בעדאַרף ער נישט פרעגען די עלטערן. ער קאָן אַוועק מיט איהר

צום ערשטען בעסטען ריכטער, — זאָגט סאָלאָמאָן צום פּאָטער מיט אַ בערוהיגענדען טאָן. (אין דער שטיל איז סאָלאָמאָן געווען צופריעדען דערפון, וואָס דבורה׳ס חתונה האָבען וועט איהם שוין מעהר קיין געלד נישט קאָסטען).

— וואָס איז אָלרייט? חופּה וקדושין האָבען זיי געגומען? — פּאָדערט אַנשעל.

— דו הערסט דאָך, אַז זי איז דאָך זיין ווייב, האָבען זיי דאָך חתונה געהאַט. מיין גראַטולאַציאָן! איך בין דבורה׳ס ברו-דער, זלאַטניק, סאָלאָמאָן זלאָטניק. פון דער פירם אָרגאַנזאָהן שוה קאָמפּאַני. דבורה, וואָס שוויגסטו? פאַרוואָס שטעלסטו מיך נישט פאָר פאַר דיין מאַן?

— וואָס איז אָלרייט? וואָס? — האַלט אַנשעל אין איין שרייען. — חופּה וקדושין האָבען זיי גענומען? איך וויל וויסען, יאָ, אָדער ניין?

— וואָס שרייסטו, וואָס? וואָס מיינסטו, עס איז די אַלטע „היים"? דאָ קאָן אַ ריכטער אויך געבען חופּה וקדושין, — וויל סאָלאָמאָן בעווייזען בוכהאָלצ׳ן, אַז ער איז נישט מעהר קיין גרי-נער, אַז ער ווייסט, ווי עס פיהרט זיך אין אַמעריקע.

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר? איך האָב געמיינט, אַז איך וועל די זכיה האָבען דיך צו פיהרען אונטער דער חופּה מיט מיי-נע אייגענע הענד — האָט זיך שרה רבקה איצט דערמאָנט.

— בהמה, פערד, אונטער דער חופּה פיהרען! וועמען אונטער די חופּה פיהרען? עס איז אַמעריקע! קום, די מינוט קום פון דאַ-נען! אין איהרע פיער איילען וויל איך נישט שטעהן! אויף מיינע אויגען וויל איך זי נישט מעהר אָנקוקען. זעהסט דאָך, עס איז אַמעריקע, אָהן חופּה וקדושין, — שלעפּט אַנשעל שרה רבקה׳ן נאָך זיך.

— פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס געטהאָן? פאַרוואָס קומט מיר דאָס? — שפּראָצט אַ נייער קוואַל פון טרעהרען ארויס פון דער מאַמע׳ס אויגען, פערשפּרייטענדיג די הענד צו דבורה׳ן.

— איך האָב נישט געקאָנט אַנדערש, מאַמע, — זאָגט דבורה, קוקענדיג ערגעץ אָן אַ זייט.

— בהמה, וואָס שטעהסט דו? צו וועמען טענה'סט דו? — דאָס האָט דען אַ הארץ. די מינוט קום, — שלעפּט אַנשעל שרה רבקה'ן הינטער זיך.

— גרינע, נישט לאַנג אין דעם לאַנד, — פערענטפערט סאָלאָמאָן זיינע עלטערן פאַר בוכהאַלצ'ן.

אַז זיי זענען געבליעבען אַליין, איז דבורה צוגעגאַנגען צו בוכהאָלצ'ן און האָט איהר קליינעם קאָפּ ווי אַ קאַלב בעהאַלטען אין זיין ברייטער, גרויסער ברוסט, און ער האָט זי צוגעדעקט און פערשטעלט מיט זיינע גרויסע שטאַרקע הענד.

פינפטער קאפּיטעל

שרה רבקה פערשטעהט נישט מעהר

דבורה׳ס אונגליקליך אוועקגעהן האָט אזוי צורודערט דעם בעשטאַנד פון הויז, וועלכעס האָט זיך דאָך שוין אָנגעהויבען איינ־פונדעווען אין דער נייער מדינה, אַז שרה רבקה האָט געמיינט, אַז דער פונדאַמענט אונטער איהרע פיס שאָקעלט זיך, אַנשעל איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער און אַ בייזער (דבורה׳ס נאָמען איז דאָך אויף זיינע ליפּען נישט אַרויפגעקומען), מען האָט אָבער געקאָנט איינזעהן, אַז ער קאָן נישט פערגעסען אָן איהר אויף איין מינוט, עס האָט איהם געקרענקט בייטאָג, און געוועה־טאָגט ביינאַכט און נישט האָבענדיק אויף וועמען אויסצולאָזען — האָט ער עס אויסגעלאָזט אויף שרה רבקה׳ס קאָפּ. וואָס זי האָט געטהאָן, האָט נישט געטויגט. דאָס עסען האָט איהם נישט געשמעקט, די אַרבייט איז איהם נישט געפעלען, און געהאַלטען זיך אין איין קריעגען מיט די קינדער. צו די עלטערע האָט ער זיך מורא געהאַט צו טשעפּען. מאָזעס׳לעבען איז דאָך יעצט טאַקע געווען, נאָך דבורה׳ס אַוועקגעהן, (און ביי די גרויסע אויסגאַבען פון דער נייער וואוינונג, וואָס זיי האָבען גענומען), דער גאַנצער פּרנסה־געבער, און דער צווייטער, יונה גדליה (וועלכער האָט זיך יעצט נאָר גערופען ביי איין נאָמען, יונה), כאָטש ער האָט זיך גע־לערענט, האָט ער דאָך בייטאָג שווער און ביטער געאַרבייט, און צושטייער געגעבען דער מאַמע׳ן יעדער וואָך אַ פּאָר דאָלאַר,

הויז צו האַלטען, וואָס וועט ער טהאָן, ווען זיי וועלען זיך אויך אַרויסציהען פון דער היים? נאָר צו די קליינע באַיטשיקלעך האָט ער אויסגעלאָזט זיין גאַנצען שווערען געמיט, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ נייעס, אַז אין אַמעריקע דאַווענט מען נישט יעדען טאָג. ער האָט זיי אויף די אויגען נישט געלאָזט: „און ווען וועסטו שוין ענטלויפען מיט אַ שיקסע? ווען וועסטו זיך שמד'ן?“ — עס איז דאָך אַמעריקע, האָבען זיי איהם נישט געשאָנעוועט; איז אין דערהיים שטענדיג געווען גערודערס און קריגערייען, און ער האָט פערביטערט שרה רבקה'ס טעג.

היינט די נעכט! — לאַ די, וואָס זי קאָן נישט שלאָפען, מאַכט ער אויך קיין אויג נישט צו. טיילמאָל האַלט ער זיך איין. וויל ער ווייסט, אַז זי איז וואַך, נאָר טאָמער מיינט ער, אַז זי שלאָפט, וואַרפט ער זיך אַ גאַנצע נאַכט אויף די זייטען און „אוי טאַטע!“ „אָן חופה וקידושין“.

— אַנשעל, דו שלאָפסט נישט? וואָס איז דיר, אַנשעל? — ווערט איהר האַרץ צושניטען.

— איך שלאָף, איך שלאָף — בערוהיגט ער אונטער דער נאָז און אַ דרעה אויס אויף דער צווייטער זייט, צו דער וואַנט. אַז דאָס גאַנצע בעט קרעכצט אונטער איהם.

— אפשר זאָל איך אַרויפגעהן צו איהר? —

— בהמה, וואָס וועסטו אַרויפגעהן, וואָס? אַז זי זאָל אַוועקגעהן פון איהם? איז דאָך נאָך ערגער, פערשטעהסט נישט?

— ניין, חלילה, זי זאָל חתונה האָבען מיט איהם, זי איז דאָך אַ אידישע טאָכטער.

— זי זאָגט דאָך, אַז זי האָט שוין חתונה געהאַט מיט איהם „פאָ אַמעריקאַנסקי“ — וואָס וועסטו אַרויפגעהן?

— זי איז דען געשמד'ט, געהאָנגען? — וויל שרה רבקה פערענטפערען דבורה'ן.

— בהמה, אָקס, פערד! — הויבט אַנשעל אָן אויסצורעכענען אַלע נעמען פון בהמות און חיות

שווייגט שוין שרה רבקה.

פון דעסטוועגען קאָן דאָך שרה רבקה נישט רוהען. אַז זי דערמאָנט זיך אַמאָל אין מיטען טאָג, שטעהענדיג ביי דער וועש, אַז איהר קינד, איהר טאָכטער, לעבט מיט אַ פרעמדען מאַן אונטער איין דאַך אָן חופה וקדושין — געהט דאָך אַ ציטער דורך איבער איהר לייב, און עס שניידען זיך אונטער איהרע קניהען פאַר שרעק. און דאָס הארץ קלאַפּט ווי ביי אַ גזלן. כאַפּט זי אויף זיך דאָס טוך און לאָזט זיך לויפען אין דער וועלט אַריין. „וואָס וועט זי הערען, וואָס אַנשעל זאָגט? אַ קינד געלאָזט אַליין". לאָזט זי שטעהן די באַליִעַ מיט די אויסגעווייקטע וועש און לויפט. וואוהין לויפט זי? זי ווייסט דאָך נישט, וואו איהר טאָכטער וואוינט. דאַמאָלס האָט זי דער עלטסטער זוהן אַהין געפיהרט. לויפט זי אָב אַ פּאָר הייזער אין גאַס און קעהרט זיך אום צוריק און שטעלט זיך ווידער אַוועק ביים סינק אויסוואַשען די וועש.

וואַרט זי, ביז מאָזעס׳לעבען וועט קומען פון „דאָרף". מאָזעס׳לעבען איז דאָך אַ קלוגער, וועט זי זיך מיט איהם מישב זיין. מאָזעס׳לעבען קומט צוגעהן מיט די פּעק אויף דער פּלייצע, וואַרט זי נאָר, אַז דער טאַטע זאָל אַוועק צו דער אַרבייט און קוים בלייבט זי מיט איהם אַליין, מאַכט זי איהם אַ פריהשטיק, ווי ער האָט ליעב: געפּרעגעלטע ציבעלעס מיט אייער, און אַז עס שמעקט איהם, שטעלט זי זיך אַוועק נעבען איהם.

— מיין קינד, זאָלסט אַזוי לעבען און געזונד זיין, ווי דו וועסט מיך פיהרען צו דבורה׳ן, איך מוז זי זעהן!

— מאַמע, עס טויג נישט — זאָגט מאָזעס — מיש זיך נישט אַריין, וועסט נאָך ערגער מאַכען. זי האָט זיך געבעטעט — זאָל זי שלאָפען.

— איך קאָן דאָך אָבער נישט רוהען. עס רייסט דאָך מיך ביים הארץ, אַז איך דערמאָן זיך.

— און וואָס וועט זיין, אַז דו וועסט זיך אַריינמישען? וועט ער זי איבערלאָזען און אַוועקגעהן. ווייסט דען, ווי זי שטעהט מיט איהם.

— מיין קינד, איך קען דורך איהר נישט רוהען, אַז איך דער-

מאַן זיך, אַז מיין טאָכטער איז מיט אַ פרעמדען מאַן, אָן חופּה וקדושין! — קנייפּט זיך די מאַמע די באַקען.

— וואָס רעדסטו, מאַמע? זי איז דאָך זיין ווייב. זיי האָבען דאָך חתונה געהאַט אין געריכט. סאָלאָמאָן האָט דאָך געזאָגט, אַז אין אַמעריקע איז דאָס אַ חתונה, פּונקט ווי ביים רב. יעצט זעהסטו שוין, פאַרוואָס איך וויל דיך נישט פיהרען אַהין, צו איהר? וועסט איהם דאָס זאָגען — אַן אַמעריקאַנער באַי — קענסטו נאָך אַלץ קאַליע מאַכען, פערלאָז דיך אויף איהר, זי ווייסט. וואָס זי טהוט.

— מיין קינד. איך וועל דיך נישט אָבלאָזען, דו מוזסט מיך אַהין פיהרען, צו איהר. אי ך וויל זי נאָך זעהן כאָטש. איך שווער ביי מיין נאמנות, אַז איך וועל נישט רעדען וועגען דעם, איך וועל זי נאָר זעהן, עס איז דאָך מיין קינד, וואָס איז זי, גע׳שמד׳ט, געהאָנגען? — פאַלט די מאַמע אַרויס אין אַ געוויין.

— ווער רעדט דען? חלילה! אַלעס איז אַלל רייט, נאָר דו בעדאַרפסט זיך. נישט אריינמישען.

קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס די זלאַטניק ברידערס (ווי עס האָבען זיך איצט גערופען סאָלאָמאָן און מאָזעס) האָבען אָנגענומען אַזאַ סאָרט טאַקטיק צו דבורה׳ן „זיך נישט אַריינצומישען" און נישט צוצולאָזען די מוטער צו איהר. מילא, אַנשעל האָט שוין, ווי געזאָגט, נישט געוואָלט הערען און געדענקען פון איהר. אָבער די באַיעס אפילו האָבען געדענקט, אַז עס איז בעסער, אַז די עלטערן זאָלען זיך נישט אַריינמישען, „אין אַמעריקע מישט מען זיך אין אַזעלכע זאַכען נישט אַריין, אפילו קיין עלטערן נישט" — האָבען זיי אַלץ גע׳טענה׳ט, שרה רבקה האָט דאָס אָבער דאָך נישט געקאָנט פערשטעהן: איהר קינד, „אָהן חופּה וקדושין", האָט זי אַזוי לאַנג געברויעט, געוויינט, געקלאָגט, ביז מאָזעס׳ל׳עבען האָט אויף איהר רחמנות געהאַט און האָט זי איין מאָהל אַהין געפיהרט, צו דבורה׳ן. נישט אַהיים, נאָר אויפ׳ן פּלאַטץ, וואו זי אַרביים.

— זי אַרבייט דען? חתונה געהאַט און אַרבייט נאָך? וואָס

איז דאָס פּאַר אַ חתונה האָבען? — האָט זיך די מאַמע געוואונ-
דערט.

— שוין, דו הויבסט שוין אָן? אין אַמעריקע מישט מען זיך
אין אַזעלכע זאַכען נישט אַריין. דו ווייסט דען, ווי זי האַלט מיט
איהם? און וואָס ווערסטו טהאָן, אַז ער וועט זי איבערלאָזען און
אַוועקגעהן — וועט בעסער זיין? — האָט מאָזעס איהר אין אוי-
ער איינגערוימט.

— שוין, שוין, איך זאָג דיר צו, מיין קינד, אַז איך וועל
גאָרנישט רעדען. מיין הארץ וועט צופּלאַצט און צוזעצט ווערען
און איך וועל גאָרנישט רעדען.

מאָזעס'לעבען האָט זי אַהין געפיהרט צום פּלאַטץ, וואו
דבורה האָט געאַרבייט, און די מאַמע האָט זיך אַוועקגעשטעלט
אויף דער סטריט אַבּוואַרטען, ביז זי וועט אַרויסקומען פון
שאָפּ.

אַז זי האָט זי דערזעהן פון דערווייטענס אַרויסקומען מיט
די אַנדערע, נאָך אָנגעטהאָן אין איהר אַלטען זשאַקעטעל, מיט'ן
געלען פוקס, וואָס מאָזעס'לעבען האָט איהר געהאָלפען קויפען
אויף יום-טוב, איז איהר הארץ איינגעפאַלען. „וואו איז דיין אויס-
שטייער, מיין טאָכטער?“ — האָט שרה רבקה געזאָגט צו זיך,
שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און איז צוגעגאַנגען צו איהר פון איהר
בעהעלטעניש אַרויס.

— אַ גוטען אָווענד דיר, מיין טאָכטער?

דבורה האָט זיך דערשראָקען.

— מאַמע, וואָס טהוסטו דאָ? — האָט זי געזאָגט מיט איהר
בעקאַנטען גוטען שמייכעל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען
געשעהן.

— איך בין דיך געקומען זעהן.

— דו אַרבייטסט נאָך אַלץ, מיין טאָכטער? חתונה געהאַט
און דו אַרבייטסט — שטעלט זיך טרעהרען אין שרה רבקה'ס אויגען.

— און דו אַרבייטסט נישט? דו האָסט דאָך אויך חתונה
געהאַט — שמייכעלט דבורה און נעהמט זי אַרום.

— יאָ, פּאַר מיינע קינדער.

— אַרבייט איך פאַר מיין מאַן. דו האָסט דאָך אויך געאַר־בייט פאַר דיין מאַן.

— און וואו איז דיין אויסשטייער? אַלץ נאָך דאָס זעלבע דזשעקעטעל מיט'ן פּיקסעל.

— און פאַרוואָס האָסטו מיר טאַקע נישט געמאַכט? — פרעגט דבורה מיט אַ שמייכעל.

— האָסט דען געלאָזט? — ווער האָט דען געוואוסט, מיין קינד, אַז דו געהסט חתונה האָבען?

— אַז נישט וואָלסטו מיר געווען געמאַכט? פון דיין אַלט חופה־קלייד?

— איך האָב דאָך טאַקי אָוועקגעלעגט פון דיינעט וועגען אַ זיידענעם שבת־שפּיץ. אַז גאָט וועט מיר די זכיה געבען — האָט שרה רבקה פערגעסען, וועגען וואָס זי וויל רעדען מיט איהר טאָכטער.

— נו, דאָס זאָל זיין דיין גרעסטע זאָרג, מאַמע. זאָג מיר בעסער, וואָס מאַכסטו אין געזונד, און ווי קומסט דו דורך אָהן מיין געהאַלט אין דער נייער וואוינונג, ביי אַזעלכע אויסגאַבען? — נעהמט דבורה אַרום די מאַמע.

— עס איז מיר טאַקע ענג, מיין קינד, איך פּלאָג זיך און שטיק זיך, און אַז עס קומט דער ערשטער, ווערט מיר דער קאָפּ אויסגעדאַרט.

— און מאָזעס?

— וואָס ווילסטו פון מאָזעס'ן, ער טהוט, וואָס ער קאָן, און נאָך מעהר ווי ער קאָן, און טאַקע גאָט צוערשט און דערנאָך ער. וואָס וואָלט איך געטהאָן אָן איהם?

— אפשר וואָלסטו אַריינגענומען וועמען אויף מיין אָרט יעצט אין די צימערען צו וואוינען? עס איז דאָך דאָ געראַנמער פּלאַטץ.

— די מאַנספּערשוינען ווילען טאַקע, נאָר איך וויל נישט. איך וואַרט נאָך אַלץ אויף דיר, מיין קינד, אפשר ועסטו צוריק אַהיימקומען —

— וואָס הייסט, איך וועל צוריק אַהיימקומען? און וואו וועל איך לאָזען מיין קינד? — לאַכט דבורה.

— וואָס הייסט, דיין קינד? — פרעגט די מאַמע.

— יאָ, יאָ, מאַמע, דו האָסט דיינע און איך האָב מיינס — נעהמט דבורה אַרום איר מוטער און קושט זי — נו, בלייב מיר געזונד, מאַמע, מיין קינד וואַרט אויף מיר, איך מוז אַהיימגיין אָווענדברויט אָבקאָכען — זאָגט דבורה, אויסמיידענדיג מיט דער מוטער דעם געשפּרעך וועגען איהר חתונה האָבען. זי האָט נאָך דערצו געזעהן, אַז מאָזעס שטעהט הינטער אַ שטאַנד פון אויבס און וואַרט אויף זיי.

— דבורה, דבורה, רופט איהר די מוטער נאָך.

— איך וועל דיך זעהן, מאַמע, אַן אַנדערש מאָל — זאָגט דבורה צולויפענדיג צו אַ טראַמוויי — אָט האָב איך מיין טראַמוויי.

— מיין קינד, איך פערשטעה נישט מעהר די וועלט, איך האָב אויפגעהערט צו פערשטעהן, איך פערשטעה נישט מעהר, עס איז צייט, אַז איך זאָל שטאַרבען — זאָגט די מאַמע, צוקומענדיג צו מאָזעס'ן, וועלכער האָט שוין געוואַרט אויף איהר.

יעקסטער קאפּיטעל

עס בלאַנקען און בליצען שרה רבקה׳ס טעפּ

איז געלעגען שרה רבקה ביינאַכט אויף איר געלעגער, און געקלעהרט וועגען דעם, וואָס וועט זיין, אַז זי וועט שטאַרבען? זי האָט געלאָזט דורכגעהן אַלע איהרע קינדער פאַר איהר. אייגענטליך, האָט זי דאָך אַלע איהרע קינדער שוין בעזאָרגט — און זי האָט נישט מער פאַר וואָס צו לעבען. שלמה האָט חתונה געהאַט, דבורה אויף איהר אופן, מאָזעס׳לעבען וועט זיך אַן עצה געבען, דאָס לערען-אינגעל בעזאָרגט זיך אויך שוין אַליין, די צוויי בויטשיקלעך בעדאַרפען זי אויך נישט מעהר. זיי וועלען גרויס ווערען אָהן איהר. אויף וועמען עס איז אַ רחמנות, איז אויף אַן שעל׳ן מיט דעם קלענסטען מיידעל. ווי אַזוי וועט זיך אַנשעל אַן עצה געבען אָהן איהר? און ווער וועט פייגעלע׳ן אַ קליידעל אויסוואַשען, אין שול צו שיקען? ווער וועט אויף אַנשעל׳ן אַכטונג געבען? און גלאַט, װאו וועט אַנשעל זיין אָהן איהר? וואָס פאַר אַן עצה וועט ער זיך געבען אָהן איהר?

עס דוכט זיך איהר, אַז עס שטעהט איהר פאַר אַ לאַנגע רייזע, וואָס זי מוז עס מאַכען, און זי מוז דאָך סוף כּל סוף פאַר-טיג מאַכען זיך צו דער רייזע, און מוז זיי איבערלאָזען אַליין. שטעלט זי זיך פאַר די שטוב אָהן איהר: אַנשעל הויבט זיך אויף אין דערפריה, ווען עס איז נאָך נאַכט, און אַנשטאָט דאַוונען שטעלט ער זיך אַוועק ביי דער קיך אָבקאָכען קאַווע פאַר די קינדער. אַנ-

שעל קומט אַהיים אַ מיעדער פון דער אַרבייט, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס, און אַנשטאָט וואָס ער זאָל טרעפען זיין לעפעל געקעכטס אויפ׳ן טיש, בעדאַרף ער זיך אָוועקצושטעלען ביי דער קיך אָבקאָכען דאָס עסען. וואָס, אַ פרעמדע אידענע וועט ער אַריינ־נעהמען? אָדער אַנשעל שטעהט ביי דער סינק און וואַשט אויס אַ פּאָר שטיקלעך, דאָס קליידעל פאַר פייגעלע׳ן אויף מאָרגען אין שול — טראַכט זי זיך אַזוי — און מיט אַמאָל הוסט אַנשעל און וועקט זי אויף פון איהרע רעיונות, הויבט זי זיך אָן אַליין צו זידלען: זי ווייסט דען, וואָס זי טראַכט? וואָס הייסט, זי וועט אָוועקגעהן? עס איז נאָך נישט צייט.

עס גלוסט זיך איהר צו ליעגען ווייטער און צו טראַכטען אַזוי, טראַכטען אַזוי שטיל, ביז זי וועט איינשלאָפען. זי איז מיעד און שלעפעריג, איהרע אַלע ביינער זענען מיעד און ליעגען צושרויפט, אויסגעבעט אויפ׳ן געלעגער. ווען זי זאָל אפילו וועלען, קאָן זי זיי נישט צוזאַמענעהמען. די מיעדקייט איז זיס, ווען מען וואָלט זי געלאָזט אַזוי ליעגען, ליעגען. —

דער זייגער שלאָגט שוין זעקס. זי ווייסט, אַז זי בעדאַרף זיך אויפהויבען, זי מוז זיך אויפהויבען, עס איז די העכסטע צייט. ער ליעגט שוין אודאי מיט אָפענע אויגען און האָט זיך מורא צו ריהרען, אַז ער זאָל זי נישט אויפוועקען. זי קאָן דאָך איהר אַנ־שעל׳ן. און וואָס וועט זי אויסליעגען, עס ווערט דאָך שפּעט, — טראַכט זי, און הויבט זיך נישט אויף. פאַרוואָס הויבט זי זיך נישט אויף? וואָס פאַר אַ יום־טובים מאַכט זי זיך? און זי ליעגט און דאָס ליעגען איז אַזוי גוט? קיינמאָל האָט זי נישט געפיהלט אַזוי גוט דאָס ליעגען אין בעט ווי איצט.

זי זעהט, ווי אַנשעל שטעקט שוין אַרויס די פיס פון בעט, טהוט זיך אָן, דאָרט אין צווייטען ווינקעל רודערט זיך אויך, מאָ־זעס׳לעבען וועקט זיך. — וואָס וועט דער סוף זיין? גאָרנישט טהוט איהר וועה. אדרבה, זי פיהלט זיך לייכט. נאָר מיעד, און האָט ליעב דאָס ליעגען.

— שרה רבקה, — זאָגט ער, — וואָס, עס איז דיר עפּעס?

— ניין, איך ווייס נישט, עס גלוסט זיך מיר נישט אויפ־צוהויבען.

אויף ד'עם האָט ער זיך נישט גערייכט. דאָס האָט ער קיינ־מאָל נאָך נישט געהערט פון איהר, אַז עס זאָל זיך איהר נישט גלוסטען.

— נו, אַז עס גלוסט זיך דיר נישט, הויב זיך נישט אויף.

— און ווער וועט דיר מאַכען דאָס אָנבייסען?

מען וועט שוין מאַכען.

— געה שוין, געה, — און זי וויל זיך אויפהויבען און קאָן נישט.

— אַנשעל, — זאָגט זי — איך ווייס נישט, וואָס מיר איז.

— מן הסתם האָסטו זיך צוגעקיהלט. ליג איבער'ן טאָג אין בעט, ועסטו דיך אין אָוועגד בעסער פיהלען.

— האָסט רעכט, — זאָגט זי — און לעגט זיך צוריק.

אַנשעל פערוואונדערט זיך, וואָס זי גיט זיך אַזוי לייכט נאָך, — עס איז דאָך גאָרנישט איהר געוואוינהייט — טראַכט ער זיך, און ער שרעקט זיך, געהט צו נעהנטער צום בעט:

— וואָס, עס איז דיר עפּעס? טהוט דיר עפּעס וועה

— ניין. עס איז מיר גאָרנישט, נאָר מיעד.

— טאָ ליג איבער'ן טאָג אין בעט, וועסטו זיך אויסרוהען.

— איך מיין אויך אַזוי, — זאָגט זי — און ציהט אויס די איינגעקאָרטשעטע פיס.

אַנשעל חידוש'ט זיך. עס איז דאָך גאָרנישט איהר טבע, טראַכט ער זיך.

דורכ'ן טאָג, אַז עס איז שפּעט געוואָרען, האָט זיך שרה רבקה ווייטער געטראַכט: — וואָס ליג איך? מילא, דאָרט, אין דער אַלטער וואָהנונג, האָט זי געהאַט שכנים, וואָלט זי געקאָנט אַריינשי־קען פייגעלע'ן נאָך אַ שכנ'טע, וואָלט יענע פאַר איהר צוגעשטעלט דאָס אָוועגד־עסען; דאָ, אין דער נייער וואָהנונג, האָט זי נאָך נישט

צייט געהאַט זיך צו בעקענען מיט די שכנים, און עפּעס זענען דאָס פרעמדע מענשען, נישט איהר גלייכען, וועט זי דאָך נישט בעלעסטיגען פרעמדע. טראַכט זי זיך, זי וועט ליעגען, ביז די קינ-דער וועלען קומען פון שול. דערוויייל פאַלט זי אַוועק אין אַ היהנער-פלעט. עס דאַכט זיך איהר, אַז זי איז געשטאָרבען — און עס איז איהר גוט, וואָס זי איז געשטאָרבען; זי ליגט אין בעט, איהרע גליעדער זענען אויסגעבעט אין בעטגעוואַנד און זי בעדאַרף זיי נישט בעוועגען. זי בעדאַרף זיך נישט אויפהויבען פון בעט, קיינמאָל נישט. זי בעדאַרף גאָרנישט זאָרגען מעהר; נישט טראַכטען וועגען דעם ערשטען, וועגען דירה-געלד, וועגען די וועש און קליידונג פאַר די קינדער און די רעכנונג אין די געוועלבלעך — געהען איהר אויך נישט אָן, אַלעס איז ריכטיג, און אַלעס מאַכט זיך שוין אַליין, און די וועש וואַשט זיך אַליין, די קינדער וואַק-סען אַליין, און דאָס עסען שאַפט זיך אַליין, און די שטובען ראַ-מען זיך אַליין, און זי בעדאַרף גאָרנישט מער טהאָן, נאָר ליעגען, ליעגען, ליעגען.

דערנאָך מישט זי אויף איהר קינדהייט פאַר איהרע אויגען, אַזוי ווי אַן אָפּענער בוך. זי זעהט, איהר מאַמע איז געקומען אין שטוב אַריין, אין ברייטען טערקישען קלייד, מיט דעם שטערען-טיכעל אויפ'ן שטערען. זי וואונדערט זיך אַפילו, וואָס איהר מאַמע איז געקומען. זי ווייסט דאָך, איהר מוטער איז געשטאָרבען, און ליעגט אויפ'ן גוטען אָרט, אין לענטשיק, ווי זי איז צומאָל נישט געוועהן אויף קבר אבות, איידער זי איז אַוועקגעפאָהרען פון דער-היים. ווי אַזוי איז זי אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע? ווי אַזוי איז זי דעם ים אַריבערגעשוואומען? אַ וואונדער — טראַכט זי זיך, — אַ וואונדער.

דערוויייל ווערט איהר שטוב פערענדערט און פערוואַנדעלט זיך צוריק אין קעלער, צוזאַמען אויך אין דער שטוב, אין דער אַל-טער היים מיט די דריי דיקע באַלקענס. אַט, זעהט זי דעם מיטעל-סטען, דעם דיקסטען, אויף וועלכען עס הענגט אויף אַ האָק איהר הענג-לייכטערעל, און זי פערוואונדערט זיך: וואָס איז דאָס? וואו בין איך? אין דער אַלטער היים? אין אַמעריקע? — אַלע שטובען,

אין וועלכע זי האָט געוואוינט, ווערען ביי איהר אויסגעמישט אין איין שטוב — און עס איז ערב שבת, פרייטאָג פאַרנאַכט, איהרע טעפּ שטעהען אויסגעריבענע, אויסגעפּוצטע אויף דער פּאָליצע. דבורה'לע שטעהט אין ווינקעל, ביים קיכעל, און צוואָגט זיך אין שעפּעל דעם קאָפּ: דבורה'לע איז נאָך אַ קליין מיידעל, און יונה גדליה איז נאָך אַ קליין אינגעל — און איטשע מאיר איז ביי איהר אויף דער האַנד.

— איך מוז זיך אויפהויבען. וואָס ליג איך ווייטער? אַנשעל וועט דאָך באַלד קומען פון שוהל — רייסט זי זיך פון שלאָף אויף.

זי כאַפּט זיך אויף, און דערזעהט איהר קליין מיידעלע, פייגעלע, איז נאָר וואָס אריינגעקומען פון שול מיט די ביכער.

— מיינע שונאים — רייסט זי זיך פון שלאָף אויף — וואו בין איך דאָס געוועזן? — אין אַמעריקע, צי אין דער אַלטער היים?

און זי ליעגט ווייטער, יעצט שוין וואָך, מיט אָפענע אויגען, און קוקט אויף פייגעלע'ן, און זי הויבט אָן צו פערשטעהן, וואָס ס'טהוט זיך מיט איהר.

— און וואָס וועט מיט איהר זיין? אויף וועמענס הענד לאָז איך זי? — טראַכט זי זיך.

און ווי זי טראַכט דאָס, זעהט זי די גאַנצע עלענדקייט פון איהר קינד.

— ווער וועט איהר דעם קאָפּ צוואָגען? — זאָגט זי זיך — וואָס פאַר אַ יום-טובים מאַך איך מיר? און זי גיט זיך מיט אומפעט אַ הויב אויף פון בעט, און אַ שטעק אַרויס די פיס — עס איז נאָך נישט צייט, נאָך נישט צייט.

זי איז נאָר אָבגעגאַנגען צוויי טריט, די קניהען האָבען זיך געשניטען, די אויגען געשווינדעלט און דער קאָפּ איז געפלויגען פון קערפּער, און ערגעץ וואו אין דער הויך געבערענט.

— מאַ, מאַ-מאַ! וואָס איז דיר? — איז די קליינע צוגעלאָ-

פען צו איהר, — ווען שרה רבקה האָט זיך אויסגעצויגעו אויף דער ערד.

מאַ האָט נישט אָבגעענטפערט.

— מאַ, מאַ-מאַ! — שרייט דאָס קינד און עפענט אויף די טיר — מאַ!...

אַ פּאָר שכנ'טעס זענען אַריינגעקומען און שרה רבקה'ן צו־ריק אין בעט אַריינגעטראָגען.

אַז אַנשעל איז פון דער אַרבייט אַהיים געקומען, האָט ער שוין געטראָפען דעם עלטסטען זוהן מיט'ן ווייב ביי דער מאַמעס בעט. אַ דאָקטאָר איז אויך געווען, וועלכער האָט זיך גע'סוד'עט מיט'ן עלטסטען זוהן. די קינדער אין שטוב זענען געווען שטיל, געגאַנגען אויף די שפּיץ נעגעל, אָדער געזעסען אין די ווינקעלעך. אַנשעל איז צוגעלאָפען צום בעט. שרה רבקה איז געלעגען אַ צו־היצטע מיט רויטע באַקען. די איינציגע גרויע האָר, וואָס האָבען זיך אַרויסגערוקט פון ווייסען טיכעל, מיט וועלכען איהר קאָפּ איז געווען צוגעבונדען, האָבען זיך געקלעפּט אין די אַנגסטען, וואָס האָבען אַרויסגעשלאָגען אויף איהר שטערען. אייגענטליך האָט שרה רבקה אַרויסגעשייַנט פון בעט. קיינמאָל האָט זי אַנשעל נישט גע־זעהן אַזוי בליהענד, מיט אַזעלכע רויטע באַקען, — נאָר איהרע ליפּען זענען געווען בלוי ווי מילך. זי איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און געקוקט מיט שרעק. אַז זי האָט דערזעהן אַנשעל'ן ביים בעט, האָט זי איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען, ווי זי וואָלט ביי איהם מחילה געבעטען פאַר דעם, וואָס זי איז קראַנק געוואָרען.

— שרה, וואָס איז דיר? — האָט אַנשעל גערופען זיין ווייב ביי'ם ערשטען נאָמען, ווי ער פלעגט זי רופען בלויז אין צערטלי־כע מינוטען פון זייער לעבען.

— אַנשעל — האָט זי געשטאַמעלט מיט איהרע ליפּען — און אויסגעשטרעקט צו איהם איהר האַרטע, אויסגעאַרבייטע האַנד, וואָס איז איצט אוננאַטירליך בלייך געווען.

— וואָס איז דיר, שרה׳לעבען? — פרעגט אַנשעל אין אנג־סטען.

— איך ווייס נישט, אַנשעל — האָט זי געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר? — פרעגט אַנשעל דעם זוהן, איינהאַלטענדיג די טרעהרען.

— מען נעהמט די מאַמע אין האָספּיטאַל אַריין.

— אין האָספּיטאַל? — וואונדערט זיך עפּעס אַנשעל און שטעהט צומישט.

— מען ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס איז — זאָגט דער עלטסטער זוהן.

— מען ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס איז? — וואונדערט זיך און חזר׳ט איבער אַנשעל דער זוהנ׳ס רייד.

דער זוהן מיט דער שנור געהען אַהיים. עס בלייבט איבער אַנשעל׳ן אַליין. די קינדער זיצען אין קיך. אַנשעל זיצט ביי׳ם בעט און קוקט, אַזוי ווי זי, ערגעץ מיט די אויגען, און קלערט עפּעס וואָס, שאָקעלט זיך ווי ביי׳ם דאַווענען, און שווייגט, נאָר פון צייט צו צייט פרעגט ער:

— שרה׳לע, עס טהוט דיר עפּעס וועה?

— ניין — שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ.

און ער זיצט ווייטער און שאָקעלט זיך ערנסט ווי ביי׳ם דאַווענען.

— אַנשעל, געה עסען — נעהמט זי די כוחות צוזאַמען און זאָגט איהם — די קינדער ווילען מאַכען.

— איך וועל שוין עסען — מאַכט ער מיט דער האַנד, און זיצט ווייטער און שאָקעלט זיך.

שפּעטער קומט מאָזעס אָן, מיט די פּעק אויף די פּלייצעס. אין דער קיך דערפיהלט ער שוין, אַז עפּעס וואָס איז געשעהן מיט דער מאַמען. ער דערקאָנט עס אין די קינדער׳ס שטיל־קייט.

— וואָס איז געשעהן?

— מאַ איז קראַנק.

ער ווארפט אַראָב די פּעק און געהט אַריין צו דער מאַ־מען מיט שטילע טריט. ער קוקט אויפ'ן טאַטען און ער דערקאָנט איהם נישט, דער טאַטע זעהט אויס אין זיינע אויגען, ווי ער וואָלט עלטער געוואָרען דורך די פּאָר שעה, וואָס ער האָט איהם נישט געזעהן, עלטער געוואָרען, גרויער און איינגעקאָרטשעטער. ער דער־שרעקט זיך און געהט צו מיט שטילע טריט צום בעט. דער טאַטע וועקט זיך אויף פון זיינע געדאַנקען, דערזעהט איהם:

— הא, משה? זאָגט ער.

— וואָס איז דער מאַמען? — פרעגט ער.

— די מאַמע איז אוועקגעפאַלען, — מען נעהמט זי אין האָספּיטאַל.

— אין האָספּיטאַל... — זאָגט נאָך מאָזעס.

די מאַמע קוקט איצט אויף מאָזעס'ן מיט איהרע גרויסע גלאַנצענדע אויגען און צעהיצטע באַקען. מאָזעס שטעהט ביים בעט און קוקט אויף איהר, און די מאַמע בעט זיך עפּעס ביי איהם מיט איהרע אויגען, ווי אַ שטומע בהמה וואָלט געקוקט אויף איהם, וואָס קאָן נישט רעדען, נאָר קוקט מיט די אויגען — אַזוי קוקט די מאַמע אויף איהם, און בעט זיך ביי איהם.

— מאַמע! — זאָגט ער.

— ווילסט עפּעס, שרה'לעבען? — נויגט אַנשעל צו די אויע־רען צו איהרע ליפּען.

— מיין זוהן. — ברומען דער מאַמענס ליפּען.

— זי זאָגט „מיין זוהן" — שאָקעלט זיך אַנשעל פרום.

* *

*

אַ גאַנצע נאַכט איז מען אויף געווען. וויפיעל מאָזעס האָט זיך נישט אויסגעבעטען ביים טאַטען, אַז ער זאָל אַריינגעהן אין צווייטען צימער צולעגען זיך, — אַנשעל האָט געשוויעגען. אַזוי ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ווייב'ס בעט, אַזוי איז ער גע־בליעבען זיצען, זיך געהאַלטען אין איין שאָקלען, ווי ביים דאַווענען,

און געשוויעגען. שרה רבקה האָט געקוקט אויף איהם און געבעטען זיך אויף שטום־לשון מיט איהרע אויגען, אַז ער זאָל געהן זיך צו־לעגען. טיילמאָל האָט שרה רבקה בעוועגט מיט די ליפּען: אַנשעל, אַנשעל!

— שרה׳לע, — האָט אַנשעל געגויגט זיינע אויערען צו איה־רע ליפּען.

— געה שלאָפען, אַנשעל, — האָט זי געשעפּטשעט מיט אי־רע ליפּען.

ניין, — האָט ער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און איז געבליעבען זיצען.

די מאַמע האָט נאָך פערשטאַנען אַלצדינג, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהר, כאָטש זי איז געלעגען אין אַ גרויסען פיבער און האָט פאַר שוואכקייט נישט געקאָנט רוהען. איהרע אויגען האָ־בען געררעדט, זי האָט די אויגען נישט צוגעטהאָן אויף איין מינוט, און בעהאַלטען זיך אין איין דורכרעדען דאָ מיט איהר מאַן און דאָ מיט איהר זוהן. און עס איז געווען דאָס ריכטיגע לשון, וואָס די אויגען האָבען געפיהרט. זיי האָבען געזאָגט דאָס, וואָס ליפּען וואָל־טען נישט אומשטאַנד געווען אויסצורעדען. דאָ האָט זי זיך געזע־געגט מיט זיי, דאָ האָט זי זיי געטרייסט, און אַן אַנדערס מאָהל האָט זי זיי עפּעס געבעטען. די מאַמע האָט זיך אויסגעקליעבען דאָס לשון פון די אויגען — ווייל עס איז געווען מעהר צוגעפּאַסט צו דעם, וואָס זי האָט זיי געוואָלט זאָגען. מאָזעס האָט פערשטאַ־נען, וואָס די מאַמע קוקט אויף איהם, און וואָס זי וויל פון איהם, וועגען וואָס זי טראַכט, און ער האָט איהר אויך צוגעזאָגט מיט זיי־נע אויגען, ווי זיי וואָלטען זיך אַזוי אַרום פערשטאַנען. זי האָט פערלאַנגט און ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויספיהרען אַלץ, וואָס זי וויל פון איהם, און גענומען אויף זיך, איצט ביי דער מאַ־מעס קראַנקען־בעט, אַז טאָמער וועט חלילה עפּעס געשעהן, וועט ער זאָרגען איבער די קליינע קינדער, ביז זיי וועלען גרויס ווערען, די מאַמע האָט געהערט זיין פערשפּרעכען, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיך, און נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אַזוי דורכגערעדט מיט איהר מיט די בליקען, איז זי רוהיגער געוואָרען, אַ לייכטקייט איז אויף

איהר געקומען, און זי האָט זיך ווען זיך גוטוויליג איבערגעגעבען אין די הענד אַריין. זי האָט מיעד פערמאַכט די אויגען, און עס האָט זיך גערוכט, אַז זי שלאָפט. אָבער געשלאָפען איז זי נישט. באַלד האָט זי זיך ווידער אויפגעכאַפּט, — געפלאָגט פון אַן אונרוהיגען געדאַנק, עפּעס וואָס איז נאָך נישט פערענטפערט געוואָרען — האָט זי זיך ווידער געווענדעט מיט איהר בעטענדיגען, פער׳חלש׳טען בליק צו מאָזעס׳ן. מאָזעס האָט פערשטאַנען, וואָס זי מיינט.

— אפשר רופען דבורה׳ן — האָט ער זיך אָנגערופען.

— וואָס פאַלט דיר איין? — האָט אַנשעל זיך אָבגעשאָקעלט.

— איך מיין, אַז די מאַמע וויל עס — האָט מאָזעס געזאָגט, אַ קוק טהוענדיג אויף דער מאַמען.

— איז דאָך נאָך צייט, דערווייל איז נאַכט — האָט אַנשעל פערקרומט זיך מיט צער.

און מאָזעס האָט אָנגעקוקט די מאַמע, ווי ער וואָלט זי בערוהיגט. ער האָט שטומערהייד געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און די מאַמע האָט איהם פערשטאַנען, און האַלב פערגלעזענדיג די אויגען אונטער איהרע הייטלעך, האָט זי איהם מיט איהרע גרויסע געלע אויגען-אַפּעל געדאַנקט, און האָט איינציגווייז איהרע הייטלעך אַראָבגערוקט איבער איהרע אויגען-אַפּעל — ווי די זון, וואָס לאָזט זיך איינציגווייז אין ים אַריין.

צומאָרגענס אין דער פריה, ווען די טרעגערס האָבען זי אַרויסגעטראָגען אויפ׳ן טראָג-בעטעל צום אַמבולאַנס, האָט זי אויפגעוועקט אויף אַ מינוט פון דער היהנערפּלעט דאָס געוויין און דער געשריי פון איהרע קינדער. ליעגענדיג אויפ׳ן טראָג-בעטעל, האָט זי נאָך אַמאָל די אויגען אויפגעריסען. זי האָט שוין נישט פערשטאַנען, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהר.

און ווען מען האָט זי דורכגעטראָגען דורך דער-קיך, איז איהר בליק געפאַלען אויף די טעפּ, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פּאָליצע איבער דער קיך. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען,

אַז זיי בלישטשען און בלאַנקען ווי נאָך קיינמאָל נישט. און זי האָט זיך געוואונדערט: ווער האָט דאָס די טעפּ פאַר איהר אַזוי אָבגעשייערט אויף שבת?...

זיבענטער קאַפּיטעל

אין שוהל ברענען ליכט

אַרום דער געביידע פון דעם האָספּיטאַל האָבען זיך די קינדער אַרומגעדרעהט, פעראייגזאַמט ווי בלאָנקענדיגע שעפּסען, מיט רויטע, געשוואָלענע אויגען פון וויינען. און גערעדט צווישען זיך אין דער שטיל. — ביי דער טהיר, האַרט ביי דער טהיר איז געשטאַנען אַנשעל. ער איז דורך די פּאָר טעג פון שרה רבקה׳ס קראַנקהייט איינגעקאָרטשעט און איינגעשרומפּען געוואָרען ווי אַ ציטראָן. די האָר פון זיין באָרד זענען שטייף געוואָרען און שטעכדיג. ער איז געשטאַנען האַרט ביי דער טהיר פון האָספּיטאַל און געוואָלט זיך אַריינקריעגען אינעווענ׳יג, נאָר יעדעס מאָהל האָט דער וועכטער פון אינעווענינ צוגעהאַקט די טהיר פאַר זיין פּנים. ער איז געוואָרען שטייף, ווי ער וואָלט געווען איין שטיק מוסקול און געהאַלטען אין איין טענה׳ן:

— וואָס הייסט, זיי לאָזען נישט אַריין?

— אַ געזעץ אַזעלכער.

— וואָס איז מיר אַ געזעץ. ס׳איז דאָך סכנות נפשות.

דער עלטערער זוהן, וועלכער איז געשטאַנען נעבען מאָזעס׳ן און זיך עפּעס געס׳סוד׳עט, ער איז צוגעקומען און האָט איהם בערוהיגט.

— מען וועט דיך באַלד אַריינלאָזען. איך האָב גערעדט מיט דעם פערוואַלטער, מען פיהרט זי אַריבער איז אַ פּריוואַטען צימער.

— מען פיהרט זי איבער, מען פיהרט זי איבער, — הייסט עס, הייסט עס, — האָט ער זיך שאַרף געביסען די ליפּען מיט די אויבערשטע צייהן ביז צו בלוט.

— מיט דער מאמע׳ן האַלט עס זעהר שלעכט — האָט דער עלטערער זוהן געזאָגט און פערהאַלטען זיך די אויגען מיט דער האַנד.

— הייסט עס, הייסט עס, הייסט עס, — האָט אַנשעל געהאַלטען אין איין בייסען זיך די ליפּ. — פאַרוואָס לאָזען זיי וויעדער אונז נישט אַריין? — האָט ער געקנייטשט דעם שטערען.

— זיי וועלען אונז באַלד אַריינלאָזען — זאָגט דער עלטערער זוהן אין געוויין.

מאָזעס פערשטעלט זיין פּנים אין די צוויי הענד, און וויינט הויך, שטעהענדיג אָנגעלעהנט ביים לאָמפּ. אַז די צוויי באָטשיקלעך, וועלכע שטעהען אַ ביסעל אָבגערוקט מיט זייער ברודער יונה גדליה, זעהען, אז די עלטערע ברידער וויינען — האָבען זיי אויך אָנגעהויבען צו וויינען.

פייגעלע איז נישטאָ. די שווענערין, סאַלאָמאָנ׳ס ווייב, האָט זי אהיים גענומען צו זיך. נאָר דבורה שטעהט אָבגערוקט אָן אַ זייט פון אַלע, אין זשאַקעטעל מיט דעם געלען פוקס. קיינער רעדט נישט מיט איהר. זי איז די איינציגע פון די קינדער, וואָס וויינט נישט. איהר געזיכט איז ערנסט-טרויעריג, און דערביי שפּיעלט אויף איהרע ליפּען אַ שמייכעל.

קיינער האָט זיך אויף איהר נישט אומגעקוקט און קיינער האָט מיט איהר נישט גערעדט. זי שטעהט פון דער ווייטענס אַליין, ווי זי וואָלט געווען אַרויסגעשטופּט פון דער משפּחה. אַלע פיהלען, אַז זי איז עפּעס שולדיג אין דער מאַמעס קראַנקהייט, און זי פיהלט אויך אַזוי, דערביי האָט זי גאָרנישט קיין חרטה, און האַלט זיך גאָרנישט שולדיג. זי שטעהט פערביסען, פער׳עקשנ׳ט אויף איהר אָרט און קוקט ערגעץ-וואו ערנסט.

דורך דער צייט פון דער קראַנקהייט האָט זי געזעהן די מאַמע צוויי מאָהל. איינמאָל האָט זי די מאַמע נישט געזעהן. זי איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען. דאָס צווייטע מאָהל האָט די

מאַמע יאָ אָפען געהאַט די אויגען. אז זי איז אַריינגעקומען צו איהר אין האָספּיטאַל, האָט די מאַמע בעהאַלטען אין איהר די אויגען און זי לאַנג שטום אָנגעקוקט. זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נישט בעוואויגען אפילו מיט די ליפּען, נאָר געקוקט. דערנאָך זע־נען דער מאַמעס גרויסע, קראַנקע אויגען פייכט געוואָרען, קוקענדיג אויף דבורה'ן. די קינדער, וואָס זענען געוועזן דערביי, האָבען גע־זעהן, אַז די מאמע וויינט, האָבען זיי אויך אָנגעהויבען צו וויי־נען. נאָר דבורה האָט נישט געוויינט. זי איז געשטאַנען ביי דער מאַמעס בעט און געפרעגט זי:

— מאַמע, דו דערקענסט מיך?

שרה רבקה האָט בעוואויגען מיט'ן קאָפּ.

האָט מאַזעס, וואָס איז געשטאַנען דערביי, זיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטען, און איז אַרויס מיט אַ כליפּע:

— דבורה, וואָס האָסטו געטהאָן?

האָט דער עלטערער ברודער זיך געבייזערט:

— מאָזעס!

אַנשעל איז נישט געווען דערביי. דער טאַטע וויל זיך נישט טרעפען מיט איהר.

און דבורה איז געשטאַנען און האָט זיך נישט בעוואויגען, נישט קיין איין טרעהר האָט זיך נאָך נישט געזעהן פון איהר דורך דער מאַמעס גאַנצער קראַנקהייט.

און ווי איהרע קינדער דרעהען זיך אַרום אין דרויסען מיט צוגאַנגענע הערצער און טאַפּען אָן די וועגד און די טהירען פון האָספּיטאַל — איז אין דערינען שרה רבקה אין א גרויסער שוהל. די שוהל איז אָנגעשטעלט מיט לאַנגע, זאַמדיגע קאַסטענס, אין וועלכע עס שטעקען גרויסע יאָהרצייט־ליכט, ווי ערב יום־כפור. נאָר זיי ברענען נישט. איבער די וועגד פון דער שוהל שטעהען אויף די פּאָליצעס אָבגעשייערטע, בלאַנקענדיגע טעפּ, וועלכע זענען אַלע גע'כשר'ט געוואָרען אויף פּסח. און זי וואונדערט זיך: וואָס טהוען טעפּ אין אַ שוהל? זי קוקט זיך איין אין די טעפּ, דערקענט זי זיי איינער אין איינעם. עס זענען דאָך איהרע טעפּ, וועלכע זי האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים, און וועלכע זי טהוט קאָ־

כען אין זיי אַ גאַנץ יאָהר איהר בידנע חיונה. אָט דערקענט זי זיי איינעם אין איינעם — דעם גרויסען, בייכיגען מיט'ן צושפּאָלטענעם ראַנד, דער וואָס זי האָט געקראָגען בירושה פון דער מאַמען, און דעם צווייטען, וואָס זי האָט געקויפט אויף פסח. וואָס טהוען איהרע טעפּ אין שוהל? אין דער שוהל זענען פערזאַמעלט אידען אין ווייסע קיטלען אָנגעטהאָן, נאָר זיי דאַווענען נישט — אַלע וואַרטען אויף עפּעס. און צווישען די אידען אויפ'ן בעלעמער ביים רב דערזעהט זי איהר אַנשעל'ן פאַר אַן אָפענער ספר־תורה, אין טלית איינגעוויקעלט — אין קיטעל, וואָס זי האָט איהם אויסגעוואַשען אויף יום־טוב. ער שטעהט ביי דער אָפענער ספר־תורה און לייענט נישט. און זי וואונדערט זיך, אויף וואָס וואַרט מען דאָס? — און פאַרוואָס ליעגט זי עפּעס אין בעט? — מ'בעדאַרף זיך אויפהויבען, נאָר זי קאָן דאָך נישט. זי איז צוגעבונדען צום בעט. פאַרוואָס איז זי עפּעס צוגעבונדען צום בעט? — וואו איז אַנשעל? וואו איז ער דאָס פערשוואונדען? ערשט נאָר וואָס געווען אויפ'ן בעלעמער און שוין נישטאָ. קיינער נישטאָ אין דער שוהל. זי ליעגט אַליין, אין גאָלע פיער ווענד, און קיינער איז נישטאָ. עס עפענט זיך אַ גרוב אונטער איהר בעט און זי וועט באַלד איינגעזונקען ווערען מיט'ן בעט און קיינער איז נישטאָ: נישטאָ אַנשעל, נישטאָ קיין קינד. וואו זענען זיי? — מאַמע, מאַמע קרוין. וואו בין איך דאָס אין אַ פרעמדער שטוב אַליין.

זי עפענט אויף די אויגען מיט שרעק און קוקט זיך אום. און זי זעהט, ווי אַרום איהר בעט שטעהען איהר מאַן און די קינדערלעך; אַלע זענען זיי דאָ, אַפילו דבורה'לע איז אויך דאָ, און אַנשעל שטעהט ביי איהר צוקאָפּענס, און שאָקעלט זיך, און זאָגט עפּעס זעהר פרום — זי זעהט אַלץ; זי זעהט יעדען בעזונדער: זי זעהט שלמה'לען מיט איהר שנור, וואָס האָט איהר געשאָנקען אַ שוואַרץ שפּיצען־טיכעל אין שוהל אַריין צו געהן. נאַריש קינד, איך האָב דען צייט אין שוהל אַריין צו געהן? גאָט וועט מיר אַוודאי מוחל זיין, איך האָב דאָך געמוזט פאַר די מאַנספערשוינען עסען אָנגרייטען — טראַכט זי זיך. וואָס וויינט דאָ משה'לע אַזוי? זי וויל איהם זאָגען: נאָר וויין נישט: זי זאָגט איהם, ער זאָל

נאָר הערען. טראַכט זי זיך, ער זאָל נאָר הערען. זעה און דבורה איז דאָך דאָ.

אָ, זי האָט דאָך איהר געהאַט עפּעס צו זאָגען זעהר אַ וויכ־טיגע זאַך, זעהר אַ וויכטיגע זאַך; זי האָט עס געהאַט אויפ'ן זינען די גאַנצע צייט, און מורא געהאַט אַז זי זאָל נישט פערגעסען, און פּונקט יעצט האָט זי עס פערגעסען. ניין, זי טאָר עס נישט פער־געסען. שרה רבקה רייסט די אויגען אויף מיט די לעצטע כּוחות און קוקט אָן דבורה'ן. און זי וויל איהר עפּעס זאָגען זעהר אַ וויכטיגען ענין, שרייען זי איבער די קליינע קינדער, און לאָזען זי נישט דערמאָנען, וואָס זי האָט דבורה'ן צו זאָ־גען.

שרה רבקה'ס האַרץ ווערט צושניטען פון זייער געוויין, און דערוויל האָט זי פערגעסען, וואָס זי האָט דבורה'ן צו זאָגען: ניין, זי טאָר נישט פערגעסען, זי איז אַ מאַמע. יעצט האָט זי עס: „דו זאָלסט דיך פיהרען ווי אַ אידישע טאָכטער, אַז נישט, וועל איך נישט קאָנען אין קבר איינליעגען".

יעצט האָט זי געזאָגט, זי האָט דאָך מיך געהערט, יעצט איז מיר לייכטער, אַ שטיין איז מיר אַראָב פון האַרץ, אַ שטיין. יעצט קאָן זי שוין הערען די קליינע קינדער. — איטשעלע, דו זאָלסט דאַוונען יעדען טאָג און נישט פערגעסען נאָך מיר קדיש צו זאָגען, און דעם טאַטען זאָלסטו גוט בעהאַנדלען. זאָגט מיר צו, קינדער, אַז איהר וועט דעם טאַטען גוט בעהאַנדלען, נישט פער־געסען איהם אויף דער עלטער. האָבען זי נאָר די קינדער גע־הערט? יאָ, יאָ, די קינדער האָבען י געהערט, די קינדער האָבען איהר צוגעזאָגט ביי איהר טויטען בעט, אַז זיי וועלען טהאָן, וואָס זי האָט זיי געבעטען. שוין, יעצט האָט זי שוין אַ לייכט, אַזאַ לייכט האַרץ. עס איז אַזוי גוט — שוין, יעצט קען זי שוין די אויגען רוהיג פערמאַכען.

שרה רבקה האָט פערגלאָצט די אויגען, מיעד האָבען זיך געשלאָסען די הייטלעך איבער איהרע געלע אויגען־אַפּעל'ן, און פערבויגען דעם קאָפּ צו דער וואַנד.

אָבער באַלד האָבען זי ווידער צוריקגערופען די קינדערס געוויין: „מאַ, דאַרלינג מאַ", „מאַמע געטריייע" און נאָכאַמאָל האָט שרה רבקה אויפגעריסען די אויגען, און טויט-שטום אָנגעקוקט די קינדער. זי האָט זיי ווידער דערקאַנט, מטושטש אַביסעל, די קינ־דער זענען ביי איהר געוואָרען אויסגעמישט, נאָר אין די אויערען האָט זי בעשיינפּעליך געהערט אַנשעל'ס קול. ער האָט נישט גע־ווינט, נאָר ער האָט עפּעס פרום געדאַוונט, און זי האָט איהם גע־זוכט מיט איהר בליק און נישט געקאָנט געפינען. „ער שטעהט צו מיין קאָפּענס און זאָגט די תּפילות", און זי איז שוין אין גאַנצען רוהיג געוואָרען און האָט זיך דאָס וועמען איבערגעגעבען אין די הענד אריין...

און באַלד איז אין שוהל געוואָרען אָנגעצונדען די גרויסע ליכט אין די זאַמד־קאַסטענס. עס איז אַזוי ליכטיג אין דער שוהל און אַלע אידען אין די ווייסע קיטלען און די טליתים האָבען זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און צו דאַווענען — מיט אַזעלכע פרומע קולות, און אויפ'ן בעלעמער, ביי איהר צוקאָפּענס, שטעהט אַנשעל אָנגעטהאָן אין קיטעל און טלית און לייענט אין דער תּורה, זיין קול איז אזוי זיס, און דאָס לייענען קומט דאָס מאָל ארויס אַזוי בע'טעמ'ט, מיט אַזאַ מתיקות. ער זאָל נאָר כוחות האָבען — איז געווען איהר לעצטער געדאַנק, און איז איינגעשלאָפען אונטער דעם געזאַנג פון אַנשעל'ס תּפילות.

פון דער נאַכט אַרויס איז איהר ווער ענטגעגענגעקומען. עס איז געווען איהר מוטער, מיט דעם ברייטען טערקישען קלייד, ן מיט'ן שטערען־טיכעל, און האָט איהר געזאָגט:

— מיין קינד, שרעק דיך נישט.

איהרע קינדערס געוויינען „מאַ", האָבען זי מעהר נישט צוריקגערופען...

איבער די איסט-סיידער געסלעך האָט זיך געשלעפּט אַן אָרון, וועלכער איז געווען בעדעקט מיט'ן שוואַרצען טוך פון דער חברה „אנשי אמת בני גאָסטינין", איינגשפּאַנט צו אַ הויך אויסגעדאַרט ווייס פערד. הינטער דעם ארון איז נאָכגעגאַנגען אַנשעל און שרה רבקה'ס אַכט קינדער, אָנגעלעהנט אויף די ראַנדען פון ארון האָ־

בען זיי בעגלייט זייער מוטער מיט געוויינען און געשרייען, וועל-כע האָבען צוגעצויגען אויף אַ ווײַלע די אויפמערקזאַמקייט פון די פערבייגעהער. הינטער דעם ארון זענען נאָך נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר לאַנדסלייט פון דער אַלטער היים, מיט ר׳ יצחק דעם שמש פון די חברה, און איין קאַטש איז נאָכגעפאָהרען נאָך דעם ארון, אין וועל-כען עס זענען געזעסען דער מחותן מיט דער מחותנת׳טע און דער שנור. דעם ארון האָט מען עקסטראַ אויף מאָזעס פּערלאַנג דורכ-געפיהרט דורך עסיק-סטריט, כדי די שכנים פון קעלער זאָלען האָ-בען אַ מעגליכקייט אָבצוגעבען דער „גרינער" דעם לעצטען כבוד. פאַר׳ן „קעלער" האָבען שוין טאַקי אָבגעוואַרט דעם ארון די שכנים פון הויז, און בעגלייט מיט קרעכצען דעם ארון מיט אַ פּאָר בלאָק. באַלד האָבען זיי זיך דערמאָנט אָן זייערע פליכטען, האָבען זיי זיך געזעגענט מיט׳ן אָרון מיט שטומע בליקען און זענען צוריקגעגאַנ-גען צו זייערע קיכען. ביי דער וויליאַמסבורגער בריק האָבען אויך פערלאָזט דעם אָרון די פרעמדע, די גאָסטינינער לאַנדסלייט און די מחותּנים, און די קינדער, וואָס זענען שוין געוועזען מיעד פון וויי-נען, האָבען זיך אריינגעזעצט אין קאַטש. אַנשעל אַליין האָט זיך נישט געוואָלט אריינזעצען. און אָנגעלעהנט מיט די הענט אויפ׳ן ארון האָט ער שרה רבקה׳ן בעגלייט ביז׳ן בית-עולם, און די מענ-שען, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען און האָבען געזעהען דאָס טאָג-טעגליכע בילד פון ארון מיט׳ן איינציגען איד הינטער איהם, איז גאָרנישט איינגעפאַלען, אַז דאָ פיהרט מען אַ גרויסען העלד צו זיין אייביגער רוה...

זי איז אַהיים געקומען אין אָוונד פון דער אַרבייט, האָט זי געפונען די טהיר פון סטודיע ציגעשלאָסען און דער שליסעל אויף זיין געוועהנליכען אָרט. עס איז ביי איהר קיין נייעס נישט געווען, בּוכהאָלץ פלעגט עס אָפט טהאָן. וואָס עס איז איהר אַ וואונדער געווען — איז דאָס קאַלטע אויוועדעל, וואָס ביי איהר אריינקומען האָט זי עס געפונען אויסגעלאָשען, — אַ סמן, אַז ער איז אַ גאַנ-צען טאָג אין דער היים נישט געווען. זי האָט זיך גענומען ווי גע-

וועהנליך פאַרצוברייטען דאָס אָווענד-עסען, אָבצוקאָכען די סאָסיס-לעך, אָנוואַרימען די אַרבעס, וואָס זי האָט געקויפט אויפ'ן וועג אַהיים, ביי דעם צוריק איינגעהייצטען אויוועַנדעל, אַזוי ווי זי פלעגט טהאָן יעדען אָוועַנד. געמיינט, אַז בוכהאָלץ קומט אַריין יעדער מי-נוט. עס איז אָבער דורכגעגאַנגען אַ היבשע ווייַלע און ער איז אַלץ נאָך נישט געקומען, איז זי אַ ביסעלע אונרוהיג געוואָרען. עסען אַליין איז איהר פשיקרע געווען, כאָטש זי איז הונגעריג געווען. האָט זי זיך אָוועקגעזעצט ביים אונטערגעהייצטען אויוועַנדעל, ביי דעם אָנגעצונדענעם לאָמפּ און געוואַרט אויף איהם. זיצענדיג אַזוי האָט זי געקלערט וועגען איהם, וועגען זיך, און וועגען נאָך עפּעס, וואָס זי האָט מורא געהאַט צו טראַכטען הויך, אַז עס זאָל נישט ווער אונטערהערען איהרע געדאַנקען...

זי האָט איינגעזעהן, אַז בוכהאָלץ איז נישט גליקליך מיט איהר. געוויס האָט ער זי ליעב, אָבער גליקליך איז ער דאָך נישט. זי קאָן דאָך דאָס איינזעהן. גאַנץ אַנדערש האָט זי זיך פאָרגעשטעלט איהר צוזאַמענלעבען מיט בוכהאָלצ'ן, זי האָט דאָך אַזוי פיעל גע-האָפט, אַז עס וועט זיין אַזוי ווי אַ שעהנע מעשה, וואָס מען לעזט אין ביכלעך. זי וועט אַרבייטען פאַר איהם, און ער וועט זיך איינ-גאַנצען ווידמען צו זיין אידעאַל. ער וועט בעשאַפען זיינע ווערק, וועגען וועלכע ער האָט גערעדט מיט איהר, ווען זיי זענען ביידע געגאַנגען איבער די גאַסען אין די נעבעלדיגע עלעקטרישע וואָל-קענס שפּאַציערען. צוליעב דעם האָט זי דאָך אַלץ אַוועקגעוואָרפען און איז געקומען צו איהם וואוינען. אָבער צייט זי איז מיט איהם, שוין אַ היבש ביסעל חדשים, האָט ער גאָרנישט געטהאָן. ער איז טרויעריג און פערשוויעגען, דרעהט זיך ערגיץ וואו אַרום איבער די גאַסען, אָדער ער זיצט אין קאַפע-הויז. אָן דער אַרבייט האָט ער פערגעסען. נישט נאָר ער האָט בעשאַפען עפּעס נייעס, נאָר ער האָט אויך דאָס אַלטע נישט פערענדיגט, און ער רעדט נישט מעהר פון זיי. און יענע גרויסע זאַך, וועגען וועלכער ער האָט גע-חלומ'ט צו בעשאַפען, און איז געווען אַזוי בעגייסטערט פון איהר, אַז זי האָט געמיינט, אַז עס איז איהר חוב מיטצוהעל-פען איהם צו שאַפען די זאַך, איז ווי פערשוואונדען געוואָרען.

אַמאָל, איינמאָל צי צוויימאָל, האָט ער זי געבעטען, אַז זי זאָל שטעהן פאַר איהם נאַקעט, און ער האָט געמאַכט פון איהר אַקט איינִיגע סקיצען. אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט פערענדיגט, און עס איז גאָרנישט געוואָרען דערפון.

זי האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט גליקליך מיט איהר. זיין טרויעריגקייט, זיין שכינה־פערלאָזענקייט, האָט עס איהר געזאָגט. אָפטמאָל וויל ער פער׳שיכור׳ן זיי טרויעריגקייט, זיין יאוש־קייט מיט איהר מיט זיין ווילדער ליעבע... אָבער עס וועקט צוריק אויף דער גרויער טאָג, ניכטערט די פער׳שיכור׳טע נאַכט פון איהרע שענסטע חלומות.

אויב אַזוי, צו וואָס זיצט זי דאָ ביי דעם אויווען, און ביי דעם לאָמפּ, וואָס איז איהר׳ס און נישט איהר׳ס? וואָס שטערט זי איהם? מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומט זי יעדען אָווענד דאָ אַהער פון דער אַרבייט?

אפשר טאַקע אַוועקגעהן. וואוינען ערגעץ וואו מיט אַ חבר׳־טע אין אַ צימער, און זיין אַליין?

זי האָט נישט געפּרוואוט צוערשט פאָרשטעלען אין איהר מחשבה איהר אייגענע לאַגע, ווען זי וועט בלייבען אַליין. נאָר זי האָט צום ערשטען געקלערט וועגען איהם, זי האָט געפּרוואווט זיך פאָרשטעלען, וואָס עס וועט פאַר איהם בעסער זיין, — מיט איהר, אָדער אָהן איהר. און עפּעס האָט איהם געזאָגט, אַז אָהן איהר וועט ער פערלויערען געהן. מיט זיין אונבעהאָלפענקייט וועט ער זיך קיין עצה געבען. ער וועט אָנהויבען צוריק צוגעהן דאון־טאון, צו טהאָן פיזישע אַרבייט, ביז ער וועט געפינען אַ פאַסענדע, און ער וועט אונטערגעהן אין איהר, אָדער נאָך ערגער, ער וועט פער־שאַכערט ווערען אויסצוקנעטען ביוסטען פון אינטערעסאַנטע ביזנעס־דיגע פאָטאָגראַפיעס, פאַר אַ סוחר דאָרט, און ער וועט נאָך אומ־גליקליך זיין. זי האָט זיך געפיהלט איינגאַנצען זיכער, אַז ער נויי־טיגט זיך אין איהר. זי טאָר איהם נישט פערלאָזען. זי מוז בליי־בען ביי איהם, צי ער איז יאָ גליקליך מיט איהר, צי נישט, — אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיך נויטיגען אין איהר. דאָס איז איהר אויפגאַבע און דאָס האָט זי צו טהאָן.

ערשט דאַן, ווען עס איז איהר קלאָר געוואָרען, וואָס עס איז בעסער פאַר איהר און וואָס זי בעדאַרף טהאָן פאַר איהם, האָט זי אָנגעהויבען צו קלערען וועגען זיך. איהר קליינער שטערען איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין קנייטשען, און דער נאָך אונבעמערקבאַרער שטריך, וואָס האָט זיך צייט אַ פּאָר וואָכען אָנגעהויבען צו שניידען אַרום איהר מויל, האָט יעצט ביים שיין פון דעם לאָמפּ אָנגענומען אַ מעהר בולט'ן אויסדרוק. צייט די לעצטע פּאָר וואָכען ווייסט זי, אַז זי טראָגט... און ווען זי וועט עס אַזוי לאָזען — גאָרנישט טהאָן, וועלען אַרויסקומען פאָלגען, וואָס וועלען זיין שווער פאַר איהם און פאַר איהר...

צו דעם וואָס לעבט אין איהר, האָט זי נאָך קיין בעציהונג נישט געהאַט. דאָס אונערוואַרטעטע איז איהר געווען נאָך אַזוי פרעמד, אַז זי האָט נישט געהאַט קיין געפיהל דערצו, אַ חוץ שרעק. דאָס וואָס איז געשעהען, כאָטש אַזוי נאָהנט און אייגענס, וועט צוברעכען אויף אייביק דאָס, וואָס האָט זיך איהר אויסגעוויעזען איז נויטווענדיג און הייליג און צוליעב וואָס זי איז גרייט געווען אָוועקצושענקען זיך, נעהמליך, אַז כאַסקעל זאָל זיין אונבעדינגט פריי, כדי ער זאָל קאָנען אויספיהרען זיין קינסטלערישע טעטיגקייט און זי זאָל נישט זיין צוגעבינדען צו קיין זאַך, נאָר איהם צו קאָנען העלפען, צוליעב דעם איז זי דאָך אַוועק פון דערהיים, צוליעב דעם האָט זי דאָך אַלץ צובראָכען, בעגראָבען, וואָס איז געווען טהייער ביי איהר ביז איצט, און וויל גאָרנישט מעהר וויסען דערפון, כדי זי זאָל זיין אַליין, אַליין פריי, און אינגאַנצען זיך אַוועקצוגעבען דעם, וועמען זי וויל זיך אַוועקגעבען, וואָס מען בעדאַרף זיך אַוועקגעבען. אודאי איז דאָס נייע עפּעס גאָר אַנדערש, עפּעס גאָר אייגענעס, אָבער זי האָט מורא געהאַט זיך איינצוּוואַקסען אין דעם געפיהל, זי האָט זיך געוועהרט געגען דעם און דאַן איז דאָס נייע געקומען אַזוי פּלוצלינג, אַזוי אונערוואַרטעט, — אַז זי איז נאָך נישט געווען פאָרבערייטעט פאַר דעם נייעם געפיהל, זי האָט נאָר דערין געזעהען אַ שטערונג פאַר דעם, וואָס זי בעדאַרף און מוז טהאָן, — און פאַר דער שטערונג האָט זי זיך געשראָקען. די שרעק האָט בעהערשט איהרע אַלע חושים

און פערטריבען אַלע אַנדערע געפיהלען, וואָס דאָס נייע האָט געקענט אַרויסרופען...

זי האָט נאָך נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן, זי האָט נאָך מורא געהאַט צו קלעהרען דערפון, כאָטש איין זאַך האָט זי שוין געוואוסט, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין — ער טאָר נישט וויסען דערפון. כאַסקעל טאָר דעם מינדעסטען חשד נישט האָבען, אַז עס עקזיסטירט אַזעלכעס... אַלץ וואָס זי האָט צו טהאָן, מוז זי אַליין טהאָן, אָהן איהם...

לאַנג איז זי אַזוי געזעסען, און איהר קליינער שטערען האָט זיך טיעף געקנייטשט, און איהר האַרץ האָט געשלאָגען, ביז ענדליך האָט זי איהם געהערט אַריינקומען. אַז ער איז געקומען, האָט זי געהערט, נישט געזעהן. צייט עס איז געשעהען יענע זאַך, פון וועלכער זי האָט מורא הויך צו קלעהרען, איז ער איהר נאָך טייערער, נעהנטער און ליעבער געוואָרען, זי האָט ליעב צו הערען זיינע טריט, צו פיהלען איהם אין דער נאָהנט, און נישט זעהען איהם, צו זיצען מיט פערמאַכטע אויגען און צו הערען איהם און צו קלעהרען וועגען עפּעס... אַזוי איז זי אויך איצט געזעסען אין דער דונקעלהייט פון דעם גרויסען צימער, איהרע אויגען זענען געווען פערמאַכט, און איהר געזיכט האָט געשמייכעלט, ווען ער איז אַריינגעקומען.

כאַסקעל, — זאָגט זי, — דו ביסט עס?

יאָ, — ענטפערט ער.

וואו ביסטו דאָס געווען אַזוי לאַנג? — איך האָב געוואַרט אויף דיר.

— איך האָב געקראָגען אַרבייט, אַ שטעל — ענטפערט ער.

— אַרבייט, שטעל? — וואונדערט זי זיך, און עפענט אויף די אויגען און קוקט איהם אָן. זי דערשרעקט זיך. זיינע קליידער זענען איינגעריכט, פערקאַלכט, פערשטויבט, און זיין פנים בעשפריצט מיט פאַרבען.

— איך האָב שוין לענגסט געוואָלט דאָרט אַריינגעהן. עס איז אַן אַרבייט, ביי וועלכער איך קאָן פיעל געלד פערדיענען.

אָט, — ווייזט ער איהר, אַרויסנעהמענדיג פון טאַש אַ פּאָר דאָ-לאַר.

— ביי וואָס?

— ביי מצבות קריצען.

— ביי מצבות? — פרעגט זי.

— איך קאָן צו יעדער צייט דאָרט קריעגען אַרבייט, איך קאָן די מלאכה גוט. איך בעדאַרף נאָר אַריינגעהן אין דער יוניאָן, קאָן איך קריעגען שטענדיג אַרבייט. ביז יעצט האָב איך נישט געוואָלט, נישט געהאַט צו וואָס. איך האָב בעדאַרפט אַ פּאָר דאָלאַר, דאָס געלד צו בעצאָהלען פאַר דער סטודיע, בין איך דאָרט אַוועק אַר-בייטען אויף אַ פּאָר טעג, אָבער יעצט האָב איך בעשטימט, אַז איך וועל אָננעהמען די אַרבייט, איך וועל אַוועק צו דער יוניאָן, און ווערען אַ מיטגליעד, און אָנהויבען צו פערדיענען געלד, ווערען אַ אַ מענש — סיי ווי סיי וועט דאָך שוין פון דעם (ווייזט ער אויף די גולמ'ס זיינע), גאָרנישט אַרויסקומען.

זי האָט געשוויעגען. ער האָט געהערט איהר שוויגען און געפיהלט זיך, ווי צו פערענטפערען.

— עס איז ווייט, אין ברוקלין, דורך דעם האָט עס מיר גע-נומען אַזוי שפּעט אַהיים צו קומען.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם.

— פאַרוואָס טהוסט דו דאָס? — פרעגט זי איהם, קוקענדיג אין זיינע אויגען אַריין, ווי איהר געוואוינהייט איז געווען.

— וואָס דען, איך זאָל קלעפּען ביוסטען, מאַכען קאָפּיעס פון פאָטאָגראַפיעס? איז בעסער? וואָס איז דער חלוק?

זי האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד און געפרעגט זיך אַליין.

— און מיט דיין קונסט וואָס וועט זיין, אַז דו וועסט ווערען אַ בעל מלאכה?

— עס וועט שוין גאָרנישט מעהר זיין — האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנד.

— פאַרוואָס רעדסט דו אַזוי, כאַסקעל? — זאָגט זי, קוקענ-דיג אויף איהם מיט געבעט.

— איך מוז דאָך עפּעס טהאָן. איך קען דאָך נישט זיצען און באַלאַמוטשען. וואַרטען ביז עס וועט עפּעס אַרויסקומען און דו זאָלסט אויף מיר אַרבייטען — שרייט אויס בוכהאָלץ.

— פאַרוואָס האָסטו פריהער געקענט „באַלאַמוטשען“?

— פריהער איז עפּעס אַנדערש געווען — האָב איך געהונגערט אַליין, איז עס קיינעמס דאגה נישט געווען, קיינעם נישט אָנגעגאַנגען; האָב איך געוואָלט, האָב איך געאַרבייט; האָב איך געוואָלט, בין איך געלעגען אָט אַזוי ווי אַ הונד אין זיין נאָרע, האָט מיך געגלוסט, האָב איך זיך געשפּיעלט מיט „מענשעלעך“, וואָס איך האָב אַליין בעשאַפען.

— און וואָס איז היינט אַנדערש?

— היינט, היינט — היינט פיהל איך, ווי אַ שטריק וואָלט געווען אָנגעבונדען אויף מיין האַלז, ווי אַ לאַסט וואָלט געלעגען אויף מיר. איך קאָן זיך דאָך נישט צורירען צו דעם — ווייזט ער אויף זיינע גולמ׳ס — וואָס פאַר אַ כח האָב איך, אַז דו זיצסט אַ גאַנצען טאָג אין שאָפּ און אַרבייטסט פאַר מיר.

— איך אַרבייט פאַר דיר? איך ארבייט פאַר אונז. האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מיר ביידע זענען איינס — האָט זי געזאָגט פערשעהמט אין דער שטיל, אַז ער האָט קוים געהערט איהרע ווערטער.

בוכהאָלצ׳ן האָט עס אַ ריהר געטהאָן, נישט די ווערטער, נאָר דער אופן ווי זי האָט עס געזאָגט. ער האָט געוואָלט צוגעהן און זי ארומנעהמען, און ווידער וואָלט זיך עס געווען פערענדיגט ווי תמיד. בוכהאָלץ וואָלט זי אויף די הענד גענומען און אַרומגעטראָגען ווי אַ שפּיעלכעל איבער דער סטודיע. ער איז נישט צוגעגאַנגען, ער איז געבליעבען שטעהן און געביסען פאַר כעס די ליפּען.

— טאָ אַרבייט אויך נישט, טאָ זאָלען מיר ביידע הונגערען. לאָז מען זיך אַרומשלעפּען ווי די טרעמפּס — איבער די גאַסען, פערשטעהסט? נישט איך וועל זיצען דאָ און עסען יעדען טאָג און וואַרימען זיך ביים אויווען, ווי אַ זיידענער יונגערמאַנ־

טשיק אויף קעסט און דו וועסט אַרבייטען אויף מיר, וואָס פאַר אַ כח קאָן איך האָבען צו אַרבייטען?

— איך בין דאָך נישט קיין קינסטלערין. איך בעדאַרף נישט האָבען קיין שטימונג צו מיין אַרבייט — שמייכעלט דבורה — און איך קאָן דאָך עפּעס אַנדערש נישט טהאָן, וואָס קאָן איך טהאָן, אַ חוץ נעהען קליידער? און איך בין דאָך גליקליך. אַז איך קאָן עפּעס טהאָן פאַר דיר. אַז דו זאָלסט זיך אָבגעבען צו דיין אַרבייט. וואָס איז מיין לעבען אָהן דעם? — לעגט זי צו אין דער שטיל.

— וויל איך נישט, אַז דו זאָלסט אַרבייטען. אַז דו וועסט אַרבייטען וועל איך אויך אַרבייטען: אָדער מיר ביידע וועלען אַר־בייטען, אָדער מיר וועלען ביידע גאָרנישט טהאָן.

— און פון וואַנען וועלען מיר לעבען? — פרעגט זי.

— וועלען מיר נישט לעבען, וועלען מיר ביידע הונגערען אַזוי ווי פריהער. ווער זאָגט, אַז מען מוז לעבען, אַרבייטען און עסען? וועלען מיר ביידע הונגערען, אָדער מיר וועלען ביידע אַר־בייטען אָדער מיר וועלען ביידע צוזאַמען הונגערען. זאָגסטו מיר צו, יאָ?

זי האָט איהם צוגעזאָגט מיט אַ שמייכעל און מיט אַ שאָ־קעל מיט'ן קאָפּ, ווי אַ גרויסער מענש, נישט נאָך אַ קינד, און דער אָוועגד האָט זיך פערענדיגט מיט דעם געוועהנליכען גאַנג, מיט אַרומטראַגען דבורה'ן אויפ'ן אַקסעל איבער דער סטודיע און חלום'ענדיג וועגען ווייטע, גרויסע פּלענער.

*

* *

צומאָרגענס אין דערפריה, ווען דבורה האָט זיך אויפגעהוי־בען און געוואָלט געהן צו איהר אַרבייט, האָט זי בוכהאָלץ איינ־געהאַלטען, פערשטעלט איהר דעם וועג און פערמאַכט די טהיר.

— וועסט נישט געהן. געהסטו, געה איך אויך גלייך נאָך דיר.

— אָבער קינד, איינער פון אונז מוז דאָך עפּעס טהאָן. דו קענסט נישט טהאָן די אַרבייט, דו ביסט בעשאַפען פאַר עפּעס אַנ־

דערצו. מוז איך עס טהאָן. און עס איז דאָך נאָר אויף דערווייל, ביז מיר וועלען צו עפּעס קומען, ביז דו וועסט דיין גרויס ווערק בעשאַפען, דערנאָך וועל איך שוין נישט בעדאַרפען געהן אַרבייטען.

— דו גלויבסט אַזוי? — פרעגט ער זי.

— יאָ, איך גלויב אַזוי — קוקט זי איהם אין פּנים אַריין און זאָגט מיט דעם גאַנצען ערנסט, וואָס קוקט אַרויס פון איהרע אויגען — איך גלויב, אַז דו ביזט אַ גרויסער, גרויסער קינסט־לער, און דו ביזט געבוירען געוואָרען צו שאַפען גרויסע ווערק.

בוכהאָלץ האָט שטיל געשוויעגען. ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און אַ טרייסעל געטהאָן זי מיט זיין גאַנצען כח. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, ער האָט זיך אבער צוריקגעכאַפּט און אָנשטאָט דעם האָט ער אַ זאָג געטהאָן:

— אָבער היינט וועסטו נישט געהן אַרבייטען. בלויז היינט נישט. איך בעט דיך; היינט וועלען מיך זיך אין די גאַסען אַרומ־דרעהען. זעה, אַ שניי איז אַראָבגעפאַלען. קום, קום, איידער מיר וועלען אַרויסקומען, וועלען זיי איהם אָוועקשאַרען — האָט בוכ־האָלץ אַרויסגעשלעפּט נאָך זיך דבורה'ן אויף דער גאַס אַרויס מיט פרייד.

אַכטער קאַפּיטעל

אַן אידעע

עס איז שוין געווען די העכסטע צייט, לענגער וואַרטען האָט זי שוין נישט געקאָנט, נישט בלויז פאַר מענטשן, נאָר פאַר זיך. זי האָט אָנגעהויבען מורא צו קריעגען, אַז דאָס וואָס וועקט זיך אין איהר, זאָל נישט ווערען צו נאָהנט, צו אייגענס — דענסטמאָל וועט זי שוין נישט קענען זיך בעפרייען דערפון...

ביי איהר איז עס דאָך שוין געווען אַ בעשטימטע זאַך דאָס צו טהאָן. זי האָט געמיינט, אַז „דאָס" איז אַ טויטע זאַך, אַ קרענק אַזעלכע, פון וועלכער זי מוז זיך ווי אַמשנעלסטען בעפרייען — מיט אַמאָל האָט זי אָנגעהויבען מורא צו קריעגען דערפאַר — זי האָט זיך געשראָקען, אַז באַלד וועט זי שוין נישט קאָנען דאָס טהאָן, וואָס זי האָט בעשטימט — ווייל זי האָט אָנגעהויבען צו קריעגען אַ בעציהונג צו דער „זאַך".

— איך מוז דאָך פטור ווערען דערפון, פאַר כאַסקעל'ן מוז איך דאָך דאָס טהאָן — איך קאָן דאָך נישט, איך קאָן דאָך נישט — האָבען זיך איהר געשטעלט די טרעהרען אין די אויגען. קיין איין טאָג טאָר איך דאָך נישט לענגער וואַרטען.

אָבער צו וועמען געהן? מיט וועמען זיך בעראַטען?

איז זי אַמאָל אַהיימגעגאַנגען פאַרנאַכט, נאָכדענקענדיג וועגען דעם, איז איהר איינגעפאַלען מיס פוירסטער, די לעהרערין פון דער נאַכט-שול. איהר איז ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. „פאַר-

וואָס האָב איך נישט געקלעהרט וועגען איהר ביז איצט? זי איז אַליין אַ פרוי, אַ ראַדיקאַלער מענש, און זי האָט דאָך אָפטמאָל געזאָגט: „קליינע מיידעל, יעדעס מאָל, ווען דו ביזט אין „טראָבעל", קום צו מיר" — וועל איך זיך מיט איהר אַן עצה האַלטען. איך וועל גאָרנישט פערלאַנגען פון איהר, נאָר אַן עצה — האָט זיך דבורה געזאָגט — אין אַזעלכע זאַכען ווייסט נאָר אַ פרוי וואָס צו ראַטען.

זי איז אַוועקגעפאָהרען צו מיס איזאַבעל פוירסטער.

זי האָט זיך פאַר דער לעהרערין איינגאַנצען פערטרויט און זיך פערענטפערט:

— איך קאָן דאָך נישט האָבען דאָס קינד. איך קאָן דאָך נישט בוכהאַלצ'ן פערשקלאַפען, אַז ער זאָל פאַר מיר אַרבייטען. וואָס וועט פון איהם ווערען? אַז ער וועט געוואויר ווערען, אַז איך טראָג, וועט ער מיך נישט לאָזען אַרבייטען, און ער וועט אָננעהמען בעשטעלונגען צו קלעפען ביוסטען פון פאָטאָגראַפיעס, אַזוי ווי ער האָט עס שוין געוואָלט טהאָן, און פון איהם וועט גאָרנישט ווערען — האָט דבורה נישט געקאָנט צוריקהאַלטען די טרעהרען פון איהרע אויגען.

— קליין מיידעל, וויין נישט — האָט די לעהרערין זי אַרומגענומען.

— איך ווייס נישט, אויב איך טהו גוט, נאָר איך קאָן נישט צולאָזען, אַז בוכהאָלץ זאָל צוליעב מיר פערפאַלען ווערען, אויף זיין גאַנצען לעבען פערפאַלען ווערען, אַז עס זאָל ווערען פון איהם דאָס, וואָס עס איז געוואָרען פון יעדען איינעם פון אונז: אַ פראָסטער אַרבייטער. ער איז דאָך אַ גאַנץ אַנדערער מענש — האָט זי אַריינגעשלוכצט אין איהרע הענד אַריין — ער איז דאָך בעשאפען געוואָרען צו עפעס העכערס און צוליעב מיר זאָל ער אונטערגעהן? — האָט דבורה זיך נישט געקאָנט בערוהיגען.

— וויין נישט, וויין נישט. — האָט די לעהרערין זי אַרומגענומען, ווי אַן עלטערע שוועסטער בעהמט אַרום אַ יונגערע — איך פערשטעה דיך.

— אַז איהר וועט מיר נישט העלפען, וועל איך אַן אַנדערע

עצה זוכען. איך וועל נישט האָבען דאָס קינד — האָט דבורה גע־זאָגט פעסט און בעשטימט, און זיך אויסגעווישט די טרעהרען און איז רוהיג געוואָרען.

— איך וועל דיר העלפען. איך פערשטעה, איך פרעשטעה — האָט מיס פוירסטער געזאָגט.

— און עס מוז געשעהן שוין, די נעכסטע וואָך, אין די „יום־טובים״. בוכהאָלץ פאָהרט אַרויס אויפ׳ן לאַנד. ער טאָר נישט וויסען דערפון. איך וועל האָבען גענוג צייט.

— איך וועל געוואויר ווערען. קום שבת, וועל איך זאָגען, איך האָב אַ פריינד. איך וועל פרעגען. דוכט זיך, אַז איך קאָן דיר העלפען.

דבורה האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, און געזאָגט אַראָב־בויגענדיג דעם קאָפּ צו דער ערד:

— ווי אַזוי זאָל איך אייך דאַנקען?

— האָסט זעהר ליעב בוכהאָלצ׳ן? — האָט זי מיס פוירס־טער פלוצלינג געפרעגט.

דבורה האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

— יאָ!

— און דאָך ווילסטו דאָס טהאָן?

— איך מוז, ניין איך וויל — האָט דבורה אָבגעענטפערט, עקשנות׳דיג פערקוועטשט די ליפּען און האָט שוין האַרטנעקיג גע־שוויעגען.

— דו ביסט אַ גוט קליין מיידעל — האָט מיס פוירסטער זי אַרומגענומען...

שבת איז דבורה געוואויר געוואָרען, אַז זי מוז זיין גרייט אויף די „יום־טובים״, אַריינצוגעהן אויף אַ פּאָר טעג אין אַ געווי־סען אַנשטאַלט, וואָס אַ בעקאַנטע ראַדיקאַלע טהוערין האָט אויפ־געעפענט צו העלפען אַרבייטער־פרויען מיט עצות און מיט טהא־טען צו פערמינדערען די איבערפּראָדוקציאָן פון דעם מעזשען־מין אויפ׳ן האַנדעלס־מאַרק...

עס האָט זיך פאַר איהר אָנגעהויבען אַן אַרבייט בּוכהאַלצ׳ן פון שטוב אַרויסצו׳פּטר׳ן. בּוכהאָלץ איז שוין אויפמערקזאם געוואָרען, ער האָט בּעמערקט, אַז זי געהט אַרום און זאָרגט עפּעס. זי בּעהאַלט עפּעס פון איהם. האָט ער פערלאַנגט פון איהר, אַז זי זאָל איהם זאָגען, וואָס עס איז מיט איהר.

— די קינדער אין דערהיים מאַכען מיך אונרוהיג. איך וועל מוזען אַהיימגעהן אויף אַ פּאָר טעג און שטעהן מיט זיי, זעהן וואָס מיט זיי איז.

— טהו דאָס! — האָט ער איהר געזאָגט.

— האָב איך דאָך מורא, אַז דו וועסט מיר נאָכלויפען. דו ווייסט דאָך, אַז זיי זענען זעהר בּייז אויף אונז — האָט זי זיך געוואָלט בּעוואָרנען.

— איך וועל נישט קומען — האָט ער זי פערזיכערט.

— ווייסטו גאָר וואָס, פאָהר אַוועק אויף אַ פּאָר טעג ערגעץ־וואו אויפ׳ן לאַנד, איז איצט אומעטום שניי, וועט דיך דאָס אָבּפרישען און דו וועסט צוריקקומען אַ נייער מענש.

בּוכהאָלץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער אידעע.

— גוט — האָט ער געזאָגט — איך וועל אַרויס צו מיין בּעקאַנטען פאַרמער אויפ׳ן פאַרם.

— וואַרט בּיז נעכסטע וואָך. מיר וועלען האָבּען אַ „יום־טוב“, וועל איך נישט אַרבּייטען און איך וועל געהן אַהיים אויף אַ פּאָר טעג, וועסטו זיך אַרויסלאָזען אויפ׳ן לאַנד.

אָבּער נישט אַזוי לייכט איז איהר אָנגעקומען בּוכהאָלצ׳ן אַרויסצו׳פּטר׳ן. אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך דוקא איינגעשפּאַרט, אַז יום־טוב וויל ער פערבּרענגען מיט איהר אין שטאָדט, כּדי דבורה זאָל זיך אָבּרוהען. ערשט מיט גרויס מיה און אָנגעשטרענגטקייט איז איהר ענדליך געלונגען בּוכהאָלצ׳ן אַרויסצושיקען פון שטוב צו זיין בּעקאַנטען פאַרמער. און ווען זי האָט זיך איבּערצייגט און איז געווען זיכער, אַז ער האָט פערלאָזען די שטאָדט און אַוועק צו אַ בּעקאַנטען אידישען פאַרמער, בּיי וועלכען ער פלעגט אָפט דורכ׳ן זומער אַרבּייטען, האָט זי זיך גרייט געמאַכט צו געהן אין דעם דערמאָנטען אַנשטאַלט אַריין.

געהענדיג פון שטוב צו דעם אַגשטאַלט מיט'ן פעקעל וועש אונטער'ן אָרעם איז איהר אויסגעקומען דורכצוגעהן אַ גערטענדעל אין איהר נאָכבאַרשאַפט. עס איז געווען אַ הערליכער ווינטער-טאָג אַזעלכער, וואָס קאָן נאָר געבען אין ניו-יאָרק. די זון האָט געשיינט ווי אין זומער, און דער גאָרטען איז אינגאַנצען געווען בעשאָטען מיט שניי, וואָס איז אייגעפרוירען געוואָרען פון פראָסט. מאַמעס מיט קינדער-וועגעלעך האָבען אָנגעפולט דעם פּאַרק, און קינדער אין ווייסע וואָלענע טריקאָטען, מיט ווייסע וואָלענע הענד-שקעס אויף די הענד, האָבען געקלעפּט באַלעמס שניי און בעשאָ-טען זיך איינס דאָס אַנדערע. די מוטערס האָבען אַרויסגענומען פון די וועגעלעך די ווייס-וואָלענע בעקליידעטע קינדער, פון וועלכע עס האָט זיך געהערט אַ פעטער, זיסער געשמאַק פון מילך, און זיי האָ-בען זיי געהויבען אין דער הויך, צו דער זון און געפרעהט זיך און געלאַכט און געשפּיעלט זיך מיט זיי. אויף איין אויגענבליק האָט זיך דבורה אָבגעשטעלט. דורך איהרע געהירען איז דורכגע-לאָפען אַ געדאַנק שנעל ווי אַ בליץ. זי האָט זיך געזעהן אין דעם פּאַרק אויך מיט אַ וועגעלע, אין וועלכען עס ליעגט איהר קינד, וואָס האָט אַ קורץ נעזעל מיט ברייטע נאָזלעכער און אַזאַ גאָמבע ווי בוכהאָלץ, און עס איז אָנגעטהאָן אין ווייסע וואָלענס. זי פיהרט עס איבער'ן גאָרטען אין זון און שניי. נור אויף איין אויגענבליק האָט זי זיך אָבגעשטעלט. באַלד האָט זי זיך דערמאָנט ווי אָן אַ שווערען חוב, וואָס ליגט אויף איהר און וואָס זי האָט צו בעצאָה-לען, און זי איז מיט פלינקע טריט ווייטער געגאַנגען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דבורה אַהיים געקומען. צו איהר גרויס גליק איז בוכהאָלץ נאָך נישט געווען, און זי האָט צייט גע-האַט פאַרצובערייטען זיך פאַר זיין קומען, אַז ער זאָל נישט בע-מערקען. וואָס עס איז געשעהן, נאָר דעמזעלבען אָוועגד נאָך איז ער צוריקגעקומען. ער איז צוריקגעקומען פרעהליך און מונטער. די פּאָר טעג אין קאָנטרי, אין שניי און זון, האָט איהם גוט גע-טהאָן און ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלען נאָך דעם זעלבען אָווענד אַרויסגעהן ערגעץ-וואו, אין קינעמאַטאָגראַף אָדער אין גריוונישט ווילעדזש, אין אַ קאַפע אַריין. ער האָט געבראַכט פון דאָרט אַ

פּאַר דאָלאַר אויך. געהאָלפען אַהיים פיהרען פון וואַלד האָלץ ביים בעקאַנטען פאַרמער. זי, אַז ער זאָל נישט בעמערקען קיין שום ענדערונג אין איהר, האָט איהם געוואָלט צוליעב טהאָן און געהן מיט איהם, כאָטש זי איז נאָך געווען קראַנק און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. זי האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעטהאָן. זי האָט געלאַכט און געהאָלפען אָנהאַלטען די פרעהליכע שטימונג, האָט דאָך בוכהאָלץ אָנגעהויבען צו בעמערקען איהר שוואַך האַלטען זיך.

— וואָס איז דיר, פאַרוואָס ביזטו אַזוי בלייך? — ביזט נישט געזונט? — האָט ער זי געפרעגט.

— ניין, וואָס פאַלט דיר איין? איך בין נאָך אַ ביסעל מיעד. אַזוי פיעל געהאַט צו טהאָן אין דערהיים.

— און וואָס מאַכען זיי אין דערהיים? ווי זעהט דאָרט איצט אויס?

— זיי גיבען זיך אַן עצה אָהן מיר — האָט דבורה געזאָגט און איז טרויעריג געוואָרען.

— דו ביזט אַזוי טרויעריג. איך וויים נישט, וואָס מיט דיר איז, עפּעס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דיר. ביזט אַזוי בלייך.

— עס דאַכט זיך דיר אַזוי. איך בין נאָר מיעד.

— אפשר זאָלען מיר היינט נישט געהן. מיר וועלען דאָס אָבלעגען אויף אַן אַנדערש מאָל. דו ביזט דאָך אַזוי מיעד.

— ניין, איך וויל אויך אַרויסגעהן. איך וויל זיך אַ ביסעל פערגעסען — זאָגט זי און שטעלט זיך אַוועק ביים שפּיגעלע, צו פערקעמען די האָר.

ער קוקט אויף איהר. עפּעס האַלט זי אַזוי קאָמיש און אינטערעסאַנט די פיס, פּונקט ווי אַ קאַלב, וואָס איז נאָר וואָס געבוירען געוואָרען. שטעהט אַזוי שוואַך און קרום, קוים וואָס זי האַלט זיך. עס דוכט זיך, אַז אַ ליאַדע ווינטעל וועט געבען אַ בלאָז, וועט עס זי אומוואַרפען. עס פאַלט איהם עפּעס איין. ער האָט ברייט זיינע אויגען אויגעעפענט, ווי ער וואָלט עפּעס דערזעהן. אין קאָפּ ביי איהם איז ליכטיג געוואָרען, און ער דערמאָנט זיך אָן עפּעס. אַ וויזיע ערשיינט פאַר זיינע אויגען, אַן ערשיינונג, וואָס ער האָט

אַמאָל געזעהען אין אַן אַנדער לעבען. אויף אַן אַנדערע וועלט. „אַזוי וועט זי שטעהן — זאָגט ער צו זיך — מיין „מוטער“, פער־קרומט, אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט געדרעהטע דראָטענע פיס ווי אַ קאַלב. וואָס איז ערשט געבוירען געוואָרען און האַלט זיך קוים“.

— דו שווייגסט עפּעס אַזוי — רופט זי זיך אָן, שטעהענ־דיג ביים שפּיעגעלע, אַזוי ווי זי וואָלט געוועזען געהערט זיינע געדאַנקען,

— גאָרנישט — זאָגט ער פאַר זיך — גאָרנישט, און ער בלייבט אַלץ זיצען צוגעשמיעדט מיט זיין בליק צו איהר.

אָבער זי קאָן נישט לאַנג שטעהן.

— איך בין היינט אַזוי מיעד, — זאָגט זי — און זוכט אַ בענקעל, וואו זיך אוועקצוזעצען. —

ער בעמערקט עפּעס, וואָס איז איבערגעבליעבען אויף דעם אָרט, וואו זי איז געשטאַנען... און זיין האַרץ קאָרטשעט זיך איין. ער נעהמט פלינק די אויגען אַוועק, אַז זי זאָל נישט מער־קען, אַז ער האָט עפּעס וואָס געזעהן... אין מוח ביי איהם קלאַפּט אַ געדאַנק: „ווי אַ פּערוואונדעטע חיה“... דערנאָך קומט אַ געפיהל און בעהערשט זיין מוח און האַרץ און אַלעס: „איי־גענס“.

— מיר וועלען היינט נישט אַרויסגעהן — זאָגט ער, אויפ־הויבענדיג זיך און אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דעם שוין אָנגעטהאָ־נעם ראָק.

— פאַרוואָס ? — וואונדערט זי זיך — איך וועל באַלד פערטיג זיין. איך בין בלויז אַ ביסעל מיעד. עס וועט באַלד אי־בערגעהן — זאָגט זי זיצענדיג אויף איהר אָרט.

— עס גלוסט זיך מיר נישט — זאָגט ער — מיר בליי־בען אין דערהיים.

זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבען, אָבער ער האָט זי נישט געלאָזט:

— זיץ, זיץ.

— איך וועל עפּעס אָנגרייטען צום עסען.

— ניין, ביין, זיך, זיך, איך וועל שוין אָנגרייטען. ריהר דיך נישט, איך בעט דיך, איך וועל שוין אָנגרייטען.

זי האָט מורא, אַז ער זאָל נישט האָבען עפּעס בעמערקט, זאָגט זי מיט אַ שמייכעל:

— וואָס איז עפּעס היינט מיט דיר?

— איך וויל אָנגרייטען עסען. פאַרוואָס מוזט דו עפּעס אָנגרייטען? איך קאָן נישט? וועסט זעהן, ווי איך וועל מאַכען. זיך, זיך.

ער האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען פלינק איבער דער שטוב, און אַזוי אָנגעהויבען צו רוקען מיט'ן טיש, מיט די בענקלעך, אַז ער האָט פלינק פערשטעלט דאָס אָרט ביים שפּיעגעלע, וואו זי איז געשטאנען, כדי מען זאָל נישט אָנזעהן, אַז ער האָט עפּעס בע־מערקט... דערנאָך האָט ער געכאַפּט דעם ראָק און געוואָלט אַראָב־געהן עפּעס אַרויפּברענגען. נאָר איידער ער איז געגאַנגען, האָט ער זיך געבעטען ביי איהר:

— איך בעט דיך זעהר, דו זאָלסט זיך נישט ריהרען פון אָרט. זאָלסט גאָרנישט טהאָן, ביז איך וועל אַרויפקומען. איך וועל שוין צושטעלען װאַרעמעס וואַסער. איך וועל שוין אַלעס מאַכען.

— אָבער פאַרוואָס? איך בין דען קראַנק? — זאָגט זי מיט האַרצקלאַפּעניש, מורא האָבענדיג, אַז ער זאָל נישט האָבען וואָס בעמערקט.

— גלאַט אַזוי. איך וויל אַזוי. טאָר איך נישט? איך האָב פערגעניגען צו קאָכען פאַר דיר היינט עסען. אַ גאַנץ יאָהר גרייטס־טו פאַר מיר, וויל איך היינט מאַכען פאַר דיר. איך בעט דיך, טהו מיר דאָס צוליעב, אָט אַזוי, דו וועסט זיצען אויף דער שטוהל, ווי אַ קעניגין, ווי אַ יונגע פּרינצעסין, און איך וועל זיין דיין שקלאַף, דיין שוואַרצער, שטאַרקער שקלאַף, וואָס איז פערליעבט אין זיין הערשערין און ער גרייט אָן פאַר איהר עסען. יאָ? — לאַכט ער איהר אין פּנים — זאָג מיר צו. יאָ?

— וואָס איז עפּעס, היינט מיט דיר, כאַסקעל?

— איך וועל דיר שוין שפּעטער זאָגען, שפּעטער. איך בין

שכור פון אַ גרויסער, גרויסער אידעע, און מיט איין שפּרונג איז ער אַראָבגעלאָפען די טרעפּ.

זיין מח, זיין האַרץ, זיין חוש זענען בעהערשט געוואָרען פון צוויי געפיהלען. ערשטענס, דאָס געפיהל פון „אייגענעם״, וואָס האָט אַרויסגערופען אין איהם, דאָס וואָס ער האָט געזעהן... און דאָס צווייטע, דער געדאַנק פון זיין ווערק, וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאַר איהם ווי אַ בליץ פון הימעל. און דיביידע געפיהלען האָבען זיך צוזאַמענגעמישט. דאָס, וואָס ער וויל יעצט שאַפען פון איהר זיין ווערק, איז נישט מעהר געווען אַ זאַך, וואָס זאָל בעשאַפען ווערען פון דרויסען פון איהם, נאָר עס איז געוואָרען אייגענס. דעם אינטימען סוד פון זיין לעבען, וואָס מענשען שעהמען זיך צו רעדען דערפון אפילו מיט זייערע אייגענע, וויל ער אַרויסזאָגען אין אַ ווערק: „די מוטער, וואָס בלוטיגט״...

ער איז שכור געוואָרען פון דעם געדאַנק, וואָס האָט איהם בעהערשט. ער האָט געקויפט זאַכען, וואָס מען האָט יאָ בעדאַרפט און נישט בעדאַרפט. און דבורה האָט זיך דערשראָקען, זעהענדיג, ווי דער יונג איז אַרויפגעקומען מיט טאַשען אָנגעשטאָפּט מיט פלעשער מילך...

— וואָס האָסטו געבראַכט אַזוי פיעל פלעשער מילך? ווער וועט דאָס אויסטרינקען?

— איך וויל זיך היינט אָנ׳שיכור׳ן מיט מילך — לאַכט ער.

— מיט מילך? פאַרוואָס?

— דו פערשטעהסט, עס וועט זיין ווי אַ קאַלב, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס, אַזוי ווי עס איז ערשט געבוירען געוואָרען.

— ווער?

— די „מוטער״. פערשטעהסט? און ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי אויפגעהויבען אויף זיינע הענד און אַוועקגעטראָגען זי צום בעט, און איינגענורעט זיין בעוואַקסען פנים אין איהר האַלז, אין דער ברוסט, אין איהר לייב, און האָט געמורמעלט אונפערשטענדליכע ווערטער...

— וואָס איז מיט דיר, כאַסקעל? — האָט זי געפרעגט מיט שרעק.

כאַסקעל האָט נישט געענטפערט.

ניינטער קאַפּיטעל

דאָס ווערק

צום ערשטען מאָל האָט בוכהאָלץ געפיהלט אונטער זיין לייב לעבעדיגעס פלייש, געפאָרמט פון בלוט און שלאָגענדיגען אָדער. און געפאָרעמט האָט ער דעם באַלעסטען ליים אויף דעם דראָטע-נעם סקעלעט מיט דעם ווילען פון אַ מייסטער, וואָס ווייסט, וואָס ער וויל. די אידעע, וואָס האָט בעהערשט זיין געדאַנק, האָט איהם קראַפט געגעבען צו פערטרייבען די ספקות, וואָס פלעגען ווי שלוחים פון שאָטען קומען און פערשלייערען איהם מיט שוואַרצע שלייע-רען. צום ערשטען מאָל האָט ער געפאָרעמט פון אַ לעבעדיגען קערפער, פון אַ וועזען, וואָס האָט איהם בעגייסטערט. און ער האָט געצוואונגען דאָס לעבעדיגע צו ווערען עהנליך צו דעם געשטאַלט, וואָס ער האָט געזעהן אין דעם שפּיעגעל פון זיין אידעע...

ער זעבען געוועזען די גליקליכסטע און פערשטענדליכסטע פּאָר וואָכען פון זייער צוזאַמענלעבען. דאָס לעבען האָט בעקומען אַ אידעע און אַ מיין. עס זענען פערשטענדליך געוואָרען פאַר דבורה'ן איהרע טהאַטען ביז איצט, גערעכטפערטיגט און געלייטערט אין דעם ליכט פון איהר גליק. און נאָך מעהר: יענער טהאַט, וועגען וועלכען זי האָט מורא געהאַט צו קלערען, איז ביי איהר געהייליגט געוואָרען. אַנשטאָט חרטה, האָט עס אַרויסגערופען אַ צופריעדענהייט, מיט וועלכער זי וואָלט זיך געקענט ריהמען...

און ביי בוכהאָלצ'ן? ביי בוכהאָלצ'ן זענען עס געוועזען טעג

פון שאַפען. אין אַזעלכע טעג האָט ער גאָרנישט געדאַרפט. ער האָט גענוג געהאַט זיין אַרבעט.

וועניג האָט ער געהאַט די שעה'ן פון טאָג-ליכט. דער שאפ האָט פון איהם אַוועקגערויבט דבורה'ן ביי טאָג. אָבער דאָך, אַז מען האָט געקאָנט אַוועק'גנב'ענען פון שאפ די שעה'ן פון טאָג-ליכט, האָט מען עס מיט פערגעניגען געטהאָן. די שבת'דיגע נאָכמיטאָגס און די זונטאָגס זענען דערפאַר געווען איינגאַנצען זייערע. און דאַן די אָווענד-שטונדען. ביים גאַז-ליכט האָט ער נישט געקאָנט אַרבייטען. עס האָט געוואָרפען אַ צו-געלע, אָבשפיעגלונג, האָט פאַרווישט די קאָנטורען. האָט מען אָנגעצונדען חלב'נע ליכט, וואָס האָבען מיט זייער וויכען, וואַרימען שיין געהאָלפען אַרויסגעבען דאָס געזאַנג פון די ליניען. די ליכט-שיין האָט מען אויך פיעל אויסגענוצט פאַר די צייכנונגען, פון וועלכע בוכהאָלץ האָט דערנאָך איבערגעטראָגען אין ליים ביים טאָג-ליכט. פון שטיין האָט מען זיך נישט אָבגעזאָגט, אָבער דאָס נויטיגע געלד איז נישט געווען צוזאַמענצושלעפען. בוכהאָלץ איז איבעריגענס אונגעדולדיג געווען אַרויסצוברענגען די אידעע אין ליים, און דערנאָך מיט דער הילף פון אַן אַרבייטער אויסהאַקען אין שטיין.

די אַרבייט איז געגאַנגען אינטענסיוו און אָנגעשטרענגט. טיילמאָל האָט ער געהאַלטען דבורה'ן דריי-פיער שעה אויף די פיס, נאַקעט, אין דער שלעכט בעהייצטער סטודיע. איהר הויט איז גערונצעלט געוואָרען פון קעלט. די גערונצעלטקייט פון איהר הויט האָט איהם געהאָלפען אַרויסברענגען בולט'ער די אונשולדיגקייט, די ריינקייט פון אַקט. זי האָט עס איבערגעטראָגען, גענומען אויף זיך ווי אַ פאַסטען, ווי אַ דאַווענען, ווי אַ הייליגע אַרבייט. מיט דער גאַנצער ערנסטקייט און איבערגעבענקייט צו דער הייליגער אַרבייט, וואָס בוכהאָלץ טהוט, און אין וועלכער זי האָט געגלויבט מיט דער הייליגער נאַאיוויטעט.

אין מיטען דער אַרבייט האָט זיך אַריינגעמישט „דירה-געלד“. צוויי גרויסע זאָרגען האָט דבורה געהאַט אויפ'ן קאָפ, זייט זי איז געגאַנגען פאַר זיך אַליין לעבען. די זעלבע זאָרגען, וואָס האָט איהר מוטער נישט געלאָזט שלאָפען ביינאַכט. די זאָרג וועגען דירה-געלד

און קויהלען זענען, דוכט זיך, בירושה איבערגעגאַנגען פון דער מאַמען צו דער טאָכטער. אויף דער טאָג-טעגליכער חיונה, וואָס מען האָט געדאַרפט, האָט זי פּערדיענט פון איזור אַרבייט אין שאפּ פאַר ביידען. אַז עס איז אָבער געקומען דער ערשטער און מען האָט בעדאַרפט בעצאַהלען דעם בעל-הבית פאַר דער סטודיע, האָט שטענדיג דבורה נישט געוואוסט פון וואַנען דאָס צו נעהמען. און וויפיעל מען האָט נישט בײַ זיך הייליג אָבגעמאַכט צו זאַמלען יעדע וואָך אַ פּאָר דאָלאַר און אַוועקלעגען — האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַ קאָנצערט, אַמאָל האָט זיך בוכהאָלצ'ן אַזוי פערגלוסט „ארויסצוגעהן" צו אָוועגד-ברויט אין רעסטאָראַן. אַז עס איז גע-קומען דער ערשטער, איז שטענדיג נישט געווען פאַר'ן בעל-הבית, אין דער לעצטער מינוט האָט מען זיך אַן עצה געגעבען. דבורה האָט געמאַכט אַזוי שטיל, אַז בוכהאָלץ זאָל דערפון גאָרנישט ווי-סען, כדי ווען בוכהאָלץ וועט זיך דערמאָנען אָן דעם, זאָל זי קאָנען איהם בערוהיגען, אַז עס איז שוין בעזאָרגט. נאָר בחנם איז געווען איהר זאָרג. בוכהאָלץ האָט זיך גאָרנישט דערמאָנט אָן דעם.

די געשטאַלט האָט אָנגעהויבען צו וואַקסען פון זיינע הענד, ביז אין איין שעהנעם טאָג איז זי שטעהן געבליעבען אין מיטען שטוב ווי אַן ערשיינונג.

עס איז יאָ געווען דבורה און דאָך נישט. עפּעס אַן אַנדערע דבורה, וואָס לעבט ערגעץ-וואו אין בעהאַלטענע וועלטען, און בוכ-האָלץ האָט זי אַהער אַריבערגע'כשופ'ט פון יענער וועלט. איהר פּנים איז געווען בעקאַנט, גוט בעקאַנט, אַ היימיש מיידעל. יעדער וואָס האָט זי געזעהן, האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי שוין ערגעץ-וואו געזעהן, נאָר ער קען זיך נישט דערמאָנען ווען און וואו. בוכ-האָלץ האָט אַליין נישט געוואוסט, אויב די אַרבייט איז איהם יאָ געלונגען אָדער נישט. אַרויסגעקומען איז נאָך עפּעס אַנדערש, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זי נישט געמאַכט „ווי אַ קאַלב וואָס איז ערשט געבוירען געוואָרען, און שטעהט קוים מיט די פיס אומצופאַ-לען", אַזוי ווי ער האָט געקלערט צו טהאָן. אין דער אַרבייט האָט ער די אידעע אַוועקגעוואָרפען, און ער האָט זי געמאַכט שטאַרק אויף

די פיס, שטעהט פעסט און זיכער, ווי א גראַניטער פעלז. נאָר די פיס זענען געווען זעהר לאַנגע און דינע, צו לאַנג און צו דין פראָפּאָרציאָנעל צו איהר קערפּער. ער האָט געוואוסט דערפון. עס קוקט אויס, אַז ער האָט עס מיט אַ כּיוון געמאַכט, ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט עפּעס וואָס אונטערשטרייכען. ברייטע, שטאַרקע היפּטען, איהר בויך איז געווען שפּיציג, אַזוי ווי זי וואָלט געווען גע־טראָגען. אויף איהר פּנים האָט ער אויסגעגאָסען אַ שמייכעלדיגע צניעות׳קייט. אָבער אין איהר בליק האָט ער אריינגעוואָרפען אַ שטאָלצע עזות׳קייט, אַזוי ווי זי וואָלט מיט אַ חוצפּה׳דיגער שטאָלצ־קייט געקוקט אויף דער וועלט און שטאָלצירט מיט איהר טראָגענ־דיגען בויך, ווי מיט עפּעס אַ בעזונדערער זאַך, וואָס זי אַליין נאָר איז בעשאָנקען געוואָרען... די גאַנצע פיגור האָט געמאַכט אַן איינ־דרוק פון יאָ נאַטירליך און נישט נאַטירליך. אין דעם ערשטען אויגענבליק האָט עס זעהר קאָמיש אויסגעזעהן. אָבער אַז מען האָט זיך גוט צוגעקוקט, איז דאָס געזיכט און די גאַנצע פיגור פאַרגע־קומען אַזוי בעקאַנט, אַזוי ווי אַן ערשיינונג, וואָס מען האָט אַמאָל געזעהן אין אַ חלום. יעדער וואָס האָט זי געזעהן, האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטען און געזאָגט: „אוי, איך קאָן דאָך זי, איך האָב זי דאָך אַמאָל געזעהן״ — נאָר ווען און וואו, האָט מען זיך נישט געקאָנט דערמאָנען...

באַלד ווי ער האָט די פיגור פערטיג געהאַט, האָט זיך בוכ־האָלצ׳ן געדאַכט, אַז ער האָט בעשאַפען דאָס גרעסטע ווערק אין דער וועלט. ער איז געווען ווילד פאַר פרייד און געהאַלטען אין איין זאָגען צו זיך, קוקענדיג אויף דער פיגור: „אָט דאָס האָב איך געוואָלט. אַזוי ווי אַ פויגעל, דו פערשטעהסט? די מוטער פון מו־טערס, אַזעלכעס וואָס איז גאָר נישטאָ, און דאָך דאָ״. אין אַ פּאָר טעג אַרום אָבער איז געקומען אַזאַ יאוש, אַזאַ פערצווייפלונג, אַז ער האָט געוואָלט די פיגור צווואַרפען. אַ קאַליקע בן קאַליקע — האָט ער אָנגערופען זיך און די פיגור מיט די מיאוסטע נעמען, און נישט געוואוסט, צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. ערשט שפּעטער אַביסעל, ווען ער האָט זי אַ לענגערע צייט נישט גע־זעהן — האָט ער געבענקט נאָך דער פיגור. ער האָט זי ווידער

אויפגעדעקט און אָנגעקוקט, עס איז איהם שוין פאַרגעקומען ווי
אַ פרעמדע זאַך, נישט ער האָט עס בעשאַפען, נאָר אַן ערשיינונג איז
עס, און עס האָט איהם געגעבען אַ שלאָג אין די אויגען מיט איהר
אָריגינאַליטעט, מיט איהר אונגעוועהנליכקייט און דאָך לעבעדיג-
קייט, און ער איז ווידער גליקליך געוואָרען. אין הארץ איז איהם
געקימען אַ צופריעדענהייט און האָט איהם געזעטיגט. זי איז איהם
פאָרגעקומען אייגענס און זיינס. אַזוי האָט ער באַשאַפען דעם מענש.
נישט אַזוי ווי ער איז, נאָר אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל
זיין... דאָס וואָס איז איהם געלונגען צו בעשאַפען זי אַזוי, אַז זי
זאָל אויסזעהן ווי אַן ערשיינונג, האָט איהם שטאָלץ געמאַכט אויף
זיך: „עס איז מיין בעשאַפונג, אַזוי האָב איך געוואָלט, אַז זי זאָל
אויסזעהן, און אַזוי זעהט זי אויס, און זאָלען זיי מיר טהאָן, וואָס
זיי ווילען. אַזוי זעהט אויס די „מוטער" — מיין מוטער, אַלעמענס
מוטער".

דערנאָך זענען געקומען די מבינים. פרייער האָט אויסגעפו-
נען, אַז בוכהאָלץ ווערט צו „סענטימענטאַל" און „ליריש". אין דאָס
איז אַלעס שולדיג, וואָס ער האָט חתונה געהאַט. (דאָס האָט ער
געזאָגט אין דער שטיל צו מאַשקאָוויטש'ן, אַז דבורה זאָל עס נישט
הערען).

— דאָס מאָל איז דיר נישט געראָטען. עס שטעהט נישט
אויף דער הויך — האָט פרייער געזאָגט — זי איז מיר צו ליריש,
און אַז דו, בוכהאָלץ, ווערסט ווערען „ליריש", איז נישט גוט. דיין
קראַפט זענען אַ פּאָר ברייטע פלייצעס, ריעזען. דאָס איז נישט פאַר
דיר — האָט פרייער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

און מאַשקאָוויטש האָט געזאָגט:

— לויט דער טעאָריע פון קאָמפּאָזיציע איז עס נישט האַר-
מאָניש, די קאָמפּאָזיציע דאַרף געהן ווי אַ „גריכישער טעמפעל",
פון „הינטען אַרויף", און דאָס געהט פון „אויבען אַראָב".

און בוכהאָלץ איז געשטאַנען מיט אַן אָפען מויל און האָט
נישט געוואוסט, אויב ער איז געוואָרען „ליריש" און צי עס איז
יאָ גלייך צו אַ „גריכישען טעמפעל" אָדער נישט. פאַרוואָס עפּעס
פּונקט ווי אַ „גריכישער טעמפעל"? האָט ער זיך געטראַכט. נאָר

מן הסתם, אַז מאַשקאָוויטש זאָגט, ווייסט ער, ער האָט געלערענט „קאָמפּאָזיציע" און ער האָט גרויס פּערדרוס געהאַט, וואָס עס איז נישט „קאָמפּאָזיטאָריש" (ווי מאַשקאָוויטש האָט זיך אויסגעדרוקט). נאָר עפּעס אינווייניג, אין זיך, האָט ער געפיהלט, אַז עס בעדאַרף אַזוי זיין און איינגעז'עקשנ'ט זיך:

— אַזוי איז עס און אַזוי בעדאַרף עס זיין.

— זאָל זיין אַזוי — שאָקעלט זיך פריייער אָב מיט די הויכע פּלייצעס — אַז מען זאָגט דיר, אַז עס איז „ליריש". און דאַן זעהט זי דאָך אויס, דיין „מאַדאָנע", ווי מען וואָלט זי ערגיץ וואו שוין געזעהן, נאָר איך געדענק נישט וואו.

— אָט דאָס איז עס! — לאַכט בוכהאָלץ — אָט דאָס האָב איך געוואָלט.

דבורה איז געשטאַנען און האָט געהערט, ווי מען בעליידיגט בוכהאָלצ'ס ווערק און מען רעדט אַזוי דערפון, אַז עס האָט איהר וועה געטהאָן. זי האָט זיך געפיהלט פאַראייניגט מיט דעם ווערק. צופיעל אייגענס און צופיעל פּערזענליכעס און אינטימעס האָט עס געטראָגען פון זייער לעבען. אַמבעסטען וואָלט זי עס געוואָלט בעהאַלטען פון פרעמדע אויגען, אַז קיינער זאָל עס נישט זעהן, און דאָ שטעהט מען דעריבער און מען בעטראַכט עס מיט אַזעלכע ניכטערע און פרעמדע אויגען. זי האָט זיך אַליין געפונען בעליידיגט, פערשעהמט, און עס האָט איהר וועה געטון. איז זי צוגעגאַנגען און האָט עס פערדעקט צוריק מיט'ן נאַסען לייליך, זאָגענדיג אין אַ געלעכטער:

— דאָס האָט כאַסקעל געמאַכט פאַר אונז אַליין, פאַר קיינעם נישט, נאָר פאַר אונז אַליין... נישט וואָהר, כאַסקעל?

איז בוכהאָלץ געשטאַנען און נאָכגעקלערט איהרע ווערטער; איז איהם אַ וואונדער געווען, וואָס ער האָט עס אַליין נישט געוואוסט און אַליין נישט געקלערט דערפון: דאָס האָט ער דאָך טאַקי געשאַפען פאַר קיינעם נישט, נאָר פאַר זיי אַליין, און די וואָס ווייסען נישט, וואָס ער האָט בשעת מעשה געקלערט, וועלען עס דאָך גאָרנישט פערשטעהן — איז ער צוגעגאַנגען און האָט די פיגור אוועקגערוקט און האָט זי בעהאַלטען, ווי מען בעהאַלט פאַר פרעמדע

אויגען עפּעס אייגענעס, אינטימעס, און האָט נאָר געברומט דבורה׳ס ווערטער:

— דאָס איז פאַר קיינעם נישט בעשאַפען, נאָר פאַר אונז אליין.

און די אידעע פון זיין ווערק איז איהם צום ערשטען מאָל אליין אויפגעגאַנגען קלאָר אין זיין געדאַנק.

צעהנטער קאַפּיטעל

שרה רבקה רוהט נישט

דער שניי האָט געשאָטען אין אַ זיגזאַג. פון אויבען אראָב, צי פון אונטען אַרויף, דאָס האָט מען נישט געקאָנט זעהן און דערפאר אויך נישט וויסען. עס האָט זיך געדוכט, ווי דער גאַנצער חלל איז אָנגעצויגען געוואָרען מיט געקעסטעלטע שנירלעך, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען אין איין בּעוועגען. מאָזעס זלאָטניק מיט די צוויי פּעק פּערוואָרפען איבּער דער פּלייצע, איינעם פון הינטען און דעם צווייטען פון פאָרענט אין אַ גלייך געוויכט, האָט מיט שוועריגקייט אויסגעפּאָכטען זיך אַ דורכגאַנג דורך דעם ווייסען שניי-שפּינוועבס, וואָס האָט פערשפּינט דעם גאַנצען חלל, וואָס גרייכט פון דער ערד ביז צום הימעל. מאָזעס'ן האָט עס נישט געאַרט, עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג און דעם וועג האָט ער גוט געקענט. ער איז געגאַנגען צו אַ פּאַרמער אַ דייטש, זיינער אַ קאָסטאָמער, וועלכער האָט איהם בּעדאַרפט בּעצאָהלען אַ דאַטע, און אגב איז ער אויך געוואָהר געוואָרען, אַז דער דייטש האָט געבּורט'ס-טאָג, האָט מאָזעס זיך געטראַכט, אַז עס איז אַ גוטע געלעגענהייט צו פערקויפען דער דייטשקע דאָס האַלבּע טוץ האַנדטיכער מיט צוויי לייליכער, וואָס זי דינגט שוין בּיי איהם פון אַ לענגערער צייט. די געגענד איז געווען „זיינע". ער האָט געקאָנט יעדעס הויז אויף דעם וועג פון „רעדהיל" בּיז „טאטענוויל" אין סטעטען איילענד, איז כאָטש די הייזער זענען געלעגען ווייט אָבּגערוקט איינס פון אַנ-

דערען און די געגענד איז געווען אַ פוסטע, בעוואַקסען אינגאַנצען מיט וואַלד, האָט ער אָבער די געגענד זעהר גוט געקאָנט: צוויי־דריי מאָל אַ וואָך דורכגעלאָפען דעם וועג, — איז דען היינט נישט דער פופצעהנטער? דעם טאָג, אין וועלכען מען בעצאָהלט די חובות, ווען די פאַרמערס גרייטען אָן די ראַטעס, וואָס זיי האָבען צו בע־צאָהלען דעם פעדלער, און ער ווייסט, אַז קוים לאָזט מען אַזאַ טאָג אַדורך, איז שווער צו דעריאָגען מיט די צאָהלונגען.

אין „רעד ביל" האָט ער זיך ביי אַ פאַרמער גוט אָנגעגעסען, און זיין בויך און זיין גאַנצער קערפּער איז וואַרים געווען. דער ווינד און דער פּאַלענדער שניי האָט אויפגעפרישט זיין יונג בלוט, האָט ער זיך געפיהלט לייכט אויף די פיס, פול מיט ענערגיע, איז ער געגאַנגען ענטקעגען דעם ווינד ווי אויף צו להכעיס איהם, און געטראַכט וועגען זיינע גרויסע פּלענער, וואָס האָבען שוין לאַנג פאַר־נומען זיין געדאַנק.

אין באַנק אויפ'ן ביכעל האָט ער געהאַט פערשריעבען צוויי הונדערט און אַכציג דאָלאַר קעש־געלד, וואָס ער קאָן עס צו יע־דער צייט ארויסנעהמען, ווען ער וויל נאָר. אויפ'ן בוך האָט ער חובות איבער דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס איז אַזוי גוט ווי באַר־געלד, גוט ווי גאָלד. סחורה האָט ער אויך פאַר אַ הונדערט און פופציג אָדער זעכציג דאָלאַר. די געגענד איז אַ גוטע, בלויז דיי־טשען, צאָהלען פינקטליך — אַז ער זאָל פון דעם אַלעם מאַכען באַר־געלד און פערקויפען דעם „פּוך" קען ער האָבען גוטע זיבען, אַכט הונדערט דאָלאַר, אפשר גאַנצע טויזענד. און היינט מיט זיין שטעלונג ביי די פּעדלער־סוחרים אין די קעלערס פון עלען סט. בעדאַרף ער שלעפּען פּעק?

אפשר חתונה האָבען, נעהמען אַ קלוג היימיש מיידעל, מיט אַ פּאָר דאָלאַר, אַ פעסטען קאַפּיטאַל? נאָך אַלעמען, פאַר אַ ביזנעס־מאַן איז דער עיקר, אַז ער האָט קאַפּיטאַל. פאַר מאַזעס'ס אויגען שווינדלען ציפערען: איין טויזענד, איין טויזענד פינף הונדערט, צוויי טויזענד, דריי טויזענד. ניין, אַזוי פיעל נישט, זאָגט ער זיך. אַ צוועלף־פופצעהן הונדערט. אפשר אָן איינגעפונדעוועט געשעפט איבערנעהמען פון שווער, מיט שווער און שוויגער צוזאַמען.

אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך אָן עפּעס. ניין, זאָגט ער זיך, עס איז נאָך נישט געקומען די צייט. נישט פריהער ביז פּיי-געלע וועט נישט זיין ערוואַקסען, זאָגט ער זיך. דער מאַמען צוגע-זאָגט. און איך וועל האַלטען וואָרט. ער קלערט נאָך אַ לאַנגע, לאַנ-גע צייט און עס ווערט איהם אַביסעל פריקרע, און ער קריעגט רחמנות אויף זיך. פאַרוואָס מוז איך אַזוי לאַנג וואַרטען? אָבער באַלד דערמאָנט ער זיך דער מאַמע'ס געזיכט. ניין, מען דאַרף, מען מוז העלפען זיי אַרויסקריעכען.

דער טאַטע קאָן זיך אַליין אָהן מיר אויך נישט קיין עצה געבען. מען דאַרף צאָהלען דער אידענע, אויפּפּאַסען אויף די קינ-דער, יונה גדליה'ן אַ מאָל אַרויסצוהעלפען, ער מוז דאָך אַ מאָל שוין ענדיגען אויך. אָבער, שאַ, פאַר וואָס נישט מיט סאָלאָמאָן-שותּפים? ער קרעכצט אָפטמאָל, ווען ער קומט אַריין צום טאַטע'ן שבת אָוועגד. „נישט גוט קיין שותּפות מיט אַ שווער". וואָס דאַרף ער זיי גאָר, די „דייטשען", זאָל ער אַרויסנעהמען די פּאָר דאָלאַר. מיר וועלען צוזאַמען אַריין אין שותּפות: „בראָדערס סאָלאָמאָן... ניין, מאָזעס צוערשט. „בראָדערס מאָזעס און סאָלאָמאָן זלאָטניק", זעהט ער שוין פאַר די אויגען פינקלען אַ לאַנגע שילד מיט גאָל-דענע בוכשטאַבען, אין דער לענג דריי-פּיער פענסטער. ער און סאָ-לאָמאָן זענען די באָסעס, סאָלאָמאָן איז דער „אינסייד מען" ער גיט אַכטונג אויף דער פאַבריק, אויף די אַרבייטער, אויף די אָנגע-שטעלטע, און ער (מאָזעס) איז דער „אויטסיידער". ער שאַפט דעם קרעדיט, קויפט איין די סחורות, זעהט זיך מיט מענשען. דער טאַטע אַרבייט נישט מעהר, זיי האַלטען איהם אויס מיט אַלעס, וואָס ער דאַרף. ער וואוינט אין אַ שעהנער וואוינונג אין האַר-לעם, און גיט אַכטונג אויף די קינדער. די צוויי גרעסערע יונ-גען, איטשע און נטע, זענען מיט זיי אויך אין די ביזנעס. נאָר דער טאַטע אַליין איז אין דערהיים מיט'ן אינגסטען קינד, געהט אַרויס אין גאַס בכבוד, אַ שטעקען מיט אַ גאָלדענעם קנאָפּ אין האַנד.

ער האָט שוין לאַנג געפיהלט אַ קאַלטקייט נישט אינוועניג, נאָר פון דרויסען, וואָס האָט געבלאָזען אויף דער הויט און האָט

דערגרייכט ביז צום לייב הינטער׳ן העמד, אינווענינ איז ווארים געווען. ער איז צוהיצט געווען פון די שווערע פעק, וואס ער האט געטראגען אויף זיך און פון דעם שווערען גאנג ענטגעגען דעם ווינד און שניי. אבער דאך איז דאס גאנצע לייב, פון די הויט אויף די הענד ביז די פיס, קאלט און פייכטלעך געווען. ער האט ביז איצט נישט געקלעהרט דערפון. ווייל די פאנטאזיע פון „בראדערס מאזעס און סאלאמאן זלאטניק" האט איהם אזוי פערטראגען, אז ער האט אפילו נישט געפיהלט ווי דער טריט, וואס האבען ביז נישט לאנג געטראטען אויף א הארטען שטיינערנעם גרונד, האבען פון א געוויסע צייט אן אנגעהויבען איינצוזינקען אין א שניי־פוך, וואס איז זיי שווער ארויסצוציהען. ער האט זיך אומגעקוקט און געטראכט זיך: „וואו בין איך דאס אין דער וועלט?"

פון דעם פרישען שניי, וואס האט איצט געבלאזען פון אלע זייטען, האט ער געקאנט זעהן דעם וועג נאר ווי דורך א שאט־קע. ער האט אנגעהויבען אראבצוקריכען פון דער זייט, וואס איהם האט זיך געדוכט, אז דאס איז דער ריכטיגער וועג, און מיט אמאל האט ער זיך געפונען ארומגע־ינגעלט צווישען ריטער און צווייגען, וואס זענען געשטאנען ביז צום „טיעפען האלז" פער־שאטען אין שניי. און נאר זייערע הענד האבען ארויסגעסטאר־טשעט פון די ווייסע איבערדעק, ווי זיי וואלטען זיך געבעטען רחמים. אז מען זאל זיי ארויסראטעווען.

— וואו בין איך דאס פערקראכען? — טראכט זיך מאזעס. און הויבט אן צוריקצוגעהן, אריינשטעקענדיג צוריק זיינע פיס אין די טיעפע לעכער, וואס זיינע טריט האבען אויסגעטראטען אין דעם שניי, דענקענדיג, אז אזוי ארום וועט ער צוריקקומען צום ריכטיגען וועג, פון וועלכען ער איז אראב.

לאנג האט ער געבראדזשעט, ביז ער האט דערפיהלט אונ־טער זיינע פיס צוריק דעם הארטען באדען, און עס האט זיך איהם געדוכט. אז ער איז צוריק אויפ׳ן וועג, און ער האט אנגע־הויבען ווייטער צו געהן מיט פעסטע טריט. „עס ווערט שפעט", האט ער זיך געטראכט, וועלענדיג דערקענען די שפעטקייט פון

טאָג דורך דער שניי־זיפּ, אָבער דורך דער שניי־זיפּ איז אַלעס געווען גרוי. דעם הימעל האָט מען נישט געקענט זעהען, אויך נישט די ערד, נאָר אַ מאָנאָטאָנער קאָליר, וואָס האָט זיך גע־גרויט. עס האָט זיך געקענט אויסווייזען. אַז עס איז נאָך גאָר פריה, אָדער שוין גאָר שפּעט.

איצט האָט ער געהאַט דעם ווינד הינטער זיך, אין די פּליי־צעס, און דער ווינד האָט איהם געהאָלפען אונטערצוי־אָגען מיט פלינקע טריט, ווי ער וואָלט איהם געטריעבען.

דאָ ערגעץ־וואו בעדאַרף דאָך זיין דאָס רויטע הויז פון אידישען פּאַרמער, וואָס ליגט צווישען „רעד היל" און דעם דייטש, האָט ער זיך געזאָגט. דער איירישער פּאַרמער לאָזט קיין איד נישט אַריין איבער דער שוועל, דורך דעם האָט איהם מאָזעס שטענדיג אויסגעמיטען, אָבער איצט, אין אַזאַ צייט, וועל איך פּרואווען אַריינגעהן צו איהם. ער וועט דאָך מיך נישט אַרויסיאָ־גען אין אַזאַ וועטער, האָט ער זיך געטראַכט.

און ער האָט ווידער געפּרואווט אַראָבגעהן פון וועג, זעהן, אויב עס איז נישטאָ ערגעץ־וואו קיין פעלד, וואָס בעלאַנגט צום „רויטען הויז". האָט ער זיך ווידער אָנגעשלאָגען אָן די קושאַ־קעס און סענקעס, וואָס האָבען אַרויסגעשטאַרצט פון שניי, און זיינע פיס האָבען ווידער אָנגעהויבען איינצוזינקען אין די בלאָ־טעס, וואָס האָבען זיך געפונען אונטער'ן שניי.

— איך בין אין אַן אויסגעהאַקטען וואַלד, — האָט ער זיך געטראַכט, — ווי אַזוי קום איך אַהער אין אַן אויסגעהאַקטען וואַלד? איך האָב נאָך דאָ קיינמאָל קיין אויסגעהאַקטען וואַלד נישט געזעהן, איך מוז אַרויס פון וואַלד, איידער עס ווערט נאַכט. האָט ער זיך געזאָגט און האָט אָנגעהויבען צוריקצוציהען מיט דער גאַנצער ענערגיע און אימפּעט פון זיין יוגענד.

ער האָט געהאַט צוטרוי צו זיין אינטואיציע, אַז ער געהט גוט. ער האָט זיך נאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען קיין סכנה. שניי, וואָס קאָן זיין שניי? קאַלט איז איהם נישט געווען, פער־קעהרט. ער איז געווען וואַרים און צוהיצט, איז ער געגאַנגען מיט פלינקע אין ברייטע טריט.

אַז ער איז אָבגעגאַנגען אַ האַלבע שעה און ער האָט נישט געזעהן, נישט קיין הויז, נישט אָנגעטראָפען קיין וואָגען, קיין מענש, און יעדעס מאָל ווי ער האָט געפּרואווט צו מאַכען אַ שריט אָדער צוויי אַראָב פון וועג, האָט ער זיך געפונען אַרום־געריגגעלט צווישען קזשאַקעס און דערנער, — האָט ער אָנגעהויבען אַ ביסעל אונרוהיג צו ווערען.

— וואו געפין איך זיך דאָס! — האָט ער צו זיך גע־זאָגט — עס מוז דאָך אַמאָל זיך ענדיגען דער וועג, און ערגעץ־וואו מיך אַרויספיהרען, און ער איז ווייטער געגאַנגען מיט פעסטע און איילענדע טריט.

ער איז שוין איצט מיעד געווען. דאָס גאַנצע לייב איז בע־גאָסען געווען מיט שוייס פון די פלינקע טריט און פון די שווע־רע פעק, וואָס ער האָט געשלעפּט אויף זיך — און דער ווינד האָט אָבגעלעקט די טראָפּענס שווייס, אַ האַרטע קאַלטקייט האָט איהם אַרומגענומען פון די האָהר ביז אונטער די נעגעל. האָט ער גע־פּרואווט זיך אויף אַ ווײַלע אָבשטעלען, אַראָבצולעגען די פּעק און האָט זיך אָוועקגעזעצט אָברוהען.

דערווייל האָט ער בעמערקט, ווי דורך דער שניי־זיפּ, וואָס איז געהאָנגען פאַר די אויגען, איז די גרויע מאָנאָטאָנעקייט טונקע־לער געוואָרען. אַלעס איז אויסגעמישט געוואָרען און פערווישט גע־וואָרען, ווי עס וואָלט געוואָרען אַ פערווישטער פלעק. און איבער דעם פלעק האָט זיך געשפּונען די שניי־זיפּ אָהן אַן אויפהער און אָהן אַן ענדע. מאַזעס׳ן האָט זיך געדוכט, אַז ער ווערט איינגע־וועבט אין דער שניי־זיפּ, און ער וועט שוין נישט קאָנען פון איהר אַרויסקריעכען. און וואָס אַמאָל ווערט דונקעלער, מען זעהט נישט פון וואַנען די דונקעלקייט בעהמט זיך, פון אויבען, פון אונ־טען, זי ווערט אַליין פון זיך. און די שניי־זיפּ, אַנשטאָט ווייס, ווערט וואָס אַ מאָהל אַלץ בלויער און בלויער.

— וואָס זיץ איך? עס ווערט דאָך נאַכט? — האָט ער זיך פלינק אויפגעכאַפּט, געוואָרפען אויף זיך די פּעק און האָט אָנגעהויבען ווידער צו געהן

— אוי, מאַמע, העלף מיר — האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסען אַ קרעכץ — איך קאָן דאָך דאָ אונטערגעהן.

ער איז אַוועק אויפ'ן זעלבען וועג, אויף וועלכען ער איז געקומען. און מיט אַמאָל איז ער געבליעבען שטעהן פאַר אַ וואַנד בוימער, וואָס האָבען זיך אין נעבעל פון דער שניי-זאַווערוכע נישט אַרויסגעזעהן, ביז ער איז נישט אָנגעקומען נאָהנט און אָנגעהאַקט זיך אין זיי.

— ווי וועל איך דאָ אַריינגעהן, דאָ וועל איך דאָך פערפאַ-לען ווערען — האָט ער זיך געזאָגט. — און צוריק קום איך דאָך פון דאַנען — און ער איז געבליעבען שטעהן אין מיטען וועג, און נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

— מאַמע — האָט זיך ווידער אַרויסגעריסען ביי איהם — וואָס זאָל איך טהאָן, וואָס?

עס איז איהם הייס געוואָרען, דאָס לייב האָט געפּאַרעט פון צוהיצטקייט און שרעק, די גליעדער זיינע, אויף וועלכע עס איז גע-לעגען קופּעס שניי, האָבען זיך דורכגענעצט, און די פייכטקייט האָט דערגרייכט צו דעם צוהיצטען לייב. ער האָט געפיהלט, ווי דאָס העמד איז פעסט צוגעקלעפּט צו זיין רוקען, און די פיס האָ-בען אינווענינ אָנגעהויבען צו דרעפּטשען אין אַ פייכטקייט, ווי אין אַ בלאָטע.

— וואָס זאָל איך טהאָן, וואָס? — האָט ער זיך געזאָגט — ניין, אין וואַלד וועל איך נישט אַריינגעהן. דאָ קאָן איך נאָר פער-פאַלען ווערען. איך וועל צוריקגעהן — ווי לאַנג עס וועט מיר נישט נעהמען, וועל איך דאָך אָנקומען ערגעץ.

— מאַמע, העלף מיר, — האָט ער אויסגערופען שוין הויך, און אָנגעהויבען צוריקגעהן.

אין דעם האָט ער געהערט אַ הונד בילען. ער האָט זיך אָפּ-געשטעלט. דאָס בילען איז געקומען פון דער זייט פון וואַלד. נישט צו טראַכטען איז ער אַוועק אין וואַלד אַריין, געטראָגען מיט דער האָפנונג, וואָס דאָס בילען פון הינד האָט ביי איהם אַרויסגע-רופען.

עס איז שוין יעצט געווען דונקעל, און די שניי-זיפּ איז

אזוי געדיכט געווען, אַז מען האָט נישט געזעהן קיין צוויי שריט פאַר זיך. מאָזעס איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפען, כאָטש דער שניי אין וואַלד איז געדיכטער געוואָרען, און זיינע פיס זענען וואָס אַ מאָהל טיפער איינגעזונקען.

באַלד האָט ער דערזעהן אַ דאַך צווישען די בוימער, אַ הויז, ער האָט דעם אָטהעם צוריקגעכאַפּט, און בערוהיגט איז ער שוין צוגעגאַנגען צום הויז.

אָבער קיין ליכט האָט ער נישט געזעהן. דאָס האָט איהם גע־וואונדערט. נאָר אַז עס איז אַ הונד דאָ — מוז דאָך ווער זיין אין שטוב — האָט ער זיך געטראַכט, און איז צוגעגאַנגען צום הויז.

פון הויז איז קיינער נישט אַרויסגעקומען. טהיר און טויע־רען זענען געווען פערמאַכט מיט לאָדען, און פון אינווענינג הערט זיך אַ הונד בילען.

מאָזעס איז נעהנטער צוגעגאַנגען צו דער טהיר. דער הונד אויף דער צווייטער זייט טהיר איז געוואָרען אונרוהיגער און גע־ריסען זיך, און געבילט, נאָר קיין לעבעדיגער נפש איז פון שטוב נישט אַרויסגעקומען.

מאָזעס האָט געקלאַפּט אין דער טהיר. דער הונד אינווענינג איז ווילד געוואָרען. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט די טהיר אויפרייסען און אַרויסקומען און איהם צורייסען. אָבער קיין מענש האָט זיך נישט בעוויעזען.

— מיין מזל, — האָט ער צו זיך געזאָגט. קיינער איז נישטאָ. וועל איך אונטער'ן דאַך שטעהן. און ער האָט זיך אוועקגע־שטעלט אונטער'ן דאַך, בעשיצענדיג זיך פון שניי. דער הונד האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו בילען. אָבער שטעהענדיג אויף איין אָרט, האָט מאָזעס'ן אָנגעהויבען זעהר קאַלט צו ווערען. די פיס זענען געוואָרען ביי איהם שווער, ווי עס וואָלטען צו זיי געווען צוגעבונדען שטיקער אייזענס, און זיי האָבען זיך בעקלעפּט צו דער ערד, אויף וועלכער זיי זענען געשטאַנען. די מלבושים, וואָס האָבען זיך געטרוקענט פון שניי, זענען אין דער קעלט האַרט גע־וואָרען, שטייף, ער האָט געפיהלט דאָס העמד, ווי עס ווערט שטייף

אויף זיין לייב, ווי אַ בלעך. אַ ציטער האָט איהם אַרומגענומען, און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו טרייסלען. די צעהן האָבען ביי איהם געקלאַפּט, נישט צו ווילען און נישט צו וויסען האָבען זיי געקלומפּערט איינער אָן אַנדערען ווי שטיקלעך גלאָז, און אונטער די נעגעל פון די פיס און פון די הענד האָט עס געשטאָכען, אַזוי ווי מיט אָנגעבריהטע שפּילקעס.

— מאַמע, איך וועל דאָך אונטערגעהן, — האָט ער אויף זיך אַליין רחמנות געקראָגען. איך קאָן דאָך אונטערגעהן, — און ווער וועט זיך אויף זיי אַרומקוקען? זיי וועלען זיך דאָך אָהן מיר קיין עצה נישט געבען. — מאַמע, העלף מיר, איך בין נאָך אַזוי יונג!

צוויי שטראָמען טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען. און דורך די טרעהרען, אין דעם דונקעלען געוועב פון דעם פליהענדען ווייסען שניי, האָט ער דערזעהן אַ געזיכט. ער האָט זיך נישט דערשראָקען דערפאַר. עס איז געווען שרה רבקה׳ס פנים.

— מאַמע! — האָט דער יונג אויסגעשריגען, און אויסגעשטרעקט צו איהר די הענד נאָך הילף — נאָר דאָס האָט נאָר געדויערט ווי אַ פליה פון אַ בליץ.

— דו וועסט מיר העלפען! דו וועסט מיר העלפען! — האָט מאָזעס אויסגעשריגען פאַר זיך און געכאַפּט אויף זיך די צוויי פעק, און געלאָזט זיך מיט אַן אונגעצוימטען האַס לויפען, נישט וויסענדיג אַליין וואוהין.

כאָטש די נאַכט איז יעצט געלעגען אַ געפּאַנגענע צווישען די בוימער אין שניי־געוועבעכטס. — דאָך איז מאָזעס געלאָפען מיט פלינקע טריט, אַנהאַקענדיג זיך אין אָבגעהאַקטע צווייגען פון בוימער, ער האָט נישט געקוקט, ער איז געלאָפען פיהלענדיג אינסטינקטיוו דעם וועג — וואָס האָט זיך געשלענגעלט צווישען די בוימער און זייענדיג שוין איינגאַנצען זיכער, אַז ער וועט ערגעץ־וואו דערגעהן.

באַלד איז ער טאַקי שטעהן געבליעבען, זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען גלאַנצען פאַר פרייד, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט.

פון צווישען די בוימער האָט ער קלאָר אַרויסגעזעהען אַ ליכט שיינען. אָבגעלעגט אַ ביסעל פון וועג, בעהאַלטען צווישען שניי און בוימער, איז געשטאַנען אַ הויז, פון וועלכענס פענסטער עס האָט אַרויסגעשיינט אַ ליכט פון אַ לאָמפּ. אָהן דעם אָטעם צו כאַפּען איז ער געלאָפען, צו דער טהיר.

פאַר איהם איז געשטאַנען אַ הויכער, דאַרער פאַרמער מיט אַ רויט פּנים, רויטע האָהר און אַ רויט קורץ בעוואַקסען בערדעל. מאָזעס האָט איהם געזעהן ווי אַן ערשיינונג אין אַ חלום, און איז אָהנמעכטיג געפאַלען אין זיינע שטאַרקע הענד אַריין.

דער פאַרמער האָט אַראָבגענומען פון זיינע פּלייצעס די צוויי פעק. ער האָט מאָזעס'ן אוועקגעזעצט אויף דער ערשטער שטוהל, און האָט אַריינגערופען אין דער צווייטער שטוב אַריין מיט אַ קלאָרער שטימע:

— שאַראַפּ, שאַראַפּ! אַ מענש איז געקומען אין אונזער שטוב אַריין!

נאַך יאָהרען און יאָהרען, ווען מאָזעס איז שוין געווען דער שעף פון דער פירמע „בראָדערס מאָזעס און סאָלאָמאָן זלאָטניק", פלעגט ער אַלץ דערצעהלען פון דעם נס, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט איהם אין יענער נאַכט, ווען די מאַמע האָט איהם געראַטעוועט:

— פון וואַנען האָט זיך דאָרט גענומען אַ געלער פאַרמער? איך האָב דאָך איהם קיינמאָל אויף די אויגען נישט געזעהען...

עלפטער קאַפּיטעל

אין בערמאַנ׳ס קעלער

מיס א. פוירסטער האָט זיך אָנגעהויבען פעראינטערעסירען מיט בוכהאָלצ׳ן. צייט דבורה האָט ביי איהר געבעטען אַן עצה אַרויסצוהעלפען איהר פון איהר לאַגע, איז זי זייער היימיש געוואָרען מיט דער פּאָר.

זי האָט געקלערט, ווי אַזוי בוכהאָלצ׳ן אַרויסצוברענגען אין דער עפענטליכקייט. מיס פוירסטער האָט שוין לענגסט געפּלאַנט אַרויפצוברענגען צו איהם אַמעריקאַנער זשורנאַליסטען, אַז מ׳זאָל שרייבען וועגען איהם און זיין סטודיע אין די צייטונגען. ביז איצט איז עס איהר נישט געלונגען. איינמאָל אָבער האָט זי איינגעלאַדען בוכהאָלצ׳ן אַ שבת אין אָוועגד צו בערמאַנ׳ען אין קעלער אריין, וואו זי האָפט צו בעקאַנען איהם מיט אַן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט פון אַ גרויסער טעגליכער צייטונג, וועלכער קאָן עפּעס טהאָן פאַר איהם.

אַ שבת אין אָוועגד, (ווען דבורה ברענגט אַהיים די שכירות), די געלעגענהייט צו געהן אין בערמאַנ׳ס קעלער איז געווען אַ גלענצענדע, וואָרום פרייער און מאַשקאָוויטש האָבען געהאַלטען, צי די נייע זאַך, וואָס בוכהאָלץ האָט געשאפען, איז יאָ גוט, צי נישט, יאָ פּראָפּאָרציאָנעל, צי נישט, יעדענפאַלס בעדאַרף מען זי בעגיסען. און בוכהאָלץ האָט געהאַט אַזאַ לוסט „אויסצוהוליען״ זיך.

נאָך יעדער אַרבעט האָט זיך געהאַט ביי איהם אָנגעזאַמעלט אַזויפיעל עמאָציע, אַז ער האָט עס בעדאַרפט אויף וואָס אויסצוגיעסען.

בערמאַנס קעלער האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען בעריהמט צו ווערען. איבערהויפּט קינסטלער און שריפטשטעלער פלעגען ליעב האָבען אַהין צו פערבלאָנדזשען, פערברענגען אַן אָווענד און אָנשעפּען זיך מיט אַן אַטמאָספערע... דער קעלער פלעגט נאָך דאַן זיין אַ געוועהנליכער רעסטאָראַן פאַר פּשוט׳ע איסט-סיידער ביזנעסלייט מיט זייערע דיקע פרויען, אָדער פעטע געליעבטע, וועלכע האָבען געוואָלט אָבעסען א פעפערדיגען און געשמאַקען מאכל. די אַטראַקציאָן פון קעלער איז אָבער געווען בערמאַנס שפּיעלען אויף צימבאלען. בערמאַן אַליין, דער אייגענטימער פון רעסטאָראַן, האָט נאָרנישט אויסגעזעהן ווי אַ רעסטאָראַטאָר פון אַזעלכע פעפערדיגע מאכלים, וועלכע מען האָט געקראָגען ביי איהם. ער האָט גיכער אויסגעזעהן ווי אַ קינסטלער, וואָס ער איז עס אין דער אמת׳ן געווען, ווען ער האָט געשפּיעלט זיינע וואלאכישע שטיקלעך אויף די צימבאַלען. אַ יונגער מאַן מיט אַ בלאַס איידעל געזיכט, איז ער מיט זיינע דאַרע, פלינקע פינגער אַרומגעלאָפען ווי אַ ווינד איבער די זייטען פון זיין אינסטרומענט. די בעזוכער פון זיין רעסטאָראַן האָבען זיך ווענינ וואָס צוגעהערט צו די געוויינען און האַרצרייסענדע קרעכצען פון די וואלאכישע מעלאָדיען, וואָס האָבען זיך געריסען פון די זייטען פון אינסטרומענט אונטער די בעמבעלעך. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זינגען און וויינען פאַר זיך אַליין די מעלאַדיען, וואָס בערמאַן האָט אַראָבגע׳כשופט פון די ווייטע רומענישע פעלדער אין דעם פרעמדען, רוישענדיגען און רייך-פערפּאַרעוועטען קעלער... נאָר דורך אַ צופאַל האָט דעם קעלער ענטדעקט אַ אידישער פּאָעט, און ער האָט אַהין אָנגעהויבען אַריינצוברענגען זיינע פריינד. בערמאַן, וואָס האָט געקראָגען פערשטענדליכע אויערען און אָפענע הערצער פאַר זיינע נגונים האָט געפונען אַן אויסלייזער און אַ תקון, און גאָר אַנדערש האָבען זיינע צימבאַלען אָנגעהויבען צו קלינגען.

אין דעם קעלער איז מען אַריינגעקומען שבת אין אָווענד

(שפעט אין אָוונד, ווען מען האָט גערעכנט, אַז די ביזנעס-לייט האָבען שוין אָבגעגעסען און זעזען שוין אַהיים געגאַנגען מיט זיי־ערע ווייבער שלאָפען) אויף פייערען די ענטשטעהונג פון בוכ־האָלצ׳ס „מוטער”. אַ ביסעל געלד איז געווען. דבורה האָט אַהיים געבראַכט די שכירות, און פרייער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אייגענע, און מאָשקאָוויטש ברענגט דעם דירעקטאָר פון די פלע־מישע קונסט־גאַלעריעס, וועלכער קויפט מיט איין קלאַפּ אָב אַלע בוכהאָלצ׳ס ווערק, און ער וועט שוין פאַר אַלץ בעצאָהלען. אין קעלער איז געווען דושנע. עס האָט געשלאָגען אַ פּאַרע פון די פערשיעדענע רומענישע „שאַשליקען”, וואָס האָבען זיך געבראָטען אויף דער קיך, אָנגערויכערט, אַז עס האָט זיך געקורטשעט ווי אַ וואָלקען איבער די קעפּ. די טישלעך זענען נאָך געווען גע־דיכט בעזעצט פון די ביזנעס-לייט, מיט זייערע ווייבער און קעבס־ווייבער. זייער סוקסעס האָט מען אָנגעזעהען און די לאַנגע אַר־בעל פון די זיידענע העמדער, וואָס האָבען זיך געשלעפּט איבער זייערע הענד... זאַט פון פעטע עסענס, שכור׳ליך פון ווייך, סענ־טימענטאַל פון די וואַלאַכישע און אידישע שטיקלעך, (וואָס בער־מאַנ׳ס צימבאַלען האָבען אַרויסגערופען ביי זיי) — האָבען זיי גע־קראָגען צוהיצטע פּנים׳ער, גלאַנצענדיגע אויגען און גוטמוטיג האָבען זיי זיך געטשעפּעט מיט זייערע אויגען און פינגער צו די ווייבער, וואָס זענען געזעסען נעבען זיי. פון דעם וואָלקען רויך האָט זיך געטראָגען בערמאַנ׳ס מוזיק און דאָ און דאָרט האָט אַ ברייטביינעגער בעסאַראַבישער איד צוגעהאָלפען די צימבאַלען מיט אַ קנאַק פון פינגער און אַ יאָכץ אַרויס מיט אַ „טאַראַראַם” און פערביסען מיט אַ מאַנדעל און אַ נוס — אָדער אַ קניפּ אין אַן אַנ־געגעהם אָרט...

בוכהאָלץ מיט זיין געזעלשאַפט, ווען זיי זענען אַריינגעקו־מען אין קעלער אַריין, זענען צוגערופען געוואָרען צו דער גרופּע קינסטלער, שרייבער, פּאָעטען פון דער איסט־סייד, וואָס זענען שוין געזעסען פערקליעבען צוזאַמען אין אַ ווינקעלע ביי אַ טיש. דער אָנפיהרער פון דער גרופּע איז געווען דער אידישער שריפט־שטעלער באָדעל מיט זיין וואונדערבאַר איידעלען קאָפּ געשניצט

ווי אויס העלפענביין. אַ גרויס פייער האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע שוואַרצע, אייביג-בלישטשענדע אויגען. ער איז געווען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען, דאַר, דין און פון אַ בחור׳שער פרישקייט און האַלטונג. זיין דאַרער קערפּער איז געווען אָבגעצעהרט, ווי פּער. ברענט פון אַן אייביקער דורשט, וואָס האָט געפלאַקערט אין איהם — נאָך ליעבע, נאָך ברודערליכקייט, נאָך מענשליכקייט... אַ גוטמוטיגע סימפּאַטיע איז געלעגען אויסגעגאָסען אויף דעם בעגייסטערטען פנים, און פון די אויגען האָט אַרויסגעקוקט אַ גוטסקייט אָהן אַ שיעור און אַ מענשליכע שוואַכקייט פון אַ קינד... ער איז שוין געווען אין זיין בעסטען מוטה, אויף וואָס עס האָבען עדות געזאָגט די לעדיגע פלאַשען, וואָס זענען געשטאַנען אויפ׳ן טיש, און זיינע לעדיגע טאַשען, וועלכע ער האָט אויסגעבייטעלט אויף טרינק-געלד פאַר די קעלנער און מוזיקער. זיין האַרץ האָט בעגעהרט פרויען און ליעבע, און ער האָט שוין לאַנג געמאַכט די ענטדעקונג, וועלכער האָט הויך פּראָקלאַמירט: „אַז אָהן פרויען איז די וועלט לאַנגווייליג — אפילו מיט וויין און פּאָעזיע״, און פאַרלאַנגט דוקא, אַז מען זאָל שוין יעצט דאָ אַ פרוי אַהער ברענגען צום טיש, פון אונטער דער ערד זאָל מען איהם זי שאַפען. עס איז איהם גאַנץ גלייך, וואָס פאַר איינע — נאָר אַ פרוי — און ער האָט אָנגעהויבען צו זידלען די ביזנעס-לייט, וואָס צוליעב זייער געלד האָבען זיי ערפּאָלג ביי פרויען. „די שענסטע פרויען נעהמען זיי דאָך אונז אוועק!״ און געוואָלט צוגעהן צו אַ טישעל כאַטש אָבשלאָגען אַ פרוי מיט געוואַלד. דערזעהן אָבער דבורה׳ן אַריינקומען מיט בוכהאָלצ׳ן, האָט זיי נאָך פון דערווייטענס צוגערופען, און געבעטען, אַז דבורה זאָל זיך אוועקזעצען נעבען איהם. כדי צו בעווייזען די ביזנעס-לייט, אַז די שענסטע פרוי (וואָס ער האָט עס הייליג פערזיכערט דבורה׳ן) געפינט זיך ביי די שרייבערס, נישט ביי זיי...

דאָס געשפּרעך ביים טיש, אַ חוץ איבער פרויען און פּאָעזיע, איז אויך אָנגעגאַנגען איבער „אייביגקייט״, אויף וועלכען מען פלעגט אַרויפקומען, ווען מען האָט אָנגעהויבען צו מעסטען איין שריפטשטעלער מיט דעם אַנדערען מיט׳ן מעסטעל פון „אייביגקייט״,

וואָס פלעגט פּאַרקומען יעדעס מאָהל, ווען מען האָט אַ ביסעל אויסגעטרונקען און מען האָט זיך אַליין אָנגעהויבען צו ריהמען...

דר. גראָסמאַן איז געזעסען האַלב די אויגען פערמאַכט און איינגעהערט זיך שטילשווייגענד צום געשפּרעך, וועלכעס איז געווען גענוג בעלעבט, ווייל יעדער שריפטשטעלער, יעדער דיכטער און יעדער קינסטלער האָט געפּרואווט פערטיידיגען זיין ביסעל אָרים „אייביגקייט". ער האָט זיך איינגעהערט צום געשפּרעך, ווי אַן ערוואַקסענער הערט זיך איין צו קינדער. אויף זיינע דינע ליפּען האָט געשפּיעלט אַ שמייכעלע, ווי אויף די ליפּען פון אַ קאַץ, נאָר, אַז אַלע האָבען שוין אָבגערעדט, האָט ער זיך אָנגערופען מיט אַ פערמאַכטען בליק, וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיינע איינגעקנייטשטע אויגען, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גלאַטען אינגעלשען פּנים זיינעם.

„איהר רעדט פון אייביגקייט. וואָס איז אייביגקייט? ווער האָט עס אויסגעקלערט? „אייביגקייט" איז אין גאַנצען אַ פאַנטאַסטישער בעגריף, וואָס האָט קיין ממשות נישט. מיט אונזער פאָרשטעלונגס-קראַפט קאָן מען זיך באין אופן נישט פאָרשטעלען אייביגקייט. מיר זענען קינדער פון טויט. דער טויט איז אומעטום דאָ, איבעראַל וואו מיר ריהרען זיך צו, אפילו אין אונזער בעגריף פון אייביגקייט. די אונענדליכקייט, וואָס דאָס איז אייגענטליך דער ריכטיגער בעגריף פון אייביגקייט, איז אויסער אונזער גרעניץ — ווארים ווי מיר זאָלען זיך דרעהען, קומען מיר צו איין פּונקט, צו אַן עק. און פערקעהרט, עס איז ווידער דאָ אייביגקייט אין אונזערע מאָמענטען, אין מינוטען פון לעבען, אין קורצע דורכגעהענדע בליץ-שנעלע. עס איז דאָ טויט אין דער אייביגקייט, און אייביגקייט אין טויט".

אַלע זענען שטיל געוואָרען נאָך גראָסמאַנס קלוגע ווערטער. קיינער האָט נישט געוואַגט עפּעס וואָס צו זאָגען. און ער האָט זיך מיט זיין שמייכעל אָרומגעקוקט ווי אַ טריאומפירענדער איבער דער שווייגענדיגער חברה. נאָר נאָדעל האָט געזאָגט:

„נו, האָב איך דאָך ווידער רעכט. איז עס דאָ אין אַ מינוט — וואָס איז דער חילוק! אָבער עס איז דאָ אייביגקייט

אין דער אייביגקייט — אָבער זי איז דאָ אין מאָמענטען, אבי זי איז דאָ". און אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געווען פערגעסען וועגען וואָס ער רעדט, האָט ער זיך פלוצלינג געווענדעט צו דער ערנסט איינהאָרכענדגער זיך דבורה: „הערט זיך צו. ער איז אַ געלעהרטער, אַ דאָקטאָר", האָט ער געוויעזען אויף גראָסמאַנ'ען צו דבורה'ן.

„דאָס איז שוין ווידער עפּעס אַנדערש. דאָס איז גאָר אַ גאַנץ אַנדערער ענין". און דר. גראָסמאַן האָט זיך גענומען אויסטייטשען דעם אַנדערען ענין.

אַ מאָדנער מענש איז דאָס געווען דער דר. גראָסמאַן. מען האָט איהם גערופען „דער מענש מיט'ן צווייטען פּנים". אַזוי ווי זיין מיסיע וואָלט בעשטאַנען צו איבערצייגען, אַז עס איז נישטאָ אויף דער וועלט פּאָזיטיווע, בעשטימטע, פעסטעס, נאָר אַלץ איז רעלאַטיוו, האָט דר. גראָסמאַן געפּרוווט אויפווייזען ביי וואָס עס האָט זיך נישט געהאַנדעלט אין געשפּרעך און אויך אין שריפט די „צווייטע זייט פון דער זאך". ער איז געוואָרען געשיקט אויף דער וועלט אַראָב פון בורא עולם, דעם בעשעפער, אויפצודעקען תמיד „די צווייטע זייט". זיין סכאָלאַסטישער קאָפּ האָט זיך אַזוי אויסגעאַרבייט אין דעם אַרט דענקען, ווי דאָס קונצען-מאַכען פון אַן אַקראָבאַט, וואָס ווערט איינגערבאָכען פון זיין קינדהייט אָן. ביי וואָס מען האָט גערעדט, האָט ער באַלד געגעבען אַ „דענק" און באַלד דערכאַפּט די „צווייטע זייט". דאָס האָט איהם אַנגעמאַכט שונאים, מען האָט געמיינט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענש, אַ „קרומער האָקן". אַ פערביטערטער, וואָס טשעפּעט זיך שטענדיג, און שטענדיג פערדרעהט ער אַלץ „מיט דער פוטער אַראָב".

אין אמת'ען אָבער איז עס געווען אַן איינזאַמער מענש, זעהר אַ גוטער, און מען האָט מיט איהם גערעדט פּריוואַט, אונטער פיער אויגען, איז ער געווען אַ שוואַכער, נאָכגעבענדיגער, געהאַלטען, אַז דער צווייטער האָט רעכט. אין דער עפענטליכקייט אָבער, ביי וואָס פאַר אַ פראַגע עס האָט זיך נישט געמאַכט, האָט ער געהאַט אַזאַ קרענק, אַזוי ווי אַ קללה וואָלט דערויף בעלעגט פון גאָט צו זאָגען שטענדיג קאַפּויר.

נאָר פּאָר נאָדעל׳ן איז דאָס שעהנע געשפּרעך, אויף וועל־כען דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעפיהרט די אויפגערוימטע שריי־בער — געוואָרען צו ערנסט, און נאָדעל האָט עס גענומען קאָמיש אַ ביסעל:

— אויב אַזוי, איז עס ווידער נישטאָ קיין אייביגקייט — וואָס בעדאַרף איך שרייבען ליעדער? וואָס לויהנט עס זיך? ניין, דאָקטאָר, איך וועל מיר נישט לאָזען אוועקנעהמען די „אייביגקייט“. איר זענט טאַקי אַ „דאָקטאָר“ און אַ גאַנץ געבילדעטער מענש, אויך נאָר די „אייביגקייט“ וועל איך מיר פאָרט נישט לאָזען צונעה־מען — האָט זיך געוועהרט געגען איהם נאָדעל.

— עס איז יאָ דאָ אייביגקייט, נאָר נישט אין דער אונענד־ליכקייט, נאָר אין מאָמענט — האָט דער דאָקטאָר ווייטער געשפּו־נען זיין פאָדים — אין יעדען מאָמענט פון אונזער לעבען, אין יע־דען טהאַט, וואָס מיר טהוען — איז דאָ אייביגקייט. די לוסט נאָך דעם טהאַט און די בענקשאַפט נאָכ׳ן טהאַט, דאָס זענען די אייביג־קייטען פון דעם טהאַט, ביי סאָפאָקלעס׳ן איז דאָ אַ זאַטץ — האָט זיך דער דאָקטאָר ווי דערמאָנט אָן עפּעס, וואָס ער האָט דעם גאַנ־צען אָוועגד געהאַט פערגעסען — נאָר דעם זאַטץ ביי סאָפאָקלעס׳ן האָט ער נישט אָנגערופען, וואָרים די קאָלעגען האָבען אָנגעהויבען צו שמייכלען, און נאָדעל האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַל־טען ביים וואָרט סאָפאָקלעס — האָט דער דאָקטאָר געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנד און איז רויט געוואָרען.

— פאַרוואָס זאָגט איהר נישט, וואָס סאָפאָקלעס זאָגט? אדרבא, עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו הערען, וואָס סאָפאָקלעס זאָגט — רופט זיך אָן נאָדעל.

— איהר וועט עס נישט פערשטעהן — זאָגט דער דאָקטאָר מיט אַ יאוש׳דיגען שמייכעל — מען דאַרף האָבען אַ פילאָזאָפישע אויסבילדונג דערצו.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט פערשטעהן? — רופט זיך אָן נאָדעל — למשל, איך גיב אַ שלוק דעם טראָפּען וויין, בעדאַרף איך אים שלוקען מיט אַזאַ פערגעניגען און לוסט, אַז איך זאָל פיה־לען די אייביגקייט אין איהם, נישט וואהר?

— עס איז דאָס, און עס איז נישט דאָס — עס איז אַ גאַנצע קאָנצעפּציע. און עס איז בעגרינדעט אויף דער בערגסאָנישער שיטה פון אינטואיציע.

געהערט אַזעלכע ווערטער, האָבען שוין אַלע געשוויגען. אָבער נאָדעל האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט בערוהיגען:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, און זי — ווייזט ער אויף דבורה׳ן, וואָס זיצט נעבען איהם — איז אויך נישט אייביג? — דאָס וועל איך מיר נישט לאָזען צונעהמען. אַ פרוי איז אייביג. אין אַ פרוי איז דאָ אייביגקייט. די אמת׳ע אייביגקייט איז דאָ אין אַ פרוי. קוקט זי אָן, איהרע האָהר, איהר פנים — איהרע פלאַמענדיגע אויגען — און זאָגט מיר, אפשר איז אין איהר נישטאָ קיין אייביגקייט? אָבער אפשר מיינט איהר, לויט אייער פילאָזאָפישער שיטה, מוז איך פיהלען די אייביגקייט אין דער טהאַט, אין קוש, למשל, האַ? — בוכהאָלץ, לאָזט מיך זי קושען, איך וויל פיהלען די אייביגקייט אין דער טהאַט פון מאָמענט, אָבער בעסער אין דעם „מאָמענטאַלען טהאַט". נישט וואהר, דאָס מיינט איהר, הער דאָקטאָר?

— באַלד געטראָפען, נאָר נישט אינגאַנצען.

אַלע זענען אָנגעשטעקט פון דער פרעהליכער שטימונג, אין וועלכער נאָדעל האָט זיי אַריינגעבּרענגט.

— איך לאָז זי דען אייך נישט קושען? עס בעלאַנגט דען צו מיר? — זאָגט בוכהאָלץ.

— אָ, ניין, ברודערל, איהר מוזט זי הייסען, בעפעהלען, אַז זי זאָל זיך לאָזען קושען, אַז נישט, וועט זי מורא האָבען פאַר אייך, איך קאָן אייך.

דבורה איז רויט געוואָרען און האָט געלאַכט. זי האָט זיך עפּעס מאָדנע געפיהלט, דאָך איז איהר געפעלען די געזעלשאַפט, און נאָדעל׳ס שפּיעלען זיך מיט איהר, און זי האָט מיטגעהאָלפען.

— בוכהאָלץ האָט דאָ גאָרנישט וואָס מיר אַריינצורעדען.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט נאָדעל געפּאַטשט מיט די הענד — פאַר דעם וואָרט מוז איך אייך שוין קושען, אַז עס זאָל

מיך אַפּילו קאָסטען מיין גאַנצע אייביגקייט, — און ער האָט אַרומגעכאַפּט דבורה׳ן און ער האָט זי געקושט, וואָס דבורה האָט זיך גוטמוטיג געלאָזט.

— דאָקטאָר, איהר האָט טאַקי רעכט, — זאָגט נאָדעל נאָכ׳ן קושען — עס איז יאָ דאָ אייביגקייט אין מאָמענט, איך האָב עס אַליין געפיהלט.

— זעהט איהר. און בוכהאָלץ האָט געשאַפען יעצט אַ ווערק, אין וועלכען עס איז יאָ דאָ אייביגקייט, — רופט זיך אָן פּלוצ-לינג מאָשקאָוויטש פון דער הוילער הויט.

— טאַקי אַזוי? — וואונדערט זיך נאָדעל.

— איך זאָל אַזוי לעבען! — בעשטעטיקט מיט אַ שבועה אויף דער „אייביגקייט“ פרייער. — איך האָב עס אַליין געזעהען. עס איז אַן אייביג ווערק — זאָגט פעסט און זיכער פריייער.

— טאַקי אַזוי? — וואונדערט זיך נאָדעל, — בוכהאָלץ, ווי אַזוי מאַכט מען עס? ווי אַזוי כאַפּט מען די „אייביגקייט“, לערנט מיך אויס, איך בעט אייך.

— פון איהר! — ווייזט פרייער אויף דבורה׳ן.

— פון איהר? וואונדערט זיך נאָדעל.

— עס איז דאָס גרעסטע און מאָדערנסטע ווערק, וואָס איז געוואָרען געשאַפען אין דער סקולפּטור נאָך ראָדינ׳ען — פער-געסט זיך פּלוצלינג מאָשקאָוויטש אָן זיין קריטיק — די קאָמפּאָ-זיציע איז ווי אַ ליעד, עס האָט אין זיך שפּורען פון אמת׳ער „אייביגקייט“. איך בין זיכער, אַז דער מעטראָפּאָליטאַן-מוזעאום וועט עס אָבקויפען, און עס וועט זיין אַ שטאָלץ פאַר אידען. דער גרוי-סער אנטיקען-הענדלער דודזאָהן, פון די „פּלעמישע גאַלעריעס“, האַנ-דעלט עס שוין פאַר אַ סך געלד, אַ סך -- ווינקט מאָשקאָוויטש.

— אַז עס איז פון איהר — ווייזט נאָדעל אויף דבורה׳ן — בין איך זיכער, אַז עס איז אַ גרויס ווערק — אַ גרויס ווערק. פאַר דעם מוז איך אייך גאָר אויפסנייי קושען — כאַפּט נאָדעל ווידער אַרויף דבורה׳ן און קושט זי — אידען, וואָס שווייגט איהר? בע-עס דאָך טאַקי בעגיעסען מיט שאַמפּאַניער, אַנדערש

נישט, נאָר מיט שאַמפּאַניער — קעלנער, קעלנער, קומט נאָר אַהער.

— וואָס ווילט איהר, מר. נאָדעל? — פרעגט דער קעלנער.

— ברענגט אַ סיפאָן סאָדע-וואַסער, וועלען מיר מאַכען שאַמפּאַניער. פאַניע בערמאַן, איך בעט אייך, עפּעס אַ שטיקעל פאַר אונז, די קוגים אייערע זענען דאָך שוין אַוועקגעגאַנגען — וויזט ער אויפ'ן לעדיגען קעלער.

עס איז שוין געווען שפּעטליך, און די געוועהנליכע בעלי-הבתים, ביזנעס-לייט, וואָס פלעגען עסען אין קעלער, זענען שוין געהאַט אַוועק. עס זענען איבערגעבליעבען די גרופּע אַרום נאָדעל'ס טיש, און נאָך איינצעלנע פּאָרלעך, ערגיץ-וואו צעוואָרפען אין די ווינקעלעך וואָס זענען געווען, ווי זיי, פון די שפּעטע געסט. דער רויך פון די ציגאַרען און ציגאַרעטען איז נאָך געשטאַנען און האָט זיך געלעגט ווי אַ געדיכטער וואָלקען, וואָס האָט אַלעמען אין זיך אַריינגענומען. אין קעלער איז געוואָרען אַ היימישע שטימונג, און אַ געפיהל פון פרעמד-נאָהנטקייט האָט אַלע געסט אַרומגענומען, וואָס זענען איבערגעבליעבען אין קעלער. אַלע זענען געווען אויפגערוימט, ווער פון וויין, אַנדערע פון מוזיק — און ווי עס טרעפט זיך אין די שפּעטע שטונדען אין אַזעלכע לאָקאַלען, האָבען זיך אַלע געפיהלט פעראייניגט און בעקאַנט און נאָהנט, ווי עס וואָלטען געווען מענשען פון איין משפחה. בערמאַן האָט ליעב געהאַט צו שפּיעלען פאַר אַזאַ שפּעטיגער אוידיענץ, און אין דער היימישער שטימונג פון זיינע געסט האָט ער געפונען דעם ריכטיגען טאָן פון זיינע צימבאַלען. אויף די טישען האָבען זיך בעוויזען נייע פלעשער מיט וויין און די צימבאַלען אונטער בערמאַנ'ס הענד האָבען געגעבען אַ קרעכץ אָב. אַלע זענען מיט אַמאָל שטיל געוואָרען. בערמאַן האָט געשפּיעלט אַ פאָלקס-ליעד, און די מעלאָדיע איז שוין געווען פון די, וואָס מען הערט אונטער יעדען פענסטער. נאָר טאָקי דערפאַר, האָט עס ביי דער יעצטיגער שטימונג אַרויסגערופען אַ טיעפע טרויעריגקייט. עלעגישעס איז געווען אין דעם ליעד, און די זייטען פון די צימבאַלען האָבען געקרעכצט, געוויינט און געבעטען

זיך. נאָר נישט אויף אַן אונגליק, אויף אַ צרה האָבען זיי געוויינט, און געקרעכצט, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וויינען און קרעכצען פאַר וואוילטאָג, פאַר פרייד האָבען זיי געוויינט. זיי האָבען אויסגעשפּיעלט די אונענדליכקייט, די אונבעגרייפליכקייט פון אונזער פרייד, און די טרויעריגקייט און די קורצקייט, וואָס ליגט אין אונזער פרייד, און דעם טויט, וואָס לויערט אויף דער ענדע פון אונזער פרייד.

— טשאָרט פּאָביערי! אייביג, צי נישט אייביג, עס איז גוט צו לעבען אויף דער וועלט... בוכהאָלץ, לאָזט מיך נאָך אַמאָל קושען אייער ווייבעל, איך בעט אייך! — שרייט אויס נאָדעל צו בוכהאָלצ׳ן.

צוועלפטער קאַפּיטעל

מיס פוירסטער

און מיט אַמאָל עפענט זיך די טהיר, און ווער קומט אַריין? מיס פוירסטער מיט אַ הויכען לאָקש אַן אַמעריקאַנער, בויגט זיך איין ווי אַ סוכאָטניצער בוים, וועלכער קאָן נישט אויסהאַלטען דעם שטאַרקען בלאָז פון ווינד, און פונקט ווי אונטערצוהאַלטען די פרעהליכע שטימונג קומען זיי אַריין לוסטיגע מיט געלעכטער, זעהט זיך אויס, אַז זיי זענען שוין פריהער ערגיץ וואו געווען. זיי ווי־לען זיך אַוועקזעצען ביי אַ בעזונדער טישעל, נאָר דערזעהענדיג בוכהאָלצ'ן מיט דבורה'ן אין דער קאָמפּאַניע, פיהרט זי צו דעם אַמעריקאַנער גלייך צום טיש און שטעלט פאָר בוכהאָלצ'ן.

— זעהסט, גריגאָרי, דאָס איז מיין פריינד בוכהאָלץ, דער גרעסטער אַמעריקאַנער סקולפּטאָר, וואָס לעבט היינט אין אַמערי־קע. די איינציגע זאַך, וואָס ער בעדאַרף, איז אַביסעל רעקלאַמע און דאָס ערוואַרטעט ער פון דיר. און די — ווייזט זי אויף דבורה'ן — דאָס איז זיין קליינע „געליבסטע". זי איז רוסיש דורך און דורך, און דאָס זענען אַלע מיינע פריינד. פּאָעטען, שרייבער, דענקער און געלעהרטע. ס'איז דאָ מעהר מח ביי דעם טיש ווי אין גאַנץ אַמעריקע. און זי נעהמט אַרום גריגאָרי'ן מיט אַ פרייקייט, וואָס ערשטוינט אַלעמען — דאָס איז אונזער אַלעמענס פריינד גרי־גאָרי, דער לאַנגער גריגאָרי פון זשורנאַל, איריש דורך און דורך. איהר קאָנט דאָס דערקאָנען אָן זיין גרינעם שניפּס. און מיין נאָ־

מען, מיס פויסטער, אויב איהר ווילט. קאָן מען זיך ביי אייך אָוועק־זעצען? בוכהאָלץ, שטעל אונז פאָר פאַר דיינע פריינד.

בוכהאָלץ האָט פאָרגעשטעלט די קאָמפּאַניע פאַר זיי. פאַר יעדען בעזונדער האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט און אַ קאָמפּלימענט. ביי נאָדעל׳ס נאָמען איז זי געבליבען שטעהן און האָט מיט פער־וואונדערונג אויסגערופען, אויב דאָס איז דער בעריהמטער דיכטער? וואָס זי האָט דורך דעם באַלד געוואונען נאָדעלס סימפּאַטיע און מיט דעם אויך זיין האַרץ. פאַר יעדען איינעם האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, אַז זי האָט שוין לאַנג געהערט פון איהם, און ווי גליקליך זי איז זיך צו בעקאַנען מיט איהם. און דער שטאַרקער האַנד־דריק פון איהר קליינער, גלאַטער האַנד, און דער אויפריכטיג־גוטער שמיי־כעל פון איהרע קליינע ליפּען און שווארצע, גלאַנציגע אויגען האָט זי באַלד היימיש געמאַכט מיט אַלעמען און איינגעהאַלטען די גוטע שטימונג פון פריהער, און זיי האָבען פאַר זיי געמאַכט אַ פּלאַץ צווישען זיך מיט פערגעניגען און פרייד.

די איינציגע צרה איז נאָר געווען מיט דעם ענגליש רעדען. דאָס ענגליש רעדען, וואָס מ׳האָט געדאַרפט האָבען צוליעב דעם „גוי", האָט געשטערט די שטימונג, נאָר מיס פויסטער האָט פאַר דעם אויך געפונען אַן עצה.

— שטערט אייך נישט, רעדט אידיש ווי פריהער. ער פערשטעהט יעדעס וואָרט — ווייזט זי אויפ׳ן אַמעריקאַנער — און דאָס, וואָס ער וועט נישט פערשטעהן, בעדאַרף ער נישט פער־שטעהן. שטערט אייך נישט, קלערט נישט וועגען איהם.

— אין אונזער געזעלשאַפט, אַז מען קומט אַריין, בעדאַרף מען זיך איינקויפען — זאָגט נאָדעל אין גוטען געלעכטער.

מיט וואָס? — פרעגט זי פערוואונדערט.

— מיט אַ קוש אָדער מיט אַ פּלאַש וויין, איינס פון די ביידע, מיט וואָס איהר ווילט.

— איהר קאָנט קריעגען ביידע — לאַכט די מיס פוירסטער.

— ניין, ביידע נישט — בעשטעהט נאָדעל אויף דאָס זייני־גע. — זאָל זיין וויין, טשאַרט פאַבערי, צוויי פלאַשען, ניין, דריי פלאַשען וויין לכבוד די געסט. פּאַני בערמאַן, עפּעס אַ שטיקעל

לכבוד די געסט. עס זענען גרויסע געסט, חשובע אַמעריקאַנער. דער מיסטער דאָ איז אַ בעריהמטער אַמעריקאַנער שרייבער, און די מיסעס איז אַ גרויסע...

— וואָס פאַר אַ גרויסע? — פרעגט ער.

— פריינד — לאַכט דאָס מיידעל.

— ניין, אַ גרויסע שעהנהייט, איך זאָג עס.

עס האָט זיך באַלד בעוויעזען נאָך וויין, און בערמאַנס שפּיעלען האָט נישט נאָר דער מיס, נאָר אפילו דעם שווייגענדען אַמעריקאַנער ארויסגעבראַכט פון דער רוהיגקייט, און ער האָט זיך געהייסען דערלאַנגען קאָניאַק.

מיר ווילען היינט הוליען אַ גאַנצע נאַכט. מיר געהען נישט אהיים שלאָפען. היינט טאָרען מיר נישט אהיים געהן. אזעלכע צוויי שעהנהייטען צווישען אונז (בעמערקט נאָדעל נישט, ווי ער נעהמט פלוצלינג ארוםביידע) — ניין, מיר געהן נישט היינט שלאָפען. מיר וועלען נאָך אוועקגעהן אין גרינוויטש ווילעדזש. דערנאָך ווערען מיר געהן אין סטודיע צו בוכהאָלצ׳ן, יאָ, צו בוכהאָלצ׳ן אין סטודיע ווערען מיר אויך געהן, בעטראַכטען זיין ניי מייסטער-ווערק. איהר ווייסט. אַז ער האָט געשאַפען אַ ניי מייסטער-ווערק פון איהר, זאָגט מען, אַז דאָס איז אַ געניאַל ווערק — ווייזט ער אויף בוכהאָלצ׳ן.

— איך ווייס, אַז ער איז אַ גרויסער קינסטלער — זאָגט מיס פוירסטער.

בוכהאָלץ האָט זיך בעגאָסען מיט רויטקייט פון פערשעהמטקייט.

— נו, וועט איהר מיט אונז ארויפגעהן צו בוכהאָלצ׳ן אין סטודיע?

— אַלעס וואָס איהר ווילט — זאָגט די מיס.

— אָט-אָ-דאָס האָב איך ליעב. דאָס הייסט אַ מיידעל. אַלעס וואָס איהר ווילט. איך האָב אייך ליעב, איך האָב אייך שוין ליעב פאַר דעם וואָרט בלויז אידען, וואָס שוויגט איהר? אזעלכע צוויי שעהנע פרויען צווישען אונז, דאָס זענען דאָך די שענסטע פרויען. זי (ווייזט ער אָן אויף דבורה׳ן) איז ווי אַ קנאָספע, וועלכע הויבט ערשט אָן זיך פונאַנדערצובליהען, און זי (ווייזט ער אויף דער מיס-

פוירסטער) איז א רויז, אַ רויטע רויז, אין איהר פולער בליהונג. זעהט, קוקט אָן איהר רייפקייט. איהר לייב איז דאָך ווי אַ רויז, ווי אַ בליהענדע רויז. אידען, וואָס שווייגט איהר? איך האָב אייך פיינד! זעהט די רויז! זעהט! און די קנאָספּע אויך. וואָס שווייגט איהר, וואָס? אַז דער טייוועל זאָל אייך נעהמען!

— וואָס זאָלען מיר טהאָן? — פרעגט איהם אין ערנסט פרייער.

— היינט איז אַלעס ערלויבט, אַלעס מעג מען, אַלעס אין דער וועלט מעג מען. איהר הערט, אידען, אַלעס! בוכהאָלץ, איהר זאָלט נישט האַלטען פון קיין פּריוואַט־אייגענטום. איך בין אַ סאָ־ציאַליסט. היינט בין איך אַ סאָציאַליסט. איך גלויב נישט אין קיין פּריוואַט־אייגענטום. היינט מעג מען אַלעס, אַלעס! און ער כאַפּט אַרום די מיס פוירסטער און גיט איהר אַ לאַנגען קוש אין איהר שטאַרקען פולען רוקען, און דערביי גיט ער אַ גלעט דבורה'ן אי־בער'ן קאָפּ — אייך אויך, נאָר איהר זענט אַ קנאָספּע, אַ קליינע קנאָספּע.

— אידען, לאָמיר אָבראַטעווען די ווייבער פון זיינע הענד — רופט זיך אָן פרייער — ער פערשעהמט דאָך אונז פאַר מענשענס אויגען. מ'וועט דאָך מיינען, אַז מיר זענען ווילדע מענשען, און פרייער געהט עלעגאַנט צו צו דער מיס פוירסטער און זאָגט מיט אָן ערנסטען טאָן, מעשה דזשענטעלמען, פערבויגענדיג זיך: — א י ך ב י ן נישט פעראַנטוואָרטליך דערפאַר.

נאָדעל בלייבט אין פערלעגענהייט.

— איך האָב אייך בעליידיגט? — פרעגט ער אין אַ קינדישען טאָן מיס פוירסטער.

— ס'מאַכט נישט אויס — שמייכעלט מיס פוירסטער — איך האָב אייך ליעב, נאָדעל, איהר זענט אַ גרויסער דיכטער, איהר מעגט.

— איצט זעה איך, אַז איהר זענט אַ גרויסער מענש, אַ גרויסער מענש — זאָגט נאָדעל געריהרט און קושט איהר די האַנד און בערוהיגט זיך.

צי האָט די פרעהליכע שטימונג, אין וועלכער נאָדעל האָט אַלע־

מען אַריינגעבראַכט, אויך געווירקט אויף בוכהאָלצ׳ן? בוכהאָלץ איז טרויעריג און ערנסט געוואָרען. צייט די לעצטע האַלבע שעה, איז עפּעס אין איהם פאָרגעקומען. ער האָט געקוקט אויף מיס פויר-סטער און האָט זי געגעסען מיט זיינע אויגען. ער האָט זי דאָך שוין איינינע מאָהל געזעהן און געקאַנט, נאָר קיינמאָל האָט ער זי נישט געזעהן אין אַזאַ ליכט און נישט געהאַט אַזעלכע געדאַנקען וועגען איהר... טיילמאָל ווירקט אַ צופעליג וואָרט פון אַ דריטער פערזאָן אַזוי אויף אַ מענשען, אַז עס עפענט אויף די אויגען און מען הויבט אָן צו זעהן זאַכען אין גאָר אַ גאַנץ אַנדער ליכט... דאָס וואָרט פון נאָדעל׳ן, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלען, „אַז די מיס פוירסטער זעהט אויס ווי אַ רויטע רויז אין איהר פולער בליי-הונג, און דבורה׳ן ווי אַ קנאָספּע", האָט בוכהאָלצ׳ן אַ שטויס געגעבען, אַז ער זאָל בעסער זעהן. און ווירקליך האָט די מיס פוירסטער אויסגעזעהן דעם אָוענד ווי אַ רויז, ווי אַ רויטע בליהענדיגע רויז, איהר ראָזעווע רויט-ריהרעוודיג לייב האָט אַרויסגעקוועלט פון איהר טיעפען דעקאָלטע אויפ׳ן רויטען ווייַנטרויב-קלייד. דאָס קלייד איז געווען אויס אַזאַ דינעם און לייכטען שטאָף און האָט זיך מיט זיי-נע פאַלדען אַזוי געלעגט איבער איהר שטאַרקען ריהרעוודיגען קער-פער, אַז מען האָט געקאָנט דורכפיהלען און דורכזעהן נישט נאָר די ליניען און די עלאַסטישע בעוועגונגען פון איהר לייב, נאָר אַלע חן-גריבעלעך און די נאַקעטקייט פון איהר לייכטען שוועבענ-דען קערפער. עס איז געווען נישט ווי אַ קלייד, נאָר ווי זי וואָלט געטראָגען אַ דורכזיכטיגע טוליענע שלאָף-העמד... דער רייכער שוואַרץ-בעוואַקסענער קאָפּ האָהר איז געלעגען גלאַטיג-שייטעל-שרייד איבער איהר קאָפּ, פערדעקענדיג איהרע אויערען. אָבער אַזוי לייכט האָבען זיך געהאַלטען איהרע דיקע קוילעטש-צעפּ, אַז עס האָט זיך געדאַכט אַז אָט, אָט צופאַלען זיי זיך און צופלאָשען זיך און צו-גיסען זיך איבער איהר נאַקעטען האַלז און נאַקען, איהרע אויגען, קליינע, שמאָלינקע ראָזינקע-אויגען, געשניטען יאַפּאַנעזיש, און דאָס מויל און גאָמבע פון אַזאַ חנ׳דיגער צערטליכקייט, אַז זיי האָבען פעריונגערט די קנייטשען פון איהר גרויסען שטערען און צוגעגעבען דעם טיעפען קנייטש, וואָס די פערגאַנגענע יאָהרען אָדער צרות

האָבען אָנגעטהאָן אויף איהר האַלז, מעהר חן און ווייבּליכקייט. אַלעס איז אין דער פרוי געווען רייף. נישט נאָר איהר פולער דיקליכער קערפּער, נאָר מען האָט אָנגעזעהן דורך איהרע קלוגע אויגען, אַז איהר נשמה איז רייף, און די רייפליכקייט האָט צוגע-געבען אַ בעזונדער תאוה׳שען רייץ צו דעם דיקליכען, אָבער ליכ-טיגען און שוועבענדען קערפּער. אַזוי, אַז נישט ווילענדיג האָט בוכהאָלץ אין זיין געדאַנק אָנגעהויבען צו פערגלייכען די נעבען איהם זיצענדע שטילע און טרויעריגע דבורה צו דער מיס פוירסטער. און דבורה האָט מיט איהר געלאָקטען קאָפּ האָהר און דינעם צאַרטען האַלז אויסגעזעהן געגען דער מיס פוירסטער ווי אַ קינד געגען אַ פרוי...

פון איין זייט איז געזעסען אַ קינד, אַ קינד אַ פרוי, וואָס איז איהם געווען בעקאַנט, נאָהנט, היימיש, טיעף ליעב און אייגען, אָבער אַזוי אייגען — ווי אַן אייגענע משפחה, ווי אַ שוועס-טער, ווי אַ מוטער, אָהן וועלכער ער קען זיך שוין נישט פאָר-שטעלען זיין לעבען. און פון דער צווייטער זייט איז געזעסען אַן אונדערגרייכבאַרע רייפע פרוי, וועלכע האָט געררייצט מיט דער רייפקייט פון איהר קערפּער און מיט דער רייפקייט פון איהר נשמה... וועלכע האָט מיט איהר גאַנצער ערדישער ממשות׳דיגקייט, וואָס האָט געזונגען פון איהר רויז-קאָלירטעס לייב, געהאַט אין זיך אַ שוועבענדע לייכטיגקייט, וואָס פערטראָגט אין אונבעקאַנטע וועלטען, אין פער׳כשופ׳טע וועלטען פון איהר רייפער און פיעל ערפאַהרענדער נשמה...

ער האָט זיך נישט געשעהמט צו קלערען וועגען דעם און נישט געפיהלט קיין אונגערעכטיגקייט אין זיינע געדאַנקען. פער-קעהרט, איהם האָט זיך געדוכט, אַז דבורה איז שוין זיינס, אַזוי אייגענס, אַז ער קלערט דאָס נישט אַליין, נאָר דאָס קלערט ער צוזאַמען מיט דבורה׳ן. ער האָט זיך שוין נישט געזעהן אַליין. ער האָט זיך שטענדיג שוין געזעהן מיט דבורה׳ן צוזאַמען, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען איין פּערזאָן — איין וועזען, און ער מיט דבורה׳ן קלערען דאָס צוזאַמען די דאָזיקע שעהנע געדאַנקען, וועלכע עס גלוסט זיך אַזוי צו דענקען, און עס איז אַזוי גוט צו קלערען

און אַרײַנלאָזען זיך אין פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונגען וועגען דעם רייפען רויז-קאָליערטען קערפער און וועגען די שעהנע קלוגע אויגען, און וועגען דעם שעהנעם וועזען, וואָס זיצט פאַר איהם...

ער האָט שוין בעמערקט יעדע איהרע בעוועגונג, און זי אויפגעגעסען מיט די אויגען. ער האָט נישט מקנא געווען און איז נישט בייז געווען אויף נאָדעל'ן, וואָס ער האָט זי געקושט. נאָדעל'ן האָט מען נישט מקנא געווען, און אויף נאָדעל'ן איז מען נישט בייז געווען. נאָדעל האָט געמעגט. ער האָט נאָר גרויס חשק געהאט צו זיצען אַזוי נאָהנט נעבען איהר, ווי נאָדעל זיצט. ער וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט דעם דופטיגען הויך איהרען, וואָס מוז געהן פון איהר מויל, פון איהר בליהענדען לייב און אויפגעעפענט דאָס מויל ברייט צו טרינקען איהר אָטהעם...

פאַר פערציקונג האָט ער קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדען. ער איז נאָר געזעסען אין דער שטיל און געקוקט אויף איהרע נאַקעטע פולע הענד. זיי זענען אַזוי פול, טראַכט ער זיך, און דאָך אַזוי לייכט, ווי זי וואָלט געשוועבט מיט זיי. און איהרע פינגער אַזוי איידעל, אַזוי דין און איידעל, ווי עס וואָלט זיי ווער אויסגענאָגט, אַז זיי זאָלען אַזוי דין זיין. און האָט זי זיך אויפגעהויבען, האָט ער בעטראַכט איהרע פיס, ווי זי שטעלט געשיקט די פיס, ווי זי שוועבט אין איהר גאַנג, אַזעלכע קליינע פיסלעך, אַזאַ געזונטער און בליהענדער קערפער האָט אַזעלכע קליינע קינדערשע פיסלעך, כינעזישע פיסלעך. איך קאָן דאָך זי. איך קאָן דאָך זי אַזוי לאַנג, האָט ער זיך געטראַכט, און פאַרוואָס האָב איך זי נישט געזעהן ביז איצט? ביז איצט, יעדעס מאָל ווען ער האָט זי געזעהן, האָט זי קיין בעזונדערען איינדרוק אויף איהם נישט געמאַכט. פערקעהרט, עפּעס פרעמדעס, עפּעס נישט צוגענגליכעס האָט איהם פון דערווייטענס געהאַלטען פון איהר. און דאַן איהר געזיכט, די קנייטשען אַרום די אויגען און דער טיעפער קנייטש אין איהר האַלז האָבען עדות געזאָגט אויף יאָהרען, אויף איבערלעבענישען — אַן עלטער מיידעל האָט ער זי געזעהן. און איצט

האָט אַלעס דאָס. וואָס האָט זיך ביי איהם ביז איצט אויסגעוויזען פאַר נישט שעהן, האָט איהם דוקה איצט גערייצט. דער קנייטש אין איהר האַלז איז געוואָרען ווי אַ ווייבּליכע ציהרונג — וויפיעל צערטליכע ווייבּליכקייט ליעגט אין דעם ווייסען פולען האַלז — האָט ער זיך געטראַכט. וויפיעל ליידען ליעגט אין דעם טיעפען קנייטש אין איהר האַלז, ווי עס וואָלט איהר ווער שוין געהאַט דעם האַלז צוגעצויגען מיט אַ זיידען שטריקעל. דאָס פרעמדקייט און דאָס נישט צוגענגליכקייט, וואָס האָט אים שטענדיג געהאַלטען פון דער-ווייטענס פון איהר — האָט איהם איצט דוקא צוגעצויגען. זי איז צוגעלאָזען און דאָך פון דערווייטענס, דוכט זיך זי לאַכט, זי פרעהט זיך, זי לאָזט זיך קושען פון באָדעל'ן און זי האַלט זיי אַלעמען מיילען ווייט פון זיך. אפילו איצט איז דאָ אַ גרעניץ, אַ נישט גע-זעהענע גרעניץ צווישען איהר און אַלעמען אַרום טיש. דאָס איז פרויען-שטאָלץ, פרויען-ווירדע, און נישט ווילענדיק האָט ער גע-האַלטען אין מאַכען אין זיין געדאַנק פערגלייכונגען צווישען איהר און דבורה'ן — און זיך געטראַכט: אונזערס אַ מיידעל וועט זיך נישט וויסען ווי אַזוי צו האַלטען...

ער האָט זיך פערשעהמט פאַר'ן געדאַנק. אַ רחמנות האָט איהם אַרומגענומען אויף דבורה'ן, און ער האָט זיך בעמיהט אויס-צוגעפונען דעם בעזונדערען חן פון דבורה'ן. אונבעוואוסט איז ער צוגעגאַנגען און געגלעט דבורה'ן איבער'ן קאָפּ. אָבער זיינע אויגען האָבען זיך איינגעגעסען אין די קנייטשען פון מיס פוירסטער'ס פנים, און דוקא אין דעם קנייטש פון איהר האַלז. עס איז געווען, ווי דער קנייטש וואָלט געוואָרפען אויף איהר פנים עפּעס אַ בעזונ-דערע ליכט, אַ ליכט פון גייסטליכקייט, פון אויסגעלייטערטקייט, פון קלוגשאַפט, נאָך וועלכען בוכהאָלץ האָט געגלוסט און רעספּעקט געהאַט.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל

אַ נאַכט אין „גריניטש ווילעדזש“

אַז מען איז אַוועק פון קעלער אין ווילעדזש אַריין צו מאַדאַם סאַלייקאַ, איז די משפּחה קלענער געוואָרען. די איבעריגע זענען אַוועק אַהיים. איבערגעבליעבען איז, זעלבסטפערשטענדליך, נאָדעל, וועלכער האָט די קאָמפּאַניע געפיהרט און געשראָקען: „ווער עס וועט היינט אַהיים געהן שלאָפען, דער איז זיין שונא, און מיט דעם איז ער צוקריעגט אויף מעסער-שטעך“. ער האָט געכאַפּט די צוויי פרויען, די מיס פּוירסטער מיט דבורה׳ן, אונטער׳ן אָרעם. אַריינגעשפרונגען אין אַן אויטאָמאָביל און ענטלאָפען. די איבעריגע זענען איהם נאָכגעפאָהרען. מאָשקאָוויטש, וועלכער איז געווען אייגענטליך דער אָנפיהרער און אויף זיין רעקאָמענדאַציע איז מען דאָס אַוועק צו סאַלייקאַ, ווייל מאַדאַם סאַלייקאַ איז געוועזן זיין לאַנדספרוי; פרייער, וועלכער האָט געזאָגט, אַז „ער מוז היטען נאָדעל׳ן, אַז עס זאָל היינט נישט אַרויסקומען קיין סקאַנדאַל און עס זאָל נישט זיין קיין חרפּה פאַר די אַמעריקאַנער“, בוכהאָלץ און דער הויכער שווייגענדיגער אַמעריקאַנער, וועלכער האָט גוט-שמייכלענדיג בעשטאַנען אויף אַלעם, ער איז געגאַנגען, וואו מען האָט איהם געפיהרט.

עס איז שוין געווען פּסח-צייט. אַ מילדער פרילינגס-ווינד האָט געבלאָזען, וואָס האָט נאָך דער פערשטיקטער לופט אין קעלער, געווירקט פריש און ערקוויקענד. אַלע האָבען פריי אָבגעאָטעמט און איינגעזאַפּט אין זיך דעם פרישען שמעקעדיגען ריח, וועלכער

האָט פערשכורט. דער ווינד האָט ניכטערער געמאַכט די מחות און און אויפגעגעוועקט דעם מאַרך אין די ביינער, און מען האָט זיך געפיהלט אַזוי לייכט און גוט, נאָר צו שוועבען. ביי מאַדאַם סאַלייקא אין ווילעדוש האָט מען ערשט געפונען די ריכטיגע שטימונג. קודם כּל איז אין דער גרויסער שטוב, וואָס איז געווען בעהאָנגען מיט פערשיעדענע אָריענטאַלישע הענגערס און בעמאָלט מיט פאַנטאַסטישע בילדער, געווען טונקעל, קיין עלעקטרישע לאָמפען זענען נישט געווען, עס האָבען נאָר געברענט איינצעלנע ליכט. צוואָרפען איבער דער גרויסער שטוב, שטעהענדיג אין מאָדנע, הויכע אייזערנע לייכטער, אין דעם גרויסען פייער-אויווען האָבען זיך געגרויכערט איינצעלנע שטיקלעך האָלץ, וועלכעס האָט אָנגעמאַכט אַ טשאַד און געדושעט דעם האַלז. ביים אויווען זענען געזעסען אַ פּאָר פּאָרלעך, הויכע, בלאַסע, און גערויכערט מאָדנע סיגאַרעטלעך און געטרונקען שווארצע קאווע. אין די ווינקעלעך — אַנדערע פּאָרלייך, וואָס מען האָט נישט אָנגעזעהן, ווייל זיי האָבען זיך געדריקט און פערהוילען זיך אין די שאָטעגס פון די װענד. עס איז שאַ שטיל געווען, נאָר פון ערגעץ-וואו האָט אַ גיטאַרע געגרימפּעלט אַ רוסיש פאָלקס-ליעד.

מאַדאַם סאַלייקא, אַ ברונעטע שעהנהייט מיט שטאַרקע סעמיטישע ריסען, האָט אויסגעזעהן און אָנגעטהאָן זיך ווי אַ ציגיינערין, אין געבלימעלטע ספּאַדניצעס, אַ טיכעל איבער'ן שווארצען קאָפּ האָהר, אין לאַנגע הענגענדיגע אויערינגלעך, אין פיעל קאָליערטע, מיט מטבעות בעהאָנגענע קרעלען. זי האָט זיך מיט אַ טאַליע פערפלעקטע קאָרטען אַרומגעדרעהט איבער דער שטוב. זי האָט די געסט אויפגענומען מיט אַ ברייטהערציגקייט, און זיי אָנגעוויזען, אַ פּלאַץ אויבען-אָן ביים אויווען. מיט מאַשקאָוויטש'ן, אַלס לאַנדסמאַן און גוטען פריינד, האָט זי זיך צוקושט און געוועקסעלט מיט איהם ווערטער אין אַן אונפערשטענדליכער שפּראַך, וועלכע האָט געקלונגען ציגיינעריש-רומעניש, אָדער גאָט ווייסט וואָס. מאַדאַם סאַלייקא וואָס איז געווען מאַשקאָוויטש'ס אַ לאַנדס-פרוי און, ווי עס האָט עדות געזאָגט איהר פּנים, אויך די זעלבע רעליגיע, וואָס ער, האָט פערזיכערט אַלע איהרע געסט, אַז זי שטאַמט פון ציגיי-

נער און זי האָט אין איהרע אָדערען עכט-ציגיינעריש בלוט. איהר מוטער, האָט זי געזאָגט, איז פערפיהרט געוואָרען דורך אַ ציגיינער אין דער נאַכט פון איהר חתונה, און פון דער ציגיינערישער אוואַנטורע האָט זי דאָס געזאָלט געבוירען ווערען. און ווי דאָס וואָלט געווען גאָר אַ בעזונדערע מעלה, האָט זי זיך געגרויסט דערמיט, געוואָלט דורך דעם איבערצייגען איהרע געסט, אַז נאָר ביי איהר אַליין פון אַלע אַנדערע פלעצער אין ווילעדזש קאָן מען בעקומען אַן אמת ציגיינערישע אַטמאָספערע.

נאָר נאָדעל האָט פערלאַנגט, אַז ציגייניש זאָל זיין אמת ציגייניש. און ער האָט זיך נישט בענוגענט געלאָזט מיט בלויזע ווערטער, און פערלאַנגט בעווייזען, אַז זי איז אַן אמת׳ע ציגיינערין. „מען זעהט דאָך גאָרנישט אָן, אַז איהר זענט אַ ציגיינערקע“. און ער האָט דוקא זיך געוואָלט איבערצייגען. אָבער איר הויט איז אויך ציגיינעריש... „דאַן זעהט דאָך אויס ביי אייך, ווי אין אַן אַנגלאָ-זאַקסישער קירכע, נישט קיין ציגיינער-קנייפע“. און געמאַכט, אַז די גיטאַרע זאָל שפּיעלען אַן אמת שטיקעל, „דאָס שטיקעל, מיט וועלכען דער ציגיינער האָט פערפיהרט אייער מוטער,“ האָט ער פערלאַנגט דורכאויס — און האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט איהר טאַנצען אַ ציגיינערישען טאַנץ. נאָכ׳ן טאַנצען איז די שטימונג אין דעם אין שאָטען און רויך בעוועבטען צימער, בעהאָנגען מיט טיכער און בעפלעקט מיט פאַרבען, געוואָרען אַזאַ וואַרימע, אַזאַ אייגענע אַז מענשען, וואָס האָבען זיך צום ערשטען מאָל געזעהן, זענען נאָהנט געוואָרען אייגער מיט׳ן אַנדערען. אַלעס איז געוואָרען אינטימליך פערבונדען ווי נאָדעל׳ס ווערטער, וואָס ער האָט פראָקלאַמירט הויך, אַז „היינט זענען אַלע באַנדען געוואָרען אויפגעלאָזען און אַלעס מעג מען“... וואָלטען ווירקליך געוואָרען אַ געזעץ...

און דאָס איז אַלץ געווען צו פערדאַנקען נאָדעל׳ן. פון זיין וועזען האָט אַרויסגעשטראַהלט אַזאַ מענשליכע גוטסקייט, אַז ער האָט מיט אַ וואָרט, מיט אַ נאַאיוו וואָרט, מיט אַ שמייכעל, מיט אַ גלעט געקענט פערבונדען מענש מיט מענש פון צוויי בעזונדערע וועלטען. ער האָט מיט זיין פערזאָן אַלע צוזאַמען אָנגעקניפּט. דאָס

פייער, וואָס האָט געגליהט פון זיין נשמה, האָט צושמאָלצען די קאַלטע פרעמדקייט, וואָס האָט געיאָגט פון איין מענש צום אַנ־דערען און דערביי האָט מען איהם נישט ריכטיג פערשטאַנען. קוים איינינע האָבען פערשטאַנען זיין אידיש. נאָר עס זענען נישט גע־ווען די ווערטער, עס איז געווען דער גלאַנץ אין זיינע אויגען, דאָס הייליגע פייער פון ליעבע און ברודערליכקייט, וואָס האָט גע־ברענט אין איהם, וואָס האָט אַלעמען אונטערגעצונדען.

— היינט מעג מען אַלעס. אַלעס מעג מען... — האָט ער פראָקלאמירט. — פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס נישט? ווער קאָן אונז פערווערהרען? מיר דאָך נאָר אַליין... לאָזען מיר זיך נישט פער־וועהרען. לאָזען מיר זיין פריי. איינמאָל זיין פריי — נאָר נישט מעהר ווי מענשען... לאָזען מיר זיך ליעבען. — אַלע צוזאַמען זיך ליעבען! — האָט ער געשריגען. — פאַרוואָס נישט? ווער קאָן אונז פערוועהרען?

און ער האָט גלייך מאַניפעסטירט זיין ברודערליכע ליעבע. ער האָט זיך מיט אַלעמען געקושט, נאָר מעהרסטען מיט די פרוי־ען... ער האָט אַלע פרויען געקושט, אויך די, וועלכע ער האָט צום ערשטען מאָהל געזעהן. און עפּעס אויף איהם האָט מען זיך נישט געבייזערט. מען האָט איהם נישט בעליידיגט. ער האָט עס געמאַכט אַזוי נאַאיוו, אונשולדיג, אויפריכטיג, מיט אַזאַ פרייד און גוטסקייט, אַז די פרויען האָבען גוטוויליג געלאָזט זיך פון איהם קושען, און די מענער האָבען צוגעקוקט און געשמייכעלט.

אויף בוכהאָלצ'ן האָט נאָדעל געווירקט ווי ווייִן דורך נאָ־דעל'ן איז ער נאָהנט געוואָרען צו מיס פּוירסטער, דורך נאָדעל'ן איז איהם עפּעס ערלויבט געווען צו ליעבען זי און איבערגעבען זיך אינגאַנצען אין זיינע געדאַנקען צו איהר...

ער איז געשטאַנען פון דערווייטענס און האָט זי בעטראַכט מיט ברענענדע אויגען. אין דעם שיין פון ברענענדען האָלץ האָט איהר פּראָפיל, האַלב אין שאָטען, האַלב בעלויכטען, פערראַטען אַן איידעלע טרויעריגקייט, וועלכע האָט צוגאַנגען געמאַכט בוכהאָלצ'ס האַרץ. ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַזוי פיעל בעקענדע צערטליכקייט, אַז טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין זיינע אוי־

גען. ער האָט געוואָלט צוגעהן און זיך געפינען נעבען איהר, הערען איהר אָטהעם און פיהלען איהר געשמאַק, אָבער ער האָט נישט געוואַגט. זי איז געזעסען מיט דבורה'ן ביים ברענענדען אויווען און עפּעס גערעדט מיט איהר פערטרוילּיך. עס האָט איהם געצויגען דאָרט אהין. ענדליך האָט ער זיך געוואַגט און צוגעגאַנגען מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ און ציטערענדיגע פינגער... ער האָט דערפיהלט דעם געשמאַק פון נעלקען, וועלכער האָט געשלאָגען פון איהר אָפענעם בוזעם.

— וועגען וואָס רעדט איהר? — האָט ער נאַריש געשמייכעלט, נאָר כּדי עפּעס צו זאָגען.

— נישט הערען. דו טאָרסט נישט הערען! טאָר ער הערען? — האָט מיס פוירסטער געזאָגט אין איהר כאַראַקטעריסטישען אידיש.

— ניין, — האָט דבורה געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שמייכלענדיג צו איהם. — זעהסט שוין, נישט פאַר דיר. געה דיר צו דיינע מאַנספערשוינען. דאָ זיצען פרויען.

בוכהאָלץ איז געשטאַנען ווי אַן אָבגעשמיסענער און נישט געקאָנט אַוועקגעהן פון אָרט.

— איך האָב אייך געוואָלט ווייזען מיין נייע אַרבּייט. איך בעט אייך, קומט אַרויף, — האָט ער געזאָגט, און זיין גאַנץ פּנים, זיינע אויגען און זיין מויל האָבען אויסגעדריקט בּקשה.

— מיט גרויס פערגעניגען, ווען ווילסטו ווייזען?

— נאָך היינט, באַלד יעצט, אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט עס אָנהויבען צו גרויען. אַ גוטע ליכט וועט זיין.

— אודאי, וועלען מיר אַרויפגעהן צו דיר. גריגאָרי! — קום אַהער, גריגאָרי, — האָט זי גערופען צו דעם אַמעריקאַנער, וועלכער איז געזעסען אין אַ ווינקעל שווייגענד און צוגעקוקט ווי נאַדעל קושט זיך מיט די פרויען, — איך פערלאָז דיך היינט אַ גאַנצען אָוענד, דו האָסט מיך אַרויסגענומען אויף אַ „ביים מאַים" און איך פערנאַכלעסיג דיך. אַ שעהנעם שידוך האָסטו דיר אויסגעזוכט. דאָס מאַכט אַלץ די ראַסע. דאָס איז אַלץ שולדיג דאָס אַלטע לאַנד. אַז איך קום זיך צוזאַמען מיט זיי, בעדאַרף איך

נישט אייערע. מיט זיי איז ווארעם, גוט. און מיט אייך איז קאַלט און פרעמד, אנגלאָ־זאַקסיש, פערשטעהסט. דאָ איז אייגענטליך, וואו איך בעלאַנג, מיט זיי, מיט נאָדעל'ן. קוק איהם אָן: איז ער נישט אַ וואונדער?

— עס איז אַלרייט, איזאַבעל! — זאָגט דער אַמעריקאַנער, און גיט איהר אַ שטאַרקען דריק ביי דער האַנד, אויף וועלכען בוכהאַלץ האָט איהם שטאַרק בענײדעט.

— וועסט מיטגעהן מיט מיר צו זיין סטודיע. איך וויל, דו זאָלסט זעהן זיין אַרבייט, ער איז אַ גרויסער קינסטלער, און איך וויל, אַז דו זאָלסט איהם העלפען. דו הערסט?

— שור, ווי דו וועסט וועלען.

— אָ, טהייערער אַלטער גריגאָרי. זעהסט אויס נעבעך ווי אַ ציעג, וואָס איז אַריינגעפאַלען צווישען וועלף. ווי ווײלסטו זיך?

— איך האָב די שענסטע צייט פון מיין לעבען, איזאַבעל! — האָט זי דער אַמעריקאַנער פערזיכערט, וואָס פון זיין פּנים און האַלטען זיך האָט מען עס נישט געקאָנט אָנזעהן.

— אויב אַזוי, געה דיר אין דיין ווינקעל אַריין און רויכער דיר דיין פּייף, נאָדעל וועט שוין פאַר אונז פרעהליך מאַכען. איך האָב נאָך וואָס צו רעדען מיט דעם קליינעם מזיק, ווייזט זי אויף דבורה'ן — און ווען עס וועט זיין צייט, וועל איך דיך רופען.

און זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט מיט דבורה'ן רע־דען פערטרויליך.

נאָדעל האָט טאַקי דערוייל אָנגעקעהרט וועלטען. ער האָט שוין אַליין אַלע מיידלעך געקושט, דערנאָך האָט ער געמאַכט, אַז אַנדערע זאָלען זיי קושען. צומישט די פּאָרלעך אַזוי, אַז זיי האָ־בען זיך פערפּלאָנטערט. מען האָט נישט געוואוסט מעהר, ווער בע־לאַנגט צו וועמען... נאָדעל האָט געהאַלטען אין איין שרייען אויף די מענער, צי אויף די געליעבטעס, אַז זיי זענען „עגאָאיס־טען". אַז זיי האַלטען פון „פּריוואַט־אייגענטום". און לאָזען נישט האָבען זייערע מיידלעך קיין „פרעהליכע צייט". אפשר וויל זי זיך קושען מיט אַן אַנדערען בחור? פאַרוואָס וועהרסטו איהר? זיי

אַ גוטער, לאָז זי זיך קושען מיט דעם, וואָס איהר האַרץ גלוסט...
און אַזוי אַרום אָנגעמאַכט טראַגעדיעס אָהנע צו וויסען און צו וועלען. יעצט האָט ער אַלעמען אַריינגעצויגען אין טאַנץ. ער איז געווען צווישען די אנגלאָ־זאַקסען ווי קוועק־זילבער. ער האָט געקאָכט ווי אַ ווירבעל. ער האָט אַלעס אַזוי ווייט געבראַכט, אַז אפילו דער קאַלטער אַמעריקאַנער גריגאַרי האָט געמוזט טאַנצען מיט דער מאַדאַם סאלייקא אַ „ווילדען“ ציגיינערישען טאַנץ...

אָבער בוכהאָלץ האָט געפיבערט וואָס שנעלער די גאַנצע קאָמפּאַניע צו ברענגען צו זיך אין סטודיע. נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען האָט ער גישט געגלוסט, גע׳חלש׳ט זיין אַרבייט צו באַווייזען פאַר וועמען, ווי יעצט פאַר מיס פוירסטער. ער האָט געהאַלט אין איהרע אויגען חן געפינען. ער האָט געוואָלט זיך גרויסען מיט עפּעס, אויסנעהמען מיט דעם גרעסטען, וואָס ער האָט פערמאָגט — מיט זיין קונסט. דוכט זיך, אַז ער וואָלט געקענט, וואָלט ער בעשאַפען אין איין אויגענבליק עפּעס אַזוינס, אַז עס זאָל איהר געפעלען, אַז ער זאָל זי בעגייסטערען. און אַזוי ווי עס האָט שוין אָנגעהויבען טאָקי צו גרויען, האָט ער די גאַנצע געזעלשאַפט געשלעפּט אין זיין סטודיע, און עס איז שוין צייט געווען אויך. וואָרום אפילו פון דער ציגיינערישער קנייפּע האָט מען זיי שוין אַרויסגעוואָרפען.

בוכהאָלץ איז פאָראויס אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּען אונגעדולדיג אין זיין סטודיע. ער וואָלט אָוועקגעגעבען זיין גליק פון צוקונפטיגען לעבען פאַר דעם מאָמענט בלויז — אַז ער זאָל אויסנעהמען יעצט אין מיס פוירסטערס אויגען. ער האָט אָבגעהילט די שמאָכטעס פון זיין פענסטער. דורכ׳ן פענסטער האָט אָנגעהויבען אַריינצוגרויען אַ מאָדנע אויסטערליש ליכט — אויסגעמישט פון טאָג און נאַכט. ער האָט אָוועקגעשטעלט זיינע פיגורען. איינעם נאָכ׳ן אַנדערען. „שמשון“, „אדם“ — און פון פראָנט זיין נייע אַרבייט די „מוטער“. אין דעם גרויען ליכט פון פאַרטאָג האָבען די פיגורען אָנגענומען אַ פאַנטאַסטישע ערשיינונג. עס זענען פערמישט געוואָרען די קאָנטורען. אין דער משא פון גרויע שאָטענס, מיט וועלכע די אַטמאָספערע פון דער סטודיע איז יעצט פול גע־

װען, — האָט זיך געדוכט, אַז די פיגורען שװימען, אַז זײ הױבען זיך אױף װי ספינקסען פון געבעלדיגע װאָלקענס אַרױס. דער „שמשון" איז געשטאַנען מיט זײן מעכטיגער קראַפט, לאַכענדיג און שפּיעלענדיג זיך װי אַ קינד — דער מיסטישער „אדם" מיט די זעקס פּאָר הענד אין דער הױך, „די מוטער" מיט איהרע אָרי־גינעלע פיס און פרײען, אַרױספאָדערענדיגען בליק פון איהרע אױגען, װי אַ העלדין, װאָס שטעהט װעמען צו בעשיצען — האָבען אױסגעזעהן װי געטער, װי אַלטע געטער, צו װעלכע מענשען האָבען געדיענט.

עס האָט געשלאָגען אין די אױגען די דרײסטליכקײט, די פּעסטקײט, די אָהן ספקות, און די פּרימיטיװע קראַפט פון דעם קינסטלער, װאָס האָט געשאַפען די װערק װי דורך אַ גאָט'ס גע־באָט, — און אפילו מאַשקאָװיטש און פרײער האָבען יעצט פער־שװיעגען זײער קריטיציזם. נאָדעל האָט מיט אײן קלאַפּ ערקלעהרט, אַז „דאָס זענען די גרעסטע װערק פון 20-טען יאָהרהונדערט" און „אַז זײ װעלען מאַכען אַ רעװאָלוציע אין דער קונסט". דער קאַל־טער אַמעריקאַנער האָט גאָרנישט געזאָגט. נאָר ער האָט געפרעגט בוכהאָלצ'ן: „װאָס פּאַר אַ שולע איז דאָס? קלאַסיש צי מאָדערן?" אױף װעלכען בוכהאָלץ האָט איהם נישט געקאָנט ענטפערען. נאָר מיס פּוירסטער, װעלכע האָט אַ לאַנגע צײט געשװיעגען, בעטראַכ־טענדיג די סקולפּטורען מיט אַ פלאַמענדיג ענטוזיאַסטיש פּנים, איז צוגעגאַנגען צו בוכהאָלצ'ן, און האָט איהם אַנגענומען בײ בײדע הענד, דריקענדיק זײ פעסט:

— ביזט אַ גרױסער קינסטלער, האָסט אַ פּרימיטיװע קראַפט װי אַ גאָט.

בוכהאָלץ האָט געשװיעגען, נאָר זי אָנגעקוקט, און צום ערש־טען מאָהל, אין די אױגען אַרײן. די אונטערשטע ליפּ האָט געצי־טערט פאַר אױפרעגונג. זײנע צעהן האָבען געקלונגען, און פער־געסענדיג זיך, געהאַלטען איהר האַנד לענגער אין זײנער.

מיס פּוירסטער איז רױט געװאָרען פון זײן בליק, אָװעקגע־נומען איהרע אױגען פון זײנע און לײכט אַרױסגעצױגען איהרע

גלאַטיגע, קליינע פינגער, פון זיין גרויסער האַנד. נאָר נאָדעל, וואָס האָט אַלעס בעמערקט, האָט געזאָגט צו איהר:

— קושט איהם. איהר מוזט איהם קושען דערפאַר. ער האָט עס פערדיענט. ער איז אַ גרויסער קינסטלער.

מיס פוירסטער איז רויט געוואָרען ווי אַן אונשולדיג מיידעל און געזאָגט אין געלעכטער:

— איך ווייס גאָרנישט, אויב ער וויל עס.

— איהר זעהט דאָך, אַז ער געהט אויס נאָך אייך... —

און ער האָט זייערעביידענס קעפּ צוזאַמענגענומען און געבויט זיי: — קושט איהם, איהר מוזט איהם קושען. ער האָט עס פערדיענט.

בוכהאָלץ האָט איינגעטרונקען אין זיך דעם געשמאַק פון איהר לייב, וואָס האָט געדופט מיט נעלקען און איז שכור געוואָרען.

זיי זענען ביידע רויט געוואָרען, געפיהלט זיך, ווי קינדער, און זייערע הערצער האָבען געשלאָגען.

אָבער מיס פוירסטער האָט זיך באַלד געפונען. זי האָט זיך אויסגעדרעהט און איז צוגעגאַנגען צו גריגאָרי'ן און האָט איהם אַרומגענומען.

— טייערער גריגאָרי, דו מוזט עס טהאָן. דו מוזט עס טהאָן. דו מוזט עס טהאָן פאַר מיר. דו וועסט טהאָן אַ גוטע און אַ נוצליכע זאַך.

— אָלל־רייט, איזאַבעל — זאָגט גריגאָרי געלאַסען, נעהמט אַרויס זיין נאָטיץ־בוך. — גיב מיר די „געשיכטע".

מיס פוירסטער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען איהם און האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן די פרימיטיוויטעט און די שטאַרקייט פון בוכהאָלצ'ס ווערק.

— איזאַבעל, דו ווייסט נישט דעם שטאָף, וואָס איך בעדאַרף. גיב מיר די „מעשה". ווי אַלט איז ער (ווייזט ער אויף בוכהאָלצ'ן) וואָס האָט ער געטהאָן ביז יעצט?

—אַט דער יונג דאָ — ווייזט מאָשקאָוויטש אויף בוכהאָלצ'ן, — ווען ער האָט געהונגערט, נישט געהאַט קיין ברויט אין שטוב,

האָט ער גענומען און אַראָבגעוואָרפען אַ מעצענאַט פון אַלע טרע־פען, דערפאַר ווייל ער האָט איהם אָנגעבאָטען צו מאַכען אַ קאָמ־פראָמיס מיט זיין קונסט פאַר געלד, צו טהאָן דאָס, וואָס איהם איז נישט געפעלען.

— דאָס איז די שטאָף. אָן ערשט־קלאַסיגע געשיכטע פאַר דער „פראָנט-זייט פון דער צייטונג״ — רופט זיך דער אַמעריקאַנער אָן, און צום ערשטען מאָהל ווירקליך בעגייסטערט געוואָרען — אַ הונ־געריגער אַרטיסט וואַרפט אַראָב אַ מעצענאַט פון אַלע טרעפען, און וויל נישט מאַכען קיין קאָמפראָמיס מיט זיין קונסט — דאָס איז די געשיכטע.

און גריגאָרי האָט זיך אַוועקגעזעצט פיבעריש פערצייכענען נאָטיצען אין זיין ביכעל...

אַז זיי זענען זיך צוגאַנגען שוין אין העלען טאָג אַריין, איז פרייער נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען צו מיס פוירסטער, און האָט צו איהר געזאָגט געלאַסען, פלוצלינג, פון דער העלער הויט אַרויס:

— איך בין נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלעם, וואָס ער האָט געטהאָן — ווייזט ער אויף נאָדלען — אַ גאַנצען אָווענד.

— אידיאָט! איך בין פעראַנטוואָרטליך. איך אַליין בין פער־אַנטוואָרטליך פאַר אַלעם! — האָט זיך נאָדעל געשלאָגען אין זיין דאַרען האַרץ-ברעט.

פיערצעהנטער קאַפּיטעל

„דאָס גרויסע געווינס“

אין אַ פּאָר טעג אַרום, איז אין אַ זונטאָג־נומער פון איינער פון די גרעסטע צייטונגען אין ניו־יאָרק ערשיענען אַן אַרטיקעל וועגען בוכהאָלצ׳ן. דאָס אַרטיקעל איז מעהר געווען וועגען בוכ־האָלצ׳ס לעבען, איידער זיין קונסט — און עס האָט געטראָגען אַ קעפּעל איבער אַ גאַנצער זייט: „ניו־יאָרקער גרעסטער קינסטלער לעבט אונבעוואוסט אויף אַ בוידעם־שטיבעל“. אין אַרטיקעל איז געווען אויסגערעכענט אַלץ וואָס בוכהאָלץ טהוט, ווי אַזוי ער פער־דיענט אויף אַ לעבען. בייטאָג — אַרבייט ער אין אַ מאַנגעל אויף דער איסט סייד אויף ברויט, און ביינאַכט קלעפּט ער אויס פון ליים זיינע גרויסע מייסטער־ווערק. אין קיין שולע איז ער נישט געגאַנגען, נאָר אַלעס טהוט ער אויס אייגענער איניציאַטיווע, און זיינע ווערק צייכענען זיך אויס מיט אַן אונגעהויערער פּרימיטיווער קראַפט. זעלבסטפערשטענדליך, איז נישט פערגעסען געוואָרען צו דערצעהלען אין דעם אַרטיקעל וועגען דעם, ווי עס זענען איהם אָנגעבאָטען געוואָרען פערשיעדענע פאָרשלאַגען פון סוחרים און מעצענאַטען, און ער האָט זיי אַלעמען צוריקגעוויעזען, כאָטש ער האָט געליטען הונגער, און ער האָט געמוזט טהאָן פיזישע אַרבייט צו ערהאַלטען זיין עקזיסטענץ. און זיין יונגע שעהנע פרוי אַרבייט אין אַ שאַפּ — האָט אויך נישט געפעהלט — נאָר דערפאַר וואָס

די פאַרשלאָגען זענען געווען געגען זיינע קינסטלערישע איבער־צייגונגען. און דערביי איז געווען בעריכטעט אויספיהרליך וועגען אַ סקאַנדאַל מיט „אַ סוחר", וואָס בוכהאַלץ האָט איהם אַראָבגעוואָרפען פון אַלע טרעפּען. דאָס אַרטיקעל איז געווען בעגלייט מיט פאָטאָגראַפיעס פון בוכהאַלצ'ן, זיין „סטודיא" און זיינע אַרבייטען (וואָס אגב מיס פוירסטער האָט בעזאָרגט פאַר איהר פריינד גריגאָרי). דער „שמשון", וועלכער האָט פערנומען איבער דער לענג פון דער צייטונג, האָט אויך אין דער פאָטאָגראַפיע געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. די אַנדערע ווינציגער. אַרויסגעקומען פערווישט. און דאָס אַרטיקעל האָט זיך געענדיגט מיט דער אויפפאָדערונג: „ווער וועט העלפען דעם אַמעריקאַנער גרויסען קינסטלער צו קומען אין דער עפענטליכקייט מיט אַן אויסשטעלונג פון זיינע מייסטער־ווערק?"

נאָך דעם זעלבען טאָג האָט בוכהאַלץ געהאַט אַ וויזיט פון דעם דירעקטאָר פון די „פלעמישע קונסט גאַלעריעס", מר. דייווידזאָהן, וועלכען מאָשקאָוויטש האָט אַזוי לאַנג שוין זיין וויזיט אָנגעזאָגט און ביז איצט נישט אויסגעפיהרט. עס איז געווען אַ דאַר, פלינק אידעל, מיט אַ גרויסער בריליאַנטענער נאָדעל אין קראַוואַט. עס איז ריכטיג ווי מאָשקאָוויטש האָט געזאָגט: ער האָט געוואָלט אין „איין קלאַפּ" אָבקויפען אַלע בוכהאַלצ'ס ווערק, נישט נאָר די, וואָס ער האָט געשאַפען ביז איצט, נאָר אויך „די, וואָס ער וועט שאַפען פאַר די נעכסטע צעהן יאָר. און גערעדט וועגען צעהנדליגער טויזענדער דאָלאַר; אַז ער וועט איהם פיהרען אין „ווייסען הויז" און וועט קריעגען פאַר איהם דעם פּרעזידענט פון די „יונייטעד סטייטס", דערנאָך וועט ער מאַכען אַ ביוסט פון „ראָקעפעלער און דזשייקאָב שיף, און אַנדערע גרויסע מיליאָנערען". און באַלד, גלייך אַרויסגענומען אַ קאָנטראַקט און געהייסען בוכהאַלצ'ן אונטערצייכענען. אָבער מיס פוירסטער איז געשטאַנען אויף דער וואַך. זי האָט אָנגעזאָגט בוכהאָלצ'ן, אַז ער זאָל קיין פּאַפּיער נישט אונטערשרייבען, אַז זי וועט שוין קריעגען פאַר איהם די פּאַסענדע מענשען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען אַנדערע געקומען, געזעהן בוכהאַלצ'ס סקולפּטורען און גע'סוד'עט זיך אין די אויערען. און

וויעדער איהם געגעבען אַ פּאַפּיער צו צייכענען, און ווען בוכהאָלץ האָט זיך אָבגעזאָגט, זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און עס איז פאַר אַ שטיקעל צייט שטיל געוואָרען, און מען האָט גאָרנישט מעהר געהערט פון קיינעם.

ענדליך אין אַ פּאַר וואָכען אַרום איז אַרויפגעקומען מיס פוירסטער און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך אַ „לעדי“ און נאָך אַן אַמעריקאַנער. און דער ערשטער „אַמעריקאַנער“ (דער מר. גריגאָרי, וואָס האָט אָנגעמאַכט די גאַנצע חתונה) איז אויך מיט זיי געווען. און זיי האָבען בעקוקט גאַנץ ערנסט בוכהאָלצ׳ס סקולפּטורען. דער פרעמדער אַמעריקאַנער איז געווען אַ באַריהמטער קונסטקריטיקער (אַזוי האָט מיס פוירסטער איינגערוימט בוכהאָלצ׳ן אין אויער אַריין, אַז דאָס איז דער בעריהמטער מיסטער דייוויס). דער צווייטער אַמעריקאַנער איז אויך געווען אַזוי שווייגענדיג ווי דער ערשטער. ער האָט בעטראַכט לאַנג און שווייגענדיג בוכהאָלצ׳ס סקולפּטורען, האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַז ער האָט דערזעהן די די סקולפּטור פון דבורה׳ן, (די „מוטער“, וואָס בוכהאָלץ האָט אָנגערופען), האָט זיין קאַלט געזיכט אָנגענומען אַביסעל וואַרימקייט. זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו פינקלען. ער האָט אויסגעדריקט זיין העכסטע בעגייסטערונג איבער דער אַרבייט. און דאָס איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעשאָטען דאָס אויסגערויכערטע אַש פון זיין פייפ און אָנגעשאָטען זי מיט פרישען טאַבאַק. ער האָט אַזוי לאַנג און ערנסט בעטראַכט די סטאַטוע, בעקוקט זי פון אַלע זייטען, און ענדליך זיך אָנגערופען צו דער פרעמדער מיסעס, וועלכע איז שוין געווען אַן עלטערע ליידי מיט אַן אָבגעברענטען געזיכט פון דער זון, (אויף וועלכען בוכהאָלץ האָט זיך געוואונדערט, ווי אַזוי זי האָט געקאָנט אין ווינטער איהר געזיכט אָבברענען פון דער זון), אַז אָהן צווייפעל האָט מען דאָ צו טהאָן מיט אַ זעלבסטשטענדיגען ערשט-קלאַסיגען טאַלאַנט פון אַן אייגענאַרטיגער, פרימיטיווער קראַפט, אַ שטאַרקעס טיעפעס געפיהל און אינטואיציע, אונקולטיווירט און רויה. דורך דעם ווערט אָפטמאָל די קראַפט פערוואַנדעלט אין ברוטאַליטעט.

ער האָט דערנאָך געפיהרט אַ געשפּרעך מיט בוכהאָלצ׳ן, און

אויסגעפרעגט איהם: וואו ער האָט געלערענט צייכענען? געוואויר ווערענדיג, אַז אייגענטליך האָט בוכהאָלץ נישט בעזוכט ביז איצט קיין קונסט־שולע (ער האָט זיך געלערענט אַביסעל צייכענען אין אַן אָווענד־שולע פון אַ אידישען בילדונגס-אַנשטאַלט), האָט זיך דער, וועמען ער האָט אָנגערופען מיסטער דייוויס, געווענדעט צו דער פרעמדער ליידי, ווייזענדיג אויף בוכהאָלצ׳ן:

— אַלעס וואָס דער יונגערמאַן בעדאַרף, איז אַביסעל איי־ראָפּאַ, רוים און פּאַריז, צו זעהן וואָס אַנדערע האָבען געמאַכט פאַר איהם, אַז עס זאָל זיך איהם נישט אויסדוכטען יעדעס מאָהל, אַז ער ענטדעקט אַמעריקע — האָט ער פריינדליך געשמייכעלט צו בוכהאָלצ׳ן.

— און וואָס דענקט איהר וועגען אַן אויסשטעלונג פון זיינע יעצטיגע זאַכען? — האָט מיס פוירסטער געפרעגט דעם מיסטער דייוויס, ווי מען פרעגט אַ דאָקטאָר אויף אַ חולה.

— געוויס, די זאַכען זענען קונסט־ווערק. ספּעציעל די פי־גור פון דעם מיידעל — כאָטש מוטה און גלויבען פעהלען איהם נישט. ער האָט עס צופיעל. אַביסעל מעהר ספקות, יונגערמאַן — האָט ער זיך געווענדעט צו בוכהאָלצ׳ן — און די אויסשטעלונג זאָל איהם נאָר נישט דעם קאָפּ פערדרעהען — האָט ער געוואָרענט בוכהאָלצ׳ן גוטמוטהיג.

די געזעלשאַפט האָט זיך זעהר הערצליך געזעגענט מיט בוכ־האָלצ׳ן און מיט דבורה׳ן. די אַלטע ליידי, מיט דעם אַזוי פריה אָבגעבערענטען געזיכט פון דער זון, האָט בעגליקוואונשט בוכהאָלצ׳ן און איהם געזאָגט ביים געזעגענען זיך, „אַז ער האָט צו דאַנקען מר. דייוויס פאַר די גוטע עצות“, און אַז מען וועט זעהן, וואָס מען קאָן טהאָן פאַר איהם“. מיסטער דייוויס האָט איהם וואַרעם די האַנד געדריקט און צו איהם געזאָגט: „אַמעריקע איז נאָך צו ענט־דעקען. דו וועסט עס זעהן אין רוים, אין פלאָרענץ, אין פּאַריז“, וואָס בוכהאָלץ האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט. נאָר ווען מיס פוירסטער האָט זיך געזעגענט מיט דבורה׳ן, האָט זי זי זעהר הערצליך אַרומגענומען און געזאָגט צו איהר מיט פרייד אין

אויער אַריין: „די שלעכטע זיעבען יאָהר זענען פערביי, קליינע דבורה, יעצט הויבען זיך אָן די גוטע זיעבען...״

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיי מיס פוירסטער געבראַכט די פרעהליכע בשורה, אַז די ליידי, וואָס איז געווען מיט זיי, איז אַ בעריהמטע צדקה טהוערין אויף דער איסט סייד, און איהר איז געלונגען צו קריעגען פּאַר בוכהאָלצ׳ן אויף מר. דייוויס, דעם בעריהמטען קונסט-קריטיקער׳ס, רעקאָמענדאַציע אַ סטי-פּענדיע פון פינף טויזענד דאָלאַר אויף צוויי יאָהר פּאַר אַ רייזע נאָך איירָאָפּאַ פון אַ בעקאַנטען אידישען פילאַנטראָפּ, וואָס פּראָ-טעזשירט קונסט אין ניו-יאָרק (אַז די קליינע דבורה זאָל קאָנען מיטקומען, האָט זי צוגעלעגט מיט פרייד). מר. דייוויס האָט אויך פּעראינטערעסירט אַ פּראָמינענטע קונסט-גאַלעריע אויף דער פינפטער עווענוי צו מאַכען אַן אויסשטעלונג פון בוכהאָלצ׳ס סקולפּטורען, און דאָס האָט מען אַלץ צו פּערדאַנקען גריגאָרי׳ס אַרטיקעל אין דער צייטונג. און זי האָט דערצעהלט מיט איינצעלהייטען און ענטו-זיאַסטישער פרייד, ווי אַזוי עס איז צוערשט געלונגען דורך גריגאָ-רי׳ס אַרטיקעל צו געוואונען דעם „סאָשעל וואָרקער״, און דער „סאָשעל וואָרקער״ האָט אויסגעפונען דעם מיליאָנער, און דער מיליאָנער האָט געשיקט דעם מר. דייוויס צו זאָגען זיין מיינונג, און דער זעזולטאַט דערפון איז אַ בריעף פון מר. דייוויס און דער ליידי „סאָשעל וואָרקער״ צו איהר, וואו זיי בעטען זי, זי זאָל אָנ-זאָגען דעם קינסטלער דעם ערפאָלג פון זייערע בעמיהונגען.

— און יעצט, מיין קליינע דבורה, אויס שאָפּ, אויס אַרבייט און אַנדערע טראָבעלס. יעצט קומט איירָאָפּאַ, רוים, פלאָרענץ און פּאַריז, פּאַריז מיט דעם, וואָס דיין האַרץ האָט ליעב. — ווי גלייכ-סטו דאָס? — האָט זי דבורה׳ן געפרעגט מיט פרייד.

דבורה האָט איהר נישט געענטפערט. אַן אונבעוואוסטע טרויע-ריגקייט האָט זי אַרומגענומען, און זי האָט געשוויעגען.

— דו שווייגסט? — האָט זי מיס איזאַבעל געפרעגט.

— איך ווייס נישט, — האָט דבורה אָבגעענטפערט. — איך

פערשטעה, אַז דאָס איז אַ גרויס גליק פאַר בוכהאָלצ'ן, נאָר דאָס פרעהט מיך נישט, מיס. עס מאַכט מיך עפּעס טרויעריג.

— פאַרוואָס?

— איך וואָלט געוואָלט, אַז עס זאָל קומען אויף אַן אַנדערען אופן... איך האָב מיר דאָס גאַנץ אַנדערש פאַרגעשטעלט — האָט זי געזאָגט פאַר זיך — גאַנץ אַנדערש.

— יעדענפאַלס, פאַריז איז זעהר שעהן, און דו וועסט עס גלייכען — האָט צו איהר געזאָגט מיס פוירסטער האַלב בעליידיגט.

— איך ווייס עס, איך דאַנק אייך אַזוי! מיר זענען אייך אַזוי פיעל דאַנק שולדיג. איהר האָט פאַר אונז אַזוי פיעל געטהאָן! — האָט דבורה איהרע הענד געדריקט, געריהרט ביז טרעהרען.

— זאָרג דיך נישט, דו וועסט מיר דאַנקען פון פאַריז. — האָט זי איהר געזאָגט און אָנגעטהאָן זיך דעם דזשעקעט און פערלאָזט די סטודיע, ווי עס האָט זיך בוכהאָלצ'ן אויסגעוויעזען קאַלטליך און בעליידיגט.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטהאָן? פאַרוואָס? פאַרוואָס? — איז בוכהאָלץ אויפגערעגט אַרומגעלאָפען איבער'ן צימער נאָך מיס פוירסטער'ס אַוועקגעהן.

— איך ווייס נישט, איך האָב אַזוי געפיהלט. — האָט זיך דבורה פערענטפערט, פערשטעהענדיג איהר שולד.

בוכהאָלץ האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט גלויבען, אַז „דאָס גרויסע געווינס" איז געקומען (ווי ער האָט עס אָנגערופען), נישט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געגלויבט וואָס מיס פוירסטער האָט דערצעהלט. אַלעס, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מיס פוירסטער'ס מויל איז געווען ביי איהם קדשי קדשים, שוין דער פאַקט אַליין, וואָס זי איז דאָ געווען, וואָס זי האָט עס דערצעהלט, וואָס זי איבּ-טערעסירט זיך מיט איהם און טראַכט וועגען איהם — איז ביי איהם בשעת מעשה מעהר ווערטה געווען ווי דאָס „גרויסע געווינס" אַליין. נאָר, ווי שטענדיג, האָט ער זיך געזאָגט, וועט זיך אודאי שוין

עפּעס מאַכען און עס וועט קאַליע ווערען. אַן אומגליק וועט געשעהן. — אויף מיין שלימזל ווילען דעם פילאַנטראָפּ'ס שיפען אונטערגעהן, און ער וועט ווערען אַן אָרימאַן. איך ווייס, האָט ער זיך געטראַכט, אין מיטען דעריבען קאָן גאָר אַ מלחמה אויסברעכען, אַן ערד־ציטערניש, און ניו־יאָרק קאָן אונטערגעהן. אַז עס זאָל מיר נישט פערגונען ווערען קיין גליק, לוינט זיך פאַר מיין שלימזל אַלעס צו טהאָן — אַפילו אַ וועלט־אומגליק, אַבי מיר זאָל נישט בעשערט ווערען, — האָט ער געזאָגט.

נאָר אין איין שעהנעם פריהמאָרגען, אין אַ הערליכען פרילינגס־טאָג, ווען אַלע גרויסע גליקען פּאַסירען (אַזוי ווי עס שטעהט אין די ביכלעך בעשריעבען), האָט די פּאָסט איהם געבראַכט אַן אָנגעשריעבענעם בריעף און דערינען אַ טשעק אויף גאַנצע פינף הונדערט דאָלאַר, (בוכהאָלץ האָט זיינע אויגען נישט געגלויבט), און דערינען אַ נאָטיץ פון סעקרעטאַר פון פילאַנטראָפּ, „אַז דאָס געלד שיקט מען איהם אַריין, אַז ער זאָל זיך פאַרבערייטען פאַר דער רייזע“, און נאָך האָט מען איהם צוגעשריעבען, אַז מען בעט איהם, ער זאָל לאָזען וויסען דעם אָפיס, ווי אַזוי ער וויל מען זאָל איהם דאָס געלד צושיקען, פערטעל־יעהרליך, צי האַלב־יעהרליך.

ווען בוכהאָלץ האָט דעם בריעף מיט דעם טשעק בעקומען, איז דבורה שוין נישט געווען אין דער היים. זי איז געווען ביי דער אַרבייט אין שאָפּ. די ערשטע מינוט איז ער אַזוי איבער־ראַשט געוואָרען, אַז ער האָט געכאַפּט דעם ראָק און איז אַוועק צו דבורה'ן אין שאָפּ, וואו זי האָט געאַרבייט. אַרויסקומענדיג אויף דער גאַס, האָבען איהם געבלאָזען אין פּנים די פרישע יונגע פריה־לינגס־ווינטען. די זון האָט אַזוי יום־טוב'דיג געשיינט, אַז זי האָט יום־טוב געמאַכט איבער די גאַסען, געטרוקענט די פייכטקייט פון די טראָטואַרען, אָבגעלעקט די נעכטיגע בלאָטעס, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זי ווישט אָב די לעצטע שפּורען פון ווינטער. די אויסשטעלונגען אין די שוי־פענסטער, אין די אָפענע געוועלבער און די בעוועגונגען אויף דער גאַס זענען געווען אַזעלכע, אַז עס האָט זיך בוכהאָלצ'ן געדוכט, אַז די שוי־פענסטער און די אָפענע

געשעפטען, און אַלץ וואָס טהוט זיך אויף דער גאַס, איז נישט פאַר האַנדעל און וואַנדעל, נאָר פאַר שפּיעלען זיך, פאַר יום־טוב'דיג־קייטס וועגען. ער איז געלאָפען איבער די גאַסען ווי אַ ווינד און געדריקט אין טאַש דעם בריעף מיט'ן טשעק אין האַנד. עס האָט זיך איהם געגלויבט אַלעמען אָבצוקוּשען און אַלעמען דערצעהלען פון דער געשעהעניש און בעווייזען זיי דעם טשעק — ער האָט זיך געפיהלט רייכער פון אַלעמען, און עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער קאָן די גאַנצע וועלט אָבקויפען פאַר'ן געלד, וואָס ער האָט אין טאַש.

אין האַרצען האָט זיך דערוועקט אַ חשק. עס האָט זיך איהם אויף אַ מינוט אויסגעוויזען, אַז דאָס לויפט ער נישט צו דבורה'ן, נאָר צו מיס פּוירסטער, און זי וועט ער אַרויסנעהמען אין דער גאַס, און זי וועט געהן ביי זיין זייט איבער די גאַסען, איבער פינפטע עווענו, און זיי וועלען ביידע אַרומגעהן איבער די געוועלבער איינקויפען זאַכען, זאַכען צו זייער ביידענס צוזאַמענדיגער רייזע נאָך איירפּאַ, ווי קופערטס, העמדער, שיך, זאָקען. זיי וועלען צו־זאַמען עסען היינט אין אַן ערשט־קלאַסיגען רעסטאָראַן. אין אָווענד וועלען זיי צוזאַמען געהן אין אַ טהעאַטער אַריין און זיצען זייט ביי זייט. ער וועט פיהלען איהר הויך אויף זיך, און אפשר זי האַלטען ביי דער האַנד. — דריקען איהר האַנד — ער האָט זיך אָבגעשטעלט, און אָבגעשאָקעלט פון זיך דעם געדאַנק און געזי־דעלט זיך:

— וואָס פאַר אַ געמיינער יונג בין איך? וואָס פאַר אַ פּאַד־ליעץ! וואָס קלער איך? ווי אַזוי קאָן איך דאָס?

און ווי ער האָט זיך געזידעלט אַזוי, האָט ער געפיהלט אין זיך דעם דופטיגען אָטעם פון מיס פּוירסטער, און דעם געשמאַק פון רויטע נעלקען, וועלכע מען פיהלט פון איהר ראָזע־פאַרביגען בוזעם...

— מיט איין שפּרונג איז ער אַרויף אין שאַפּ און בעלאָזט אַרויסרופען דבורה'ן.

— מוזט געהן מיט מיר שוין, טהו זיך אָן און קום.

— וואָס איז געשעהן? — פרעגט דבורה ערשראָקען.

— אָט דאָס — ווייזט ער איהר דעם בריעף מיט'ן טשעק.

דבורה האָט נישט איינגעזעהען, פאַרוואָס זי מוז אונטער־בּרעכען איהר אַרבייט.

— איך וועל אַהיים קומען אין אָוועגד, וועלען מיר איבער קלערען, וואָס מיר האָבּען צו טהאָן — האָט זי געזאָגט.

ער איז בייז געוואָרען איבער איהר קאַלטקייט. ער וויל זיך מאַכען אַ יום־טוב הייגט, און זי צושטערט איהם, און ער האָט געשריעגען:

— איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אַרבּייטען! דו בּעדאַרפסט נישט מעהר אַרבּייטען! מור פּאַסט נישט, אַז דו זאָלסט מעהר אַרבּייטען!

עס האָט איהר באַנג געטהאָן, וואָס זי האָט איהם געשטערט אין זיין פרייד, האָט זי איהם געשמייכעלט אין פּנים אַריין, ווי איהם איבּערצובּעטען. זי איז אַריין אין שאַפּ, געקינדיגט פאַר דער רעשט פון טאָג, אָנגעטהאָן זיך און איז מיט איהם אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

— נו, וואָס וועלען מיר טהאָן צוערשט? ביי וואָס וועלען מיר אָנהויבּען? — האָט זי געזאָגט גוטמוטיג, קלאַמערענדיג זיך אין איהם און שמייכלענדיג איהם אין פּנים אַריין, ווי אין די אַל־טע גוטע צייטען, כּדי איהם צוריק אַריינצובּרענגען אין אַ גוטער שטימונג.

— צוערשט טהאָן מיר גאָרנישט. צוערשט וועלען מיר אין די גאַסען אַרויסגעהן און אַריינקוקען אין די שוי־פּענסטער. אַזוי ווי מיר וואָלטען גאָר קיין געלד נישט געהאַט, אַזוי ווי מיר פלע־גען אַמאָל געהן אין די גאַסען. נאָר אַז עס וועט אונז עפּעס זעהר, זעהר געפעלען — וועלען מיר עס זיך קויפען. האַ? — פרעהט ער זיך ווי אַ קינד.

— ניין, כאַסקעל, צוערשט וועלען מיר קויפען אַ גרויסען, גרויסען בּוקעט מיט בּלומען און מיר וועלען אָוועקפיהרען צו מיס פוירסטער — האָט דבורה געזאָגט — זי האָט דאָך דאָס אַלעס געמאַכט.

— יאָ, דבורה, יאָ — האָט בּוכהאָלץ אויסגערופען בּעגייס־

טערט, און צוגעדריקט דבורה׳ן צו זיך, געריהרט, אין מיטען דער גאַס — מיר וועלען זי בעטען, אַז זי זאָל מיט אונז מיטגעהן, און מיר וועלען אַלע דריי צוזאַמען איבער די גאַסען געהן. הא?

דבורה איז עפּעס טרויעריג געוואָרען, אָהן אורזאַכע, ווי עס האָט זיך איהר אויסגעוויעזען, און אַראָבגעבויגען דעם קאָפּ.

נאָר בוכהאָלץ האָט עס נישט בעמערקט. ער איז אַזוי בע־גייסטערט געוואָרען פון געדאַנק, וואָס דבורה האָט איהם געגעבען, מיטצונעהמען מיס פּוירסטער, אַז ער האָט זיך געאיילט.

— קום, דבורה, געשווינד, מיר מוזען דאָך דעם טשעק וועקס־לען, מיר האָבען דאָך קיין געלד נישט.

און פאַר דאַנקבאַרקייט האָט ער דבורה׳ן אַרומגענומען:

— האָב איך דיך ליעב! איך האָב דיך אַזוי ליעב — האָט ער געגלעט איהר קאָפּ האָהר אין מיטען דער גאַס...

פֿינפֿצעהנטער קאַפּיטעל

אין נעץ פון גליק

בוכהאָלץ איז געוואָרען זעהר בעשעפטיגט מיט זיין אויסשטעלונג. מיס פוירסטער האָט איהם פיעל צוגעהאָלפען. ער האָט זיך מיט איר מישב געווען וועגען אַלצדינג און דורך דעם איז ער, זעלבסטפערשטענדליך, ווייניג אין דערהיים געוועזען, און פיעל מיט מיס פוירסטער — וואָס דאָס איז ביי דבורה'ן אויסגעקומען זעהר נאַטירליך. מיס פוירסטער פערשטעהט דאָך אַזוי פיעל פון קונסט, האָט זיך דבורה געזאָגט. זי האָט נישט מקנא געווען די מיס. זי האָט צופיעל רעספּעקט און אָנערקענונג פאַר איהר געהאַט, אַז זי זאָל זי עפּעס וואָס חושד זיין, אָדער מקנא זיין. זי האָט זיך אַליין נאָר בעדויערט, וואָס זי קאָן בוכהאָלצ'ן נישט העלפען און זי קאָן נישט זיין מיט איהם אַ גאַנצען טאָג ווי די אַנדערע...

זעלבסטפערשטענדליך, האָט דבורה נישט געאַרבייט, וויפיעל זי האָט זיך נישט געריסען צוריק צו דער אַרבייט. און געריסען האָט זי זיך צו דער אַרבייט דערפאַר, וואָס, ערשטענס, אָהן דער אַרבייט איז איהר פאָרגעקומען דאָס לעבען לאַנגווייליג, און צווייטענס, האָט זי נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבען, אַז זי דאַרף שוין נישט אַרבייטען. ס'האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט באַלאַמוטשעט איהרע טעג. אָבער בוכהאָלץ האָט געמאַכט אַזעלכע סקאַנדאַלען, אַז זי האָט נישט געוואַגט צו דערמאָנען דאָס וואָרט

אַז זי וויל צוריקגעהן צו דער אַרבייט, אַזוי, אַז זי האָט אפילו פערמיעדען צו רעדען מיט איהם וועגען דעם.

— מיר געהען דאָך אַוועקפאָהרען. ווי לאַנג, מיינסטו, וועלען מער נאָך דאָ זיין? נאָר ביז דער אויסשטעלונג. מען בעדאַרף זיך דאָך צוגרייטען צו דער רייזע — האָט ער געהאַלטען אין איין טענה׳ן צו איהר.

און עס איז געווען צוליעב דעם, וואָס דבורה האָט זיך אַליין נישט געקאָנט פאָרשטעלען אַזאַ גליק, צי דערפאַר, וואָס עפּעס אַ געפיהל האָט איהר פאָראויסגעזאָגט — זי האָט אָבער געוואוסט, אַז זי וועט נישט מיטפאָהרען מיט בוכהאָלצ׳ן, אַז עפּעס וואָס וועט געשעהן, און זי האָט אַזוי ווי געוואַרט אויף דעם. זי האָט אפילו מורא געהאַט צו קלערען וועגען דעם, נאָר יעדענפאַלס, האָט זי זיך באין אופן אפילו אין איהר געדאַנק נישט געקאָנט פאָרשטעלען, אַז עס האָבען זיך שוין טאַקע אויף אָן אמת געענדיגט איהרע אַרבייטס-טעג, און עס הויבט זיך אָן פאַר איהר אַ נייע לעבען. זי ווייסט נישט פאַרוואָס. זי האָט נישט געהאַט קיין אורזאַך צו צווייפלען אין בוכהאָלצ׳ס אַבזיכטען, אָדער וועמען עס איז אין דעם חושד צו זיין. בוכהאָלצ׳ס בעציהונג צו מיס פוירסטער איז ביי איהר פאַרגעקומען אַזוי נאַטירליך, אַז זי אַליין האָט דאָס זעלבע געפיהלט צו דער מיס, די בעגייסטערענדע אַכטונג און דאַנקבאַרקייט, דאָס זעלבע, וואָס בוכהאָלץ פיהלט צו איהר. און פאַרוואָס איז איהר אַזוי טרויעריג? און פאַרוואָס איז עס, אַז וויפיעל בוכהאָלץ רעדט נישט וועגען די פּלענער פון צוזאַמען פאָהרען נאָך אייראָפּאַ, גלויבט זי נישט, אַז עס וועט טאַקי אַזוי זיין, און זי קלערט גאַרנישט וועגען פאַרבערייטען זיך צו דער רייזע? עפּעס אַזוי ווי די אָרימקייט, אין וועלכער זי האָט געלעבט ביז איצט, וואָלט געלעגט איהר שווערע האַנד אויף איהר און וואָלט געזאָגט: „איך וועל דיך נישט אַרויסלאָזען פון מיין רשות...“

די טעג פון נישט אַרבייטען און וואַרטען זענען ביי איהר געווען די ערגסטע און די אונגליקליכסטע. בוכהאָלץ האָט נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז מיט איהר. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ שטראַהלענדער אין דער זון פון גליק, וואָס האָט אָנגעהויבען שיינען פאַר

איהם, און זי איז געזעסען ווי אַ קלאָג-אידענע, אַ שטילע, אַ שוויי-גענדע. איהר בעקאַנטער, פרעהליכער שמייכעל, וואָס האָט איהם שטענדיג דערפרעהט, קוקענדיג אויף איהר, איז פערשוואונדען פון איהר פּנים. אַ טרויעריגער גלאַנץ פון איהר שמייכעל איז נאָר אי-בערגעבליבען לויכטען אויף איהרע קליינע ליפּען, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעצויגען ווי צום וויינען. און איהרע אויגען זענען אין די טעג נאָך גרעסער געוואָרען און נאָך גלאַנצענדיגער, און זי האָט אָנגעהויבען מעהר צו רעדען מיט זיי, ווי שטענדיג.

בוכהאָלץ איז געוואָרען געשלעפּט ווי אַן אונרוהה פון זיין גע-פיהל און טעמפּעראַמענט אין דער מלחמה צווישען מיס פוירסטער אין דבורה׳ן, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט אויף איין מינוט אין זיין הארץ, זייט ער האָט געזעהן די מיס פוירסטער מיט אַנדערע אויגען. בחנם איז געווען יעדע החלטה, יעדע הייליגע אָבמאַכונג ביי זיך, זיין זידלען זיך, און זיין רעכטפערטיגונג. בוכהאָלץ איז נישט געווען דער מענש צו פאָלגען אָבגעמאַכטע זאַכען. ער איז געווען דאָרט, וואו זיין געפיהל איז געווען צום לעצטען... קוים האָט ער עפּעס בעשטימט און אָנגענומען אַ געוויסען בעשלוס, איז געקומען דאָס געפיהל צו דער צווייטער און געפיקעט. האָט ער זיך אינ-גאַנצען איבערגעגעבען צו דבורה׳ן און אויסגעשטראָכען יעדע אַנ-דערע מעגליכקייט, איז געקומען די בענגשאַפט נאָך ליעבע און בענאָגט זיין הארץ צום טויט... די וועלט האָט אויסגעזעהן ביי איהם טויט, דאָס לעבען אָהן אינטערעס, אָהן טעם. וואָס פאַר אַ גליק קאָן זיין אָהן יענעם ליידענשאַפטליכען פערלאַנג נאָך מיס פוירסטערס דופטיגען בוזעם?... און האָט ער זיך, ווידער, אינ-גאַנצען אָבגעגעבען יענעם געפיהל, איז געקומען נישט נאָר בלויז אַ חרטה, געוויסען, וואָס האָט געביסען, נאָר אַ לעהרקייט און אַ נאַ-קעטקייט, אַז אַ שרעק האָט איהם אַרומגענומען. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז די ערד איז אַוועקגענומען געוואָרען פון אונטער זיינע פיס. און ער איז פלינק געלאָפען, צו פערזיכערען דעם באָ-

דען פון אונטער זיינע פיס מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעגאָסען זיין ליעבע צו דבורה'ן...

— פאַרוואָס נישט ביידע? מיין געפיהל צו זיי איז דאָך אַזוי אמת און קלאָר! נאָר ווי אַזוי? דאָס האָט ער נישט געקאָנט זעהן. נישט דבורה, נישט מיס פוירסטער זענען געווען פון די, וועלכע אַלטען צופריעדען געווען מיט אַ העלפט...

— פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? — האָט ער זיך געפרעגט — פאַרוואָס זענען מענשען אַזוי אונגליקליך, אַז זיי פערגינען זיך אליין נישט דאָס גליק?... עס וואָלט דאָך געקאָנט אַזוי גוט זיין — האָט ער זיך געשטעלט די פראַגע, וועלכע פיעלע פאַר איהם האָבען געפרעגט, און נישט געקאָנט געפינען קיין תירוץ אויף איהר...

יעדעס מאָהל, ווען בוכהאָלץ פלעגט אהיים קומען נאָך אַ בעגעגעניש מיט מיס פוירסטער, איז זיין הארץ און געוויסען זעהר וואַך געוואָרען צו דבורה'ן. היינט ספּעציעל איז מיס פוירסטער זעהר גוט געווען צו איהם. נאָכדעם ווי ער האָט זיך בעראַטען מיט איהר ווי אויסצושטעלען זיינע סקולפּטורען אין די קונסט-גאַלעריעס, וואו זיי זענען געווען צוזאַמען, האָט זי איהם אריינגעפיהרט אין אַ זעהר רייכען טהיי-הויז און געהאַט מיט איהם טהיי. און זי האָט געשמייכעלט צו איהם. ער האָט געפיהלט דעם דופט פון איהר בוזעם, און איז גליקליך געווען מעהר ווי תמיד. אהיים געקומען, (נאָכדעם ווי מיס פוירסטער האָט איהם אהיימגעשיקט צו דער „קליינער דבורה'ן"), האָט ער געטראָפען דבורה'ן זיצען אליין אין דער האַלב-דונקעלער סטודיע. ווען בוכהאָלץ האָט זי דערדערזעהן, שווימענדיג אַ טרויעריגע אין די שאָטענס אויף דער וואַנד, וואָס האָט איהם מעהר דערצעהלט פון איר געמיטה, ווי איהר געשטאַלט, האָט איהם אַרומגענומען אַזאַ וואַרימקייט צו איהר, אַז ער איז צו איהר צוגעגאַנגען און געזאָגט מיט אַ צערטליכען בייזער:

— וואָס זיצסטו אַליין אין דער דונקעלקייט?

— גאָרנישט — האָט זי געפרואווט שמייכלען איהם אין פנים אריין.

בוכהאַלץ האָט בעמערקט אין איהרע אויגען, וואָס דבורה האָט געפּרואווט פערמיידען, און עס איז איהר נישט געלונגען.

— דו האָסט געוויינט — האָט ער זי אַרומגעכאַפּט און גע־פיהלט דאָס זאַלץ פון איהרע טרעהרען און זיין קוש אויף איהרע אויגען — פאַרוואָס האָסטו געוויינט?

— גאָרנישט, גלאַט אַזוי. עס האָט זיך מיר געוואָלט ווייּ־נען — האָט זי איהם פערזיכערט מיט שמייכלענדיגע טרעה־רען.

בוכהאַלץ איז אַזוי גערירט געוואָרען, אַז אין דעם אויגענ־בליק האָט ער היילינ אָבגעמאַכט זיין בעשלוס, און געזאָגט זיך, איין מאָהל פאַר אַלע מאָהל, אַז פאַר איהם עקזיסטירט מעהר נישט ווי איין דבורה, אויף אייביג און אייביג. דאָס איז זיין בע־שעהרטע, זיין גורל און זיין מזל. אין דעם אויגענבליק האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס זי איז פאַר איהם, און איהר טיעפע איבער־געגעבענהייט צו איהם. און מיט זיין גאַנצער צערטליכקייט, וואָס ער האָט פערמאָגט, ווען זיין געפיהל און זיין טעמפּעראַמענט זע־נען געווען דערביי, האָט ער זיך גענומען דאָס איהר איבערציינען, וואָס דאָס האָט געמאַכט אַזוי פיעל גלויבען אין איהם.

— איך האָב געקויפט די קאָסטענס פאַר אונזער רייזע, און דו זיצסט און וויינסט!

— איך ווייס נישט, אויב איך וועל אינגאַנצען פאָהרען, כאָס־קעלשי, — האָט זי איהם געזאָגט.

בוכהאַלץ האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד און אויעק־געזעצט זיך ביי איהרע פיס.

— פאַרוואָס קלערסטו אַזוי, דבורה? זאָג מיר!

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר אַזוי.

— דיין האַרץ, דיין האַרץ איז מיין ערגסטער שונא. איך וואָלט עס געוואָלט אַרויסרייסען, אָט אַזוי!

דבורה האָט געמוזט לאַכען פון דעם אופן. ווי ער האָט דאָס געזאָגט.

— און אָהן דיר וועל איך פאָהרען? וועל איך זיך ריהרען

פון אָרט? זיי קאָנען זיך זייער גלד בעהאַלטען. איך וועל בע־סער מצבות קריצען, אָדער קלעצער שלעפּען.

דבורה האָט געשוויגען.

ער האָט אָנגענומען איהרע ביידע הענד און איהר געקוקט אין די אויגען אַריין און געבעטען זיך מיט זיין טיעפער, האַרציגער שטימע, צו וועלכער זי האָט קיינמאָל נישט געקאָנט גלייכגילטיג זיין:

— דבורה, דבורה — האָט ער גערופען, ווי אַ קינד רופט „מאַמע", און געקוקט איהר אין די אויגען.

— וואָס ווילסטו?

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? פאַרוואָס קלערסטו אַזוי? בין איך שולדיג אין דעם? האָב איך עפּעס שלעכטס געטהאָן? זאָג מיר.

זיין פראַגע איז אַרויסגעקומען אין איהרע אויגען אַזוי אונ־שולדיג, אַזוי קינדיש, אַז עס האָט זיך ערוועקט אין איהר האַרץ מוטערליכעס צו איהם.

— ניין — האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, שמייכלענדיג גאָר ערנסט.

— און פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? וואָס איז מיין לעבען אָהן דיר? ווער בין איך אָהן דיר? דו האָסט דאָך פון מיר אַלעס גע־מאַכט, דו האָסט דאָך מיר צוריקגעגעבען דאָס, וואָס איז אין מיר. דו האָסט דאָך מיך געמאַכט גלויבען אין זיך. און ער האָט זיין קאָפּ אַריינגעלעגט אין איהר, און זי אַרומגענומען ביי די פיס מיט זיינע שטאַרקע צוויי הענד.

זי האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ פון איהר שויס אַרויס און איהם ערנסט אַריינגעקוקט אין פנים מיט איהרע צוויי גרויסע בע־טרעהרטע אויגען.

— איז עס וואָהר, וואָס דו זאָגסט, כאַסקעל?

— וואָס בין איך אָהן דיר, דבורה? — און ער האָט ווי־דער צוגעבויגען זיין פנים אויף איהר שויס.

— כאַסקעלשי, כאַסקעלשי! — האָט זי איהרע פינגער

דורכגעפיהרט צווישען זיינע געדיכטע האָהר און איהרע טרעהרען האָבען געקאַפּעט אויף זיינע געדיכטע האָר.

— און פאַרוואָס בין איך וויעדער אַזוי טרויעריג? איך בע־דאַרף דאָך פרעהליך זיין! — האָט זי געזאָגט ווי פאַר זיך.

— אז דו וואָלסט מיך ליעב געהאַט, וואָלסטו זיך געפרעהט, דבורה. מיר פאָהרען דאָך ביידע אַוועק נאָך אייראָפּאַ. דו פער־שטעהסט, צי ניין? מיר ביידע...

זי האָט איהר קאָפּ אַרויפגעלעגט אויף זיינע האָהר, און איינ־געוויעגט זיך אַליין, ווי מען וויעגט אַ קינד:

— כאַסקעל, כאַסקעלשי — האָט זי געזאָגט — נאָר מיר „ביידע" אַליין?

— מיר ביידע, מיר ביידע, קיינער נישט, נאָר מיר ביי־דע — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט.

זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין זיינע אָרעמס...

און עס האָט זיך וויעדער אָנגעהויבען אַ נאַכט פון ליידענ־שאַפטליכער פערגעסענהייט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אז די נאַכט מיט דעם אויסגעשטערנטען הימעל שיינען אַריין דורך דעם באַלקען פון זייער שטוב. ער האָט זי וויעדער געטראָגען אין זיי־נע אָרעמס... ער איז געזעסען אַ האַלב נאַקעטער ביי איהרע נאַ־קעטע פיס און האָט אָנגעהויבען אויסצומאָלען אין קלאָרע לעבע־דיגע בילדער זיין קינפטיגעס לעבען, ווי זיי פאָהרען צוזאַמען אויפ׳ן ים, ווי זיי וואוינען ביידע אין פאַריז אין אַ קליין שטיבעל. ערגעץ אויף מאַמפּערנאַס, וואו אַלע קינסטלער וואוינען. ווי זיי דרעהען זיך אַרום צוזאַמען איבער די פאַריזער בולווארען, זיצען אין קאַפע־הייזער צוזאַמען מיט קינסטלער פון דער גאַנצער וועלט; בערייזען אייראָפּאַ, זעהען מוזעאומס, גרוי־סע און אַלטע שטעדט, צוויי יאָהר, צוויי יאָהר אָהן זאָרג, אין ליכט און פרייד. זיי האָבען זיך ביידע געזעהען ווי צוויי טראָ־פּענס ליכט אין אַ ים פון גליק... אין פאַריז — פאַריז האָט גע־פונקעלט און געשטראַהלט און געגליהט פון דערווייטענס, ווי אַ גליה־וואָרעם פון דער נאַכט אַרויס, פון זיין צוקונפט.

פאַרוואָס נישט? האָט זי אָנגעהויבען איינצורעדען זיך... עס

האָט זיך געדוכט, ווי אויף איין מינוט האָט דבורה פעריאָגט מיט געוואַלד די אָרימקייט, וואָס האָט שווער געהויכט אויף איהר. די האָט מיט אַ שטאַרקער קראַפט אַראָבגעוואָרפען פון איהרע פּליי-צעס די פליכט, וועלכע איז שווער געלעגען אויף איהר. „פּאַר-וואָס טאָר איך נישט האָבען קיין רעכט אויף קיין גליק? פּאַרוואָס קומט דאָס מיר נישט אַזוי ווי אַנדערע?“...

און בוכהאָלץ האָט זי געצויגען. געצויגען פון איהר אומעט און יאוש מיט די כשוף-שטריכען פון זיין פאַנטאַזיע.

ער האָט אָנגעהויבען צו מאָלען פאַר איהר זיינע פּראָיעק-טען, ווי ער אַרבייט איבער גרויסע ווערק, די זאָרגלאָזיג-קייט און די קינסטלערישע אַטמאָספערע. אָנגעשטעקט פון גרויסע קונסט-ווערק, וואָס ער האָט געזעהן; אויפגעמונטערט צו זיין שאַ-פען דורך דבורה'ס בעגייסטערונג — ווערען געבוירען גרויסע ווערק.

— דו בעגייסטערסט מיך מיט דיין בעגייסטערונג, מיט דיין גלויבען אין מיר. איך בין שוין גאָרנישט געווען, ביזטו געקומען צו מיר און דו האָסט מיר אָנגעוויעזען אויף זיך אַליין. און ווען קיינער האָט נישט געגלויבט אין מיר, האָסטו געגלויבט אין מיר.

זי האָט עס שוין מעהר נישט געקאָנט אויסהאַלטען. פון איה-רע אויגען האָבען ווידער אָנגעהויבען צו שפּראָצען טרעהרען.

— און פאַרוואָס שרעקט זיך אין מיר מיין האַרץ אַזוי? און פאַרוואָס גלויב איך נישט, אַז עס וועט אַזוי זיין? — האָט זי געזאָגט, אויסשפּרייטענדיג איהרע הענד אין פרעגען.

— גלויב, גלויב, גלויב! — האָט ער אויסגעקושט איהרע געזאַלצענע אויגען.

— אָדער עס וועט אַזוי זיין, אָדער גאָרנישט — האָט זיך בוכהאָלץ אויפגעהויבען פון זיין אָרט און געזאָגט מיט אַ פייער-ליכען טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט אַ הייליגע שבועה געשוואוירען.

און דבורה האָט געגלויבט.

צומאָרגענס האָט ער זי נישט אָבגעלאַזט. זי האָט באַלד אין

דערפריה געמוזט זיך אָנטהאָן און אַרויסגעהן מיט איהם און איינ־קויפען זיך זאַכען צו דער רייזע (וואָס ער האָט עס ביז איצט אייגענטליך געהאַט פערגעסען צו טהאָן). ער האָט געקויפט קליי־דער, וועש, און גענויט דבורה׳ן צו קויפען נוצליכעס און אוננוצ־ליכעס. געפרעהט זיך מיט יעדען איינקויף און פאַרגעשטעלט די גויטוועגדיגקייט און די נוצליכקייט פון יעדער זאַך צו דער ריי־זע. און דורך זיינע ווערטער און פרייד האָט דבורה ביסלעכווייז אָנגעהויבען זיך איינצולעבען אין איהר געדאַנק מיט דער רייזע. עס זענען געוואָרען פעריאָגט דורך דעם כשוף פון זיינע ווערטער אַלע ספקות און צורינען די יאוש׳ן. און דאָס נייע לעבען, וואָס שטעהט איהר פאָר, האָט אָנגעהויבען אַרויסצושיקען זיינע ליכטיגע שטראַהלען און געהאָלפען זי אַריינציהען אין אַן אַנדערער וועלט, אין וועלכער זי האָט געפיהלט ווי נישט צו איהר בעלאַנגט עס...

נאָכ׳ן איינקויפען האָט זי בוכהאָלץ מיטגענומען אין די גאַ־לעריעס אַריין, וואו זיין אויסשטעלונג בעדאַרף זיך עפענען אין אַ פאָר טעג. אין די גאַלעריעס האָבען זיי שוין געטראָפען מיס פוירסטער. זי איז געשטאַנען מיט אַ פאָר רעפאָרטערס פון ציי־טונגען און זיי בעגייסטערט פאר בוכהאָלצ׳ס ווערק מיט איהרע קליינע, ווייסע צעהן, וואָס האָבען אַרויסגעלויכטען פון איהר שמייכעל און מיט איהר ליעבענסווירדיגקייט. דבורה האָט גע־קוקט אויף איהר און געזעהן, וואָס זי טהוט פאר בוכהאָלצ׳ן, און געטראַכט זיך, ווי גוט זי איז און זי איז איהר דאַנקבאַר געווען. און נישט געוואוסט ווי איהר דאַנקבאַרקייט אויסצודריקען. דבורה האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס און געפיהלט זיך פרעמד און פערלעגען אין די גרויסע, רייכע צימערען, וואו בוכהאָלצ׳ס ווערק זענען געשטאַנען. מיס פוירסטער האָט זי אָבער בעמערקט און איז צוגעקומען צו איהר און זי אַרומגענומען און געפיהרט זי אין אַ ווינקעל אַריין און געפרעגט זי:

— נו ביזט שוין גרייט צו דער רייזע, קליינע דבורה?

— יאָ, בוכהאָלץ קויפט מיר זאַכען — האָט דבורה געזאָגט פערלעגען — נאָר איך ווייס נישט. מיר דוכט זיך...

— וואָס, קליינע דבורה?

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס מיר קומט דאָס — האָט דבורה געזאָגט.

— עס קומט דיר, קליינע דבורה, עס קומט דיר. דו האָסט שווער געאַרבייט דערויף.

דבורה איז געריהרט געוואָרען פון איהרע רייד. זי האָט זי אָנגעקוקט און געזאָגט, אָהנע איבערצוקלעהרען:

— איהר דאַרפט פאָהרען קיין פאַריז מיט בוכהאָלצ'ן. איהר זענט אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע.

— איך? — האָט מיס פוירסטער געלאַכט פערלעגען — מיך וועט בוכהאָלץ נישט מיטנעהמען. איך בין נישט זיין געליעבס־טע, אָ, קליינע, זיסע מיידעל, — האָט מיס פוירסטער דבורה'ן אַרומגענומען געריהרט.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל

די אויסשטעלונג

און דאָן איז געקומען דער גרויסער טאָג פון דער אויסשטעלונג. די צייטונג, וועלכע האָט ענטדעקט בוכהאָלצ׳ן, איז געווען פעראינטערעסירט צו מאַכען פון דער אויסשטעלונג אַ גרויסען ערפאָלג. מר. דייוויס, דער קונסט-קריטיקער, איז אודאי געווען פאַר בוכהאָלצ׳ן און זיין אויסשטעלונג. דורך דעם איז צו דער אויסשטעלונג געקומען אַ גרויסער עולם. פּראָמינענטע מענשען, קינסטלער, קונסט-פריינד, פיין-שמעקער, קריטיקער און גלאַט אינטעליגענטען, אַלע זענען געווען בייגעריג צו זעהן דעם נייעם גרויסען שטערען, וואָס איז אויפגעגאַנגען אויף דער איסט-סייד. עס זענען אויך געווען אייניגע כלל-טהוער, פּאָליטישענס פון דער איסט-סייד, וועלכע האָבען דערפון געוואָלט מאַכען אַ אידישע „אַפּערע”. ענדליך איז מיט זיין גרויסען אויטאָמאָביל צוגעפאָהרען דער פילאַנטראָפּ אַליין, וועלכער האָט געגעבען בוכהאָלצ׳ן דעם סטיפּענדיום, מיט זיין סעקרעטאַר, און די ליידי „סאָשעל וואָרקער”. אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז דער מיליאָנער שיקט דעם קינסטלער אויף צוויי יאָהר קיין אויסלאַנד, און אַלע האָבען געפּרואווט זיך צו׳חנפ׳ענען צום מיליאָנער, און מען איז געווען גליקליך, אַז ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

ווי יעדער נייער ענטדעקטער „שטערען” האָט בוכהאָלץ נאָך נישט געהאַט קיין שונאים, און אַלע זענען געווען זעהר גוט אויפ-

געלעגט צום נייעם קינסטלער און איינער דעם אנדערען האָט איבערגעשטיעגען אין בעגייסטערונג.

די גאַלעריע איז געווען זעהר יום-טוב'דיג דעקאָריערט מיט פּאַלמען און בלומען, פאר וועלכע עס האָט געזאָרגט מיס פּוירס־טער. צווישען די פּאַלמען האָט זיך אויפגעהויבען „שמשון" מיט זיינע מעכטיגע פּלייצעס, מוסקוליערטען רוקען, שטאַרקע ברוסטען און נאַאיווען, לאַכענדיגען פּנים. דער „אדם" מיט זיינע צושפּריי־טע הענד, אין וועלכע די ענטוזיאַסטישע בעזוכער האָבען געפּרוּאווט אַריינטייטשען פערשיעדענע סימבאָלען; אַנדערע, קלענערע אַרבּיי־טען — קעפּלעך, טיילען פון אַקטען; און פון פראַנט, בעשטעלט צווישען גרויסע כריזאַנטעמען, איז דערשינען „די מוטער", וועלכע, ווי ס'האָט זיך געדוכט, שטייגט אַרויס פון די בלומען. דאָ, אין דעם ברייטען ליכט פון טאָג-בעלויכטענעם דאַך, האָט די סטאַטוע געקראָגען איהר ריכטיגען אויסדריק. דאָס מיידעל מיט דעם פריי־ען, דרייסטען פנים, וועלכע האָט איצט גאַנץ קלאָר אויסגעזאָגט איהר עהנליכקייט צו דבורה'ן, מיט איהרע צושויבערטע, געלאָקטע האָהר און מיט די גרויסע אויגען, וואָס קוקען אַרויס פון די האָהר — האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט געגאַנגען און שיקט פאַר זיך איהר קליינעם, נאָר פולען, קערענדיגען בויך, וועלכער איז געווען שפּי־ציג, אַזוי ווי זי וואָלט געווען געטראָגען... און אַזוי ווי זי ווייסט, אַז זי טראָגט, און זי איז געווען שטאָלץ דערויף, האָט זי איהר בויך פאָראויסגעשיקט פאַר זיך... איהרע אויגען, אָפענע, האָבען געקוקט דרייסט און מיט שטאָלץ, ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס גע־גרויסט. איהר קליין מויל פערשניערט, די ליפּען צוזאַמענגעביסען אין אַ גרימאַסע פון צער, אַזוי ווי זי וואָלט געפיהלט די וועהטאָג פון די וועהען... און דאַן איהרע צושפּרייטע, האַלב־רונדע פּיס, אַזוי ווי זי וואָלט איצט דאָס קינד פערלויערען... זעלבסטפערּ־שטענדליך, איז אַלעמען בעסער געפעלען געוואָרען דער „שמשון". דאָס האָבען זיי פערשטאַנען. נאָר מבינים און קריטיקער האָבען גע־זאָגט, אַז די „מוטער" איז אַ געניאַלעס ווערק. אַזוי האָבען געשריע־בען די צייטונגען און אַזוי האָט דער בעריהמטער קונסט־קריטיקער, מר. דייוויס, ערקלערט. און אַלע האָבען זיך אַם לענגסטען אָבגע־

שטעלט ביי דער פיגור און מורא געהאַט נישט צו פֿערראַטען זייער און׳מבינות, האָבען זיי זיך פֿאַר איהר בעגייסטערט און אויסגעדריקט בעוואונדערונג.

די בעל־הבית׳טע פֿון דער אויסשטעלונג איז געוועזן מיס פֿוירסטער. זי האָט עס געמאַכט אַזוי נאַטירליך און אַזוי זעלבסט־פֿערשטענדליך. אָנגעטהאָן אין אַ בלויען סאַמעטענעם קלייד מיט אַ טיעפֿען אויסשניט, פֿון וועלכען עס האָט אַרויסגעקוקט דאָס דונקעל־ראָזעווע ליכט פֿון איהר שעהנעם, פֿולען בוזעם, נאַקעטען, קליינעם האַלז און שעהנעם, שטאָלצען קאָפּ, וועלכער איז געוועזן גלאַטיג, שייטעל־אַרטיג פֿערקעמט אין אַ שאַרפֿען שרונט. איהרע נאַקעטע הענד, ביז צו די פּלייצעס, האָבען אויסגעזאָגט פֿון דער ראָזעווער פֿוכעוודיגקייט פֿון איהר קערפּער. אין איהרע כינעזישע פּיסלעך, אין קליינע שיכלעך, מיט העלע זיידענע זאָקען, האָט זי, חנ׳עוודיג־שמייכלענדיג, די געסט אויפֿגענומען און אַרומגעפֿיהרט זיי צו די סקולפּטורען, פֿערטייטשט און ערקלערט דאָרט, וואו מען האָט בעדאַרפֿט, און פֿערשוויגען דאָרט, וואו מ׳האָט בעדאַרפֿט. זי האָט דעם פֿערשעהמטען, צוריקגעהאַלטענעם קינסטלער, וועלכער איז געשטאַנען אַ פֿערלוירענער אין אַ ווינקעל מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, און נישט געוואוסט, וואו אַהינצוטהאָן זיינע גרויסע הענד, און געפֿיהלט זיך אונבעקוועם אין דעם נייעם אַנצוג, וואָס ער האָט געטראָגען, און ענג אין די נייע שיך און האָט שטענדיג געהאַלטען איין פֿוס אויפֿ׳ן אַנדערען), — אַרויסגעצויגען פֿון זיין בעהאַלטענעם ווינקעל און פֿאָרגעשטעלט, פֿאַר וועמען מען האָט בעדאַרפֿט, און נישט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דעם, וואָס מען האָט נישט געדאַרפֿט... און אַז דער פֿילאַנטראָפּ האָט אויסגעדריקט זיין וואונש, אַז ער וויל זעהן דעם קינסטלער און איהם גליק ווינשען, האָט מיס פֿוירסטער צוגעפֿיהרט בוכהאָלצ׳ן צום מיליאָנער. וועלכער איז געשטאַנען מיט מר. דייוויס (וועלכער איז געוועזן זיין בעגלייטער אויף דער אויסשטעלונג), און צו איהם געזאָגט מיט אַ רייך שמייכעלע:

— דאָס איז אונזער קינסטלער, דער שטאָלץ פֿון דער איסט־סייד, און דאָס „רייכע״ שמייכעלע, וואָס קאָגען קאָנען עס נאָר

די רייכע, איז אַרויסגעקומען אַזוי נאַטירליך פון איהר קליינעם מויל. עס האָבען געגעבען אַ גלאַנץ איהרע געפוצטע קליינע ציינדלעך און דערביי האָט זי קאָקעטיש אַ וואָרף געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

בוכהאָלץ איז רויט געוואָרען. נאָר בשעת־מעשה האָט ער געפיהלט מיס פוירסטער'ס נאַקעטען אָרעם אין זיינעם און האָט איינגעאָטהעמט דעם נעלקען־דופט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר בוזעם. און דאָס איז ביי איהם געווען מעהר ווי די גאַנצע אויסשטעלונג מיט'ן פילאַנטראָפּ און מיליאָנער צוזאַמענגענומען. וואָלט ער נאָר געקאָנט אַראָבוואַרפען פון זיך די ענגע שיך — האָט ער געטראַכט — און נעהמען אָט דעם שטייפען קראַגען, וואָס האָט איהם געדריקט און אויפרייסען — וואָלט שוין גאָר גוט געווען, און מעהר וואָלט ער נישט געדאַרפט.

דער פילאַנטראָפּ האָט איהם געגעבען די האַנד, געוואונשען גליק און געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז בוכהאָלץ וועט מאַכען גוטע נוצען פון זיין צייט, וואָס ער וועט זיין אין אייראָפּאַ.

בוכהאָלץ האָט געשוויעגען און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און איך וועל זיין זעהר צופריעדען צו הערען יעדעס מאָהל פון פראָגרעס, וואָס איהר מאַכט — האָט דער מיליאָנער צוגעלעגט.

בוכהאָלץ האָט געשוויעגען, נאָר צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און אַז איהר וועט צוריקקומען, וועט איהר געפינען איי־ער „שמשון" אין מיינע גערטנער אין לאָנג ברענטש. איך האָף, אַז איהר וועט נישט זיין אונצופריעדען דערמיט. מר. דייוויס וועט שוין אַלעס אַראַנזשירען.

בוכהאָלץ האָט איהם אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען.

— איך בין זיכער, אַז עס איז אַ שטאָלץ פאַר מר. בוכהאָלצ'ן, פאַר אַזאַ יונגען קינסטלער, ווי ער איז, צו האָבען זיינס אַ ווערק צווי־שען אייער בעריהמטער קאָלעקציע — האָט מיס פוירסטער געענט־פערט פאַר איהם זעהר געריהרט, און בוכהאָלץ האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

דער מיליאָנער האָט איהם די האַנד געגעבען און געוואונ־שען איהם אַ „באָן וואָיאַזש" און פערלאָזט די אויסשטעלונג.

מרס. פוירסטער האָט פערלאָזט בוכהאָלצ׳ן און איז צו צו די רעפּאָרטערס, זיי מיטצוטיילען מיט בעגייסטערונג די נייעס, און באַלד איז בעקאַנט געוואָרען איבער דעם זאַל, אַז דער מיליאָנער האָט אָבגעקויפט דעם „שמשון" פאַר זיין גאָרטען אין לאָנג ברענטש, און די נייעס האָט אַרויסגערופען גרויס בעגייסטערונג צווישען די בעזוכער אויף דער אויסשטעלונג, און אַלע האָבען בוכהאָלצ׳ן גע־וואונשען גליק, און עפּעס אויך מיס פוירסטער...

מיס פוירסטער איז צוריקגעקומען צו בוכהאָלצ׳ן, וועלכער האָט זיך ווידער בעהאַלטען אין זיין ווינקעל, און האָט איהרע נאַקע־טע, לייכטע הענד אַרויפגעלעגט אויף זיין אַקסעל.

— מיר דוכט זיך, אַז איהר זענט געבוירען געוואָרען אין אַ זיידען העמדעל, בוכהאָלץ — האָט זי געזאָגט, קוקענדיג איהם אין פּנים אַריין מיט אַן אויפריכטיגער פריוד — באַלד ביי דער ערשטער אויסשטעלונג צו האָבען אַזאַ ערפאָלג!

בוכהאָלץ האָט עפּעס ווי אָהן זיין וויסען אויסגעשטרעקט זיין האַנד נאָך איהרער. זי האָט איהם גערן געגעבען איהר האַנד און געזאָגט געריהרט:

— איך גראַטוליער אייך מיט׳ן גאַנצען הארצען. איך גלויב, אַז איהר האָט עס אמת פערדיענט.

בוכהאָלץ האָט לענגער געהאַלטען איהר קליינע האַנד אין זיין האַנד און געקוקט אויף איהרע קליינע פינגער.

— די נשמה אייערע איז אַרויסגעגאַנגען פון אייך און האָט זיך בעזעצט אויף אייערע שפּיץ־פינגער — האָט ער געזאָגט, בעמוטהיגט פון ערפאָלג.

זי האָט זאַכט, נישט געאיילט, אַרויסגעצויגען איהרע קליי־נע, קאַלטע פינגער פון זיין וואַרימער האַנד און איז רויט געוואָ־רען איבער׳ן גאַנצען קערפּער.

דאַן האָט זי פּלוצלינג בעמערקט, ווי די קליינע דבורה שטעהט פערשטעקט אין אַ ווינקעלע און קוקט אויף זיי, האָט זי

זיך פלינק צוגעאיילט צו איהר:

— וואו ביזטו געוועןְ? איך זוך דיך שוין אַרום די גאַנצע צייט!

דבורה האָט אייגענטליך נישט געוואָלט געהן אויף דער אויסשטעלונג. זי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיהל, אַז זי וועט זיך דאָרט פיהלען פרעמד און אומבעקוועם. האָט זי זיך דען נישט געפרעהט מיט בוכהאָלצ'ס ערפאָלג? האָט זי דען נישט געוואַרט דערויף? געהאָפט? און געגלויבט, אַז דער טאָג וועט קומען? — און, אַז ער איז געקומען, וויל זי זיך אויסבעהאַלטען פון איהם. אָבער בוכהאָלץ איז געוועזען פון פאַרטאָג אָן אַזוי אויפגערעגט, און ער האָט זי אַזוי געבעטען, אַז זי זאָל מיטקומען, האָט זי נישט געהאַט קיין האַרץ איהם אָבצוזאָגען. ער האָט זיך געפיהלט ווי פערלאָזען און פערלוירען און נישט געוואוסט, ווי עס וועט אַרויסקומען. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז די גאַנצע אויסשטעלונג וועט זיין אַ שרעקליכער דורכפאַל, אַז מענשען וועלען זעהן זיינע קלעבעכצען, וועלען זיי לאַכען, און מען וועט ערשט זעהן, אַז ער איז אַ גאָרנישט. אַלע וואָס האָבען נאָר געזעהן זיינע זאַכען, האָבען זיי דאָך גערימט, און די צייטונגען האָבען דאָך שוין געשריעבען דערפון. דאָך האָט ער נישט געגלויבט, אַז עס איז עפּעס טאַקי, אַז עס וועט נישט זיין קיין מענשענס געלעכטער. ער האָט געקוקט אויף דבורה'ן. אַז זי האָט געפיהלט, אַז ער בעדאַרף זי, האָט זי זיך אָנגעטהון, אַז וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכען, זאָל זי זיין נעבען איהם. זי האָט זיך אָנגעטהאָן, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט, אין דעם נייעם שוואַרץ-זיידענעם קלייד, וואָס בוכהאָלץ האָט איהר געקויפט, און אַרומגענומען איהר „ציגיינערישׂ" טיכעל. וואָס בוכהאָלץ האָט אַזוי גערן, אָנגעהאָנגען אויף זיך די פערשיעדענע קרעלען, פערקעמט זיך די געדיכטע לאָקען, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט, און זי איז געגאַנגען אויף דער אויסשטעלונג. אָבער אַריינקומענדיג אויף דער אויסשטעלונג, האָט זי דערזעהן אַזוי יעל מענשען, און אַזעלכע וואַזשנע לייט, אַז זי האָט זיך באַלד געפיהלט פרעמד און איבעריג. בוכהאָלץ איז דאָך באַלד געוואָרען אוועקגעריסען פון איהר. ער האָט דאָרט דאָך געמוזט זיין מיט

די „וואַזשנע“ לייט, האָט זי זיך פערקליעבען אין אַ בעהאַלטען ווינ־קעל, אַז עס זאָל זי קיינער נישט אַנזעהן, און געשטאַנען.

זי האָט בעטראַכט די מיס פוירסטער, און געזעהן, ווי די מיס פוירסטער פּאָרעט זיך, ווי שעהן זי איז אָנגעטהון און ווי זי גליהט און בליהט פון בוכהאַלצ׳ס אויסשטעלונג, און ווי זי נעהמט אויף די געסט, און ווי זי שמייכעלט צו אַלעמען און מאַכט פריינדליך אַלעמען. דאָס ערשטע געפיהל איז געווען דאַנקבאַרקייט. געטראַכט זיך: פאַרוואָס טהוט זי דאָס אַלעס? וואָס פאַר אַ גוטע זי איז! דערנאָך איז געקומען אַביסעל קנאה און געגריזשעט, און געטראַכט זיך: וואָס האָט מען בעדאַרפט די גאַנצע אויסשטעלונג? און דער־מאָנט זיך זייער צוזאַמענלעבען בעפאַר, ווי זי האָט געאַרבייט, און בוכהאַלץ האָט זיך אַוועקגעשאָנקען זיין קונסט. „מיר וואָלטען דאָך גליקליכער געווען אָהן דעם“, און פערדרוס געהאַט, פאַרוואָס עס עס איז איינגאַנצען צו דעם געקומען. אָבער באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אָן בוכהאַלצ׳ן און געזאָגט צו זיך: „וואָס קאָן איך בע־האַלטען בוכהאַלצ׳ן פאַר מיר אַליין? פאַר מיר אַליין איז ער דען בעשאַפען געוואָרען? ווי נאַריש איך בין.“ נאָר געגען דעם גע־פיהל פון קנאה צו מיס פוירסטער האָט זי זיך נישט געקאָנט העל־פען: יאָ, זי האָט זי מקנא געווען, פאַרוואָס זי קאָן זיך אַזוי שעהן אָנטאָן, און אַזוי פיין רעדען, און אַזעלכע חנ׳דעלעך מאַכען און אַזוי אומגעהן מיט מענשען און אַזוי פיעל קאָנען העלפען בוכ־האַלצ׳ן. „ווער האָט מיך געלערענט?“ האָט זי געזאָגט, און רחמנות געהאַט אויף זיך אַליין, דערמאָנענדיג זיך די אָרימקייט, פון וועל־כער זי קומט אַרויס.

אין האַרץ איז וואַרים געוואָרען, און די אויגען האָבען זיך אָנגעהויבען צו פינקלען עפּעס. אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאַלטען, און אויסגערעדט זיך: „וואָס פאַר אַ שלעכטע איך בין! זי העלפט אַזוי פיעל בוכהאַלצ׳ן; זי האָט געקראָגען פאַר איהם די הילף. זי האָט געמאַכט פאַר איהם די אויסשטעלונג, און זי מאַכט די מענ־שען אַזוי פריינדליך צו איהם. און איך בין אַזוי שלעכט צו איהר, איך האָב אַזעלכע שלעכטע געדאַנקען וועגען איהר.“ אָבער געגען דעם געפיהל פון קנאה, פאַרוואָס זי קאָן דאָס אַלעס נישט טהאָן,

פאַר בוכהאַלצ׳ן, נאָר אַן אַנדערע, געגען דעם געפיהל האָט זי זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבען. עס האָט זי איינגאַנצען בעהערשט און זי איז רויט געוואָרען, בייז, און געביסען די ליפען:

— אַז נישט בעדאַרפט האָט מען דאָס אַלעס. אָהן דעם וואָלט אפשר פאַר בוכהאַלצ׳ן פיעל בעסער געווען — פרואווט זי זיך איינרעדען.

אָבער אין הארצען ווייסט זי, אַז עס איז נישט אַזוי, אַז בוכ־האַלץ בעדאַרף דאָס. אַז אַ קינסטלער קאָן אָהן דעם נישט לעבען. זי האָט איהם געזעהן פריהער און זעהט איהם איצט, ווי ער פרעהט זיך ווי אַ קינד מיט דער רייזע אין איירָאָפּאַ, און ווי ער האָט גע־ציטערט צו האָבען די אויסשטעלונג, און געקלערט וועגען איהר די גאַנצע נעכט. און אָהן צו וויסען קומט אַרויף צו שווימען אַ גע־דאַנק, וועלכער מאַכט זי ציטערען: מיס פוירסטער וואָלט דאָך גע־ווען פאַר בוכהאַלצ׳ן אַ גוט ווייב. זי וואָלט איהם געקאָנט העלפען אין זיין לעבען. וואָס קאָן איך איהם העלפען? וואָס קען איך טהאָן פאַר איהם? אַלץ, וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך דאָך שוין גע־טהאָן. איצט בעדאַרף ער מיך שוין נישט, און ער וועט זיך פיהל־לען אונגליקליך מיט מיר. וואָס וועל איך איהם קאָנען זאָגען וועגען קונסט? מיס פוירסטער איז אַזוי געבילדעט און ווייסט אַזוי פיעל, און זי קאָן איהם אַזוי פיעל העלפען, זי קאָן אַזוי פיעל טהאָן פאַר איהם.

און אָהן צו וויסען קומט איהר פאַר, ווי בוכהאַלץ איז נישט איהר מאַן און זי איז נישט זיין ווייב, נאָר ער איז איהר׳ס אַ ברו־דער, איהר׳ס אַ נאָהנטער, נאָהנטער פריינד, און זי קלערט וועגען איהם, ווי עס וועט בעסער זיין פאַר איהם. און פערגלייכענדיג זיך מיט מיס פוירסטער, קומט זי דאָך צום בעשלוס, אַז בוכהאַלץ דאַרף גיכער מיט יענער אַוועקפאָהרען אין איירָאָפּאַ איידער מיט איהר... מיס פוירסטער, מיט איהר בילדונג, מיט איהר שעהנקייט, מיט איהר גוטסקייט, און זי ווייסט ווי מיט מענשען אומצוגעהן. בוכהאַלץ וועט זיין אַזוי גליקליך מיט איהר.

— גאָט, גאָט, וואָס פאַר אַ געדאַנקען האָב איך, פון וואָס

קלער איך! ניין, ניין, עס איז נישט אַזוי. איך בין אַ שלעכטע און אַ מיאוסע.

— עס איז מיין בוכהאַלץ און איך וועל נישט לאָזען איהם אַוועקנעהמען. איך, איך האָב איהם געפונען פאַר מיר, איך האָב איהם געזעהן, ווען קיינער, קיינער האָט איהם נישט געזעהן. ער האָט עס אַליין געזאָגט, אַליין — אָהן מיר וועט ער אונגליקליך זיין, וועט גאָרנישט קאָנען טהאָן. ער האָט עס אַליין געזאָגט, אַליין — טרייסלען זיך איהרע ליפען.

— וועט ער טאַקע אונגליקליך זיין אָהן מיר, ווען ער וועט זיין מיט איהר? — עגבערט עפעס אין קאָפּ, און דאָס האַרץ ציהט זיך צוזאַמען. אין דעם דערזעהט זי מיס פוירסטער און זי לאַכט צו איהר אַזוי פריינדליך, אַז אַלע ספקות צורינען אונטער איהר שמייכעל.

— וואו ביזטו דאָס געווען, קליינע דבורה? איך האָב דאָך דיך גאָרנישט געזעהן.

— מוזט היינט קומען צו מיר מיט בוכהאַלצ'ן. איך מאַך אַ פּאַרטיע צו פייערען בוכהאַלצ'עס ערפאָלג. דו מוזט קומען דורכ־אויס, אַלע אונזערע פריינד וועלען זיין: מאַשקאָוויטש, פרייער, און איך האָב איינגעלאַדען נאָדעל'ן, און נאָך אַ סך נייע פריינד, וואָס בוכהאַלץ מוז קאָנען.

דערווייל דערזעהט זי ווענען אַריינקומען אין זאַל.

— ענטשולדיג, קליינע דבורה, איך מוז בוכהאַלצ'ן פאָר־שטעלען פאַר דעם מיסטער. ער איז אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג. ער קאָן פיעל טהאָן פאַר בוכהאַלצ'ן. אויף וויעדערזעהן, ביז היינט אָווענד. — און זי געהט פלינק אַוועק מיט איהרע קליינע טריט און נעהמט בוכהאַלצ'ן וויעדער אונטער איהר נאַקעטען אָרעם און פיהרט איהם צו צום אַריינקומענדיגען הער.

— אויף אַן אָווענד צו איהר וועל איך נישט געהן, — מאַכט זי אָב ביי זיך. — ווי זי האָט דאָס אויסגעכאַפּט...

עס ווערט איהר טרויעריג, כאָטש זי האָט דאָך גאָר קיין גרונד נישט, און פערשווינדט נישט־בעמערקט פון זאַל. זי קומט אַרויס אויף דער גאַס. די פינפטע עוועניו איז בעלעבט, אויטאָמאָ־

בילען פאָהרען אַהין און צוריק, מענשען געהען אַהין און צוריק, און די זון שיינט אַזוי ליכטיג און יום־טוב׳דיג. און זי איז דאָך אַ פרייער מענש, זי בעדאַרף דאָך נישט אַרבייטען און קאָן אויך שפּאַציערען מיט אַלעמען צוגלייך אויף דער פינפטער עוועניו, און זי פאָהרט דאָך באַלד קיין פּאַריז. בוכהאָלץ האָט דאָך אַליין גע־זאָגט. ער האָט דאָך אַזוי הייליג צוגעזאָגט. און דאָך איז איהר טרויעריג. אויבען אין דער הויך, איבער דעם סענטראַל־פּאַרק, וואָס מען זעהט פון דאַנען, איז דער הימעל ברייטער און לענגער. העלע וואָלקענדלעך האָבען זיך פערקלייבען און בלויע וואָלקענד־לעך קומען און פערשווינדען. פאַרוואָס קלערט זי עפּעס וועגען וואָלקען?

מיט אַמאָל ווערט איהר באַנג. אַ טיעפע חרטה נאָגט אין איהר האַרץ, און זי זאָגט צו זיך אַליין:

— הייסט עס, וועט שוין אַזוי זיין; הייסט עס, וועט שוין אַזוי זיין, — חזר׳ט זי איבער דעם זאַץ אין זיך.

— אַז וואָס פאַר אַ נאַר בין איך, — לאַכט זי אַרויס און טרעהרען בעווייזען זיך אין איהרע אויגען.

עס גלוסט זיך איהר צו זיין אַליין, און בעהאַלטען פון מענ־שען. בעהמט זי אַן אויטאָבוס, וואָס געהט איבער דער פינפטער עווע־ניו, און פאָהרט אַהיים.

הייזער, געוועלבער, מענשען, אויטאָמאָבילען קומען און פער־שווינדען; רוישען לעשען זיך, רוישען צינדען זיך אָן, און זי האָלט אין איין איבער׳חזר׳ן אין זיך:

— הייסט עס, אַז עס וועט שוין אַזוי זיין; אַז עס וועט שוין אַזוי זיין.

— אָבער עס קאָן דאָך נישט זיין אַזוי; עס קאָן דאָך נישט, — שפּראַצען ווידער אַרויס נייע טרעהרען, און זי ווישט זיך אָב מיט׳ן טיכעל.

קומט זי אַהיים, וואַרפט זי זיך אויפ׳ן בעטעל און נאָרעט איין איהר פּנים אין געלעגער און ליעגט, און ברומט פאַר זיך:

— פאַרוואָס? פאַרוואָס?

עס געהט אַדורך דורך איהר קאָפּ און אויגען אַלץ, וואָס זי

האָט אַדורכגעלעבט, און עס קומט איהר אויפ'ן געדאַנק דאָס לעצטע — דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דעם „אינסטי־טוט" פאַר איהם.

— עס קאָן דאָך נישט זיין, עס קאָן דאָך נישט זיין.

— פאַרוואָס קלער איך אַזוי? וואָס פאר אַ שוואַרצע גע־דאַנקען האָב איך?

אַז זי וואָלט געקאָנט, וואָלט זי זיך אַליין אויסגעפּאַטשט.

פאַלט איהר עפּעס איין, כאַפּט זי זיך אויף פון בעט, וואַשט זיך אָב, פערקצמט זיך שעהן די האָהר, מאַכט גלייך אויף זיך דאָס קליידעל, און זוכט אויס דאָס שעהנסטע ציגיינערישע טיכעל, וואָס זי האָט, וואָס בוכהאָלץ האָט ליעב, הענגט זיך אָן בייע פּאַטשער־קעס, און זעצט זיך אַוועק וואַרטען אויף בוכהאָלצ'ן.

זי וואַרט אַ ווייליע, אַ האַלבע שעה, אַ שעה, ער קומט נישט. קומען ווידער די שוואַרצע געדאַנקען ווי שוואַרצע פוי־געל און שטעלען זיך אויף איהר קאָפּ, וויל זי זיי פערטרייבען — קאָן זי נישט.

ווערט איהר ווידער טרויעריג, וואַרפט זי זיך ווידער אויפ'ן בעטעל און ליעגט, ליעגט און באָרעט־איין איהר פּנים אין קישען. ביז עס געלינגט איהר ווידער אַוועק־צוטרייבען איהרע שוואַרצע געדאַנקען — וואַשט זי זיך ווידער אויס די טרעהרען, פער־קעמט זיך גלייך, שפּיעגעלט זיך, און זעצט זיך אַוועק וואַרטען אויף איהם.

ענדליך הערען זיך זיינע טריט לויפען איבער די טרעפּען. קלאַפּט איהר האַרץ, ווייסט זי נישט פאַרוואָס.

קומט ער אַריין, אַ שטראַהלענדיגער, — שוין אויפגעקנע־פּעלט דעם שטייפען קראַגען, אויפגעבונדען די שיך, און דעם שניפּס אין דער האַנד...

— איך האָב אָבגעפיהרט מיס פוירסטער אַהיים, — זאָגט ער.

דערנאָך דערמאָנט ער זיך:

— וואו ביזטו געוועזען? מיר האָבען דיך געזוכט. מיר האָבען

געוואָלט אַלע דריי צוזאַמען געהן אויף סאַפּער, נאָר אָהן דיר האָט זי נישט געוואָלט געהן, מיס פוירסטער.

— איך בין געווען אַזוי מיעד, און וואָס האָב איך דאַרט צו טהאָן געהאַט? העלפען דיר האָב איך דאָך נישט געקאָנט אַזוי ווי מיס פוירסטער. איך קאָן דאָך נישט רעדען מיט מענשען אַזוי ווי זי.

— איז זי נישט אַ מענש? — האָסט געדאַרפט הערען ווי זי רעדט מיט זיי! און ווי זי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם מיליאָנער — ווי גלאַטיג און פיין זי האָט דאָס געמאַכט. און אַז זי האָט געשמייכעלט זענען זיי דאָך אויסגעגאַנגען. זענען דאָך אַלע פערכאַפּט געוואָרען פון איהר.

— דו האָסט איהר זעהר פיעל צו דאַנקען. זי האָט זעהר, זעהר פיעל געטהאָן פאַר דיר — זאָגט דבורה.

— דו מיינסט אויך אַזוי? — פרעהט זיך בוכהאָלץ. — אָהן איהר וואָלט דאָך גאָרנישט געווען. זי האָט אַלץ געטהאָן.

— מיס פוירסטער קאָן זעהר פיעל טהאָן פאַר דיר. זי איז דער איינציגער מענש, וואָס קאָן דיר העלפען.

— נישט וואָהר? און האָסט געזעהן איהר קלייד? עס האָט דאָך געשמעקט פון איהר פריהלינג. אַז מענשען קומען אַריין און זעהן אַזאַ פאַרשוין, מיט איהרע אַריסטאָקראַטישע בענעהמונגען — קריעגען זיי באַלד גאַנץ אַנדערען דרך־ארץ, נישט וואָהר?

באַלד דערמאַנט ער זיך אָן עפּעס, און געהט צו צו דער שווייגענדיגער און נאָכדענקענדער דבורה'ן.

— דו ביזט דאָך נישט בייז? הע, דבורה?

— פאַרוואָס זאָל איך בייז זיין?

— ווייל איך רעד אַזוי וועגען מיס פוירסטער.

— מיס פוירסטער איז אַ גוטער און שעהנער מענש. — זאָגט דבורה.

— האָב איך דיך ליעב, דבורה. דו ווייסט אַליין נישט, ווי איך האָב דיך ליעב. — האָט בוכהאָלץ אויסגערופען מיט בעגייסטערונג און האָט זיך אַראָבגעלאָזט פאַר איהר און גענומען זי האַלזען און קושען.

— פאַרוואָס קושסטו מיך אַזוי? — האָט זי געזאָגט מיט פער־
דרוס, איהם ווי אָבשטויסענדיג פון זיך.

— איך האָב דאָך דיך ליעב, נאָר דיך אַליין. נאָר דיך
אַליין.

אָבער דער יאוש איז שוין צוריקגעקומען און האָט זיך אַוועק־
געשטעלט ביי איהר צוקאָפּענס.

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל

די מוטער

אויף דעם אָוועגד צו מיס פוירסטער האָט זי בעשטימט נישט צו געהן. זי האָט ביי זיך אָבגעמאַכט אַ סמן: וועט ער אויך נישט געהן און בלייבען מיט איהר אין דערהיים, איז גוט; אויב נישט, האָט זי נישט געוואוסט, וואָס עס וועט זיין. דורך דעם, אַז ער האָט זי געבעטען, אַז זי זאָל מיטגעהן מיט איהם אויף דער פּאַרטיע וואָס מיס פוירסטער מאַכט פאַר איהם, האָט זי בעשטימט אָבגעזאָגט:

— כאַסקעל, היינט אָוועגד וויל איך, אַז מיר זאָלען צוזאַמען זיין, אונזביידע אַליין, קיינער נישט, נאָר אונז ביידע אַליין, ווי שטענדיג — האָט זי צוגעלעגט אין דער שטיל — אַז מיר האָבען דערלעבט. דער היינטיקער אָוועגד איז... — האָט זי נישט פערענדיקט דעם זאַץ.

— האָסט רעכט, האָסט רעכט — און בוכהאָלץ לויכט אינגאַנצען דערויף — היינט בעדאַרפען מיר טאַקע זיין אַליין, קיינער נישט, נאָר אונז ביידע אַליין.

זי האָט שוין געשוויעגען. אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך דערמאָנט:

— וואָס טהוט מען אָבער מיט מיס פוירסטער? זי ריכט זיך דאָך אויף אונז און זי האָט איינגעלאַדען געסט פאַר אונזערטוועגען.

— קאָנען מיר אַ טעלעגראַם שיקען, אַז מיר פיהלען זיך נישט גוט. שרייב איהר, אַז איך בין קראַנק און דו קענסט מיך נישט פערלאָזען — האָט זי געזאָגט.

— גוט, איך וועל שיקען אַ טעלעגראַמע, אָדער אַ בריעף דורך אַ „שיק-אינגעל״. איך וועל איהר שרייבען, אַז דו פיהלסט זיך נישט גוט, אָדער איך וועל אויסטראַכטען אַן אַנדערען תּירוץ, אַז זי זאָל זיך נישט בעליידיגען אָדער, ווייסטו גאָר וואָס, איך וועל איהר שרייבען, אַז איך בין איינגעלאַדען געוואָרען צום מיל־יאָנער גאָר אומגעריכט. האַ? היינט אָוועטנד וועלען מירביידע צו־זאַמען זיין, וועלען מיר האָבען אַ יום-טוב נאָר פאַר אונז אַליין, נישט וואָהר? און מיר וועלען זיך דערמאָנען אָן די אַלטע גוטע צייטען — האָט ער איהר געקושט אויפ׳ן קאָפּ.

אין אַ מינוט אַרום:

— זי וועט זיך נישט בעליידיגען, וואָס מיינסטו, האַ?

— אַז דו וועסט שרייבען, אַז איך בין קראַנק, און דו קענסט מיך נישט פערלאָזען, וועט זי זיך נישט בעליידיגען.

— גוט, וועל איך שוין אַזוי שרייבען — האָסט רעכט. היינט אָוועטנד בלייבען מיר אַליין. מיר וועלען צוזאַמען אַרויסגעהן אָוועטנד־ברויט עסען אין אַ גוטען רעסטאָראַן. קיינער נישט, נאָר מיר אַליין.

אָבער אַ ביסעל שפּעטער האָט ער זיך אָנגערופען:

— ווייסטו וואָס איך האָב זיך איבערגעלעגט? איך וועל זיי ווייזען, אַז דו, דו אַליין האָסט דאָס אַלעס געטהאָן, און דיר דאַרף איך אַממעהרסטען דאַנקבאַר זיין. וועסט זיך אָנטהאָן אין דעם שעה־נעם ציגיינערישען טיכעל, טהו אָן דיינע אויעררינגלעך און מיר וועלען אהין געהן. מיר וועלען פרעהליך זיין. זיי וועלען דאָך אַלע וואַרטען אויף אונז. עס וועט זיין דער מיסטער גריגאָרי, וועלכער האָט געשריעבען דאָס אַרטיקעל, און נאָך אַנדערע. מען קאָן זיי דאָך נישט בעליידיגען. און מיס פוירסטער וועט דאָך אויסקוקען ווי אַ נאַר. ניין, היינט וועלען מיר שוין אַהינגעהן. אַן אַנדערש מאָל וועלען מיר זיין אַליין.

— ניין, כאַסקעל, איך קאָן ווירקליך נישט געהן. אז דו ווילסט, געה אַליין. איך וועל בלייבען אין דערהיים.

— אָהן דיר געה איך נישט — האָט כאַסקעל בעשטימט געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהר.

אָבער אַז עס איז געקומען די צייט צו געהן, איז בוכהאָלץ געוואָרען אַזוי אונרוהיג, אַזאַ טרויעריגקייט און אַזאַ בענקשאַפט האָט געגאָגט דאָס הארץ... עס האָט זיך איהם אַזוי געגלוסט צו זיין אויף דער פּאַרטיע ביי מיס פּוירסטער, צו זעהן זי נאָך אַמאָל אין דעם בלויען סאַמעטענעם קלייד, אָדער אפשר אין אַן אַנדער קלייד, אַז מען האָט אָנגעזעהן דעם וועהטאָג פון דער בענקשאַפט אויף זיין פּנים. דבורה האָט דערפיהלט זיין בעגעהר אין אַלע זיינע בעוועגונגען און געזעהן זיינע ליידען, און ווי שטענדיג האָט זי נישט געקאָנט גלייכגילטיג זיין צו בוכהאָלצ׳ס ליידען, רחמנות געקראָגען אויף איהם. ער האָט אויסגעזעהען אין איהרע אויגען, ווען ער האָט געליטען, ווי אַן אונבעהאָלפען קינד. און זי האָט נישט געקאָנט איבערטראָגען זיינע ליידען. און ווי עס האָט איהר נישט געוועהטאָגט, זיין וועהטאָג אָבער איז ביי איהר געווען שטאַרקער, און זי האָט איהם אַליין אויפגעפאָדערט:

— כאַסקעל, איך זעה דאָך, אַז דו ווילסט אַהינגעהן, טהו מיר צוליב און געה! איך וועל בלייבען אין דערהיים.

— קום מיט, איך בעט דיך, קום מיט!

— וואָס בעדאַרפסטו מיך?

— איך וויל דיך ווייזען פאַר זיי. איך וויל פאַר אַלעמען ווייזען, אַז דו ביזט די גאַנצע מחותנת׳טע היינט.

— איך קאָן נישט געהן, גלויב מיר, איך קאָן נישט געהן.

— פאַרוואָס ווילסטו מיר נישט צוליב טהאָן? פּונקט היינט, ווען איך בין אַזוי גליקליך, ווילסטו מיר צושטערען מיין שמחה.

זי האָט שוין געוואָלט איצט, אַז ער זאָל געהן אויף דער פּאַרטיע אויף אַלע פאַלען.

— איך בעט דיך, כאַסקעל, געה, וועסט מיר טהאָן אַ גרויס געפעליגקייט, אַז דו וועסט געהן. איך האָב אַזא קאָפּ-וועהטאָג, אַז איך וויל זיך אַוועקלעגען.

— קום מיט. איך בעט דיך, קום מיט — האָט ער זיך געבעטען ווי אַ קינד ביי איהר.

וויפיעל זיין קינדערישע שטימע האָט נישט געמאַכט ציטערען איהר האַרץ, נאָר דאָס נאָכגעבען האָט זי איהם נישט געקאָנט. זי האָט ביי זיך אָבגעמאַכט נישט צו געהן.

— כאַסקעל, איך בעשוועהר דיך, אַז דו מוזט געהן, עס וועט נישט שעהן זיין פאַר מענשען, אַז דו וועסט נישט קומען. מיס פוירסטער האָט אַזוי פיעל געטהאָן פאַר דיר, דו קאָנסט זי נישט בעליידיגען, דו טאָרסט זי נישט בעליידיגען. זי האָט געמאַכט אַ יום-טוב עקסטראַ פאַר דיר און איינגעלאַדען געסט — דו מוזט געהן, און טאַקי שוין.

— און דו וועסט נישט זיין ביין?

— פאַרוואָס זאָל איך זיין ביין? ווייל דו געהסט צו מיס פוירסטער? ווי קינדעריש דו רעדסט.

— איך וועל באַלד אַהיים-קומען, איך וועל נאָר זיין אַביסעל דאָרט, און וועל באַלד אַהיים קומען. דו ביזט היינט אַזוי שעהן דבורה'לעבען! — האָט ער זי געקושט.

— קום, וועל איך דיר פעררינכטען דעם שניפּס. זעהסט אויס אַזוי צושויבערט — האָט זי איהם פעררינכט דעם שניפּס און צו-רעכט געמאַכט די האָהר אויפ'ן קאָפּ.

בוכהאָלץ האָט זיך געאיילט, ער האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט זיין שפּעט.

— וואַרט, נעהם די בלומען — נעהמט זי די פיילכען, וואָס בוכהאָלץ האָט איהר געקויפט אויפ'ן וועג צו דער אויסשטעלונג — און גיב עס מיס פוירסטער און בעט זי איבער אין מיין נאָמען. זאָג איהר, אַז איך האָב נישט געקענט קומען, אַז איך בעט זי זעהר איבער.

— איך וועל איהר זאָגען — האָט זיך בוכהאָלץ אַרויסגעאיילט פון שטוב מיט די בלומען אין דער האַנד.

* *
*

אַז דבורה איז געבליעבען אַליין, איז איהר מיט אַמאָל די גרויסע, ווייטע שטוב פרעמד און פינסטער געוואָרען. זי האָט זיך געפיהלט, אַזוי ווי זי וואָלט נישט געווען אין קיין שטוב, נאָר אויפ׳ן אָפענעם פעלד אין אַ קורזשאַווע שניי, דער ווינד בלאָזט פון אַלע זייטען און זי ווייסט נישט וואוהין צו געהן. אָבער דאָס געפיהל האָט נישט אָנגעהאַלטען לאַנג; עס איז פערטריבען געוואָרען פון אַן אַנדער געפיהל, און די געדאַנקען וועגען זיך זעלבסט זענען אָבגערוקט געוואָרען פון די געדאַנקען וועגען איהם.

— וואָס איז ער שולדיג? — האָט זי געטראַכט — ער איז דאָך אַ קינד, אַן אונבעהאָלפען קינד, וואָס איז ער שולדיג?

און זי האָט זיך פערזעצט אין דער ראָלע פון אַ מוטער צו איהם און אויסגערעכענט, וואָס וועט פאַר איהם בעסער זיין. זעלבסט-פערשטענדליך, האָט זי נישט געקאָנט פערפעהלען איינצוזעהן די בעדייטונג פון מיס פוירסטער פאַר בוכהאָלצ׳ן, און אַזוי ווי זי וואָלט געווען נישט זי אַליין, נאָר עפּעס אַ פרעמדע, וואָס שטעהט פון דרויסען, האָט זי געפּרוּווט מאַכען נאָך אַמאָל אַ פערגלייך צווישען זיך און מיס פוירסטער און געזאָגט אויף זיך מיט בע-דויערען: „וואָס קאָן איך געבען כאַסקעל׳ן, מיין אָרימקייט?"

— געוויס, געוויס, — האָט זי ניכטער געקלעהרט — וועט מיס פוירסטער פאַר איהם נוצליך זיין. ער בעדאַרף זי דאָך האָ-בען; זי וועט פאָהרען מיט איהם אין אייראָפּאַ. זי וועט איהם לערנען שפּראַכען. זי וועט איהם זיין אַן אינטערעסאַנטע בעגליי-טערין; זי ווייסט ווי מיט מענשען אומצוגעהן. און ער וועט דאָך גליקליך זיין מיט איהר, מען זעהט דאָך, אַז ער וויל זיין מיט איהר, אַז ער בענגט נאָך איהר, ווי טרויעריג ער איז געוואָרען, אַז ער איז איבערגעבליעבען אין דערהיים אַליין, ווי פינסטער זיין וועלט.

ביי דעם לעצטען געדאַנק איז געקומען אַן אַנדער געפיהל.

און האָט זי ווידער אין גאַנצען בעהערשט און פעריאָגט די ניכ־טערע אויסגערעכענטקייט. זי האָט ווי אין בליץ געזעהן, ווי כאַס־קעל האַלט אַ רייזע־טאַש און פאָהרט אַוועק מיט מיס פוירסטער אויף אַ גרויסער שיף און זי בלייבט איבער אַליין אויפ'ן ברעג. און אַ בענקשאַפט האָט ווידער אָנגעהויבען צו נאָגען איהר האַרץ, עס האָבען זיך צוזאַמענגעשנורט אַלע איהרע נערווען און ווי עפּעס ווער וואָלט געציטערט אויף אַן אָנגעצויגענער סטרונע, און זי האָט זיך אָנגעהויבען מיט איהרע קליינע הענד צו שלאָגען אין קאָפּ.

— איך האָב דאָך איהם ליעב, איך האָב דאָך איהם אַזוי ליעב! איך וויל איהם נישט אָבגעגעבען קיין אַנדערער, פאַרוואָס, פאַרוואָס?

און ווי אַ טרינקענדער, וועלכער וויל זיך רעטען, האָט זי געזוכט, אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען.

— אָבער וואָס איז אייגענטליך געשעהן? עס איז דאָך גאָר־נישט געשעהן. פון וואַנען ווייס איך, אַז עס איז עפּעס צווישען זיי? זי געפעלט איהם, זי איז אַ שעהנע פרוי, געפעלט זי איהם. אַז ער וועט אַוועקפאָהרען מיט מיר, מיר וועלען זיין ביידע אַליין, וועט ער אפשר פערגעסען אָן איהר. געוויס וועט ער פערגעסען אָן איהר.

אויף אַ ווייל'ע, נאָר אויף אַ ווייל'ע, געלינגט איהר צו פעריאָגען די שוואַרצע געדאַנקען, אָבער באַלד קומט די ניכטערקייט און הויבט איהר אָן צו מאָלען גאָר אַן אַנדער בילד. כאַסקעל איז מיט איהר און בענגט נאָך דער אַנדערער... ווי ער גייט אַרום אַ צו־רודערטער, אַ נערווערזער, ווי ער זיצט מיט איהר און זיינע געדאַנ־קען זענען ערגעץ אַנדערש־וואו. „אַזוי ווי איצט, ווען ער איז גע־זעסען און געבענגט נאָך איהר, און איך האָב איהם צוריקגעהאַל־טען און נישט געלאָזט געהן, ביז ער וועט מיך פיינד קריעגען, פרי־הער זאָל איך שטאַרבען, טראַכט זי זיך, זאָל ער בעסער בענגען נאָך מיר".

און עס הויבט זיך איהר אָן צו מאָלען כאַסקעל, ווי ער איז מיט דער אַנדערער, ער איז שוין אַ בעריהמטער מענש און זי

איז טויט, אָדער זי איז ערגעץ-וואו, און ער ווייסט נישט, וואו זי איז, און ער זיצט אין זיין רייכער סטודיע, און דערמאָנט זיך אָן איהר, אָן דער קליינער דבורה׳ן מיט די פערלאָקטע האָר, ווי זיי האָבעןביידע צוזאַמען געוואוינט, ווי זיי האָבען זיך געקאָכט עסען, ווי זיי זענען ביידע שפּאַצירען געגאַנגען, און קיינער האָט זיי נישט געקאָנט, קיינער. און ער בענגט נאָך איהר, נאָר דער קליינער דבורהן מיט די שוואַרצע לאָקען.

און ווידער שפּראָצען אַרויס טרעהרען פון די אויגען.

— הייסט עס שוין אויף שטענדיג, אויף אייביג — חזר׳ט זי איבער דאָס וואָרט אין זיך.

— ניין, עס קען דאָך נישט זיין, מאַמע קרוין!

זי שרעקט זיך פאַר׳ן וואָרט און עפּעס אַ ניכטערע ביטער־קייט קומט און לעגט זיך אויס אויף איהר.

— איך זעה דאָך, אַז זיין האַרץ איז נישט מיט מיר...

— יאָ, אַזוי מוז עס זיין, אַזוי בעדאַרף עס זיין.

— בענגען, זאָל ער בענגען נאָך מיר — אָהן מיר, איידער ער זאָל מיך פיינד האָבען — מיט מיר.

אָבער דאָס האַרץ לאָזט אַלץ נישט רעזיגניערען.

— אָבער עס איז דאָך נאָך גאָרנישט געווען! עס איז דאָך נאָך גאָרנישט געווען.

און זי וויל זיך אַלץ פאַרשטעלען זייער ווייטערדיג צוזאַמענלעבען, און אַ שווערע קרענק לאַסטעט אויף איהר, ביז ענדליך גיט זי זיך אַ שאָקעל אָב, אַ שטעל אויף און מוטיג אַ צוואַרף די לאָקען איבער איהר קאָפּ מיט אַ טרייסעל פון איר גאַנצען קערפּער:

— אַז עס איז פאַר זיין גליק — בין איך גליקליך — זאָגט זי צו זיך הויך און מאַכט עפּעס אָב אין איהרע געדאַנקען.

מיס פורסטער איז זעהר ענטוישט געוואָרען, וואָס דבורה איז נישט געקומען אויף דער „פּאַרטיע“. און נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר בוכהאָלץ זאָל גלייך צוריקפאָהרען מיט אַן אויטאָמאָביל און זי ברענגען. אָבער בוכהאָלץ האָט פאַרזיכערט מיט אַזאַ אויפריכטיגקייט

און באַאיוויטעט, אַז דבורה בעט איבער די מיס פוירסטער טויזענד מאָהל, און זי שיקט איהר בלומען און מאָרגען וועט זי אַליין זיין ביי איהר. די מיס פוירסטער האָט זיך בעליידיגט אויף איהר, פאַר־וואָס די קליינע שפּיעלט סצענען פון אייפערזוכט און זי האָט מעהר זיך נישט געלאָזט שטערען. דערנאָך האָבען די צוויי פּאָעטען נאָ־דעל און פרייער זיך אונטערגענומען זי צו ברענגען, און אויך מאָשקאָוויטש האָט געשריעגען, אַז ער נעהמט אַן אויטאָמאָביל און אין האַלבער שעה איז ער דאָ מיט איהר — אָבער די „פּאַרטיע" איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט, צו טרינקען איז געווען אַזוי פיעל, און דער עולם איז געוואָרען אַזוי לוסטיג און אַלע האָבען זיך אַזוי געפרעהט מיט בוכהאָלצ'ס ערפאָלג, אַז מען האָט באַלד פערגעסען אָן דעם קליינעם מיידעל.

שפּעט אין אָוועגד, ווען דער עולם איז שוין געווען שכור־ליך, און נאָדעל האָט שוין געהאַט פּראָקלאַמירט, „אַז היינט מעג מען אַלץ, היינט איז אַלץ ערלויבט", איז דער עולם געוואָרען צו־שפּרייט אין די ווינקעלעך, די הייסע דעבאַטען זענען אויסגעלאָ־שען געוואָרען און מען האָט גערעדט פערטרויליך. דוכט זיך, אַז אויך די איינצעלנע ליכט, וואָס האָבען געברענט אין די מעשענע לייכטערלעך, האָבען טונקעלער געלויכטען. סענטימענטאַל פון וויין, האָט מען זיך ערקלערט אין ליעבע איינער דעם אַנדערען, צי דאָס איז געווען אַ מאַן, צי אַ פרוי. אויף אַ קאַנאַפּע אין אַ ווינ־קעל איז געזעסען מיס פוירסטער און בוכהאָלץ נעבען איהר. ענד־ליך האָט ער זי געפונען אַליין, זיצענדיג אַ מיעדע אַ ביסעל און דערביי אַן אויפגערוימטע, דער גרויסער קוילעטש פון איהרע שוואַר־צע האָהר, וואָס איז אין אָנהויב פון אָוועגד אַזוי פעסט געזעסען אונטער איהר קאָפּ, און אויף איהם האָט געקרוינט דער שעהנער, גרויסער, אויסגעשניטענער, בורשטין־קאָליערטער, שפּאַנישער קאַם — איז לויז געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצורוקען און פאַלען איבער איהרע נאַקעטע פּלייצעס. איהר בורשטין־זיידען קלייד איז דאָס מאָל געווען אַזוי דיק, און האָט זיך אַזוי גלאַטיג געלעגט איבער איהר קערפּער, אַז נישט נאָר מען האָט דורך דעם קלייד דערפיהלט די עלאַסטישקייט פון איהר קערפּער, נאָר עס

האָט זיך געדוכט, אַז מען דערזעהט דעם הערליכען ראָזען קאָליער פון איהר הויט... איהרע הענד, ווי שטענדיג נאַקעט און די פיס — העל בעזאָקט, אין קליינע, זיידענע שיכלעך — זענען נישט געגאַנגען, נאָר זיי האָבען זיך בעוואויגען אין ריטמישען טאַנץ — אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך בוכהאָלץ נאָכגעיאָגט נאָך איהר, מיט זיינע וואַרימע, טרינקענדיגע בליקען, יעדעס מאָהל, ווען ער איז געקומען נאָהנט צו איהר, האָט ער דערפיהלט איהר אָטהעם, און עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער ריהרט אָן די נאַקעטקייט פון איהר לייב דורך דעם דינעם זיידענעם קלייד, זי האָט זיך געשיקט אַרויסגענאַרט פון איהם, פערשוואונדען יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערען תירוץ, איבערגעלאָזט איהם אַ דופט פון איהר נעלקען-פערפום און אַ שמייכעל, ווי זיך צו רייצען מיט איהם. בוכהאָלצ'ן האָט זיך געדוכט, אַז זי מיידט איהם אויס מיט אַ כיון. אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער מעהר נישט געהאַט דעם מוטה זיך צו דערנעהנטערען צו איהר. דער ערפאָלג פון הייגטיגען טאָג האָט איהם זיכער געמאַכט אין זיך, און דאָס ביסעל קאָניאַק און ווייַן, וואָס ער האָט געטרונקען, האָט פער'שכור'ט דאָס רעשט ביסעל ניכטערקייט, און דער נעלקען-געשמאַק, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר נאַקעטען בוזעם, האָט איהם ווילד גערייצט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצען פערגעסען און צו אַלעם געוואַגט.

ענדליך, ווען ער האָט זי געפונען זיצענדיג אַ מיעדע. האַלב אָנגעלעהנט אויף איהר האַנד, אָהנע אַ וואָרט צו רעדען, האָט ער זיך נעבען איהר אַוועקגעזעצט.

זי איז נישט אַוועקגעלאָפען.

ער האָט געהאַט אַ גרויס פערלאַנג אַראָבצולאָזען זיך אויף דער ערד פאַר איהר, נידעריגער צו זיין פון איהר, און אָנצוריהרען איהרע קליינע פיס, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי נאַקעט אין איהרע זיידענע זאָקען, צו פיהלען זיי אין זיין האַנד — ער האָט עס נישט געטהאָן. זיין האַרץ האָט הויך געקלאַפּט, זיינע אויגען האָבען געפלאַקערט, זיינע האָהר זענען געשטאַנען, און זיין פנים, וואָס איז דאָך נישט שעהן געווען, האָט איצט אין זיין עקסטאַז געקראָגען אַן אַנדערע בעלויכטונג. עס איז שעהן געווען און אינ-

טערעסאַנט. ער האָט געקוקט אויף איהר מיט תחינה און בקשה, און געברומט פאַר זיך:

— מיס איזאַבעל — האָט ער זי גערופען ביי איהר נאָמען.

צום ערשטען מאָל האָט זי נישט אָבגעענטפערט. זי האָט געהאַלטען איהרע אויגען פאַרדרעמעלט.

— מיס איזאַבעל.

— וואָס ווילסטו, בוכהאָלץ?

ער האָט מעהר מוטה געקראָגען. צי פון איהר ענטפער, צי פון דעם הויך פון איהר לייב, וואָס ער האָט איצט געטרונקען מיט'ן פולען מויל, און האָט זיך נעהנטער צוגערוקט צו איהר. זיין לייב האָט דערפיהלט דורך דעם דינעם זיידענעם קלייד איהרע היפטען, ער האָט געקענט פיהלען די קאַלטקייט, די גלאַטיגקייט און די קערענדיגע ווייכקייט פון איהר קערפער... און בוכהאָלץ איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין איין שטיק מוסקול, וואָס האָט גע-ברענט. זיינע אָדערען האָבען זיך אָנגעצויגען, האַרט געוואָרען, ער האָט זיך געקאָרטשעט פאַר אויפרעגונג, פערגלאָצט זיינע אוי-גען און געציטערט מיט זיינע נאָזלעכער און ליפען;

— מיס איזאַבעל.

זי האָט זיך נישט אָבגערוקט פון איהם. זי איז געזעסען. ער האָט געקענט פיהלען און הערען אויך איהר ציטער. זי האָט געהאַלטען די אויגען פערמאַכט, און איהר בוזעם האָט זיך הויך געהויבען און געלעגט. אַזוי זענען זיי געזעסען אַ לאַנגע ווייל...

ענדליך האָט ער גאָרנישט געזעהן, און גאָרנישט געהערט. ער האָט זיך אַראָבגעגליטשט אויף דער פאָדלאָגע צו איהרע פיס און אָנגעהויבען האַלזען איהרע קליינע פיס.

זי האָט פאַמעליך, אָבער זיכער אַרויסגענומען איהרע פיס פון זיינע אָרעמס.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויפ'ן דיוואַן און גע-ברומט.

— מיס איזאַבעל...

— פאַרוואָס טהוסטו דאָס?

— איך ווייס נישט.

— און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל זיך פערליעבען אין דיר? וואָס מיינסטו. איך בין פון אַ שטיין? — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכעל, און בוכהאָלצ'ן האָט זיך געדוכט, אַז עס הערען זיך טרעהרען אין איהר שטימע, און דאָס האָט זיין הארץ ווייך געמאַכט ווי אַ וואַסער.

— וואָס זאָל איך טהאָן? — ציטערט בוכהאָלץ.

— און איך בין דאָך אויך נאָר אַ מענש.

— וואָס זאָל איך טהאָן?

— דו מוזט זיין מיט דבורה'ן.

— איהר האָט רעכט — שאָקעלט בוכהאָלץ צו מיט'ן קאָפּ.

אַ מינוט האָט בוכהאָלץ געשוויעגען און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. באַלד האָט ער ווידער אויפגעהויבען זיינע אויגען און געקוקט אויף איהר ווי אַ קינד, און געזאָגט מיט אַ ציטערענדיגער שטימע:

— איך קאָן אָבער נישט, איך, איך...

— דו מוזט אָבער זיין מיט דבורה'ן — האָט מיס פוירסטער געזאָגט מיט אַ זיכערקייט — זי האָט אַזוי פיעל געאָפּפערט פאַר דיר, דו ווייסט אַליין נישט וויפיעל. איך ווייס עס, איך ווייס עס — האָבען איהרע אויגען געפונקעלט.

— איהר האָט רעכט, איהר האָט רעכט — האָט בוכהאָלץ צוגעשאָקעלט און בעהאַלטען זיין קאָפּ אין זיינע הענד.

זי האָט רחמנות געהאַט אויף איהם.

— מיט איזאַבעל — האָט בוכהאָלץ ווידער געקוקט מיט בעטענדיגע אויגען צו איהר.

— בוכהאָלץ, זיי אַ מאַן. מיר מוזען זיין ביידע שטאַרק. איך בין נאָר אַ פרוי... דבורה טאָר נישט ליידען, טאָר נישט... — זאָג מיר צו, בוכהאָלץ.

— איהר האָט רעכט, איהר האָט רעכט — האָט בוכהאָלץ צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— און גיב מיר די האַנד, מיר וועלען זיין פריינד, גאַר נישט מעהר ווי פריינד, גוטע, איבערגעגעבענע פריינד.

בוכהאָלץ האָט צוגעדריקט מיט איהרע קליינע הענד זיין פנים.

— און זיי שטאַרק, געדענק דבורה׳ן.

— דבורה איז מיין שוועסטער.

מיס פוירסטער האָט געלאַכט און בעוויזען איהרע קליינע, ווייסע צעהן.

— אָבער דו ביזט נישט קיין ברודער צו דבורה׳ן. נו, בוכהאָלץ, גיב די האַנד און זיי מיין פריינד, מיין גוטער, גוטער פריינד.

ער האָט געפיהלט די קאַלטקייט פון איהרע פינגער.

— די נשמה אייערע אויף די שפּיץ פינגער — אייערע.

— בוכהאָלץ, קיינמאָל נישט מעהר דערפון, דו הערסט?

זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען פון איהם.

בוכהאָלץ איז אַהיים געגאַנגען און האָט שוין די גאַנצע צייט אויפ׳ן וועג געקלערט וועגען מיס פוירסטער. דבורה׳ן האָט ער שוין נישט געזעהן, נישט געדענקט און נישט געפיהלט. די בעריהרונג פון איהר לייב, וואָס ער האָט געפיהלט דורך איהר קלייד, האָט ווי אַ פייערדיגע חיה אויסגעבערענט אַלע אַנדערע געפיהלען, פליכטען און ערינערונגען. זיין אָטהעם איז געוועזען פול מיט דעם געשמאַק, וואָס ער האָט אין זיך איינגעאָטהעמט, און די אילוזיע פון איהר קאַלטען, ווייכען קערפּער האָט פערשפּרייט אַרום איהם אַ פלאַקערדיגע נעץ פון ברענענדיגע קאָליערען, אין וועלכע ער איז געווען פערוויקעלט. ער האָט געטרונקען די אילוזיע, ער האָט זי געהאַט אויף זיינע אויגען, אויף זיין מויל און געפיהלט זי מיט זיין געשמאַק.

— און דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין. קיינמאָל וועל איך נישט אָנריהרען מיט מיין נאַקעטע האַנד איהר נאַקעטע הויט, און קיינמאָל וועל איך נישט טרינקען מעהר דעם דופט פון איהר אָטהעם, און פיהלען דעם הויך, וואָס שלאָגט פון איהר מויל —

און קיינמאָל נישט האַלטען אויף מיינע באַקעטע אָרעמס די פּאַליע פון איהרע האָהר, און קיינמאָל וועט דער שמייכעל און די שטימע נישט זיין פאַר מיר, נאָר פאַר אַנדערע, פאַר אַנדערע...

ער האָט זיך נישט געקענט אָבזאָגען דערפון.

פון אונטער אַן אָבגעקיהלטען באַרג אַש האָט געגליהט אַ פלעמעל — דבורה, וועלכע האָט דערמאָנט ווי אַ חוב, און וויפיעל דאָס פלעמעל פון אונטער דעם אַש האָט נישט געפּרוואווט אויפצו־פלאַמען איז געקומען דער פערפום פון מיס פּוירסטער'ס בוזעם און האָט איהם פערלאָשען...

מיט די געדאַנקען איז ער אַהיימגעקומען. עס איז שוין גע־ווען שפּעט, זעהר שפּעט, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און איז געזעסען און זיך נישט געלעגט שלאָפען.

— כאַסקעל — האָט איהם גערופען די נישט שלאָפענדיגע דבורה — דו ביזט עס?

— יאָ, — האָט ער אָבגעענטפערט, ווי מיט אַ מאָדנער טרויעריגער שטימע, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פון איהם.

— וואָס זיצסטו דאָרט אַליין? — האָט זי איהם גע־פרעגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעקומען צו איהר בעט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד און געשוויגען.

— וואָס איז דיר, כאַסקעל? — האָט זי געפרעגט מיט גרויס רחמנות צו איהם.

און דער דונקעלהייט האָט ער נישט געזעהן איהר געזיכט און זי זיינעם אויך נישט, זיי האָבען זיך נאָר געפיהלט.

— דבורה — זאָגט ער, און בויגט זיין קאָפּ צו איהר און זי נעהמט אַרום זיין קאָפּ מיט איהרע הענד.

— וואָס איז דיר, כאַסקעל? זאָג מיר.

— דבורה, דו ביזט מיין שוועסטער, מיין שטענדיגע שוועס־טער, מיין אייביגע שוועסטער, אויף שטענדיג — נישט וואָהר?

— געוויס בין איך דיין שוועסטער, דו ווייסט עס — זאָגט זי מיט אַ הייזעריגער שטימע.

— און איך בין דיין ברודער, דיין איינציגער ברודער...

זי האָט אַ מינוט געשוויעגן. ער האָט נאָר געהערט, ווי איהר האַרץ קלאַפּט הויך.

— דו האָסט ליעב מיס פוירסטער, נישט וואָהר? — זאָגט זי מיט אַ פערגאַפּטער שטימע.

בוכהאָלץ האָט נישט געענטפערט, נאָר ווי אַ קינד איינגענו־רעט זיין פּנים אין איהר ברוסט.

— און די ווילסט מיט איהר פאָהרען נאָך אייראָפּאַ?

בוכהאָלץ האָט געפּרואווט מיט זיין האַנד פערשטעלען איהר מויל.

— פאַרוואָס שעהמסטו זיך? מיר קענען רעדען אָפען דערפון — זאָגט זי, בעמיהענדיג זיך קלאָרער צו האַלטען איהר שטימע און דריקט וואָס אַמאָל שטאַרקער זיין קאָפּ צו איהר ברוסט — איך האָב אויך אַזוי געטראַכט... זי וועט זיין אַ בעסער ווייב פאַר דיר. זי איז געבילדעטער פון מיר, בעסער פאַר מיר, שענער פאַר מיר — איך וועל דיר נאָר שטערען און זי קאָן דיר העלפען.

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? — וויינט בוכהאָלץ.

— פאַרוואָס נישט, כאַסקעל?... איך האָב עס דיר געוואָלט אַליין זאָגען, שוין לאַנג זאָגען, אַז דו זאָלסט ליעבערסט פאָהרען מיט מיס פוירסטער נאָך אייראָפּאַ. איך וויל נישט מיטפאָהרען. איך וועל בעסער דאָ בלייבען.

— דו האָסט מיך נישט ליעב מעהר? — פרעגט בוכהאָלץ.

— פאַרוואָס זאָל איך דיך נישט ליעב האָבען, קינד? — לאַכט דבורה — נאָר מיטפאָהרען מיט דיר קאָן איך נישט. מיס פוירסטער בעדאַרף פאָהרען מיט דיר. זי איז מעהר צוגעפּאַסט פאַר דיר, און מיט איהר וועט דיר בעסער זיין.

— שווייג, שווייג, איך בעט דיך.

— פאַרוואָס קאָנען מיר נישט רעדען דערפון? פאַרוואָס וויינס־טו? איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט וויינען. עס איז נישט שעהן, אַ מאַנספערשוין וויינט, נאָך דערצו אַ שטאַרקער ווי דו ביזט.

— און וואָס וועט זיין מיט דיר

— איך האָב זיך איבערגעלעגט, איך וויל אהיים געהן צו מיינע עלטערן. מיין פאָטער איז אַליין און די קינדער זענען קליין. עס איז דאָך נישטאָ ווער עס זאָל זיך אומקוקען אויף זיי.

— און נאָך אייראָפּאַ מיט מיר?

— ניין, כאַסקעל, עס איז נישט פאַר מיר. איך קאָן נישט מיטפאָהרען מיט דיר. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל קאָנען. איצט זעה איך, אַז איך קאָן נישט. דאָס געוויסען לאָזט מיך נישט. פאָהר בעסער מיט מיס פוירסטער.

— דבורה, וואָס רעדסטו? דבורה! מיין דבורה!

— וויין נישט, איך בעט דיך, וויין נישט — נעהמט זי איהם איין ווי אַ מוטער אַ קינד אויף איהרע ברוסטען...

— איך האָב נישט ליעב, אַז דו וויינסט.

צומאָרגענס האָט בוכהאָלץ חרטה שוין געהאַט אויף דעם, וואָס איז געשעהן נעכטען און פערזיכערט דבורה'ן, אַז ער האָט זי נאָר אַליין ליעב און מיט איהר אַליין וועט ער פאָהרען נאָך אייראָפּאַ. אָהן איהר וועט ער גאָר נישט פאָהרען, און ער לויפט שוין צו מיס פוירסטער איהר דאָס אָנזאָגען.

דבורה האָט איהם אויסגעהערט גוטמוטיג, מיט אַ שמייכעל, און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פון איהר האַלטען זיך, איהר לאַכען און פרעהען זיך מיט איהם האָט מען גאָרנישט אָנגעזעהן, אַז זי האָט עפּעס אַנדערש אין איהרע געדאַנקען. נאָר אויף איהרע ליפּען האָט זיך איצט גאָר אַ גאַנץ אַנדער שמייכעלע בעוויעזען, וואָס בוכהאָלץ האָט עס ביז איצט נישט בעמערקט.

אַז ער איז אַרויס פון שטוב צו געהן נאָר אויף אַ מינוט צו מיס פוירסטער, איהר אָנזאָגען, אַז נישט אַנדערש נאָר ער פאָהרט מיט דבורה'ן נאָך אייראָפּאַ. איז איידער ער איז צוריקגעקומען, האָט זי צוזאַמענגענומען אַ פּאָר זאַכען און מיט דעם זעלבען אַלט-מאָדישען צעטשעל, מיט וועלכען זי איז געקומען צו בוכהאָלצ'ן, מיט דעם זעלבען האָט זי איהם פערלאָזען. און זי איז ערגעץ אַנ-

דערש-וואו אוועק צו ערפיהלען די פערבאָרגענע פליכט, וואָס זי טראָגט אויף זיך, אַ ירושה פון איהרע מוטי'ס...

ענדע

אויסבעסערונג:

זייט	שורה	שטייט	דארף שטיין
48	12	דעם טאטענס תמימות	וואלט פארטרעטען דעם טאטען
49	8	וואנע	וואנד
50	7	טאטענס	טינדעל
81	19	יאיינציגע פרייד	צנועהדיגע פרייד
124	5	„קעלנער"	קעלער
123	16	עלאנסטישען	עלאסטישען
149	3	שלעפ זיך ארום	שלעפ מיט
153	32	ארגען	זארגען
182	7	טרעגט	פרעגט
209	13	וואלקעם	לאלקעם
215	4	פייערלעכער	פיינליכער
249	25	די טעמע	סוד
262	27	ווערט=געשעפט	מעבעל=געשעפט
293	32	אכט	זעקס
329	14	שאראפ, שאראפ	שארא, שארא